STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01872

IN LABIRINTN FUN TKUFES

Mordechai Wolf Bernstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי וו. בערנשטיין

אין לאַבירינטן פון תקופות

שער און אותיות געצייכנט פון נ. גראַנאַט.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
M. W. BERNSTEIN, Buenos Aires

Hecho el Depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 4 DE ENERO DE 1955,
EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", GASCON 1231, BS. AIRES

מ. וו. בערנשטיין

אין לאַבירינטן פון תקופות

פאַרלאַג
״ידבוך״

ביי דער
״געזעלשאַפט פאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע״
בוענאָס-איירעס

1955

Mardoqueo W. Bernstein

EN LOS LABERINTOS DE LAS EPOCAS

(IN LABIRINTN FUN TKUFES)

★

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina

Buenos Aires — 1955

געהייליקט דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין מאַמע

צ י פ ע

אומגעקומען דעם 22טן סעפטעמבער 1942, צו די 75 יאָר, ווי אַ פּאַרטיזאַנערין אין די וואָלטשי־נארער וועלדער (ווייסרוסלאַנד), בעת אַ נאַצי־שער אָבלאַווע אויף די פּאַרטיזאַנישע באַזעס.

אין זעלבן אָרט און טאָג איז אויך אומגעקומען מיין שוועסטער

ס י מ ק ע

מיט אירע זין, די 12 און 10־יאָריקע

ש מ ו א ל א ו ן מ ש ה,

די יינגסטע קעמפער אין דער פּאַרטיזאַנער מחנה.

אינהאַלט:

אַריינפיר־וואָרט — 9

אין לאַבירינטן פון תקופות — 16

א. שטיינער דערציילן...

אין די קאַטאַקאָמבעס פון הייַלבראָן — 23

קאָנסטאַנצער וועגט רעדן... — 32

אַ „ווידערגוטמאַכונג״ מיט 500 יאָר צוריק — 40

דער סוד פון מגן־דוד אין האַמעלן — 46

גירוש לאַנדסהוט מיט 500 יאָר צוריק — 55

ביים רעגענסבורגער „יודענשטיין״ — 62

אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין אולם — 71

דער „יודענטאָר״ אין וויַיל־דער־שטאָט — 79

דאָס „געלבע הויזכען״ אין אָפּענהיים — 86

דאָס 2000־יאָריקע קעלן — 102

אין קעלנער קדושים־פּאַנטעאָן — 109

צו־גאַסט ביי משה העסן — 117

אין מקוואות פון 11טן, 12טן און 13טן יאָרהונדערט — 121

די „יודענבאַד״ אין אַנדערנאַך — 128

אויף די שפּורן פון דעם פּאַלאַץ פון די קלונימוסן — 137

ביי די שטיינערנע זיילן פון פאַרשוווּנדענעם פּאַלאַץ — 141

די דריי זעלטנהייטן אין קריגסהאַבער — 149

מיטלאַלטערלעכע געשפּענסט־דענקמעלער — 154

די „בלוטסקאַפּעללע״ אין לאַודאַ — 160

דער דענקמאָל פון רשעות אין כאַם — 168

די „יודענזאַו״ אין קעלהיים — 176

דער נאַצישער אַנגראַ־אימפּאָרט — יידישע מצבות — 184

די אותיות פון קאָבלענץ ווילן נישט אַרויספּליען — 191

אַ יידישע קהילה־פאַרוואַלטונג „שענדעט״ איר בית־עולם — 198

צוועלף טויזנט קולטור־היסטאָרישע דענקמעלער זוכן אַ תיקון — 206

ב. געשענדעטע הייליקטימער

די בראַנדיקע „קריסטאַל־נאַכט״ — 215

„גאָטס מוטער״ אין שנייטאַכער ארון־קודש — 221

די מלחמה וועגן דער פעסטונג־סינאַגאָגע אין טאַלהיים — — — — — 228
די פאַרברענטע תורה־קרוין אין לאַופהיים — — — — — — — — 236
הילדעסהיימער מאַרטירער־דענקמעלער — — — — — — — — — — 243
די 13 שטיגן פון דער דיסעלדאָרפער סינאַגאָגע — — — — — — — 249
די הילצערנע „שוינען־סינאַגאָגע" אין בעכהאָפען — — — — — — — 255
די וואַנט־מאַלערייען אין די הילצערנע סינאַגאָגעס — — — — — — 264
„איך וויל מער נישט זען דעם דאָזיקן שאַנדפלעק"... — — — — — — 271
וואָס מ׳יינען די צוויי טורעמס אין לאַנגען — — — — — — — — — 277
דער „אָטטאָ וואָלפסטהאַל־פּלאַץ" אין אַשאַפענבורג — — — — — — — 283

ג. פ אַ ר ש ו ו ו נ ד ע נ ע ל אַ נ ד ש אַ פ ט...

די „עוואַנגעלישע" סינאַגאָגע אין טאַנהאַוזען — — — — — — — — 291
אַ געוועזענע קירכע — אַ סינאַגאָגע — — — — — — — — — — — 297
דער גלאָק האָט גערופן צום דאַוונען — — — — — — — — — — — 301
חנוכת־הבית פון אַ סינאַגאָגע מיט אַ סאַלוט פון קאַנאָנען־סאַלוועס — 308
דער לעצטער יידישער איינוווינער... — — — — — — — — — — — 314
דער פאַרשניטענער ראַבינאַט־באַצירק זינסהיים — — — — — — — 321
יאהוועס פליטה אים ברעמקע (שפּאַנישע אותיות) — — — — — — — 327
דער שטיינער־באַרג וואָס מאָנט — — — — — — — — — — — — 332
דאָרט ווו עס איז געווען די זולצבאַכער דרוקעריי — — — — — — 339
Jahwes Pleite im Bremke — — — — — — — — — — 347
דער כותל־מערבי אין פלאָניג — — — — — — — — — — — — — 353
דאָ האָט געוווינט דער מיכעלשטאַטער בעל־שם — — — — — — — 360
איכה ישבה בדד עהינגען ביים דאַנאַו — — — — — — — — — — 367
דער „שטומער דענקמאַל" אין טיענגען — — — — — — — — — — 372
אַ דענקמאַל אויפן ברודער־קבר פון 3686 קדושים־ביינער — — — 381
די ערשטע 2 פון די זעקס מיליאָן מאַרטירער — — — — — — — — 387
סוף־וואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 395

אַרײנפיר־וואָרט

עס איז געווען אַ פירונג ביי די פאַרצייטיקע מחברים אָנצוהויבן זייער ספר מיט אַ התנצלות, מיט אַ פאַרענטפערן זיך פאַר די לייענערס. אין דער דאָזיקער התנצלות פלעגט דער מחבר דערציילן פאַרוואָס ער האָט זיך גענומען צום חיבור; פאַרוואָס דווקא די דאָזיקע טעמע; וואָס האָט אים דערצו געפירט; וואָס איז ער אויסן מיט זיין ספר, אאַ״וו. עס פלעגט דאָרטן אויך נישט פעלן דער טעם, פאַרוואָס הייסט דער ספר אַזוי און נישט אַנדערש.

מען האָט זיך שוין צוגעווינט צו די דאָזיקע הקדמות ווי צו אַ נאַטירלעכן באַשטאַנדטייל פון ספר און דאָס פאָלק האָט געשאַפן דאָס ווערטל: „אַ ספר אָן אַ הקדמה איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה״.

אין דעם דאָזיקן בוך, וואָס דאַרף דעם לייענער אַריינפירן אין די **לאַבירינטן פון יאָרהונדערטער**, פרוו איך, גאָר אָפט, אָנצובינדן נישט נאָר צו די פאַקטן און דאַטן פון די פאַרשוווּנדענע תקופות, נאָר אויך צו זייער מ י ל י ע — צו אַ סך פון די פאַרגעסענע, מיט צייטשטויב באַדעקטע מנהגים און פירעכצן. ווייל איך טאַקע ביים אָנהייב זיך באַנוצן מיטן פאַרצייטיקן מחברשן התנצלות־אַריינפיר.

פארוואָס האָב איך זיך גענומען צו די דאָזיקע יאָרהונדערטער לאַבירינטן?

פאַרוואָס האָב איך אויסגעקליבן צו טרעטן אויף די שפורן פון פאַרשניטענעם אשכנז?

דאָס וויל איך פאַרענטפערן אין מיין התנצלות, און טאַקע ווי עס

פלעגן דאָס טון די אַמאָליקע מחברים — מיט אַ פּערזענלעכער פּאַרענט־פערונג.

***

פון קינדוויַיז אָן, ממש מיט דער מאַמעס מילך, האָב איך אין זיך אַריינגעזאַפּט אַ מאָדנע פּיעטעט־באַציִונג צו אשכנז, צו אורעלטערן, זיידעס און עלטער־זיידעס, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אין דייטשע שטעט. טאַטע און מאַמע, יעדער פון זיין צד, האָבן דערציילט לעגענדעס, געשיכטעס וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און האָבן געהאַט צו טון מיט דייטשלאַנד.

אין דער גאָר רייכער ביבליאָטעק פון טאַטן איז אויף אַ זייער חשובן אָרט געשטאַנען אַ קליין, דין ספרל — **„יסוד יוסף"** און אויף זיינע טאָוולען איז געווען דער סדר היוחסין, דער יחוס־בריו פון אונדזער משפחה. דער טאַטע פלעגט אָפט אַרויסנעמען דאָס ספרל און וויזן:

— דו ביסט דער זעקסטער דור פון **„יסוד יוסף"**. און די יחוס־קייט האָט זיך אַזוי געפלאָכטן:

ר' יוסף בן רב שלמה דרשן פון פויזן, מחבר פון „יסוד יוסף", „ווילקט יוסף" און אַנדערע ספרים;

נאָכדעם איז געקומען זיינער אַ זון **שלמה;**

שלמה ווידער האָט געהאַט אַ זון **יוסף**, אַ נאָמען נאָך דעם זיידן;

דער דאָזיקער יוסף איז שוין געווען פון די בויער און גרינדער פון מיין היימשטעטל **ביטען;** צווישן זיינע 5 זין איז אויך געווען **מרדכי־וועלוול;**

מרדכי־וועלוולס אַ זון, **נח־אשר**, איז געווען מיין זיידע;

זיין זון, מיין פאָטער, **משה**, איז בכן געווען דער 5טער דור פון „יסוד יוסף" און איך — דער זעקסטער.

אומעטום, אין דער פּאַרצוויַיגטער משפחה, האָט מען שטענדיק געהאַלטן אין איין דערציילן די ניסים און נפלאות פון „יסוד יוסף". עס האָבן זיך וועגן אים געוועבט לעגענדעס, וואָס האָבן צעוואַרעמט די קינדערישע פאַנטאַזיעס. עס איז אויך געווען אַ מנהג פון אַ משפחה־צוזאַמענקום אין דער נאַכט פון דעם 5טן חנוכה־ליכטל. עס פלעגט זיך צוזאַמענטרעפן די גאַנצע משפחה און עס פלעגט דערציילט ווערן דער גרויסער נס וואָס עס איז געשען דעם „יסוד יוסף" ווען ער איז געלאָפן פון כמעלניצקים קאָזאַקן. די געשיכטע האָט זיך דערציילט, אַז אין איינער פון די דאָזיקע בהלה־נעכט, ווען דער „יסוד יוסף" איז געבליבן נעכטיקן אין מיטן פון אַ וויסטן

פעלד איז געקומען אַ **בער** וואָס האָט אים געוואָלט פאַרצוקן. איז געשען אַ נס, ער האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ **שטיין** און איז ניצול געוואָרן. דאָס איז געשען אין דער נאַכט פון דעם 5טן ליכטל און לזכרון דעם דאָזיקן

שער־בלאַט פון „יסוד יוסף" געדרוקט אין בערלין אין יאָר תצ"ט (1739)

וווּנדער פלעגט יאָר־יערלעך דורכגעפירט ווערן די דאָזיקע סעודה און פון דאַנען שטאַמט דער פאַמיליע־נאָמען **בערנשטיין.**

ווען איך האָב שפּעטער אָנגעהויבן זיך צו באַקענען מיט דער ביאָ־גראַפיע פון דעם „יסוד יוסף", דעם דרשן און דיין יוסף בן שלמה פון פּויזן, האָב איך שוין געוווּסט אָפּצוטיילן די לעגענדע פון וואָר. עס איז טאַקע אמת, אַז ער האָט אין דער יוגנט געלערנט אין דער אוקראַינישער שטאָט **בעלאַצערקאָוו** (וואָס הייסט אין דער רבנישער ליטעראַטור **שדה לבן** און אין דעם פאָלקס־לשון **שוואַרצע טומאה**) און איז פון דאָרטן אין די יאָרן פון גזירות ת״ח ות״ט אַנטלאָפן. די געשיכטע מיטן **בער** און מיטן **שטיין** דאַרף מען זוכן אין דער וועלט פון לעגענדאַרע פאַנטאַזיעס אָדער פאַנ־טאַסטישע לעגענדעס.

נאָך שפּעטער, ווען איך האָב זיך באַשעפטיקט מיט די מאַטעריאַלן פון דעם „וועד ארבע ארצות", דעם יידישן פּאַרלאַמענט פון פּוילן, האָב איך ווידער געטראָפן דעם דרשן און דיין יוסף בן שלמה פון פּויזן; — ער איז געווען דער פאָרטרעטער פון דער עיר ואם בישראל פּויזן אויף איינער פון די סעסיעס פון פּוילישן וועד נאָך דעם יאָר ת״ך (1660).

נישט דאָ איז דער פּלאַץ פאַר דער ביאָגראַפיע פונעם „יסוד יוסף". איך האָב נאָר געוואָלט ווייזן ווי פון מיין טאַטנס צד איז מיר פאַרבליבן אַ באַהאַלטענע בענקעניש צום לעגענדאַרן שטאַם, וואָס האָט געוואָרצלט אין אשכנז.

מיין מאַמע, פון איר צד, האָט אויך געפירט צו דייטשלאַנד, צו אַ צווייטער שטאָט, אויך אַן עיר ואם בישראל — קיין **קעניגסבערג.**

אירע מאַמעשע מעשיות פאַר אונדז קינדער איז שטענדיק פול געווען מיט געשיכטעס פון מיין עלטער־זיידן, וואָס האָט געלעבט העכער 100 יאָר — דעם בעל־דרשן **זעליג.** אין אירע דערציילונגען האָבן אויך נישט גע־פעלט קיין שילדערונגען פון זיין מאַיעסטעטישן אויסזען, וועגן זיין הדרת־פּנים. זיין פאָטאָגראַפיע פלעגט טאַקע באַשיינען אונדזערע היימען.

זעליג בעל־דרשן איז מיט אַ קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק געווען אַ שם־דבר אין **לעכעוויטש,** און שפּעטער אין **סנאָוו,** ווו זיין זון, מיין זיידע שמואל, מיין מאַמעס פאָטער, איז געווען שוחט. שפּעטער איז זעליג אויפ־גענומען געוואָרן פאַר אַ בעל־דרשן אין קעניגסבערג.

עס איז אַ שפּרונג פון דעם קליינעם שטעטל לעכעוויטש אין ווייס־רוסלאַנד ביז דער גרויסער מזרח־פּריסישער שטאָט קעניגסבערג. פול מיט געשיכטעס און לעגענדעס איז דער דאָזיקער מהלך. נישט דאָ איז דער

פלאַץ פאַר זיי, אָבער פאַר מיין קינדערישער פאַנטאַזיע און שפעטערדיקן זכרון איז גענוג געווען, אַז פונקט ווי מיין טאַטנס פויזן האָט זיך מיין מאַמעס קעניגסבערג איינגעבאַקן און איך זאָל צו זיי פילן אַ מאַגישן צוצי־כוח.

דער עלטער־זיידע זעליג גאָלדין „דער לעכעוויטשער בעל־דרשן” וואָס איז די לעצטע יאָרן זיינע געווען דער פרע־דיקער אין קעניגסבערג, וווּ ער איז אין עלטער פון העכער 100 יאָר געשטאָרבן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. „זיינע „פערסאָנאַלאַקטן” געפונען אין אָפּגעראַטעוועטן קע־ניגסבערגער קהילה־אַרכיוו, וואָס געפינט זיך אין שלאָס גאָסלאַר.

**
*

דער גורל האָט געוואָלט, אַז ביי מיינע ערשטע טריט אויף דער דייטשיש־עמלקישער ערד האָב איך אָנגעטראָפן אויף יענעביידע פונקטן, וואָס האָבן אַזוי געוואָרעמט מיינע קינדערישע רעיונות: פויזן און קעניגסבערג — דער פויזנער בעל־דרשן און דער קעניגסבערגער בעל־דרשן, זענען מיר געקומען אין די הענט אַריין.

געשען איז עס אין **מאַנהיים.** פאַר דעם היטלער־חורבן איז דאָרטן געווען איינע פון די שענסטע קהילות און האָט פאַרמאָגט אַ רייכע און זעלטענע ביבליאָטעק. די נאַציס האָבן די דאָזיקע ביבליאָטעק „בעשלאַגנאָמט", קאָנפיסקירט, און עס אַריינגעגעבן אין דער „שטאָטישער שלאָסביכעריי מאַנהיים". נאָכן צוזאַמענברוך פון היטלעריזם איז אונדז געלונגען צוריק־אָפּצונעמען די ביבליאָטעק. די צוגעגזלטע אוצרות זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער געביידע פון דער יידישער געמיינדע אויף דער גאַס ר. 7 נומער 24.

צוזאַמען מיט די פירער פון דער געמיינדע האָב איך באַטראַכט דעם צוריק־דערלאַנגטן אוצר. און אַט אַרויסציענדיק אַ ספר פון די פּאָליצעס האָט דער סעקרעטאַר פון דער געמיינדע, פריינט **שאַפּירא** באַמערקט, אַז עפּנענדיק דעם ספר, בלעטערנדיק זיינע זייטן איז עפּעס מיט מיר געשען.

— וואָס איזט לאָס, הער בערנשטיין?

איך האָב באַוויזן דאָס ספרל און דערציילט „וואָס איזט לאָס". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ערשטער ספר וואָס איך האָב אַרויסגענומען איז געווען דער „יסוד יוסף". נישט וויכטיק איז דאָס וואָס איך בין געוואָרן אייגנטימער פון דאָזיקן עקזעמפּליאַר, פון מיין שלשלת־היוחסין. דאָן אין מאַנהיים איז ביי מיר געבוירן געוואָרן דער געדאַנק:

מען דאַרף מאַכן אַ שפּאַציר דורך די לאַבירינטן פון אונדזערע תקופות.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער בין איך געווען אין נידערזאַקסן און איך דערוויס זיך, אַז ערגעץ דאָרטן אין אַ שלאָס ליגט פאַרלאַגערט דער אַרכיוו פון דער קעניגסבערגער יידישער געמיינדע. איך האָב, נאָך לאַנגע זוכעניש, דעם אַרכיוו אָפּגעפונען אין דעם שלאָס פון **גאָסלאַר.** דער ערשטער אַקטן־באַנד, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן צו באַטראַכטן איז געווען פון די פערסאָנאַל־דאָקומענטן פון די פרעדיקער פון דער קעניגסבערגער געמיינדע. און אויפגעמישט האָב איך דעם פּלאַץ ווו עס זענען געווען די

אַקטן פון דעם פּרעדיקער **זעליג גאָלדין**, זיין קאָנטראַקט מיט דער געמיינדע...

אַ צווייט מאָל האָב איך אויף מיר גענומען אַ נדר:

זיך צו לאָזן אויף די שפּורן פון דעם פאַרשוווּנדענעם, פאַרשניטענעם אַמאָל.

דערפילנדיק דעם דאָזיקן אינערלעכן צוזאָג, בין איך אַוועק זוכן די שפּורן פון דער אשכנז־תקופה. טראָט נאָך טראָט בין איך געגאַנגען דורך די פאַרפּלאָנטערטע לאַבירינטן פון די דאָזיקע יאָרהונדערטער. געזוכט, גענישטערט און געפּרוּווט געפינען.

אין דעם דאָזיקן ספר באַמי איך זיך טאַקע צו טיילן מיט אַ קליינעם ברוכטייל פון דעם אַלעמען, וואָס איך האָב אין דידאָזיקע לאַבירינטן געזען און געפונען.

**
*

מיין ספר ווידמע איך מיין מאַמען **ציפּע** וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די עמלקים־זין. מיט אירע 75 יאָר איז זי געווען אַ פּאַרטיזאַנערין. אין די וועלדער פון ווייסרוסלאַנד, אין די „וואָלטשי נאָרעס" איז זי דעם 22טן סעפּטעמבער 1942, בעת אַן אָבלאַווע פון די נאַציס, פאַרברענט געוואָרן אין דער וואַלד־פּאַלאַטקע. בעת דער דאָזיקער דייטשער אַטאַקע אויף דעם פּאַרטיזאַנער־לאַגער איז אויך אומגעקומען איר טאָכטער, מיין שוועסטער **סימקע**, וואָס האָט געהאַלטן פּאַרטיזאַנער־וואַכטע צוזאַמען מיט אירע קינדער **שמואל** און **משה**, די יינגסטע פּאַרטיזאַנער פון דער מחנה, וועלכע זענען אויך אין זעלביקן קאַמף דאַן אומגעקומען. זיי ליגן אַלע אין איין קבר.

זאָל דער ספר זיין אַ באַשיידענע מצבה אויף זייער פאַרוואָרלאָזטן העלדן־קבר אין די ווייטע ווייסרוסישע וועלדער.

אין לאַבירינטן פון תקופות

ואעבר עליך
וארא‌ך מתבוססת בדמיך
ואמר לך בדמיך חיי
ואמר לך בדמיך חיי...

און איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דיר
און האָב דיך געזען וואַלגערן אין דיין בלוט
און איך האָב געזאָגט צו דיר אין דיין בלוט: לעב!
יאָ, איך האָב געזאָגט צו דיר אין דיין בלוט: לעב!
(יחזקאל, קאַפּיטל ט״ז, 6)

טו קיין איינער פון די תפוצות, וווהין מיר זענען אין משך פון יאָרהונדערטער פאַרוואָגלט געוואָרן, זענען די דאָזיקע נביאישע ווערטער נישט אַזוי אָנגעמאָסטן ווי צו דייטשלאַנד. די דאָזיקע מיט אונדזער בלוט דורכגעזאַפּטע ערד פאַרמאָגט טאַקע אָן אַ שיעור לעבעדיקע צייכנס; שיריים פון אונדזער שפּרודלדיקן לעבן און שאַפן; איבערבלייבעכצן פון גלאָריע־תקופות אין אונדזער געשיכטע.

איך האָב די דאָזיקע ערד דורכגעשפּאַנט אין דער לענג און אין דער ברייט, און אומעטום זיך אָנגעשטויסן אויף די קידוש־השם־שפּורן פון פאַרשוווּנדענע דורות — דאָס זענען אמתע „בדמיך חיי״־שפּורן, לעבעדיקע בלוטיקע וווּנדן.

„לעבעדיק״ איז די דאָזיקע פאַרשוווּנדענע לאַנדשאַפט אויף הפקר־דיקע בית־עלמינס; עס דערציילן וועגן דעם פאַריתומטע סינאַגאָגע־איבערבלייבעכצן און פאַרגעלטע אַרכיוו־פּאַרמעטן; זיי זענען אויסגעשטעלט אין מוזעאום־וויטרינעס און אין פּאַרשטויבטע אַלטערטום־קאָלעקציעס.

אין משך פון דריי יאָר, ווען איך בין מגולגל געוואָרן קיין דייטש־לאַנד, האָב איך באַזוכט העכער 800 ישובים. פון ליבעק ביז קאָנסטאַנץ; פון פּאַסאַו ביז אַאַכען. קליינע דערפער און גרויסע כרכים. איך האָב זיך באַמיט צו זיין אומעטום, ווו עס איז אַמאָל געווען ייִדיש לעבן. איך האָב געוואָלט אויסגעפינען וואָס־מער מקורים צום רומפּולן קאַפּיטל פון נוסח אשכנז אין אונדזער געשיכטע. איך האָב זיך באַמיט אויפצוזוכן די שריים פון יענעם יאָר־טויזנט, וואָס האָט געשפּילט איינע פון די וויכטיקסטע ראָלן ביים צעמענטירן אונדזערע תפוצות און אויספורעמען דעם קיום און המשך פון אונדזער וועלט־פאָלק.

איך האָב עולה־רגל געווען אין דער מעטראָפּאָליע פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעלויכטן די מאורי הגולה: רבינו גרשום, רש״י, ר׳ יהודה החסיד, די גרויסע קלונימוס־משפחה א״אַ, אין די היסטאָרישע קהילות פון „שום״ — שפּייער, וואָרמס, מאַינץ.

איך בין געווען אין דעם צווייטן תורה־ און חכמה־צענטער, אין די קהילות „אהו״ — אַלטאָנאַ, האַמבורג, וואַנזבעק.

איך האָב דורכגעשנישטערט די ווונדערבאַרע בייערישע קהילות „אשפּה״, — אָטענסאַס, שנייטאַך, פּאָרט, היטענבאַך.

איך האָב געשפּאַצירט איבער (די האַלב־חרובע) „יודנגאַסן״, די גע־וועזענע געטאָס פון די אַמאָליקע עיר־ואם־בישראלס — נירנבערג, רע־גענסבורג, ווירצבורג, ראָטענבורג און קאָנסטאַנץ.

איך האָב געטראָטן דאָרטן, ווו מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט זיך צעקלונגען דער הקול קול יעקב, וואָס איז צעטראָגן געוואָרן אין אַלע תפוצות. איך בין געווען דאָרטן, ווו ייִדישע פּראַצע, ייִדישער שכל און ענערגיע האָבן באַוויזן ווונדער: שטעט פונאַנדערגעבויט, בריקן צו דער וועלט אַריבערגעוואָרפן.

די שטורעמס פון יאָרהונדערטער, וועלכע זענען דורך דער דאָזיקער ערד דורכגעגאַנגען — קרייצצוגן און מלחמות, נאַטור־אויפטרייסלונגען און רעוואָלוציעס, אויסזידלונגען און גאַז־קאַמערן — זענען אָבער נישט געווען בכוח אָפּצווישן די שפּורן פון דעם אַמאָל. דאָ און דאָרט איז לעבעדיק געבליבן אַ סימן, אַ דענקמאָל, אַ זכר לחורבן.

בכלל זענען דאָך אונדזערע ייִדישע דענקמעלער אַנדערש פון די אומות־העולמדיקע. ביי זיי זענען עס דאָך בעיקר זיג־סטאַטועס, העלדן־פיגורן און טריומף־טויערן. אונדזערע זענען גאָר פון אַן אַנדער מין; זיי זענען טרויער־ און פּיין־סימנים, צייכנס פון פּאַרשניטענעם לעבן. איז דאָך

זינט יאָרהונדערטער דער דענקמאָל־נוסח אונדזערער געוואָרן די מערת־המכפלה און דער כותל־המערבי.

זענען טאַקע די הונדערטער דייטשע שטעט פאַרזייט מיט דענקמעלער פון דעם מין. אומעטום פאַרמאָגן מיר דאָרטן אַ כותל־מערבי אין מיניאַטור. אומעטום טרעפן מיר אויף דער דאָזיקער עמלקים־ערד די חורבות פון דעם אַמאָליקן פראַכט.

פאַרשידן זענען זיי, די דאָזיקע זכר־לחורבן־מאָנומענטן. נישט זעלטן איז טראַגיק מיט קוריאָזיטעט צוזאַמענגעפלאָכטן. עס אַנטפּלעקן זיך פאַר־געסענע נעמען, פאַרשווונדענע געשעענישן. אָפטמאָל האַנדלט עס זיך טאַקע וועגן אַ וויכטיקן מיילשטיין אין דעם געשיכטלעכן גאַנג אונדזערן אויף דער דאָזיקער ערד.

— אָט איז דאָס שטעטעלע בוכאַו אין ווירטעמבערג, ווו מען האָט יידן אין שול אַריין געריפן מיט אַ גלאָק, מיט אַ קלויסטער־גלאָק...

— און אָט בין איך אין דער מקווה פון רבי קלונימוס אין שפּייער. די מקווה, וואָס איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1104 און ווו דאָס וואַסער איז עד־היום געבליבן קרישטאָל לויטער.

— געפין איך זיך אויף דעם אָרט, ווו אליהו בחור האָט געדרוקט זיין „בבא־בוך", אין שטעטעלע איזני, אין אלגאַו.

— פון דאָרטן מאַך איך אַ שפּרונג קיין העסן, כדי אין מיכעלשטאָט באַטראַכטן די סינאַגאָגע, ווו עס האָט געדאַוונט דער באַרימטער בעל־שם פון מיכעלשטאָט.

— זיץ איך אין שטיינערנעם שטול פון רש"ין וואָס איז אויפגעהיט געוואָרן אין דעם מוזעאום אין וואָרמס.

בלעטער איך דעם ווונדערבאַרן נירנבערגער אילוסטרירטן מחזור פון 14טן יאָרהונדערט.

— איך נידער אַראָפּ אין די קעלערן פון דער חרובער שטאָט הייל־בראָן, כדי אויסצוזוכן די יידישע קאַטאַקאָמבעס פון 10טן יאָרהונדערט, און געפין זיי טאַקע.

— קלעטער איך אויפן דאַך פון דער „לעווען־אַפּאָטעקע" אין האַמעלן, ווו מען האָט אויפן בוידעם געפונען אַ שטיינערנעם מגן־דוד פון 13טן יאָר־הונדערט.

— און אָט איז די מצבה פון רבי שמואל הפרנס, דער גרינדער פון דער קהילה־קדושה אלטונא.

— בין איך צו־גאַסט ביי משה העסן, וועמענס בריוו איך האָב גע־טראָפן אין שילער־מוזעאום אין מארבאך.

— ליגן פאַר מיר די זעלטענע רויכלין־גלאָסארס, די עלטסטע יידיש־דאָקומענטן.

אַ קאַליידאָסקאָפּ פון שטומע עדות.

ווייל אויסגעליידיקט זענען געוואָרן די שטעט פון יענע, וועלכע האָבן אויף זייער שטייגער און אויף זייער אופן ווייטער געצויגן דעם לעבעדיקן פאָדעם פון דורות. אויף אומבאַקאַנטע וועגן, וווהין מען האָט זיי „אויסגע־זידלט", האָבן זיי אויסגעהויכט זייער נשמה. אויף זיבן ימים איז זייער אַש צעזייט געוואָרן. עס זענען געבליבן נאָר די שטומע עדות. ווי עס זאָגט אַ שפּריכוואָרט:

„דאָרט ווו די לעבעדיקע שווייגן — רעדן די שטיינער!".

זיי רעדן נישט. די דאָזיקע „שטומע עדות". זיי שרייען. זעלטן אָבער ווער עס קען באַנעמען זייער שפּראַך.

זיי שרייען אַראָפּ פון גאַסן־עקן און הייזער־קאַרניזן, פון קלויסטער־ווענט און שלאָס־טורעמס; זיי רופן אַרויס פון סינאַגאָגע־חורבות און אַל־טערטימלעכע מקוואות; זיי פאַרהילכן דעם חלל פון די געוועזענע „יודנ־גאַסן", „יודענבורגן", „שולהויפן", „יודענאַקערס" און „יודענטורעמס".

איך האָב אין משך פון 3 יאָר זיך נאָכגעיאָגט נאָך די דאָזיקע שאָטנס פון די פאַרגאַנגענע צייטן. איך האָב זיך אויסגעלערנט דורכצושמועסן מיט די דאָזיקע שטיינערנע, הילצערנע און פאַרמעטענע גייסטער פון יענער וועלט. איך האָב זיי געפּרוווט צונויפקלייבן, סעגרעגירן און ווייטער, פאַר די קומענדע דורות איבערליפערן.

נישט איינמאָל האָב איך זיך אַליין געפרעגט:

— ווי האָסטו געקענט אַזוי לאַנג אויסהאַלטן דאָרטן, פון וואַנען עס שטאַמען די מערדער פון די זעקס מיליאָן? ווי האָסטו געקענט אַזוי „רויק" גיין איבער די גאַסן פון יענע שטעט, וואָס זענען געווען פול מיטן געוויין פון די קרבנות, מיטן געיאָמער פון די קדושים? ווי איז עס מעגלעך געווען דורכצונישטערן אין העכער 800 ערטער, ווו יעדער איינער דערציילט וועגן אַזויפיל רציחה, רויב און רשעות?

און געענטפערט האָב איך זיך:

איך בין געגאַנגען דורך לאַבירינטן פון תקופות; איך בין גע־גאַנגען אויף שטעגן נישט היינטצייטיקע. ווייט מיט די מחשבות בין איך

געווען פון דעם לאַנד פון דער סוואַסטיקאַ און פון די צייטן פון דער גרויד זאַמער נאַכט „ווען יודען־בלוט פון מעסער שפריצט״...

— ווער ווייס, אפשר איז מיר טאַקע גאַרנישט שווער געווען צו גע־פינען זיך אין עמלקים־לאַנד, ווו איך בין, אין צייט און שטח, ווייט געווען פון דייטשלאַנד 1933־1951.

איך האָב געאָטעמט מיט דער לופט פון די „תקנות שו״ם״; עס האָבן מיר אין מיינע נסיעות באַגלייט דער מהר״ם מרוטענבורג און דער מהרי״ל פון מאַינץ; מיינע אכסניות זענען געווען די קלויזן פון רבי לעמעלע אין מאַנהיים און פון יקיר בן יוסף אין איכענהויזן.

זייענדיק „היימיש״ מיט חורבות און בית־עלמינס, האָב איך נישט געפילט ווו איך געפין זיך.

איך בין איצט ווייט פון דאָרטן און זיך גענומען מאַכן אָרדענונג מיט די „בדמיך־חיי״־שפורן, וועלכע איך האָב אויפגעזאַמלט.

וועל איך אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך פּרווון באַקענען מיט די באַגעגענישן אין די דאָזיקע לאַבירינטן; אַרויסכאַפּן פראַגמענטן פון גרויסע עפּאָפּעעס; פאַרשטעלן פאַקטן ווו קוריאָז, טראַגיק און היסטאָרישער אמת זענען צוזאַמענגעפלאָכטן.

די „לאַבירינטן״ פּרעטענדירן נישט צו זיין געשיכטע־קאַפּיטלען, הגם דאָ אָדער דאָרטן פירן זיי אונדז דורך עפּאָכעס וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין אונדזער בלוטיקער געשיכטע; די „לאַבירינטן״ זענען אייגנטלעך אַ בליק אין יענע היסטאָרישע תקופות פון וואַנען מיר מאַכן אַ קפיצת־הדרך צו אונדזערע היינטיקע טעג. דער נעכטן איז די קאַנווע, אין וועלכער עס איז אַריינגעהאַפּטן אונדזער עקסקורסיע איבער דעם באָדן ווו עס האָט זיך אַזוי טראַגיש, אַזוי בלוטיק פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל טויזנט יאָר אשכנז.

די „לאַבירינטן״ מאַכן נישט קיין סך־הכלען; זיי פירן נישט אויס קיין מוסר־השכל. דאָס דאַרפן און דאָס וועלן טון די יעניקע וואָס וועלן מיט מיר מיטפאָרן אויף דער דאָזיקער ווייטער און ברייטער עקספּעדיציע.

די „לאַבירינטן״ זענען איינגעטיילט אין די ווייטערדיקע אָפּטיילן:

א. שטיינער דערציילן;

ב. געשעענדעטע הייליקטימער;

ג. די פאַרשווונדענע לאַנדשאַפט.

א. שטיינער דערציילן...

כי אבן מקיר תזעק...
אַ שטיין פון וואַנט טוט שרייען.

(חבקוק, קאַפּיטל ב, 12)

...איר מיינט, אַז שטיינער וויסן נישט?
איר מיינט, אַז ברעגן הערן נישט
כ׳האָב אויך אַזוי געמיינט.

איך האָב געזען אַ שטיין אין וואַסער,
נישט פון וואַסערן אַ נאַסער, —
ס׳האָט דער שטיין געוויינט.

(ש. האַלקין)

דאָרט, וווּ עס שווייגן די לעבעדיקע
דערציילן די שטיינער...

(פאָלקסווערטל)

אין די קאַטאַקאָמבעס פון היילבראָן

...„פֿאַר דעם בלוט פון די קדושים, וואָס שרייט פון דער ערד,
און עס ווערט דער געשריי נישט פון קיינעם געהערט!
פאַר די טויטן פון טעכטער, פאַרפּייניקט אין שאַנד!
פאַר די עופּהלעך־מוחות, צעקלאַפּט אין דער וואַנט!
פאַר די ימים יסורים און האַס אַזוי בלינד!
און זי צינדט, און זי צינדט, און זי צינדט..."

א. ליעסין: „נקמה", ניו־יאָרק, 1920.

די דאָזיקע ווערטער פון ליעסינס „נקמה" האָב איך כסדר איבערגעחזרט, ווען איך האָב געטראָטן אויף די חורבות פון היילבראָן. איך האָב שוין געזען די חורבות פון מאַנהיים, פאָרצהיים, ברוכזאַל און קאַסעל, וועלכע ווערן פאַררעכנט פאַר די גרעסטע, אָבער היילבראָן שטייגט זיי אַריבער. איך שעם זיך נישט צו זאָגן, אַז דאָ האָב איך ערשט דערפילט דעם טעם פון חורבן...

אויף מיין פראַגע צו מיין מיטגייער, דעם לייטער פון שטאָטישן אַרכיוו, דעם דייטש אַלעקסאַנדער רענץ, מיט וואָס דאַרף מען אויסטייטשן די באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פון די אַליאירטע פליִערס, וועלכע האָבן אַזוי צערעכט געמאַכט זייער שטאָט, האָט ער מיר געענטפערט: — מען האָט געשמועסט, אַז דאָס איז געווען אַ נקמה פאַר דער צעשטערונג פון דער סינאַגאָגע.

איך בין שטאַרק מסופק, צי די אַמעריקאַנער פליִערס, וועלכע האָבן אין 1944 באַהאָגלט היילבראַן מיט פייער און אייזן האָבן געהאַט אין זינען די סינאַגאָגע. גיכער האָט מען דעמאָלט גענומען אין אַכט די ריזיקע מלחמה־אינדוסטריע אין און אַרום דער שטאָט. אויך דאָס, וואָס היילבראַן

ווערט פאַרעכנט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע סטראַטעגישע פונקטן — דער אַזוי־גערופענער „היטער פון נעקער־טאַל", וואָס האָט שוין פון קדמו־נים פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין די מלחמות פון שוואַבענלאַנד.

ווי געזאָגט, איז צו צווייפלען צי דער חורבן־היילבראָן איז טאַקע געקומען ווי אַ פּסק פאַר דער סינאַגאָגע־פאַרניכטונג. אָבער דער חשבון וואָס די יידישע פּיין־געשיכטע קאָן אויסשטעלן צו היילבראָן איז שוין אַלט אַ שיין ביסל יאָרהונדערטער. נישט איין חרובע סינאַגאָגע קאָן די דאָזיקע געשיכטע דערציילן.

און גייענדיק איבער די וויסטע אַלייען און צעטרייבערטע סקווערן, באַטראַכטנדיק די צעשעדיקטע פּאַלאַצן און די קלויסטערס, די צעניזוקטע בנינים און פּלעצער, קאָן מען זיך נישט באַפרייען פון דעם נקמה־געפיל וואָס צינדט און צינדט.

1. דער בלוט־חשבון

עס איז נישט דאָ דאָס אָרט צו דערציילן די געשיכטע פון די הייל־בראָנער יידן, וועלכע ציִען זייער יחוס, ווי עס גיבן איבער פאַרשידענע לעגענדעס, שוין אַ יאָר טויזנט. איך וועל זיך נאָר אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר הויפּט־עטאַפּן, וועלכע זענען שוין פאַרשריבן מיט בלוט אין אונדזערע פאַר־צייטיקע כראָניק־ביכער; פאַרצייכנט אין די הזכרה־פּנקסים נאָך די קדושים און טהורים. די היילבראָנער מאַרטירערס פון יענע אַלטע צייטן ווערן דערמאָנט אויף די פאַרגעלבטע פּאַרמעטן, ווו מען זאָגט וועגן זיי:

„שנהרגו, ושנטבעו, ושנשרפו, ונאפרו, ונתלו, ונחנקו, ונקברו חיים, ונתיסרו בכל מיני מיתות על קידוש השם".

(די וועלכע זענען דערהרגעט, דערטרונקען, פאַרברענט, פאַראַשט, געהאָנגען, דערשטיקט, לעבעדיק באַגראָבן געוואָרן און געפּייניקט מיט אַלע מינים טויטן פאַר קידוש־השם).

די ערשטע שחיטה איז פאָרגעקומען אין די טעג פון א' און ב' מר־חשון ה' אלפים נ"ט (19טן אָקטאָבער 1298). פון קרוב 150 נפשות זענען דאָרטן, ווי די בלוטיקע כראָניק דערציילט, אויסגעשאָכטן געוואָרן 143 און צווישן זיי דער רב רבי יוחנן, דער ראש־הקהל ר' אשר, די ראשי־ישיבות ר' יצחק און רבי אברהם מיט זייערע פרויען און קינדער — אנשים, נשים וטף.

עס דויערט נישט לאַנג, 18 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1316, פאַרמאָגט שוין היילבראָן ווידער אַ קהילה. עס גייען אַדורך אַ 30 יאָר און עס קומט

די צווייטע שחיטה, אין יאָר 1349. מיר ווייסן נישט, ווי בעת דער ערשטער שחיטה, די צאָל הרוגים. דאָס מאָל איז אָבער פאַראַן אַ נייער פּרט, דהיינו — די מאַסע איז באַפאַלן די סינאַגאָגע, צעריסן די ספר־תורהס און פאַר־ברענט דעם בנין (פּונקט ווי מיט 600 יאָר שפּעטער זייערע אור־אור־אייניקלעך!).

9 יאָר שפּעטער, אין 1357, זענען ווידער פאַראַן יידן אין הײלבראָן. די פאַרברענטע שול ווערט אויפגעבויט; זיי פאַרלייגן אַ בית־עולם. אין די רשימות פון יענער צייט זעט מען אַז אַהער האָבן זיך אַריינגעצויגן פאַרטריבענע יידן פון שפּייער, אולם, שטראַסבורג אאַ"וו.

נישט קיין גאַנצע 100 יאָר האָט זיך די יידן געלעבט אין פאַרהעלט־נישמעסיקער מנוחה. אין די יאָרן 1437־1439 קומט פאָר אַ ווייטערדיקער גירוש. זיי קומען אָבער שנעל צוריק, ביז זיי ווערן אין 1469 ענדגילטיק פאַרטריבן פון דער שטאָט.

אין 1490 ווערט די שטאָט דער „יורש" פון דער סינאַגאָגע. דער בית־עולם ווערט צעשטערט; די מצבות פאַרקויפט פאַר פאַרשידענע בוי־אַרבעטן און אויף זיין אָרט אַנטשטייט דער קיזל־מאַרק, וועלכער הייסט אָבער עד־היום, אין פאָלקס־לשון, דער „יידישער פרידהאָף".

אומגעפער 400 יאָר איז הײלבראָן געווען יידן־ריין. ערשט דעם 3טן מאַי 1831 באַזעצט זיך דאָרטן דער ערשטער ייד איזידאָר פּייט, פון זאָנט־היים. אין יאָר 1837 זענען שוין דאָרטן דאָ 8 משפחות; אין 1861 ווערט געגרינדעט די געמיינדע און אין 1875 ווערט אויסגעבויט אַ פּרעכטיקע סינאַגאָגע. ביז 1933 איז די צאָל יידן אויסגעוואַקסן אויף קרוב 1000 (גענוי: 980).

אין נאָוועמבער 1938 ווערט די סינאַגאָגע דורך די נאַצי־באַנדיטן פאַרברענט! די יידן ווערן אַרויסגעפירט אין די פאַרלענדונג־ערטער. היינט געפינט זיך אין הײלבראָן איין ייד.

2. הײלבראָן אין כל תפוצות ישראל

פאַראַן אַלטע ישובים אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן זיך אין אונדזער געשיכטע אַריינגעשריבן מיט גרויסע אויפטוען, מיט חידושים, וועלכע האָבן באַרייכערט אונדזער גאַנג דורך דער וועלט, אונדזער אייגענעם שטייגער. געווען ערטער וואָס האָבן אַרויסגעגעבן יחידים, וועלכע זענען גע־

וואָרן אויף אייביק דער קנין פון שפּעטערדיקע דורות. באַגלייט דאָך אונדז עד היום שפּייער און וואָרמס, מאַינץ און רעגענסבורג, זולצבאַך און פיורט!

וועגן היילבראַן לאָזט עס זיך נישט זאָגן. אָבער היילבראַן האָט אויף אַן אַנדערן אופן געפונען אַ וועג צו די תפוצות־ישראל. עס איז מערקוויר־דיק, וואָס גראָד היילבראַן האָט זיך פאַראַנקערט אין צענדליקער נוסחאות פון די פאַמיליען־נעמען פון די ייִדן אומעטום. האַלפּערין, היילפּערין, גאַל־פּערין, אַלפּערט, האַלפּער, אאַ״וו. נעמען זיך פון שורש היילבראָן. הונדער־טער משפחה־שטאַמען טראָגן די דאָזיקע נעמען; משפחות, וועלכע האָבן אין תורה, חכמה און עשירות געשפּילט גרויסע ראָלן אין אונדזער געשיכטע. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז דער אַלט־דייטשער נאָמען פון דער שטאָט איז ביזן 15טן יאָרהונדערט טאַקע געווען היילפּרון.

איך וועל דאָ לדוגמא ברענגען 4 יחידים, וועלכע טראָגן דעם נאָמען היילבראָן־היילפּערין:

רבי אברהם בן משה, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט 1578־1649 אין לעמבערג, מחבר פון ספרים, צווישן אַנדערע אַ פּירוש אויף תנ״ך „אהבת ציון״.

יעקב־ישוע בן אלחנן, געלעבט אין 16טן יאָרהונדערט אין איטאַליע. פון זיינע חיבורים זענען באַזונדערס באַקאַנט „סדר מליחה״ און „נחלת יעקב״.

רבי יצחק בן שמואל פון וואָרנקי, ביי פּויזן, געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט. פון זיינע שאלות ותשובות זענען באַזונדער אָנגעזען „הוראת שעה״.

רבי יחיאל בן שלמה, געבוירן אין 1666, געשטאָרבן אין 1746, דער מינסקער רב, וועלכער איז פאַראייביקט געוואָרן (חוץ די איבעריקע ספרים), בעיקר מיט זיין „סדר הדורות״ — איינע פון די ערשטע און וויכטיקסטע כראָנאָלאָגיש־ביבליאָגראַפישע ווערק צו דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע, וואָס מיר פאַרמאָגן.

איך האָב גענומען די דאָזיקע 4 נעמען, כדי צו ווייזן, אַז דער דאָזי־קער משפחה־שטאַם איז פאַרטראָגן געוואָרן אין איטאַליע, פּוילן, רוסלאַנד און גאַליציע און דאָס רעדט זיך וועגן יחידים פון פריִערדיקע יאָרהונ־דערטער. נעמען מיר די לעצטע דורות, געפינען מיר די האַלפּערינס אומע־טום, אין יעדער באַוועגונג, אין יעדן גייסטיקן קרייז, אין אַלע אַקטיווע ווינקעלעך פון אונדזער צעשפּרייטקייט.

3. „נתן הפרנס" האָט איבערגעלעבט

און אָט גיי איך טאַקע צווישן חורבות, ציגל־בערג און שטיינער־ברוך, צעשטערטע קעלערס און אויפגעריסענע בונקערס. איך זוך די נעכטיקע טעג, די שפורן פון טויזנט יאָר ייִדישקייט אין היילבראָן.



היילבראן — דער קעלער אויף דער געוועזענער יודענגאַסע נומער 22, לעצטנס די לאָט־האר־שטראַסע ווו עס געפינען זיך די יידישע קאטאקאָמבעס. אין דער טיף רעכטס די קאַטאַקאָמבע מיט דער יידישער אויפשריפט.

עס אינטערעסירט מיך בעיקר די לאָטהער־שטראַסע, וועלכע האָט ביז 1826 געטראָגן דעם נאָמען די יודענגאַסע. אין נומער 22 איז געווען די סי־נאַגאָגע וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן אין 13טן יאָרהונדערט, וועלכע איז נאָך דער שחיטה און שריפה צוריק אויפגעבויט געוואָרן אין 1357. דאָרטן איז שפּעטער געווען אַ דייטשער רעסטאָראַן „צור פישע שטובע".

אין די קעלערן פון דעם דאָזיקן הויז זענען ביזן היטלער־מבול אויפ־געהיט געוואָרן די זעלטנסטע שפורן פון ייִדישן בראשית אויפן שוואַבישן באָדן. דאָרטן זענען געווען קאַטאַקאָמבעס און אונטערערדישע דורכגענג. אין איין קאַטאַקאָמבע איז געווען אַ נישע מיט דער איבערשריפט „נתן הפרנס".

סיי די קאַטאַקאָמבעס מיט די נישעס, סיי אויך די זעלטענע שריפט־
פאָרם, האָבן דערציילט וועגן שטייגער־איבערבלייבענישן פון זייער אַ פריער־
דיקער געשיכטע, יעדנפאַלס פון 10 יאָרהונדערטער. צענדליקער פאָרשערס,
היסטאָריקערס און אַרכיטעקטן האָבן די דאָזיקע אָביעקטן שטודירט, גע־
פאָרשט, באַשריבן און געזוכט זייער אורשפּרונג.



היילבראָן — די נישע פון
דער קאַטאַקאָמבע איבער וועל־
כער עס זענען אויסגעקריצט
די ווערטער
נ ת ן
ה פ ר נ ס

אָבער גיי זוך און געפין דעם „נתן הפרנס“, אַז אין משך פון חדשים
איז דאָס דאָזיקע אָרט באַשאָטן געוואָרן מיט אייזן און פייער, מיט אמתן
אש ותימרות עשן. שטיינער זענען צעשמאָלצן געוואָרן פון די הונדערטער
טאָנען אויפרייס מאַטעריאַלן, וואָס דער פייערדיקער מבול פון די ארובות
השמים האָט אַראָפּגעשאָטן...

מיין באַגלייטער ספקט טאַקע, צי מיין עקספּעדיציע אין דער פאַר־
שוווּנדענער וועלט וועט זיך איינגעבן. בכלל, מיינט ער, אַז די דאָזיקע
וווּנדערבאַרע ייִדישע סימנים זענען אפשר נאָך פון פאַר די באָמבאַרדירונ־
גען באַזייטיקט געוואָרן דורך די נאַציס.

אָבער איך האָב עס געפונען! עס זענען אַרויס גאַנץ סיי די קאַטאַ־

קאַמבעס, סיי די נישעס, מיט דער באמת־וווּנדערבאַרער געהיימנישפֿולער אויפֿשריפֿט „נתן הפּרנס“. זיי זענען לעבן געבליבן! דורכגעקראָכן צווישן די ציגל־בערג, אַריינבאַקומען זיך דורך הורבעס צעטראַסקעטע שטיינער בין איך אַריינגעקוועטשט געוואָרן אין דעם לאַבירינט פֿון פֿאַר טויזנט יאָר.

ווונדער איבער ווונדער! ווי האָבן זיי אויסגעהאַלטן? וואָלט איך פֿאַר־שטאַנען די שפּראַך פֿון די שטיינער, וואָלט איך זיכער דערהערט די ווונ־דערבאַרע געשיכטעס פֿון טויזנט און איין יאָר, וואָס עס דערציילט דער סודותדיקער „נתן הפּרנס“.

אין דער שטילקייט פֿון דער קאַטאַקאָמבישער אונטערערד האָב איך דורכגעלעבט די פֿיבערן פֿון די בראַנדן און הריגות; איך האָב זיך געפֿונען אין אַן עולם־התוהו, ווו וואָר און חלום זענען אויפֿגעמישט. ערשט מיין באַגלייטער, דער דייטש רענץ, האָט מיך אויפֿגעוועקט פֿון מיינע טרוימען. אַ צעשראָקענער האָט ער זיך געהאַלטן אין איין צלמען, דער דאָזיקער פֿרו־מער קאַטאָליק — אַ, מאַריע, אַ, הייליקע מוטער! אַ, זון! אַ, הייליקער גייסט... ווען איך רייס נישט איבער זיין (אויפֿריכטיקן אָדער געמאַכטן) עקסטאַז, וואָלט ער נאָך פֿאַרן דאָזיקן „נתן הפּרנס“ געפֿאַלן אויף די קני...

איך האָב אויך געפֿונען דעם אונטערערדישן דורכגאַנג, וועלכער האָט געפֿירט פֿון דער קאַטאַקאָמבע צו דער מקווה, וואָס איז געווען אין הויז, וואָס טראָגט היינט דעם נומער 1 פֿון דעם קיזלמאַרק, פֿון וואַנען עס פֿירט אַ צווייטער וועג צום געוועזענעם בית־עולם פֿון 14טן יאָרהונדערט.

4. דער „ראַסנגעשענדעטער“ דענקמאָל און קינאָ „סקאַלאַ“

ביי דער געלעגנהייט ווילט זיך נישט לאָזן אומבאַמערקט אַ פּאָר קלייניקייטן. אמת, דאָס זענען נישט יאָרהונדערטער שפּורן, אָבער עס לוינט זיי דערמאָנען.

אָט זענען מיר ביים טורעם פֿון דער געוועזענער פֿראַנציסקאַנער קירכע. אין דעם דאָזיקן טורעם האָט מען בשעתו אויסגעקריצט די נעמען פֿון די 1082 היילבראָנער, וועלכע זענען געפֿאַלן „אין העלדן־טויט פֿאַרן פֿאָטערלאַנד“ בעת דער מלחמה 1914־1918. צווישן די דאָזיקע נעמען זענען אויך געווען 26 ייִדן.

טאָ ווי קאָן מען עס דערלאָזן, אַז די „אונטערמענטשן“ זאָלן פֿאַרשמו־

ציקן דעם דאָזיקן פּאַטריאָטישן דענקמאָל? איז טאַקע געקומען דער באַפעל פון די היטערס פון ראַסנריינקייט, אַז מען זאָל אויסקראַצן די נעמען פון די „איצעקס" און די „אַבראַמעס". צען יאָר איז דער דאָזיקער דענקמאָל געשטאַנען מיט אויסגעקראַצטע לעכער. דער איינדרוק איז אָבער געווען — ווי מען גיט איבער — פונקט אַ פאַרקערטער. די ליידיקע ערטער האָבן דעמאָנסטרירט פאַר דער עפנטלעכקייט און טעגלעך דערמאָנט וועגן דאָזיקן „אויפטו".

היינט שטייט דער דענקמאָל ווידער פאַרלאָטעט. אין 1945 האָבן די אַליאירטע באַפוילן צוריק אַריינגעמען די אויסגעקראַצטע יידישע נעמען. האָט מען נישט געקענט אַריינמאַכן די דאָזיקע נעמען מיט דער זעלביקער שריפט און זעלביקן מאַטעריאַל ווי די פריערדיקע. דערמאָנען טאַקע די לאַטעס טאָג־איין און טאָג־אויס וועגן דעם נאַצישן ראַסן־שגעון.

פון דאָרטן האָט מיין וועג געפירט צום שטאָט־צענטער, צו דער שענסטער גאַס, צו דער אַליי. דאָ איז עס געשטאַנען די פראַכטפולע סינאַגאָגע, וועלכע איז אין 1875 אויפגעבויט געוואָרן פאַר אַ ריזן־סומע פון 350 טויזנט מאַרק. אין דער קריסטאַל־נאַכט איז זי דורך די נאַציס חרוב געוואָרן. דאָ איז היינט אויפגעבויט געוואָרן דער גרעסטער קינאָ פון שטאָט. דער מאָדערנער „סקאַלאַ". אָבער ווי אַ זכר־לחורבן איז געבליבן דער פאַרקאַן מיט די אייזערנע שטאַכעטן, באַפוצטע מיט מגן־דוד־אָרנאַמענטן.

5. אַ מוסר־השכל פון פסוקים...

האַלטן מיר שוין ביים סוף פון אונדזער היילבראָנער אויספלוג און עס ווילט זיך פאַרענדיקן מיט אַ פּאָר ציטאַטן.

אַ „וויסנשאַפטלעכע" ניבול־פה־אויסגאַבע מיטן נאָמען „די יודען אין היילבראָן" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1938 דורך דעם געוועזענעם שטאָט־אַרכיוואַר ד"ר געטץ קרוזעמאַרק. די דאָזיקע שונד־געשיכטע איז דערשינען אַזש אין 2 אויפלאַגעס, איינע ספּעציעל פאַר די פראָנט־סאָלדאַטן. דער סוף־פּסוק פון דער דאָזיקער העץ־אַרבעט שטרייכט אונטער טער מיט שמחה:

> „דאָס דריטע רייך פאַרווירקלעכט דערמיט (מיט דעם פאַרברענען די סינאַגאָגע און פאַרניכטן די יידן) די גרויסע שטרעבונג, צו וועלכער די רייכשטאָט היילבראָן האָט אין משך פון דורות געצילט"...

עס האָט דער גורל געוואָלט, אַז ביים סוף פון באַזוך האָב איך אין שטאָטישן לאַפּידאַריום, וווּ עס געפינען זיך זייער פיל אַלטערטימלעכע דענקמעלער געפונען אַ וווּנדערבאַרע סטאַטוע, וועלכע איז געשטאַנען אין דעם טורעם פון סאַנט-קיליאַן קירכע (געבויט אין די יאָרן 1513-1529).

די דאָזיקע שטיינערנע סטאַטוע, אַן אָדלער, וועלכער לויערט איבער אַ טאָוול מיט 2 לוחות אויף וועלכע עס געפינט זיך אַ פּסוק אין לאַטיין:

WERBUM DOM MANINET

און אין העברעיש:

ד ב ר
י ה ו ה
ל ע ו ל ם
י ק ו ם

***

אין אַש און פאָרך ליגן זיי, די „וועלט-דעראָבערער" — די „טהרת-המשפחהניקעס" פון נוסח „שטירמער" און געבעלס, „נתן הפרנס" האָט, אָבער איבערגעלעבט, איבערגעלעבט כדי צו דערציילן די שפּעטערדיקע דורות אַז לעולם יקום, אַז פון אונטער חורבות און נאָך רציחות קומט אויף אונדזער המשך.

איך האָב דעם דאָזיקן אָדלער פון העכער 400 יאָר צוריק אָנגעקוקט און באַמערקט, אַז ער שמייכלט און דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם שטיינערנעם לשון פון „נתן הפרנס"...

קאָנסטאַנצער ווענט דערציילן...

קאָנסטאַנץ איז איינע פון די עיר ואם בישראל, איינע פון די עלטסטע שטעט אין דייטשלאַנד, ווו ייִדן האָבן זיך אַרום דעם 12טן יאָרהונדערט באַזעצט און אויסגעוואַקסן צו אַ חשובער קהילה, ווו תורה און עשירות זענען געווען געפּאָרט.

אין אַלטע ספרים, אין שאלות ותשובות און כתב־ידן; אין קעניגלעכע פּריווילעגיעס און פּויפּסטלעכע בולעס, אין פירשט־לעכע אַרכיוון און קלויסטער־כראָניקעס געפינען זיך זייער פיל פּאַרצייכענונגען וועגן די ייִדן אין קאָנסטאַנץ, וועגן זייער באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. אָט האָט מען זיי אויסגעראָטן און אָט זענען זיי צוריק דאָ — „וכאשר יענו אותם כן ירבו וכן יפרצו", וואָס מער מען האָט געפּייניקט, אַלץ מער זענען זיי פאַרמערט און פאַרשפּרייט געוואָרן.

די חשיבות פון קאָנסטאַנץ קען מען זיך שוין פאָרשטעלן פון דעם, וואָס איינער פון די גרעסטע אין זיין דור, דער קדוש מהר"ם מרוטענבערג איז אין משך פון 10 יאָר (1250—1260), געווען רב אין דעם דאָזיקן גרויסן ייִדישן צענטער.

אוןליידער איז עס שוין מיט אונדזער געשיכטע בכלל און מיט דער געשיכטע פון יעדן ישוב בפרט, אַז די גרויסקייט פון יעדן קיבוץ ווערט געמאָסטן מיט דער צאָל גזירות, עינויים און חורבנות, וועלכע עס איז אים באַשערט געווען דורכצומאַכן. אָט איז טאַקע אַ כראָנאָלאָגישע (נישט־קאָמפּלעטע) רשימה פון דעם, וואָס עס האָט די דאָזיקע קהילה געהאַט אויסצושטיין אַ צעטל פון פּורעניות וואָס מיר געפינען אין אונדזערע און אין פרעמדע כראָניק־ביכער.

1312 — אויסגעהרגעט גרויסע טיילן פון די ייִדן צוליב אַ „האָסטיע־שענדונג״־בלבול;

1314 — אונטערגעצונדן און פאַרברענט אַ טייל פון ייִדישן קוואַרטאַל;

1331 — ווידעראַמאָל אַ „האָסטיע־שענדונג״־ בלבול, ווידער הריגות;

1333 — פאַרפאָלגונגען, 27 ייִדן דערמאָרדעט;

1349 — (2טער יאַנואַר) צוליב אַ בלבול, אַז די ייִדן האָבן פאַרסמט די ברונעמער, אַרעסטירט אַלע ייִדן און זיי איינגעשפּאַרט אין 2 הייזער. דעם 3טן מערץ, דעם זעלביקן יאָר, האָט מען די הייזער אונטערגעצונדן און עס זענען פאַרברענט געוואָרן 330 נפשות;

1429 — אין פאַרבינדונג מיט אַ בלוט־בלבול אין שכנותדיקן ראַווענסבורג, ווערן אויך די קאָנסטאַנצער ייִדן אַרעסטירט. דער שקר־בלבול ווערט אויפגעדעקט, אָבער ביים באַפרייען מוזן די ייִדן איינצאָלן (משמעות פאַר באַשפּייזונג אין דער תפיסה) 7000 גולדן אין דער שטאָט־קאַסע;

1430 — ווידער ווערן צוליב אַ בלבול די ייִדן אַרעסטירט. נאָכן האַלטן זיי פינף חדשים אין ציגל־טורעם ווערן זיי באַפרייט און דאַרפן איינצאָלן צענדליקער טויזנטער גולדן אויסלייז־געלט;

1431 און 1440 — גירושים פון די קאָנסטאַנצער ייִדן;

1443 — ווידער אַ בלוט־בלבול און אַלע ייִדן ווערן דאָס מאָל אויף פינף יאָר אַריינגעזעצט אין תפיסה און ערשט אין רעזולטאַט פון אַ געריכטס־אורטייל באַפרייט דעם 2טן אַפּריל 1448;

1533, 1537, 1451, 1651 — פאַרשידענע גירושים, גזירות און פורעניותן.

אַ פּאָר הונדערט יאָר איז קאָנסטאַנץ ייִדן־ריין און ערשט אין 1847 האָבן מיר צוריק אַ ייִדישע קהילה אין קאָנסטאַנץ. אין דאָזיקן יאָר קומט פאָר, נאָך אַן איבעררייס פון 300 יאָר, די ערשטע ייִדישע חתונה. עס וואַקסט דער ייִדישער ישוב ביז... ער ווערט ווידער דורך די אור־אור אייניקלעך פון די מיטלאַלטערלעכע הענקער, דורך די נאַצישע באַנדיטן, פאַרשניטן.

עד כאן די בלוטיקע כראָניק, וועלכע ווייזט דאָס אָרט און פאַרנעם פון אונדזער קאָנסטאַנץ.

***

אָבער פּייער און שווערד האָבן נישט געקענט פאַרווישן די געדעכעניש פון דעם אַמאָליקן בליִענדיקן ישוב און זיין מאַרטיראָלאָגיע. אויסגעקווילעט און פאַרגאָזט זענען די לעבעדיקע, אָבער דער זכר פון זיי איז נישט פאַר־

ווישט געוואָרן. אויף די ווענט און שטיינער זענען געבליבן די שפורן פון דעם אַמאָל, פון דעם פאַרשניטענעם עבר.

שפּאַן איך איבער קאָנסטאַנצער גאַסן און געסלעך, בלאָנדזשע און געפין די דאָזיקע שפורן, די דאָזיקע שיריים פון דעם ויהי — אַמאָל איז געווען...

הערלעך איז די דאָזיקע שטאָט, וואָס ליגט ביי דער שווייצאַרישער גרענעץ, אַרומגערינגלט מיט וועלדער און מיט וואַסערן פון רהיין און באָדענזע. אַן אויסערגעוויינלעכע געמיטלעכקייט און אידיליע — די גאַסן און פּלעצער איין גרויסער מוזיי. יאָרהונדערטער האָבן דאָ זייער חותם געלייגט; יעדע תקופה, יעדער מושל האָט זיין נוסח איבערגעלאָזט. אַ געמיש פון סטילן — ראָקאָקאָ, באַראָק און רענעסאַנס. אין יעדן געסל, אויף יעדן ראָג, געהאַקטע, געגאָסענע און געשניצטע פיגורן — שטיינערנע, בראָנזענע און הילצערנע סטאַטועז און פאַסאדן. ס'פאַרכאַפּט דאָס אויג די ווונדערבאַרע געמעלן און פרעסקעס, וועלכע באַשיינען מיט זייערע רעגנבויגן־קאָלירן די פאַרשידענע געביידעס, וועלכע זענען אונטן אונטערגעהאַלטן מיט די מגושמדיקסטע פונדאַמענטן און רייסן זיך צום הימל מיט ביזאַנטישע קופּאָלן אָדער גאָטישע טורעמס.

אָבער נישט דאָס זוך איך; נישטאָ קיין געמיט צו דער דאָזיקער שיינקייט. איך גיי זוכן אונדזערע שפורן, און אָט זענען זיי:

1. אַן אַלטער כתב־יד

אין ראָזנגאַרטן־מוזיי (ער געפינט זיך אויפן זעלבן אָרט, ווו עס זאָל זיך האָבן אין 13טן יאָרהונדערט געפונען די ערשטע יידישע סינאַגאָגע), איז אויסגעלייגט פאַר די באַזוכער איינע פון די עלטסטע און אינטערעסאַנטסטע געשיכטע־כראָניקעס, דער כתב־יד פון אולריך ריכענטאַל, דער היסטאָריקער פון קאָנסטאַנצער קאָנציל (1414—1418).

בלעטער איך אין דעם דאָזיקן טאָג־בוך, און דאָרטן אויף די זייטן 100־106 געפינט זיך די פאַרצייכענונג פון 21טן נאָוועמבער 1417, ווי אַזוי די יידן האָבן מיט אַ תורה אונטער אַ חופה מקבל־פנים געווען דעם פּויפּסט; וועגן דעם שמועס צווישן די יידן און פּויפּסט. און דער עיקר: ביי דער דאָזיקער באַשרייבונג זענען פאַראַן צוויי צייכענונגען, וועלכע אילוסטרירן די דאָזיקע באַגעגעניש, דעם אויסזען פון די יידן, זייער טראַכט און הלבשה.

מיר דוכט, אַז דאָס איז דער איינציקער היסטאָרישער מקור פון דעם

מין, בפרט די צייכענונג איז אַן אמתער אוניקום פאַר די פאָרשער פון ייִדישער הלבשה אין די עלטערע צייטן.

2. די „אַלטע קאַטצע"

איך געפין זיך אין געוועזענעם ייִדישן קוואַרטאַל (געווען איז עס נישט מער ווי מיט 500 יאָר צוריק!). דאָ, וווּ איך גיי איז געווען די ייִדן־גאַס, היינט הייסט זי מינצען־שטראַסע. אָט איז אַ הויז נומער 23 און אויפן פראָנט־זייט אַ געמעל מיט גאָטישע אותיות, וואָס ווערט פאַרשווונדן צוליבן נישט אָפּהיטן אים פון רעגן, ווינט און שטויב, און מיר לייענען:

אַ ל ט ע ק אַ ט צ ע

ערשטע געזעלשאַפט־הויז פון די פּאַטריציער ביז 1424.
נאָכדעם די סינאַגאָגע און בשכנות די ייִדישע שול.

דער טאָוול אין קאָנס־טאַנץ אויף דער מינ־צען־שטראַסע, (געווע־זענע יודענשטראַסע), אין דעם הויז, וווּ עס איז אין 15טן יאָרהונ־דערט געווען די ייִדי־שע סינאַגאָגע, דער־נעבן איז געווען אַ „יודענשולע", משמעות אַ ישיבה.

הייסט עס, אַז אָט אויף די שטיינער, אויף דעם אָרט, האָט מען עס די אבות אבותינו געברענט און געבראָטן. און דער גורל האָט געוואָלט, אַז עס זאָל דאָך בלייבן אַ געדעכעניש, אַ שפור, אַ צושטייער צו אונדזער עבר־פאָרשונג.

3. דער „פולווער־טורעם"

איך בין ביים „רהיינשטייג", — דאָס שענסטע ווינקל פון פּרעכטיקן קאָנסטאַנץ. דאָ פאַרייניקט זיך דער רהיין מיט דער ריזיקער אָזיערע, מיטן באָדענזע. דאָ האָבן די שטאָט־טאַטעס פון קדמונים אויסגעקליבן אַן אָרט,

ווו צו שטעלן דענקמעלער פאַר די גרויסע לייט, פאַר די שררות, וועלכע האָבן פאַרדינסטן פאַר דער שטאָט. שפּאַציר איך פאַרביי דער סטאַטוע פון קאָנראַד, בישאָף פון קאָנסטאַנץ (975), ווייטער שטייט דער דענקמאָל פון בערטהאָלד דעם 1טן, דעם הערצאָג פון זאַערינגען (1078). און די דאָזיקע העלדן־גאַלעריע ווערט פאַרענדיקט מיט אַ ריזיקן טורעם, געבויט פון גרויסע גראַניט־קוואַדראַטן. אַ קליין שילדל אויפן מעכטיקן טורעם דערציילט:

ציגל־טורעמס, איצט פולווער־טורעמס,
גבויט אין יאָר 1321
די תפיסה פון די היגע יידן
פון די יאָרן 1430 ביז 1431
און פון די יאָרן 1443 ביז 1448

— של נעליך מעל רגליך! טו אויס די שיך פון דיינע פיס; דאָס אָרט איז נישט נאָר אַ היסטאָרישער דענקמאָל, עס איז אַ הייליקע רעליקוויע. וואָלט עס געווען ביי די אומות העולם, וואָלט מען אַהער פּילגרימקעס גע־פירט, עולה־רגלניקעס וואָלטן אין די טויזנטער געקומען, די שטיינער געקושט און מיט זיך ביסלעך שטויב פון דאָנען מיטגענומען לזכרון.

אָבער נישטאָ קיין צייט אויף מחשבותן — מען דאַרף ווייטער זוכן... מיר וועלן נאָך צו אים קומען.

4. צווישן פינף בעריאָזעס

די געמיטלעכקייט, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר קאָנסטאַנץ, קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק אויפן אָרטיקן בית־עולם.

עס איז דאָס ערשטע מאָל ווו איך טרעף אַזאַ בשותפותדיקייט, איין בית־עולם פאַר די דייטשן און פאַר די יידן. אמת, די יידן האָבן אַ באַזונ־דער קוואַרטאַל. אָבער ער איז מיט גאָרנישט אָפּגעטיילט פון איבעריקן טייל, קיין שום מחיצה, נאָר מיט אַ גרינעם קוסטעס־פּלויט.

אַן אמתע יענע־וועלט־אידיליע. עס קוקן זיך איבער אָן רוגזה די יידישע און דייטשע (לאַטיינישע ווי גאָטישע) אותיות; עס ווינקען געמיט־לעך די פאַרשידענע פאָזעס פון געקרייציקטן צו די מנורות, מגן־דודס און כוהנים־פינגער; עס שמועסן זיך דורך צווישן זיך די „ת. נ. צ. ב. ה.״ מיטן „רוהע אין קריסטי״.

אויף אויסערלעך שיידן זיי זיך נישט אויס צווישן זיך. עס פאַרכאַפּט

ראָס אויג די מעכטיקע מצבֿות פֿון ייִדישן טייל, פֿון וועלכן עס טיילן זיך אויס באַזונדער די קונסט־דענקמעלער פֿון דער משפּחה פּיקאַרד.

אָבער נישט צו די דאָזיקע מאַרמאָר־מיט־גאָלד באַפּוצטע און מיט בלומען באַצירטע שטיינער וועלן אונדזערע טריט זיך ווענדן. לאָמיר צוגיין צו דעם עלנטן, איינפאַכן שטיין, וועלכער איז מיט פֿינף ברייטע אַרומ־געריגלט. מען מוז זיך איינבויגן, גוט קנ׳יען צום פֿלאַכן, אויף דער ערד ליגנדן (נישט־שטייענדן, ווי אַלע מצבֿות) שטיין, כדי פֿונאַנדערצושיפֿרירן די קוים באַמערקבאַרע אותיות און מיר וועלן איבערלייענען:

עד הגל הזה

לשרפֿת ז׳ ס״ת (ספֿרי־תורות) יום א׳ ט״ז לחודש מרחשון
וקבֿורתם ביום ה׳ לתענית ציבור ג׳ לחודש טבֿת תרצ״ז.

עס הייסט: אַן עדות איז דאָס דאָזיקע בערגל וועגן דער שׂרפֿה פֿון די זיבן ספֿר־תורות, זונטיק, 16 טעג אין חודש מרחשון וועלכע זענען צו קבֿורה געקומען דאָנערשטיק, ביים תענית ציבור. דריי טעג אין טבֿת תרצ״ז.

דאָס איז די געשיכטע פֿון דער פֿייערדיקער „קריסטאַל־נאַכט״, פֿון נאָוועמבער 1938, ווען די נאַצי־באַנדעס האָבן מיט פֿייער און רויך חרובֿ געמאַכט הונדערטער סינאַגאָגעס. אויך קאָנסטאַנץ האָט געטיילט דעם גורל פֿון כּלל.

און לאָמיר זיך גוט פֿאַרטראַכטן — דאַן געפֿינען די ייִדן גענוג כּוח און מוט דורכצופֿירן די לוויה (זי האָט געמוזט זיין געהיים) פֿון די געשענ־דעטע ריינקייטן. מען האָט אַליין (אַן דער הילף פֿון אַ קוואַליפֿיצירטן מצבֿה־קריצער), אויסגעפֿאַרטיקט אַ שטיין, אויף וועלכן עס זאָל לדורות בלייבן די דאָזיקע געשעעניש. פֿון שטיין דערוויסן מיר זיך אויך, אַז די ייִדן האָבן אַלס צייכן פֿון דעם חילול השם פּראָקלאַמירט אַ תּענית־ציבור און עס קו־מען אַרויף רעיונות, מחשבֿותן און עס ווילט זיך אַרויסדרינגען פֿאַרשידענע מסקנות.

און איבערהויפּט האָבן מיך נישט געלאָזט רוען די 5 שלאַנקע ברעיאָ־זעס. זיי זענען די איינציקע אויפֿן גאַנצן בית־עולם, זיי טיילן זיך אויס פֿון די אַרומיקע סאָסנעס, דעמבעס, טאָפּאָלן א״אַנד. מסתּמא האָבן דאָך די יע־ניקע געהיימע קבֿרנים, וועלכע האָבן דאַן די דאָזיקע ברעיאָזעס פֿאַרפֿלאַנצט נעבן זייער פּשוטן שטיין, עפּעס מכוון געווען. וואָס האָבן זיי מיט דעם גע־צילט? מען קאָן זיך משער זיין, אַז זיי האָבן געוואָלט, דאָס דאָזיקע אָרט זאָל זיך אויסטיילן פֿון דעם איבעריקן בית־עולם אַרום. און אפֿשר האָבן

זיי טאַקע אויסגעקליבן די ווייסע בעריאָזעס, אַז די תכריכים־ריינקייט זאָל דערמאָנען און מאָנען. און אפשר האָט גאָר ווער פון די דאָזיקע אומבאַקאַנטע קברנים ערגעץ־ווו געלייענט דוד איינהאָרנס:

„זיי־זשע קליין בעריאָזקעלע
מתפלל אויך פאַר מיר..."

און נאָך די מחשבותן שווימט אַרויס אַ שאלה:

צי איז נישט כדאי מיט מער אויפמערקזאַמקייט זיך באַציִען צו אָט דעם איינזאַמען, פאַרוואָרלאָזטן שטיין, וועלכן מען וועט פאַרגעסן, און שוין היינט זענען די אותיות מטושטש, קוים לעזבאַר. מען וואָלט עס געדאַרפט באַנייען, אָפּפרישן און אפשר טאַקע מיט צווייטער מער לעזבאַרער שריפט באַגלייטן.

פאַרדינט ער דאָך אַריינגענומען ווערן אין אונדזער רעליקוויעס־גאַלעריע.

5. דער לעצטער אַקאָרד

מיר פאַרענדיקן אונדזער שפּאַציר, מיר זענען אויף זיגמונט־שטראַסע. דאָ איז ביז 1938 געווען די יידישע סינאַגאָגע; דאָ טאַקע האָבן עס די נאַציס אין דער „קריסטאַל־נאַכט" זייערע פינצטערע אַרבעט דורכגעפירט: אונטערגעצונדן און פאַרברענט די דאָזיקע געביידע.

אויפן אָרט פון דער חרוב־געוואָרענער סינאַגאָגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן, אין יאָר 1946, אין חודש מאַי, אַ דענקמאָל, אין העברעיִש און דייטש, וועלכער דערציילט אַז דאָ איז געשטאַנען די סינאַגאָגע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין די יאָרן 1861—1883 און איז דורך די ס. ס.־באַנדיטן דעם 10טן נאָוועמבער 1938 פאַרברענט געוואָרן.

דער פּלאַץ פון דער געוועזענער סינאַגאָגע איז נישט ווייט פון דעם וואָקזאַל. די סיגיזמונדשטראַסע נומער 19, ווו זי איז געשטאַנען, ליגט גראָד אויפן וועג וווהין מען פירט די הונדערטער אויספלוגן, וואָס ציִען זיך אַהער, אין דעם שענסטן ווינקל פון דעם מאָלערישן באַדענזע. די טוריסטן־פירער, ווען זיי פירן די עקסקורסיע צו דער באַרימטער פויפסטלעכער קאָנציל־געביידע, מוזן פאַרבייגיין דעם דאָזיקן פּלאַץ.

— איך האָב שוין געזען ווי אַזוי די דאָזיקע אויספלוגן ווערן געפירט — ער „שפּרינגט" איבער דער אַלץ־וויסנדיקער „טוריסטן־פירער"; עס איז אים נישט צום האַרצן צו געבן אויפקלערונגען וועגן דאָזיקן אויסטערלישן

„ריינעם“ פלאַץ מיט אַ מאָדנעם טאָפל אין אַן „עקזאָטישער“ שפּראַך. ער לאָזט עס דורך און שטייט פאַר אַ שווערן נסיון ווען עמיצער פון די פרעמדע — און אָפט זענען עס טאַקע אויסלענדער — פאַרהאַלטן זיך און פרעגן וועגן דעם דאָזיקן פלאַץ און זיין אויסטערלישן דענקמאָל.

איך האָב אָבער געזען ווי פרעמדע באַזוכער, קורגעסט אָדער טוריסטן, קויפן עטלעכע בלומען און לייגן אַוועק צופוסנס פון דעם פשוטן, נישט באַצירטן שטיין.

דער דענקמאָל אויף סיגיזמונד גאַס אין קאָנסטאַנץ, ווו עס איז געשטאַנען די סינאַגאָגע.

צי וואָלט נישט געווען כדאי אַ טראַכט צו טון וועגן שאַפן אַ מין דענקמאָל־אָפּהיטונג־אינסטאַנץ (ווי ביי די אומות־העולם), וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט אויסזוכן און נאָכדעם אָפּהיטן און פלעגן אָט די דאָזיקע הייליקע ערטער און דענקמעלער פון אונדזער עבר, וועלכע קענען זייער פיל צושטייער געבן פאַר אונדז אין דעם היינט און אַ סך לערע פאַרן עתיד.

נאָכמער דרינגענד ווערט דער ענין ווען עס איז קלאָר, אַז פון אַלע זייטן לויערט מען אויף די דאָזיקע ערטער און מען וואַרט אויף אַ געלעגנהייט ווען מען זאָל טאַקע ביזן וואָרצל פאַרניכטן אָט די שפּורן, אַז קיין זכר זאָל נישט בלייבן.

אַ „ווידערגוטמאַכונג" מיט 500 יאָר צוריק

...מה שהיה הוא שיהיה
ומה שנעשה הוא שיעשה
ואין כל חדש תחת השמש.

— — — — — — — — — — — — —

וואָס איז געווען דאָס וועט זיין
און וואָס איז געשען דאָס וועט געשען
און נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון.
(קהלת, קאַפּ. א׳ פּסוק 9).

ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אויף כל המינים אופנים, האָבן היסטאָריקער ליב צו עקספּלואַטירן דעם דאָ־זיקן קהלת־אַפאָריזם. ביי זיי הייסט עס — „די געשיכטע חזרט זיך איבער", אמת, נישט שטענדיק מיט אַלע פּרטים, נישט אידענטיש מיט די געוועזענע איינצלהייטן, אָבער דאָך אַ געוויסע אַנאַלאָגיע האָבן שפּעטערדיקע געשעענישן צו דעם „מה שהיה", צום „וואָס געווען".

איך זאָג עס אַקעגן דעם, וואָס די כל־המינים „נייעסן", וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט בימי היטלער און די שפּעטערדיקע נאָכווייעענישן, זענען גאָרנישט קיין אַנטדעקונגען פון דעם דריטן רייך, זיי זענען שוין אויף דער דאָזיקער עמלקים־ערד געווען מיט הונדערטער יאָרן צוריק — אין כל חדש, געבעלס און שטרייכער האָבן גאָרנישט מחדש געווען.

זענען מיר אין פּרעכטיקן קאָנסטאַנץ. אָט טאָקע אין דער דאָזיקער אַלט־יחוסדיקער שטאָט, וואָס ציט איר יידישן אורשפּרונג פון אָנהויב 12טן יאָרהונדערט.

הויבן מיר אָן צו מישן די מיט בלוט־פאַרשמירטע כראָניק־בלעטער פון דער דאָזיקער קהילה און מיר דערזעען, אַז.. „אין כל חדש", אַז דאָס וואָס אונדזער דור האָט דורכגעלעבט איז שוין געווען אין די אַלטע צייטן,

וואָס זענען געווען פֿאַר אונדז; זיי זענען שוין טאַקע פֿון די אור־זיידעס פֿון די ברוינע בעסטיעס איבער אונדזערע אור־עלטערן אויף דער גערמאַנישער ערד פּראַקטיצירט געוואָרן.

נעמען מיר, למשל, די היטלער־גזירות פֿון די „יידישע דערקענונגס־צייכנס": געלע לאַטעס, מגן־דודס, בלויע אָרעמבענדער, לאַטעס פֿון פֿאָרנט, לאַטעס אויף די פּלייצעס, געלע סימנים אויף קינדער־וועגעלעך. דאָס איז גאָרנישט קיין פֿרישע דערפֿינדונג פֿון נאָך 1933 — — זיי זענען שוין גע־ווען מיט העכער 1.000 יאָר צוריק!

אייגנטלעך האָבן זייער זעלטן געוווּסט די טרעגער פֿון דער היטלע־רישער געלער לאַטע, אַז די דאָזיקע גזירה איז שוין אַלט העכער טויזנט דריי הונדערט יאָר און, תּחילת איז עס געווען איינגעפֿירט, אויף פֿאַר קריסטן. אין יאָר 634 האָט דער מוסולמענישער קאַליף אָמאַר מתקן געווען:

„...כּדי צו פֿאַרהיטן די ריינקייט פֿון (מחמדס) אמונה, כּדי נישט פֿאַרמישן און זיך טועה זיין צווישן אַ גלויביקן און נישט־גלויביקן (אין איסלאַם)... האָבן אַלע נישט גלויביקע געדאַרפֿט טראָגן אויף זייערע בגדים ספּעציעל אָנגענייטע סימנים — אַ לאַטע אויף די אויבערשטע קליידער — די יידן אַ געלע לאַטע, די קריסטן אַ בלויע לאַטע".

די דאָזיקע גזירה פֿון די מחמדאַנישע לענדער, וועלכע איז, אגב, דאָרטן נישט זייער שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן, איז נאָכדעם איבערגענומען גע־וואָרן פֿון דער קריסטלעכער וועלט, וועלכע האָט פֿאַר די יידן באַהאַלטן דעם פֿריערדיקן, דעם געלן צייכן.

אין יאָר 1215 איז אויף דעם דריטן קאָנציל (פֿאַרזאַמלונג פֿון העכסטן ראַט פֿון דער קאַטוילישער קירכע) אין פּויפּסטלעכן פּאַלאַץ אין רוים, אין לאַטעראַן, באַשלאָסן געוואָרן:

„...כּדי גלויביקע (אין קריסטוסן) זאָלן זיך גלייך פֿון ערשטן קוק אונטערשיידן פֿון די נישט־גלויביקע ווערט באַשטימט, אַז יידן און איסלאַמער, מענער און פֿרויען פֿון 12 יאָר אָן, דאַרפֿן אין אַלע לענדער, וועלכע געפֿינען זיך אונטער דער קריסטלעכער ממשלה, טראָגן אויף זייערע קליידער ספּעציעלע סמנים"...

ווי געזאָגט, איז פֿאַר די יידן איבערגעלאָזט געוואָרן די זעלבע פֿאַרב. וואָס עס האָט באַשטימט דער איסלאַמישער קאַליף אָמאַר — די געלע.

איז וואָס שייך קאָנסטאַנץ, איז כאַראַקטעריסטיש דער וויטערדיקער פּרט:

משמעות, אַז דאָרטן האָט מען נישט שטאַרק מקפּיד געווען אויפן דאָזיקן ענין, ווייל אין דעם פרייבורגער קאַטוילישן דיעצעזיע־אַרכיוו (דאָקומענט נומער 364 פון אָפּטיילונג 10), געפינט זיך אַן אזהרה פון פּויפּסט אינאָקענטיוס דעם 4טן, וועגן דעם. אין אַ בריוו צום קאָנסטאַנצער בישאָף שרייבט ער, אַז צו זיינע אויערן זענען דערגאַנגען שמועות, אַז די יידן היטן נישט אָפּ די תקנה פון ספּעציעלן יידן־צייכן, וואָס עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויף דעם לאַטעראַנישן קאָנציל און ער פאָדערט אויף אַכטונג צו געבן, אַז די דאָזיקע תקנה זאָל אָפּגעהיטן ווערן.

ווי מיר זעען, האָט טאַקע דער היטלערישער „יודען־צייכן", וועלכער ווערט אין אונדזער אַלטער ליטעראַטור אָנגערופן „כתם של שמצה" אָדער „אות הקלון" (שאַנד־סימן) הינטער זיך לאַנגע גערמאַנישע טראַדיציעס.

אָדער נעמען מיר די נאַצישע דערפינדונג „קרעמאַטאָריומס", דערציילן טאַקע קאָנסטאַנצער כראָניקעס דערוועגן זייער אַ סך. זיי שילדערן די מיטלאַלטערלעכע יידן־פאַרברענונגען, וואָס דערמאָנען אונדזערע היינטיקע מאָדערנע קרעמאַטאָריעס.

לאָמיר ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן פון די דאָזיקע כראָניקעס. מיר וועלן עס איבערגעבן מיטן זעלבן סטיל, ווי זיי זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין זייער צייט, אויף דער הייסער מינוט.

אין דער כראָניק פון יאָהאַן פאָן ווינטערטהור ווערט דערציילט די געשיכטע פון 1334, ווי אַזוי אַ קריסט האָט געגנבעט אַ הייליקע האָסטיע פון דער פּאַולוס־קירכע און האָט עס פאַרקויפט אַ יידן, וועלכער האָט די דאָזיקע הייליקייט „געפּייניקט". און דער כראָניקער דערציילט:

> „...די אויפגערעגטע צוליב דעם בירגער זענען זיך דעריבער צונויפגעלאָפן, כדי נקמה צו נעמען אָן די יידן, וועלכע האָבן אַזוי געמאַטערט זייער גאָט. די געכאַפּטע ביים פאַרברעכן יידן זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן ווי אָקסן, 12 זענען פון דער שטאָט אַרויסגעטריבן געוואָרן, מען האָט זיי אַרויפגעוואָרפן אין אַ הויפן און זיי פאַרברענט. זעקס זענען דערטרונקען געוואָרן אין רהיין און 9 זענען אויף אַן אַנדער אופן דערהרגעט געוואָרן"...

אַזוי דערציילט לפי־תומו דער דאָזיקער פרומער כראָניקער מיט 600 יאָר צוריק. אויב אין דער געשיכטע פון 1334 האָט זיך געהאַנדלט „נאָר" וועגן צוועלף געהרגעטע יידן, דערציילט אונדז אַ צווייטער כראָניקער, דער צערעמאָניאַל־מייסטער פון קאָנסטאַנצער ראָט, היינריך פאָן דיזענהאָפען, אַזאַ געשיכטע:

„דעם צווייטן יאַנואַר 1349 האָט מען אַלע ייִדן פון קאָנסטאַנץ פאַרשפּאַרט אין צוויי הייזער, ווייל זיי האָבן פאַרסמט די ברונעמער. מען האָט זיי דאָרטן געהאַלטן ביזן 3טן מערץ. אין דעם דאָזיקן טאָג האָט מען זיי אַלע, דריי הונדערט דרייסיק מאַן, אַרויסגעטריבן אויפן פרייען פעלד, הינטער דער שטאָט און מען האָט זיי אַריינגעיאָגט אין אַ ספּעציעל צו דעם צוועק אויפגעבויטע געביידע, וואָס מען האָט אונטערגעצונדן און מען האָט זיי אַלע 330 פאַרברענט. איין טייל איז געגאַנגען אין די פלאַמען טאַנצנדיק, אַנדערע האָבן געזונגען קאַפּיטלעך תהילים, אַ דריטער טייל האָט געוויינט“...

ווי מיר זעען, האָבן מיידאַנעק, בעלזשיץ, אוישוויץ און אַנדערע פאַרניכטונגס־לאַגערן געהאַט זייער בראשית מיט העכער 600 יאָר צוריק אין קאָנסטאַנץ.

קערן מיר זיך צוריק אום צום „פּולווער־טורעם“, וואָס ווערט אויך גערופן „יודען־טורעם“, וואָס מיר האָבן פריִער דערמאָנט. אַט דער אָ טונקעלער מאַסיווער גראַניט־טורעם אויף דער פיינער אַלעעביים „רהיין־שטייג“ דערציילט אונדז וועגן דער דאָזיקער מאַרטיראָלאָגיע. אַרומגעוועבט מיט אָן אַ שיעור אויסטערלישע לעגענדעס איז ער דער דאָזיקער טורעם וואָס האָט אַ ריי נעמען.

עס ווערט דערציילט, אין צענדליקער בשעתם פאַרצייכנטע כראָניקעס, אַז ייִדן האָבן דעם דאָזיקן טורעם אויפגעבויט. דאָס האָבן זיי, פאַרן פרייז פון געניסן פון דער שוץ און פון די רעכט אין קאָנסטאַנץ, אויסגעבויט פאַר

דער „ציגל־טורעם“ אָדער „פּולווער־טורעם“ אויך „יודען־טורעם“ אין קאָנסטאַנץ.
די תפיסה פון די קאָנסטאַנצער ייִדן אין די יאָרן 1430־1431 און 1443־1448.

זייער געלט דעם דאָזיקן שוץ־טורעם, אַ טייל פון דער שטאָטישער באַפעס־טיקונג.

פון דאַנען דער נאָמען „יודענטורעם". ער הייסט אויך „ציגלטורעם" און ווייל ער איז גענוצט געוואָרן ווי אַן אַרסענאַל פאַרן קאָנסטאַנצער מי־ליטערישן גאַרניזאָן, הייסט ער אויך פולווער־טורעם.

איז אויפן דאָזיקן טורעם אָנגעקלאַפּט אַ ווייס־לאַקירטע אָנדענק־טאָוול, ווו מיר לייענען, אַז אין דאָזיקן טורעם, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין יאָר 1321, איז געווען די „געפענגעניש דער היזיגען יודען". צוויי מאָל זענען דאָ די יידן פאַרשפּאַרט געוואָרן, דערציילט די טאָוול: איינמאָל אין די יאָרן 1430—1431, און דאָס צווייטע מאָל פון 1443 ביז 1448, — גאַנצע פינף יאָר.

דער דאָזיקער אַרעסט איז געקומען צוליב אַן עלילת־דם־העצע. מען האָט די יידן אָפּגעהאַלטן אין דאָזיקן טורעם 5 יאָר און נאָכדעם באַפרייט ווי אומשולדיקע פון יעדן פאַרברעכן.

און דאָ טאַקע קומען מיר צו דעם דאָזיקן היינט שוין אַזוי טרויעריק־באַקאַנטן וואָרט „ווידערגוטמאַכונג".

וועגן דער באַפרייונג פון די קאָנסטאַנצער יידן האָב איך אָנגעטראָפן אַן אינטערעסאַנטן דאָקומענט, וואָס באַווייזט, אַז שוין מיט 500 יאָר צוריק איז די פראַגע „ווידערגוטמאַכונג" געשטאַנען פאַר די דייטשן און אַז דאַן האָבן זיי זיך בעסער אַן עצה געגעבן ווי זייערע היינטיקע אייניקלעך...

די עלטער־זיידעס פון די היינטיקע „ווידערגוטמאַכערניקעס" האָבן זיך אַרויסגעוויזן מער פאַרזיכטיקער, וויטזעעוודיקער און פראַקטישער ווי די היינטיקע. זיי האָבן, איידער זיי האָבן אַרויסגעלאָזן פון הינטער די קראַטעס זייערע געפאַנגענע, ווען מען דאָס געריכט האָט אָנערקענט פאַר אומשולדיק, זיך גוט באַוואָרנט, אַז זייערע קרבנות זאָלן נישט מאָנען דאָס, וואָס מען האָט ביי זיי צוגערויבט, אַז זיי זאָלן נישט וועלן צוריק אָפּנעמען דאָס געגזלטע.

איך האָב דעם דאָזיקן דאָקומענט, וואָס איז אונטערגעשריבן פון די באַפרייטע אסורים אין 1448, אויסגעפונען אין באַדישן גענעראַל־אַרכיוו איר קאַרלסרוע (אורקונדע נומער 5 — 341 פון 2טן אַפּריל 1448, דעפּאָ־נירט אין שטראַסבורג).

דער דאָזיקער דאָקומענט איז באַטיטלט מיטן קעפּל:

„די זייט 1443 געפאַנגענע קאָנסטאַנצער יידן דערקלערן ביי זייער באַפרייונג קיין שום שאָדן־פאַרגיטיקונג צו פאָדערן"...

און אַט האָב איך דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן דאָקומענט (אָדער ווי ער הייסט: „קוויט־בריוו״), וועלכן עס האָבן על־פּי צוואַנג אונטערגעשריבן די 5 יאָר אומשולדיק געפּייניקטע ייִדן. אין זייער נאָמען שרייבן אונטער.

יעקב און גבריאל הלוי; די ברידער שלמה און יוסף פון דאָרפעלדען; גבריאל טריוויש; זיין ברודער אברהם פון קאַלמאַר; שמואל עבערלין פון ווינטערטור; יוסף דער זון פון מתתיהו און אַנדערע.

זיי דערקלערן, אַז זיי זענען גליקלעך, וואָס זיי זענען אַרויס, בזכות פון די לויכטיקע שררות, אויף דער פריי. זיי דערקלערן, אַז זיי פאַרלאַנגען נישט קיין שום „שאָדן־ערזאַץ״. נאָך מער — זיי באַפולמעכטיקן, אַז פון זייער האָב און גוטס, (וועלכעס זיי באַקומען סיי־ווי נישט), זאָל מען אַראָפּנעמען פאַר די הוצאות פון זייער אויסהאַלטונג אין משך פון פינף יאָר, פאַר די פּראָצעס־אויסגאַבן אאַ״וו.

ניט איין הייניטיקער דייטשער יוריסט און פינאַנץ־לייטער, וועלכער באַשעפטיקט זיך מיט דער „ווידערגוטמאַכונג״ פון די נאַצישע קרבנות קאָן מסתמא זיך נישט שענקען, פאַרוואָס מען האָט ביי די קאַצעטלער נישט גענומען אַזעלכע „פּאַפּירלעך״. שטעלט איך פאַר, וויפל „קלאָפּאָטן״ און קאָפּברעכענישן מען וואָלט עס אַלץ איינגעשפּאָרט. עס וואָלט דאָך בכלל צום גאַנצן פלאַנטער פון דער „ווידערגוטמאַכונג״ נישט געקומען.

און אפשר גיבן זיי זיך אַ טראַכט, אַז מען וואָלט דאָך דאַן גאָר געקענט מאַכן אַ גוט געשעפט דערביי. מען וואָלט דאָך ביי די באַפרייטע געקענט אויפמאָנען פאַר זייער אויסהאַלטונג אין די לאַגערן, פאַרן „עסן״ און „קליידונג״. און פאַר וואָס נישט ווי אין קאָנסטאַנץ — פאַר דער שמירה, פאַר די „אַרמע ס.ס.־קערלס״, וועלכע האָבן זיך נעבעך געמוטשעט ביי דער שמירה... און ביי די לעבנגעבליבענע יורשים פון פאַרקאַלכטע, פאַרגאַזטע, פאַרפּייניקטע וואָלט מען אויפגעמאָנט די הוצאות פון דער „קבורה״...

און ווער וויס, אפשר וואָלטן זיי טאַקע אויף אַזאַ געדאַנק געקומען, ווען די באַפרייונג פון 1945 וואָלט געלעגן אין זייערע הענט. דאַן וואָלטן זיי זיך מן־הסתם באַזאָרגט, אַז זיי זאָלן נישט האָבן קיין ווידערגוטמאַכונג־נאָכווייעענישן; זיי וואָלטן שוין צוגעגרייט די געהעריקע יוריסטישע כללים מיט דער גאַנצער דייטשער פּינקטלעכקייט און אָרדענונג.

יאָ, עס איז זיי נעבעך געשען אַן אומגליק... וואָלטן זיי דאָס פאַרויסגעזען, וואָלטן זיי דעם קאָנסטאַנצער מוסטער פון פאַר 500 יאָר אויסגענוצט...

דער סוד פון מגן-דוד פון האַמעלן

האַמעלן איז אַ שטעטל פון נידערזאַקסן, נישט ווייט פון האַנאָווער. דאָס דאָזיקן אָרט געהערט צו די שענסטע אויספלוג־פלעצער אין יענער געגנט. דאָ הויבט זיך אָן דער שטראָמיקער וועסער, וואָס ביי זיינע ברעגעס זענען טאַקע דאָ, אין האַמעלן, אויפגעבויט געוואָרן גרויסע וואַסערמילן — די באַרימטע אין דער תבואה־וועלט „ראָגגענמיהלע" און „וייצענמיהלע". אין דעם שטאָטישן עמבלעם פון האַמעלן געפינט זיך טאַקע אַ מילשטיין וואָס ווערט געהאַלטן פון צוויי לייבן.

האַמעלן איז אין דער וועלט באַקאַנט אונטערן נאָמען די „שטאָט פון דעם מויזנכאַפּער" (אויף דייטש: „ראַטענפאַנגער"). אַ לעגענדע דערציילט, אַז אין יאָר 1284 איז אויף האַמעלן געקומען אַן אינוואַזיע פון מייז, גאַנצע מחנות האָבן באַלאַגערט די שטאָט און מען האָט פון זיי נישט געקענט פטור ווערן. עס האָט זיך אָבער געפונען איינער אַ „ראַטענפענגער", ער האָט אויף זיין פייפל אויסגעשפילט אַזאַ מעלאָדיע וואָס האָט אַרום אים צונויפגעקליבן די מייז און ער האָט זיי מיט זיין שפילן אַריינגעפירט אין טייך אַריין. אָן אַ שיעור לעגענדעס זענען מיט דער דאָזיקער געשיכטע פאַרבונדן און אין האַמעלן געפינט זיך אַ סעריע זעענסמערקווירדיקייטן וואָס זענען פאַרבונדן מיטן „ראַטענפענגער". עס איז דאָ אַ „ראַטענפענגער־האַוז", אַ „ראַטענקרוג", „ראַטענפענגערקונסטאוהר" וכדומה. פון די דאָזיקע „מייז" פון פאַר 600 יאָר, מאַכן די האַמעלענער גאַסט־הייזער, קאַפע־הייזער נישט קיין שלעכטע געשעפטן, ווייל יאָר־יערלעך ווערט דאָ איינגעאָרדנט אַ שפיל אַזאַ, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די געשיכטע מיט דער מויזישער אינוואַזיע און ווי מען פאַרטרייבט זיי אין טייך אַריין. צו דעם דאָזיקן „מויזן־פעסטשפיל" קומט מען פון מרחקים און... פדיון פעלט נישט.

אויב דעם ייִדישן עולם איז נישט באַקאַנט דער דאָזיקער „מויזן־יחוס״ פון האַמעלן וועלן זיי זיך זיכער דערמאָנען אין גליקל פאַן האַמעלן. דער דאָזיקער נאָמען האָט זיך ווייט און ברייט באַקאַנט געמאַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

די זכרונות פון דער פרוי גליקל פאַן האַמעלן זענען פון די ערשטע מעמואַרן ביי ייִדן און דאָס נאָך אין ייִדיש! האַרט פאַרן לעצטן חורבן איז דאָס דאָזיקע מערקווירדיקע זכרונות־בוך באַאַרבעט געוואָרן פאַרן טעאַ־טער און האָט באַשיינט די ייִדישע בינעס אין פוילן און אין אַנדערע ייִדישע צענטערן.

דאָס דאָזיקע מעמואַרן־בוך (אייגנטלעך 7 טיילן), וואָס עס האָט אָנ־געהויבן שרייבן די ייִדישע פרוי פון דייטשלאַנד אין יאָר 1690 און עס געפירט ביז פאַר איר טויט (1724), איז נישט נאָר פון די וווּנדערבאַרע עקזעמפּליאַרן פון דער ייִדישער מעמואַרן־ליטעראַטור, עס איז איינער פון די וויכטיקסטע צייט־דאָקומענטן פון לעבן פון די ייִדן אין דייטשלאַנד און פון דער ייִדיש־דייטשער שפּראַך אין דער דאָזיקער צייט. די דאָזיקע מע־מואַרן זענען אַן אומגעהויערער צושטייער צו דער פּאָליטישער און ווירט־שאַפטלעכער געשיכטע פון די דייטשע ייִדן אין דער דאָזיקער תקופה און באַרייכערן אונדזערע ידיעות וועגן דעם שטייגער און די זיטן פון די ייִדישע קהילות אין יענער צייט.

אמת, דאָס אַלץ האָט נאָר אַ פאַרביי־שייכות צו דער געשיכטע, וואָס עס וועט זיך ווייטער דערציילן; איך האָב נאָר דערמיט געוואָלט אונטער־שטרייכן, אַז דער נאָמען האַמעלן איז מחויב צו זיין באַקאַנט צווישן די ייִדן. גליקל גופא איז געבוירן געוואָרן אין האַמבורג, אָבער איר מאַן חיים האָט געטראָגן דעם נאָמען פון זיין שטעטל, מיט וועלכן זי האָט זיך שטאַרק געיחוסט; הגם זי איז געבליבן זייער יונג אַן אלמנה און האָט נאָך זיין טויט חתונה געהאַט קיין מעץ, האָט זי זיך נאָך אַלץ גערופן מיטן נאָמען האַמעלן.

***

האַמעלן געהערט טאַקע צו די עלטסטע ייִדישע ישובים אין דייטש־לאַנד. אין אַלטע שטאָטישע דאָקומענטן און אין שטאָט־פּלאַן ווערט שוין אין יאָר 1038 (מיט 1.000 יאָר צוריק) דערמאָנט די יודענגאַס (די היינטיקע בוימאַרקשטראַסע).

עס איז מיר אויסגעקומען צו בלעטערן אַ זייער רייכן אַרכיוו־מאַטער־

יאַל וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין האַמעלן אין 13טן און 14טן יאָרהונ־דערט. אַ פאַרשידנאַרטיקע רייכע געדרוקטע ליטעראַטור איז פאַראַן וועגן דער דאָזיקער שיינער שטאָט. צווישן דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער שטאָט, דער געדרוקטער, זענען צעזייט זייער וואָגיקע ידיעות וועגן דער ראָל און אָרט פון די ייִדן דאָרטן אין משך פון אַ גאַנצן יאָרטויזנט.

און אַ געשיכטע פון אַ ייִדישער קהילה אין דייטשלאַנד מיינט דאָך טאַקע אַ לאַנגע קייט פון „פּריווילעגיעס" (די געגנזענפּיסלעך זענען דאָ נישט קיין צופאַל), קעניגלעכע און פירשטלעכע עדיקטן, קלויסטערישע פאַראָר־דענונגען, „שוץ־בריוו", פון וואָס עס פלעגן אַרויסקומען גזירות, גירושים, שחיטות און פאַרניכטונג.

איז טאַקע האַמעלן נישט קיין אויסנאַם. די דאָרטיקע עדה האָט איר רייכן צעטל פון מהומות און אויפבליִען; פון העלע צייטן און בלוטיקע פּעריאָדן און אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע גילגולים ווערן אין די כּל־המינים מעמאָר־ביכער דערמאָנט די „הרוגי ושרופי המלא על קידוש השם"... די געשאָכטענע און פאַרברענטע קדושים פון האַמעלן...

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ טייל מיילן־שטיינער פון דעם געשיכט־לעכן שפּאַציר פון דער קהילה קדושה האַמעלן:

1038 — מיר האָבן דאָרטן אַ גאָר אַלטע קהילה, ווייל שוין דאַן איז דאָרטן דאָ די „יודענגאַסע". דאָס הייסט, אַז ייִדן האָבן זיך דאָרטן פון פריִער אַריינגעצויגן, הייזער געבויט, אַן אייגענע גאַס געהאַט.

1277 — אין דער „פּריווילעגיע" פון וועלפישן הערצאָג אַלברעכט פאַר דער שטאָט האַמעלן ווערט געזאָגט, אַז ייִדן קאָנען דאָרטן וווינען, אַז זיי דאַרפן צאָלן שוצגעלט און געניסן פון געהעריקע רעכט.

1320 — אין דעם יאָר געפינען מיר דעם זייער אינטערעסאַנטן היס־טאָרישן פאַקט, אַז ייִדן באַטייליקן זיך אין דעם מיליטער־פליכט־דינסט ביי די שטעט. פיר שטעט זענען עס: וואָרמס, רעגענסבורג, קעלן און ה אַ מ ע ל ן. די ייִדן פון די דאָזיקע קהילות זענען, צוגלייך מיט די אַנדערע בירגער, מחויב צו שיצן די שטאָט בעת אַ מלחמה און דאַרפן צוזאַמען מיט אַנדערע בירגער זיך צושטעלן פערזענלעך, בעת אַ שונאס איבערפאַל, צו דער שוצמויער.

1344 — פון דער דאָזיקער דאַטע איז געבליבן אַ דאָקומענט, אַז דער ראַט האָט דערלויבט 2 ייִדן אין זייער הויז אויפצובויען אַ סינאַגאָגע. פון דעם זעלבן יאָר שטאַמט דער טעקסט פון דער ייִדישער שבועה ביי געריכטן. דער דאָזיקער נוסח הייסט טאַקע דער „האַמעלנער".

1348 — האַמעלן גייט־אָפּ מיט בלוט בעת דער דעמאָלטדיקער רדי־פות־כוואַליע. פון דער צייט שטאַמט טאַקע דער יזכור פאַר די קדושי־האַמעלן.

1407 — מיר טרעפן זיך שוין ווידער אָן אויף יידישע שפּורן אין האַמעלן. איינער אַ ייד, יואל, ווערט גענומען אין שוץ פון ראַט, וואָס זאָגט, אַז קיינער טאָר אים נישט ערגעצוווּ אַנדערש משפּטן.

אין זעכצנטן יאָרהונדערט פאַרמאָגט שוין האַמעלן אַ גאָר חשובע קהילה. אין דעם יאָרהונדערט קומט פאָר אַ שטרייט וועגן די האַמעלנער יידן. אין יאָר 1590 איז פאָרגעקומען דער גירוש פון די יידן אין גאַנצן וועלפישן לאַנד. דער הערצאָג יוליוס הײנריך וויל אויך פאַרטרייבן די יידן פון האַמעלן. דער ראַט פון דער שטאָט שטעלט זיך קעגן. ער פאַררופט זיך אויף אַלטע פּריווילעגיעס און רעכטן פון די יידן. צוויי שטעט האָבן אויסגעמיטן די דאָזיקע אכזריותדיקע גזירה: האַנאָווער און האַמעלן. אַהער זענען טאַקע געקומען זייער אַ סך פּליטים פון די אַרומיקע שטעטלעך.

וועגן די יידן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט דערמאָנט שוין גליקל אין אירע מעמואַרן. אין דער אַרבעט פון פּרווידענטאַל וועגן די יידישע מעסע־געסט אין לייפּציג געפינען מיר דריי יידן סוחרים פון האַמעלן, וועלכע זענען אין 17טן יאָרהונדערט געקומען צו די לייפּציגער יאַרידן.

אין שטאָטישן אַרכיוו געפינען זיך אויך די מאַטעריאַלן פון דער „נייער" סינאַגאָגע, אַז זי איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1879. אין דעם זעלבן אָרט געפינען זיך די מאַטעריאַלן וועגן יידישן בית־עולם, אַז ער איז באַנוצט געוואָרן פון יאָר 1742 אָן.

דאָס איז בקיצור דער יחוס־בריוו פון דער קהילה־קדושה האַמעלן. קיין גרויסע קהילה איז אָבער אין די לעצטע יאָרן דאָרטן נישט געווען. בסך־הכל האָבן דאָרטן געפירט רבנות נאָר 4 רבנים: רבי אליעזר־ליזער לאַנגענצאַן (געשטאָרבן 1749); רבי נתן ברב לייב האמעל (געשטאָרבן 1751); רבי יוסף בן שמעון לעווי (געשטאָרבן אין יאָר 1761) און רבי משה־יהודה זעלקעלי (געשטאָרבן 1782). פון דאַן אָן, דאָס הייסט שוין אַ רעכענונג פון 170 יאָר, איז אין האַמעלן נישט געווען קיין רב. געפסקנט זייערע שאלות האָט דער רב פון האַנאָווער.

אין משך פון די לעצטע 50 יאָר איז צאָלמעסיק די האַמעלנער קהילה געשטאַנען אויף דער זעלבער הויך — אין יאָר 1892 זענען דאָרטן געווען 180 נפשות און אין יאָר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט,

זענען דאָרטן געווען 170 ייִדן, אויף דער אַלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג פון 27.000.

פונדעסטוועגן האָט די דאָזיקע קליינע איינגעשרומפּענע עדה געפירט אַ רירעוודיקע ייִדישע אַרבעט; עלף קינדער זענען געווען צווישן די 170 נפשות און עס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פאַר זיי אַ לערער. דער זעלבער איז אויך געווען אַ חזן, אַ שוחט, דער פאָרזיצער פון דער חברה קדישא און דער פּרעזידענט פון דעם „ייִדישן יוגנט־פאַריין".

די דאָזיקע עדה פון 170 נפשות מיט 11 קינדער האָט פאַרמאָגט אַ צאָל פאַריינען און אָרגאַניזאַציעס.

1. די שוין דערמאָנטע חברה קדישא, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1892 און האָט פאַרמאָגט 41 מיטגלידער.

2. אַ „פרויען־פאַריין" געגרינדעט אין 1892, מיט 60 מיטגלידער און אַ פּרעזידענטין, ראָזע בערנשטיין;

3. דעם דערמאָנטן „יוגנט־פאַריין";

4. אַ ליטעראַטור־פאַריין;

5. אַ צענטראַל־פאַריין און

6. אַ ציוניסטישע אָרטס־גרופּע (פאָרזיצער פון דער גרופּע איז געווען ד"ר קאַצענשטיין, וועלכן איך האָב געטראָפן ווי אַ שליח פון ישראל צו דער ווידערגוטמאַכונג־אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד „אירסא").

און דאָס אַלץ פאַר די 170 ייִדן מיט זייערע... 11 קינדער.

* * *

געקומען בין איך אין האַמעלן צוליב אַ חידוש, וואָס איז דאָרט אַנטדעקט געוואָרן, און דערציילט וועגן דעם האָט מיר דער דירעקטאָר פון דעם נידערזאַקסישן מלוכהשן אַרכיוו אין האַנאָווער, דער ד"ר שנאַטה.

באַאַרבעטנדיק די רייכע ייִדישע זאַמלונגען פון דאָזיקן אַרכיוו האָט ער מיר אינפאָרמירט וועגן די אַרומיקע ייִדישע ישובים און דערציילט, אַז ביים רעמאָנטירן אַן אַלט־גאָטישן הויז האָט מען אין האמעלן, אין אַ דאַךוואַנט, געפונען אַ מגן־דוד, אויסגעהאַקט פון שטיין. איך פאַרשפּאַר דאָך צו זאָגן, אַז דער דאָזיקער „שפור" האָט געלאָקט.

אין האַמעלן, האָב איך מיט קיינעם נישט געהאַט צו רעדן. פון די געוועזענע אין 1933טן יאָר 170 ייִדן איז קיין איינער נישטאָ — זיי זענען „נישט צוריקגעקומען"...

בין איך געגאַנגען אויף דער בירענסשטראַסע, ווו עס איז געשטאַנען די סינאַגאָגע — אויך דאָרטן האָב איך גאָרנישט געפונען, ווייל אין דער בלוטיקער בראַנדנאַכט פון נאָוועמבער 1938, אין דער „קריסטאַל־נאַכט״, איז זי אויפגעריסן געוואָרן — אַ ליידיקן פלאַץ האָב איך אָנגעטראָפן.

באַגלייט מיך אין דעם זוכן דעם „וואָס געווען״, די שאָטנס פון דעם אַמאָל, דער אַלטיטשקער שטודיענראַט שפּאַנוטה, וועלכער האָט שוין אויסגעביטן זיינע 8 צענדליק יאָרן און האָט פאַרזוכט צווישן 1933—1945 דעם טעם פון נאַצישע קאַצעטן (ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויפן אָרט און היינט דער פירער פון אַלטערטום־פאַריין).

די לעווען־אַפּאָטהעקע אין האַמעלן, אויף דער בעקער־שטראַסע, אין ראָג פון דער געוועזענער יודענגאַסע.

אין דער געביידע, וואָס שטאַמט פון 13־טן יאָרהונדערט איז דאָס אין דאַכוואַנט־שפּיץ געפונען געוואָרן דער שטיינערנער מגן־דוד. אויבן רעכטס דער מגן־דוד.

שטייען מיר טאַקע פאַרן הויז, ווו דער דערמאָנטער מגן־דוד איז אַנט־דעקט געוואָרן.

דאָס איז איינע פון די באַרימטע געביידעס פון דער שטאָט; זי גע־הערט צו די אַרכיטעקטאָנישע זעלטנהייטן פון האַמעלן; דאָס הויז געפינט זיך אונטערן „דענקמאָל און אַלטערטום־פלעגע״, ווייל זי איז פון די גע־ציילטע געביידעס, וואָס זענען געבליבן פון 13טן יאָרהונדערט. יעדער טו־ריסט ווייסט, אַז ער דאַרף באַקוקן די „לעווען־אַפּאָטעקע״ — די ראָזשינקע פון האַמעלן.

די „לעווען־אַפּאָטעקע״ געפינט זיך אויף דער היינטיקער פרינציפּיע־לער גאַס פון דער שטאָט, אויף דער בעקער־שטראַסע נומער 12. עס איז אַן עקהויז, וואָס גייט־אַריין אין דער נוימאַרקטשטראַסע, די יעניקע, וואָס האָט ביז מיט 100 יאָר צוריק געהייסן די יודענשטראַסע און הייסט נאָך עד־היום אַזוי אין פאָלקס־מויל, די גאַס, ווו ס׳איז מיט 1.000 יאָר צוריק געווען דער יידישער ווינ־קוואַרטאַל.

דערציילט מיר דער שטודיענראַט שפּאַנוטה, אַז אין יאָר 1948 איז מען צוגעטראָטן רעמאָנטירן דעם בנין. טייל שטוקאַטור איז אָפּגעריסן געוואָרן. דער דאַך האָט דורכגעפוילט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּ־ברעקלען שטיקער פון די בוידעם־ווענט.

ווען מען האָט אָנגעהויבן באַזייטיקן דעם אַלטן טינק פון דער בוידעם־וואַנט, כדי עס צו פאַרבייטן מיט פרישן, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרמויערטע פענצטער. דער טייל פון בוידעם, וואָס גייט־אַרויס צום פראָנט, איז געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און פאַרמויערט. ביי דער ווייטער־דיקער אַרבעט האָט מען אין דעם סאַמע אויבן פון דער דאָזיקער בוידעם־וואַנט געפונען אַ קיילעכדיק פענצטער, 55 צענטימעטער אין דיאַמעטער, וואָס איז געמאַכט פון שטיין אין דער פאָרעם פון אַ מגן־דוד.

די דאָזיקע אַרכיטעקטאָנישע אַנטדעקונג אין דאָזיקן יחוסדיקן הויז פון מיטלאַלטערלעכן האַמעלן האָט אַרויסגערופן אַן אינטערעס נישט נאָר ביי די אָרטיקע אַלטערטום־פאָרשער.

אין דער אָרטיקער פרעסע האָט זיך געעפנט אַ גרויסע דיסקוסיע וועגן דעם. אַלע אונטערזוכונגען האָבן באַוויזן, אַז דער שטיין און די אַרבעט שטאַמען טאַקע פון דעם 13־14טן יאָרהונדערט, אָבער צי האָט עס צו טון מיט יידן? עס האָט זיך אַפילו געפונען איינער, וועלכער האָט גע־וואָלט אויפווייזן, אַז דאָס האָט צו טון מיט אַ קריסטלעך־קירכלעכן סימ־

באַל. והאַ־ראיה, אַז אין דעם שכנותדיקן שטעטל מינדען געפינט זיך אין דער קירכע אַזאַ מין פענצטער.

אָבער דער אויבנדערמאָנטער שטודיענראַט שפּאַנוטה האָט געבראַכט גאָר אַן אַנדער אויפקלערונג. ער מיינט, אַז דאָס איז אַן איבערבלייבעכץ נאָך דער עלטסטער ייִדישער סינאַגאָגע אין האַמעלן.

ער באַווייזט עס מיט פאַקטן, מיט דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט אויסגעפונען אין אַלטע שטאָטישע אַרכיוון. דהיינו:

די „לעווען־אַפּאָטעקע" איז געווען די גרענעץ־געביידע פון געוועזע־נעם געטאָ; דאָס הויז שטייט מיטן הויז־אַריינגאַנג אין דער געוועזענער יודענשטראַסע, וואָס האָט אין מיטלאַלטער גאָר געהייסן גאָענשטראַסע (פון וואָרט גאון?). ווידער האָט ער מיט אַ צען יאָר צוריק אין איינעם פון די אַלטע שטאָטישע כראָניק־ביכער געפונען פאַרשריבן, אַז די ייִדן האָבן פון דער שטאָט „גענומען אין אַרענדע" איינס פון די „געמויערטע" הייזער, וואָס גרענעצן זיך מיטן געטאָ. צען יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געוואָלט אויס־געפינען, וואָס פאַר אַ הויז מען מיינט, וואָס פאַר אַ געביידע איז עס פון די ייִדן געדונגען געוואָרן. מיט דער איצטיקער אַנטדעקונג, דעם געפונענעם מגן־דוד, קלערט זיך די זאַך אויף.

נאָכמער, אין אַן אַנדער דאָקומענט איז פאַראַן אַ פאַראָרדענונג, אַז די ייִדן קאָנען זייער סינאַגאָגע איינאָרדענען אין דעם זיי איבערגעגעבענעם הויז, אָבער „נאָר אין הויף". לייגט זיך אויף דעם שכל, דערקלערט דער שטודיענראַט, אַז דאָס האָט דאָך טאַקע אַ שייכות צו דער „לעווען־אַפּאָ־טעקע". ערשטנס איז דאָס די איינציקע געמויערטע געביידע, וואָס געפינט זיך בשכנות מיט דעם געוועזענעם ייִדישן געטאָ; צווייטנס גייט טאַקע דער אַריינגאַנג אַריין צו דער יודענשטראַסע. און ווייל איין זייט פון דער גע־ביידע גייט־אַרויס צו דער גויאישער זייט פון דער בעקערשטראַסע האָט מען דאַן אונטערגעשטראָכן, אַז די סינאַגאָגע זאָל זיין „אין הויף" און לסוף: דאָס איז די איינציקע געביידע, וואָס איז פון יענער צייט, פון 13־14טן יאָר־הונדערט אויפגעהאַלטן געוואָרן.

ווען איך בין געווען אין האַמעלן איז דער וויכוח וועגן דעם „סוד פון דעם מגן־דוד" געווען אין פולן ברען. וועגן דעם „יודענשטערן" זענען גע־ווען פול אַלע בלעטער. די „הימאַטס־שריפטן" האָבן געעפנט אַ דיסקוסיע פון פאַכלייט: אַרכיטעקטן און אַלטערטום־פאָרשער האָבן אָנגעהויבן אַרויס־ווייזן בקיאות. אַ באַרג מיט פּאַפּיר און אַ פאַס מיט טינט זענען שוין, מן־הסתם, פאַרנוצט געוואָרן אין דער דאַזיקער דיסקוסיע.

און אַרכיטעקטן מיט מוזעאום־קוסטאָשן; היימאַט־פאָרשער און אַלטער־טום־זאַמלער היסטאָריקער און דענקמאָל־פלעגער, — זיי אַלע נישטערן אין אַלטע פּאַפּירן, קריכן אויף לייטערס דערגרונטעווען, פון וואַנען האָט זיך אונטערן טינק פון דער דאָזיקער אַלטער געביידע גענומען אַ „יודענ־שטערן"...

טייל פאַרגינען נישט די ייִדן, (וועלכע זענען שוין דאָרטן נישטאָ) אַזאַ מין „מציאה"; אַנדערע האָבן מורא, אַז צוליב דעם דאָזיקן „יודענשטערן" קאָן זיך, גאָט באַהיט, אויפסניי אָנהויבן אַ ייִדישע „אָנזידלונג".

און אינמיטן דער דאָזיקער קאַמפּאַניע שטייט דער אַלטער שטודיענ־ראַט און פּאָכעט מיט די פאַרגעלטע פאַרמעט־דאָקומענטן, מיט אַלטע „אור־קונדעס" און ער דערקלערט:

— עס איז פון דער ייִדישער סינאַגאָגע!

אַ „ייִדישע" דיסקוסיע אָן ייִדן...

**
*

אָ, ווען דער דאָזיקער שטיינערנער מגן־דוד וואָלט געקענט רעדן אויף אונדזער מענטשלעכער שפּראַך — ער וואָלט שוין אונדז זיכער דער־ציילט זיין סוד, זיין גילגול...

גירוש לאַנדסהוט מיט 500 יאָר צוריק

רחבותדיק, האַרט ביים טייך איזאַר, אין נידערבייערן, איז אויסגעשפּרייט דאָס דאָזיקע שטעטל, וועלכעס גרויסט זיך מיט זיין יחוסדיקער פאַרגאַנגענהייט.

אַ קליינקייט, דאָ איז דאָך געווען דער זיץ־אָרט פון די בייערישע הערצאָגן, דאָ געפינט זיך איינער פון די העכסטע און פאַרפעסטיקסטע בורגן. עס רימט זיך לאַנדסהוט מיט גאווה צוליב דער מאַרטין־קירכע, וועלכע פאַרמאָגט די העכסטע טורעמס פון די גאָטישע געביידעס אין גאַנץ בייערן; קומט איר אין לאַנדסהוט וועט מען אייך אַרומפירן וויזן די מיטלאַלטערלעכע געביי־דעס פון אַלטשטאָט, די אָריגינעלע בנינים פון ראָטהויז און רעזידענץ.

ווען איך בין געווען איו לאַנדסהוט איז מען דאָרט באַזונדער יום־טובדיק געווען געשטימט. שטאָט גרייט זיך מיט גרויס פּאָמפּע צו אַ יובי־לעום, עס ווערט 475 יאָר זינט דער באַרימטער „לאַנדסהוטער חתונה", וועלכע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1475. דאַן האָט זיך דער בייערישער הערצאָג מתחתן געווען מיטן פּוילישן קעניגלעכן שטאָם — דער יונגער הערצאָג געאָרג האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון פּוילישן קעניג קאַזימיר דעם פערטן, מיט דער פּרינצעסן העדוויג.

די דאָזיקע חתונה האָט בשעתה מיט איר פּאַרנעם, גלאַנץ און פּאַראַד אויפגערודערט אַ וועלט; צענדליקער מלכים, פּרינצן און פירשטן; הונ־דערטער שררות פון גאַנץ אייראָפּע זענען דאַן געקומען צו דער שמחה. וואָכנלאַנג האָבן די הוליאַנקעס געדויערט, גאַנצע סטאַדעס אָקסן און חזירים זענען אויסגעקוילעט געוואָרן און ווייַנען האָבן זיך געגאָסן ווי וואַסער. כראָניקערס האָבן אין פאַרשידענע שפּראַכן פאַראייביקט לדורות די דאָזיקע געשעעניש און די „לאַנדסהוטער חתונה" איז געוואָרן אַ שם־דבר.

האָט זיך איינגעשטעלט אַן אָרטיקער מנהג צו פּראַווען יעדע 25 יאָר אַ יום־טוב, וואָס זאָל דערמאָנען די דאָזיקע „חתונה". עס ווערן אַרויסגענומען פון די מוזעומס אַלע אַלטע רעקוויזיטן, קאָסטיומען, קרוינען און סצעפּטערס, ריטער־פּאַנצערס און שווערדן; פאַרביקע קרינאַלינעס, רעטאַנדעס און קראַקאָוויאַנקעס; בערד און פּאַרוקן און מען חזרט איבער דעם גאַנצן צערעמאָניאַל פון דער „חתונה" ווי דאָס איז געווען אין יאָר 1475.

דער דאָזיקער ספּעקטאַקל, וואָס איז פאַרבונדן מיט פּאַראַדן און איז דער עיקר אויסגערעכנט אויף מאַכן געשעפטן, איז שטאַרק פּאָפּולער און צענדליקער טויזנטער אויספלוגער קומען אַהער מאַרבע פּינות דייטשלאַנד זיך משמח זיין; בייעריש ביר, רהיינישער וויין און שוואַבישער מאָסט וועלן זיך גיסן אין די גאַסן, די „גאַסט־שטעטעס", „ביר־האַלעס" און „וויינשטובעס" ריכטן זיך שוין באַצייטנס אויף אַ פעטן פּדיון.

*****

דאָס איז ביי זיי, אָבער אויך מיר האָבן יענעם יאָר, אין דאָזיקן מקום געהאַט אַן אייגענעם יובל, וועלכער איז גאָרנישט אַזוי שמחהדיק און טאַנצנדיק. ווי געוויינלעך איז עס אַ יובל פון אַ גזירה אָדער צרה. לאָמיר ציטירן כמו אות באות אַ פאַרצייטיקדיקע כראָניק, וועלכע דערציילט:

...און געווען איז עס אין דעם יאָר 1450... האָט מען די יידן פון דאַנען אַרויסגעטריבן... תחילת האָט מען זיי אַלעמען, די מענער אין דער פּאָליציי און די פרויען און קינדער — אין דער סינאַגאָגע אַריינגעשפּאַרט און נאָכדעם, ווען מען האָט ביי זיי צוגענומען זייער גאָלד, זילבער, צירינג און טייערע קליידער, האָט מען זיי פון דער שטאָט פאַריאָגט... פון די חובות, וואָס מען איז געווען שולדיק די יידן איז מען באַפרייט געוואָרן...

אַזוי דערציילן אַלטע בלעטער.

די דאָזיקע „אַלטע" געשיכטע פון פאַר 500 יאָר, איז אייגנטלעך אַזוי ניי און פריש, בפרט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַן אָרט וועלכע ליגט אויפן טראַקט קיין נירנבערג, — דער מקום פון וואַנען עס זענען אַרויסגעקומען די פינצטערסטע גזירות פון אונדזער תקופה. ביי דער דאָזיקער „יובל"־געשעעניש וועלן מיר דערמאָנען אַ פּאָר מאָמענטן פון דעם אויפקום און חורבן פון אַלטן יידישן ישוב אין לאַנדסהוט און באַקענען מיט די זייער

אינטערעסאַנטע שפורן, וועלכע האָבן זיך פון יענער צייט אויפגעהיט און וועלכע איך האָב זיי לעצטנס אויסגעפונען.

***

לאַנדסהוט געהערט צו די עלטסטע יידישע ישובים אין בייערן און אין אונדזערע אַלטע ספרים און כתבים טרעפן מיר זיך אָן זייער אָפט אויף די פאַרצייכענונגען פון דער דאָרטיקער עדה יידן. אונטער פאַרשידענע נעמען פיגורירט די דאָזיקע שטאָט אין אונדזערע קדמונים־מקורים, ווי להצוט, לנדשהואט, לנדשהוט, לאַנדשהוייט און לנצהוט.

נישט־יידישע כראָניקערס (ארגפעקס פון 14טן יאָרהונדערט און אַוועטין פון 16טן יאָרהונדערט) דערציילן, אַז די יידן זענען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט דעם הערצאָג אָטאָ דעם ערשטן אויפגעבויט די שטאָט. צי עס איז אמת צי נישט, איז נישטאָ קיין זיכער־קייט, אָבער אַ פאַקט איז, אַז דער יידישער ווינ־שטח אין לאַנדסהוט האָט זיך געפונען ביים הערצאָגישן שלאָסבאַרג און איז פאַקטיש געווען אַ טייל פון הערצאָגס קוואַרטאַל.

שוין גאָר פון דער ערשטער צייט פון דער עקזיסטענץ פון דער שטאָט, געפינען מיר אַ ריי אָנדייטונגען און דאָקומענטן וועגן דעם, אַז דאָרטן זע־נען דאָן געווען יידן. די שטאָט און די פעסטונג זאָל האָבן אויפגעבויט גע־וואָרן אין יאָר 1204 און אין יאָר 1256 געפינען מיר שוין אין אַ פּאָ־ליציי־פאַראָרדענונג אַ רעגולירונג וועגן פאַרקויף פון יידיש (כשר) פלייש.

און פאַרוואָס זאָל לאַנדסהוט זיין אַ יוצא מן הכלל, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן גזירות אויף די יידישע קהילות אומעטום אין דייטשלאַנד, האָט עס אויך דער דאָזיקער קהילה נישט אויסגעמיטן. עס זאָגן וועגן דעם עדות די פאַרשידענע הזכרות פאַר די קדושי־לאַנדסהוט, וועלכע זענען פאַ־ראַן אין די אַלטע פאַרמעטענע מעמאר־ביכער, הזכרות נאָך די פאַרפייניקטע פון 1337 און פאַר די קדושים פון 1449. דער גירוש פון 1450, וועגן וועלכן מיר האָבן פריער ציטירט, איז געווען דער פינאַל פון דער קייט פון ענויים און גזירות.

גיי איך איבער די גאַסן און פלעצער פון לאַנדסהוט, שטייג אויף די פאַר הונדערט שטיגן און טרעפּ, וועלכע פירן צו דער פעסטונג, טרעט אויף די געציירטע טעפּיכער אין רעזידענץ און פּאַלאַץ, זוך אין מוזעומס און דעם לאַפּידאַריום, אפשר וועל איך געפינען די סימנים פון דעם ווייטן נעכטן, די שפורן פון דעם פאַרשניטענעם עבר.

**
*

אין מיין אויספלוג באַגלייטן מיר אַ פּאָר שארית־הפליטהניקעס, וועל־כע זענען גאָר פון קאַלושין מגולגל געוואָרן אַהער, צווישן זיי דער פּאַר־זיצער פון אָרטיקן קאָמיטעט, פריינט סקאָוראָנעק; גייען מיר און זיי באַ־וווּנדערן: שוין 4 יאָר ווי מיר זענען דאָ און מיר ווייסן גאָרנישט וועגן אונדזער יחוס. און פונוואַנען זאָלן זיי וויסן, אַז פון די פריערדיקע תושבים איז קיינער נישט געבליבן און דעם זכר פון זיי האָט צייט און רשעות אָפּגעמעקט.

שטייען מיר אויף דעם דעם דריי־פאַלקן־פּלאַץ. דאָ איז געווען די ערשטע יידישע סינאַגאָגע וועלכע איז אין יאָר 1453, נאָכן גירוש פון די יידן, איבערגעמאַכט געוואָרן אויף דער קירכע אויפן נאָמען פון „אונדזערן הערן". אויך די קירכע איז שוין נישטאָ. אין 1811 איז זי צעשטערט גע־וואָרן.

אויפן וועג צום שלאָס־באַרג פאַרהאַלטן מיר זיך אויפן אָרט, ווו עס איז געשטאַנען דער יידישער טויער, דער גרענעץ צווישן אַלטשטאָט און דעם הערצאָגס קוואַרטאַל, דער טויער איז דורך אַ ספּעציעלן דעקרעט פון הערצאָג צעשטערט געוואָרן אָבער סימנים זענען געבליבן, די נישעס האָט מען נישט געקענט פאַרניכטן.

און אָט איז דער צווייטער „יידן־טויער". אויף דער צווייטער זייט פון געוועזענעם יידישן שטח, דאָ איז איין טורעם פון טויער געבליבן און אַן אַריינגעמויערטער טאָוול.

אויפן באַרג איללא, ווו עס איז געווען (לויט אַלטע שטאָט־פּלענער) דער יידישער בית־עולם איז קיין שום שפור נישט געבליבן.

און, ווי עס ווערט געזאָגט — יגעתי מצאתי, מיין נישטערן איז נישט געווען בחינם. שפורן, זעלטענע שפורן פון דעם יידישן נעכטן האָב איך סוף־כל־סוף געפונען.

אין אָרטיקן היימאַטס־מוזעאום, אין רעזידענץ, איז פאַראַן אַ פּאַר־מעטענער כראָניק־בוך פון דער שטאָט, וועלכער איז געפירט געוואָרן אין 14טן און 15טן יאָרהונדערט. אין גאַנצע 6 ערטער האָב איך דאָרטן גע־פונען נאָטיצן און פאַרצייכענונגען וועגן די יידן. 2 פון זיי פון די יאָרן 1362 און 1364 דערציילן וועגן די יידישע שוסטער ביים יידן־טויער. אַלזאָ שוין דאַן האָט יידישע מלאכה (און נישט דווקא וווכער, ווי מען פּרווט איינרעדן) פאַרנומען אַ געהעריקן אָרט אין ווירטשאַפטלעכן לעבן. איין

נאָטיץ האָט אַ שייכות מיטן באַפעל פון הערצאָג צו צעשטערן דעם ייִדישן טויער. די מערקווירדיקסטע און אינטערעסאַנטסטע פאַרצייכענונג איז אויף זייט 57, ווו עס געפינט זיך דער נוסח פון דער שבועה, וואָס ייִדן דאַרפן אָפּגעבן בעת זיי שטייען פאַרן מלוכהשן, הויפישן אָדער שטאָטישן געריכט ווי אויך דער צערעמאָניאַל דערביי.

דער ייִד דאַרף ביים שווערן זיין האַנט אַרויפלייגן אויף אַ חומש (אַ תורה) און אָט איז אַ טייל פון דער שבועה:



אין לאַנדסהוטער „שטאָדט־בוך“, אַ פּאַרמעט־כראָניק פון 14טן יאָרהונדערט געפינט זיך דער נוסח פון דעם „יודען איד“ — ייִדישע שבועה — און דערביי אַ פיגור פון אַ ייִדן בעת דעם אָפּגעבן די שבועה.

דאָס איז אַ רעפּראָדוקציע פון דער צייכענונג פון דעם דערמאָנטן „שטאָדט־בוך“.

„ביי דעם לעבעדיקן גאָט אדני, וועלכער האָט באַשאַפן הימל און ערד. די באַשעפּענישן און געוויקסן; ביים גאָט פון אברהם, ביים גאָט פון יצחק, ביים גאָט פון יעקב, וועלכער האָט געגעבן משהן אויפן באַרג סיני די הייליקסטע געבאָטן, שווער איך, אַז אַלץ וואָס איך זאָג איז וואָר. איך שווער אויך, אַז דאָס בוך, וואָס ליגט דאָ איז דער אמתער בוך, ווו עס זענען פאַרשריבן די געבאָטן, וועלכע משה האָט אויפן באַרג סיני פון גאָט באַקומען...“.

אָבער דאָס איז נישט אַלץ. ביי דער דאָזיקער פאַרצייכענונג איז נאָך

פאַראַן אַן אויסגעמאָלט בילד פון אַ ייִדן ביי דער שבועה. אַ פּרעכטיקע פאַרשידנפאַרביקע צייכענונג, ווי אַזוי די ייִדישע קליידונג האָט דאַן, אין 14טן יאָרהונדערט אויסגעזען.

אין זעלביקן אַרכיוו געפינען זיך אויסער דער דאָזיקער כראָניק נאָך אַ סעריע מיט דאָקומענטן וועגן ייִדישע ענינים אין לאַנדסהוט, אין 15טן יאָרהונדערט.

אין שטאָטישן לאַפּידאַריום ווו עס געפינען זיך אַ ריי אַלטע שטיינער און אַרכעאָלאָגישע עקספּאָנענטן געפינט זיך אויך אַ ברוך־שטיק פון אַ מצבה. די דאָזיקע מצבה איז שוין גענוצט געוואָרן פאַר אַ זייל אין אַ בנין, פון וואַנען זי איז נאָכדעם אַרויסגענומען געוואָרן. עס פעלן טאַקע די אויבערשטע שורות און פון ביידע זייטן זענען טייל אותיות אָפּגעטעסעט.

דער געבליבענער טעקסט לייענט זיך:

בר אליה משיב
נפשי ביום השש(י)
לחודש טבת שנ(ת)
א׳ז׳ע׳ק׳י׳ בתמרורי(ם)
על בעל נעורים
ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳ א׳א׳א׳ס׳

(דאָס לעצטע וואָרט איז ראשי־תיבות: אמן, אמן, אמן סלה).

די דאָזיקע מצבה איז איינע פון די אָריגינעלסטע עקספּאָנענטן פון דעם מין, ווייל צוויי מערקווירדיקייטן זענען דאָ פאַראַן. ראשית די פרוי, וועלכע האָט די מצבה נאָך איר מאַן געשטעלט (מיר ווייסן נאָר, אַז זיין פאָטער האָט געהייסן אליה, ווייל די ערשטע שורות פון זיין נאָמען פעלן), דעם טעקסט געלאָזט מאַכן אין גראַמען:

מ ש י ב נ פ ש י
ב י ו ם ה ש ש י

— — — — — — — —

אזעקי בתמרורים
על בעל נעורים

זי האָט אָבער אויך דאָס יאָר נישט געגעבן, ווי דער שטייגער איז, נאָר לויט אַ זעלטענעם, אין דעם פאַל, גימטריא־סיסטעם: דער יאָר באַהאַלט זיך אין דעם וואָרט אזעקי, וועמענס אותיות אויף דער מצבה זענען אָנגעצייכנט און עס מאַכט אויס דער יאָר קפ״ח, דאָס הייסט 1428, מיט העכער 500 יאָר צוריק.

דער צייט־שטורעם האָט דעם דאָזיקן באמת ווונדערבאַרן שפּור נישט פאַרווישט, הגם ער איז אַרויס אַ ביסל צעשעדיקט.

***

נאָך יענעם גירוש, מיט 500 יאָר צוריק איז לאַנדסהוט געבליבן עטלעכע הונדערט יאָר יידן־ריין. משמעות, אַז יידן זענען צוריקגעקומען אין סוף פון 18טן אָדער אָנהויב 19טן יאָרהונדערט. קיין קהילה־לעבן האָבן זיי שוין נישט געפירט, נישט געהאַט קיין סינאַגאָגע, נישט קיין בית־עולם.

אין יאָר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, זענען אין לאַנדסהוט געווען בסך־הכל 45 יידישע נפשות, וועלכע זענען געווען אָנגעשלאָסן אין דער קולטוס־געמיינדע אין שטראַובינג. צו דער זעלבער געמיינדע האָבן געהערט חוץ די לאַנדסהוטער יידן אויך די יידן פון פּאסאו (48 נפשות) וועלסהאַפּען (21 נפשות); דעגענדאָרף (15 נפשות) און פּלאַטלינג (13 נפשות).

דער ברוכטייל פון דער מצבה, דער אזעקי בתמרורים, — איך שריי אין ביטערניש — איז בכן די מצבה פאַר זיי אַלעמען...

ביים רעגענסבורגער „יודענשטיין“

מיט אַן אינערלעכן ציטער בין איך אַריינגעפֿאָרן אין רעגענסבורג, אין דער שטאָט, וואָס איז אַזוי אַרומ־געוועבט מיט יִדישער וואָר און לעגענדע.

געהאַט האָב איך מיט זיך אַ פּעקל אַדרעסן — צו אַרכיוואַרן צו קוסטאָשן, צו ביבליאָטעקאַרן און צו אַ פּאָר יִדן שארית־הפליטהניקעס. איך בין אָבער אין ערשטן טאָג צו זיי נישט געגאַנגען — עס האָט זיך געוואָלט אַליין, ביחידות, מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט און אַליין אויסגע־פינען, אָנטאַפּן די שיריים פון אַ יאָר טויזנט און מער יִדישער געשיכטע. איך האָב געהאַט פאַרצייכנט אַ פּאָר שפּורן, ווו מען קאָן נאָך זען די סימנים פון דעם „וואָס געווען“.

אָן קיינעמס הילף בין איך אַרומגעקראָכן איבער די רעגענסבורגער שיינע גאַסן וואָס גלאַנצן מיט אַלטע מויערן, מיט מיטלאַלטערלעכע קיר־כעס און רענעסאַנס־־פּאַלאַצן. אָט בין איך אויפן נויפּאַרטס־פּלאַץ, אויפן נאָמען פון דער „נויפּאַרטס־קירכע“, וואָס איז אויסגעבויט אויפן אָרט (און מיטן מאַטעריאַל) פון דער באַרימטער יִדישער סינאַגאָגע, וואָס האָט געצויגן דעם יחוס פון 13טן יאָרהונדערט. גיי איך פאַרביי דעם שווערן, דעם טונקעלן און מאַסיון דאָם, אין וועמענס קעלערן עס באַהאַלטן זיך סודות פון פאַרפייניקטע, פון אינקוויזיציע־טאָרטורן, און אַזוי גייענדיק האָבן אַראָפּגערעדט צו מיר פון די ווענט די צייכנס פון דעם יִדישן טויזנט יאָר, וואָס דער נאַצישער „טויזנטיעריקער רייך“ האָט נישט געקאָנט אָפּ־ווישן.

רעגענסבורג, — וויפל עמאָציעס, וויפל אויפרודער עס רופט אַרויס דער דאָזיקער נאָמען ביי יעדן, וואָס האָט זיך נאָר צוגערירט צו יִדישער

געשיכטע. אויף פאַרשידענע אופנים איז דאָס דאָזיקע אָרט פאַרצייכנט, פאַר־איביקט און פאַרהייליקט געוואָרן אין אונדזערע אַלע כראָניקעס. דער נאָמען גופא פון דער קהילה איז ביי אונדז פאַראַן אין אַ 30 נוסחאות, זיי ווערן געבראַכט אין קינות, אין שאלות־ותשובות אין פנקסים. די דאָזיקע רוימער שטאָט קאַסטראַ רעגינאַ ווערט ביי אונדז אַנגערופן רעגנשפורק, ריינשבורגו, רינשבורק, רייצבורג, רענשבוכא וכדומה.

אָט אין דעם דאָזיקן מקום, אין דעם וווּנדערבאַרן טאָל, ווו דער רעגען שווימט אַריין אין דעם דאַנאַו האָבן עס די רוימער מיט אַ יאָר 2000 צוריק פאַרלייגט אַ פעסטונג און עס איז אַ סברא, אַז פון דאַן אָן געפינען זיך טאַקע דאָ די ייִדן, וואָס זענען געקומען מיטן רוימישן מיליטער.

דאָקומענטן פון אַ ייִדישער קהילה האָבן מיר פון דעם 10טן יאָר־הונדערט. אָט דערציילט אַ קויף־קאָנטראַקט פון יאָר 981, פון 2טן אַפּריל, אַז דער קייסער אָטאָ דער 2טער האָט איבערגעגעבן דאָס גוט שירשטאָט דעם עמעראַמקלויסטער. דאָס דאָזיקע גוט איז נאָך פאַר דעם אָפּגעקויפט געוואָרן ביים ייִדן שמואל.

פון טויזנט יאָר ביז צו אונדזערע היינטיקע טעג איז טאַקע אַ מהלך און וואָס אַלץ עס וואָלטן געקענט דערציילן די רעגענסבורגער גאַסן און מויערן. זיי האָבן געזען דעם ייִדישן פראַכט, ייִדישע פרייד און שמחות און נישט ווייניקער ייִדישע פּיין, ייִדישעליידן, ייִדישע צרות.

אָט אויף די דאָזיקע פּלעצער זענען עס ייִדישע שמחות געפייערט גע־וואָרן, עס האָט זיי געפּרוווט אָפּמשלען יוסף אָפּאַטאָשו אין זיין „טאָג אין רעגנסבורג", מען האָט דורך זיי געפירט חתן־כלה צו דער חופה; מיט געזאַנג האָט מען געטראָגן ספרים אין שול אַריין. אויף די זעלביקע ברוקן האָט מען לעבעדיקערהייט ייִדן געברענט; עס זענען נאָך אפשר נישט אָפּ־געקילט די שטיינער פון די טריט, פון די באָרוועסע פיס, פון די מגורשים, די פאַריאָגטע, די פאַרטריבענע ייִדן.

איך בין שטיין געבליבן אויף דער עקגאַס פון דעם פּלאַץ וואָס הייסט „אַם יודענשטיין". אַזוי דערציילט אויך דאָס גאַס־שילדל, אַזוי הייסט עס שוין קרוב 500 יאָר; דעם דאָזיקן נאָמען האָבן אויך נישט ליקווידירט די נאַציס. פאַרקערט, זיי האָבן דעם דאָזיקן „ראַסנפרעמדן" נאָמען אָפּגעהיט — דאָס האָט געדאַרפט זיין נאָך אַ באַווייז ווי זיי, די העלדן פון דער „נאַכט פון לאַנגן מעסער", האָבן געזיגט... ס'זענען געווען ייִדן און געבליבן איז פון זיי אַ שטיין...

שווער איבערצולייענען וואָס אויפן דאָזיקן „יודענשטיין" איז געווען

אויסגעקריצט. זיכער, עס איז אַ געוועזענע מצבה, וואָס מען האָט איינ־געמויערט אין דעם ווינקלשטיין פון דער געביידע. דעם נוסח האָב איך איצט געפונען אין אַן אַלטע אויסגאַבע פון אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק. און דער־ציילט האָט דער דאָזיקער שטיין, אַז געווען איז אַמאָל, אַמאָל — פאַר דעם יאָר 1519, ווען מען האָט אַרויסגעיאָגט די רעגענסבורגער ייִדן, — אַ דענק־מאָל אויפֿן ייִדישן בית־עולם, וואָס איז צעשטערט געוואָרן דורך די מחבלים און געשטאַנען איז אויף אים דער ווייטערדיקער טעקסט:



שמתי מצבה הלז
להאלוף... כ״צ
עטרת ראשי...
נעומ... וישר
אבא מורי ר׳ משה
בר יוסף ז״ל
אשר נתבקש
בישיבה ביום ב׳
ונקבר
ביום ג׳
בשמונה ימים
לירח כסליו
שנת קל״ה
לפרט לאלף הששי
ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳
א מ ן .

(די ערטער מיט פינטעלעך זענען נישט קלאָר).

מיט קנאַפּע 600 יאָר צוריק איז עס געווען אַ פּשוטע מצבה, נאָכדעם איז עס געוואָרן אַ „טראָפּיי", מיט וועלכן די „זיגער" האָבן באַצירט אַ פּלאַץ פון זייער „ייִדנריינער" שטאָט.

מאַכנדיק מיינע נאָטיצן איז צו מיר צוגעקומען אַ פאַרבייגייער. אויב איך האָב אינטערעס, זאָגט ער, פאַר אַנדערע פון דעם מין „מערקווירדי־קייטן" איז ער גרייט מיר זיי צו ווייזן, ער וועט מיר אַהין פירן.

איך האָב גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. געפירט האָט ער מיך דורך געדרייטע גאַסן און געסלעך, שמאָלע מיטלאַלטערלעכע דורכגאַנגען און טיפע הויפן פון פּאַטריציער־הייזער.

ער האָט כמעט געשוויגן, ער האָט קיין שום איבעריקע אויפקלע־רונגען נישט געגעבן. ער פלעגט נאָר אָנרופן דעם נאָמען פון גאַס. איך האָב נאָטירט די העכער צענדליק „שטיינער" וואָס זענען געווען איינגע־מויערט אין פאַסאַדן פון הייזער, אין טויערן פון פּאַלאַצן, ביים אַריינגאַנג פון קירכעס אָדער עפנטלעכע שטאָטישע געביידעס.

גייענדיק איבער די דאָזיקע קרומע גאַסן האָב איך געטראַכט:

— אפשר גיי איך אויף די זעלביקע גאַסן פון וואַנען רבי פּתחיה מרעגנשפורג האָט אין יאָר 1175 אָנגעהויבן זיין װוּנדערלעכע וועלט־רייזע?

— און אפשר איז עס טאַקע דאָ געגאַנגען רבי יהודה החסיד און דאָ האָט עס אים געטראָפן דער בירגערמייסטער פון רעגענסבורג און עס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט די געשיכטע פון דעם „מעשה בוך" וואָס לייענט זיך אַזוי אין דעם אַלטן ייִדיש־טייטש:

„...די מעשה געשאַה צו רעגנספורג, איינמאָל גינג דער רבי יהודה אויף דער גאַסע. דא באַגעגנט אים גלייך דער ראש עירון פאָן רעגנספורג. דער האָט איין קליין לעמעל נאָכלויפן און דאָס זעלביקע לעמעל שריי מע, מע — ווי עס דער סדר פון דען קליינען לעמליך איז, דאָס זי זאָ שרייען..."

עס האָט זיך טאַקע געדאַכט, אַז איך הער דעם מע פון יענעם לע־גענדאַרן שעפּס...

— און אפשר איז דאָס די תפיסה, ווו עס זענען געזעסן געשמידט שלמה מולכו און דויד הראובני — די משיח־אָנזאָגער פון פאַר 400 יאָר צוריק? די דאָזיקע מויער וואָלט אפשר דערציילט וועגן דעם וואָס עס האָבן דורכגעלעבט די דאָזיקע דוחקי הקץ, ווען זיי זענען געקומען קיין

רעגנסבורג אין יאָר 1532, צום קייסער קאַרל דעם 5טן און געוואָלט אים און זיין סוויטע איבערצייגן, אַז אָט, אָט און עס קומט שוין משיח...

— אפשר וואַרט ער דאָ נאָך אַלץ משיח ערגעץ אַ געפּענטעטער...

— און דאָס זענען דאָך די זעלביקע גאַסן דורך וועלכע מען האָט געיאָגט, געטריבן, געפּלאָגט די יעניקע וואָס זענען אין יאָר 1519 אַוועק „אויף אימער און עוויג" און לכבוד וועמען מען האָט טאַקע איינגעמויערט די כל־המינים „יודענשטיינער".

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין צופעליקן באַגלייטער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיכער איינער פון די „פרעמדן־פירער", די יעניקע וואָס לייערן אויף טוריסטן, אָדער סתם נייגעריקע, וועמען זיי זענען שטענדיק גרייט צו פירן ווייזן די מערקווירדיקע און אינטערעסאַנטע שטאָט־פּלעצער.

איך פרעג זיין „טאַקסע" און יענער באַליידיקט זיך גאָר. ער האָט עס געטון נישט משום פאַרדינסט. ער אַרבעט אין דעם שטאָטישן מוזעאום, אָבער ער וועט פאַר זיין הילף נישט נעמען קיין געלט. אדרבא, זאָל איך קומען מאָרגן אין דעם שטאָטישן מוזעאום, אויף דאַכאַו־פּלאַץ נומער 4, וועט ער מיר נאָך אַנדערע „דינגע" ווייזן.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב זיך שוין טאַקע באַשטעלט אויף מאָרגן, אַז עס וועט אויף מיר וואַרטן דער דאָקטאָר באָאַל, דער דירעקטאָר פון מוזיי און אויך די קוסטאָשין פון מוזיי, די פריילן אירענאַ דיפּאָלדער.

— דאָס זענען דאָך מיינע בעהערדע, — האָט ער זיך דערפרייט.

אויפן צווייטן טאָג בין איך שוין געגאַנגען לויט דעם אויסגעשטעלטן פּלאַן פון דעם שטאָטישן מוזעאום. מיין נעכטיקער צופעליקער באַגלייטער איז שוין געוואָרן אָפיציעל צוגעטיילט און מיר האָבן ממש מיט ריזן־שריט געשפּאַנט דורך יאָרהונדערטער. אומעטום זענען שוין פאַר אונדז געלעגן צוגעגרייט די נויטיקע מאַטעריאַלן.

— אין שטאָטישן אַרכיוו — די אַקטנבענד פון די שוציִדן, פון די יידישע פאַקטאָרן און דער עיקר, אַן אַלטער תנך־כתב־יד.

— אין דעם אַדעליקן אַרכיוו פון דעם שטאַם טהורן און טאַקסיס. עס זענען צוגעגרייט די יידן־אַרכיוואַליען — 15טער יאָרהונדערט, 16טער יאָרהונדערט און ווייטער. געשיכטע פון צענדליקער שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען געווען אונטער דער הערשאַפט פון טהורן און טאַקסיס...

— אין דער אולריך־קירכע, ווו עס געפינט זיך דער אָבערפּעלצישער קרייז־מוזעאום זענען אויסגעשטעלט צענדליקער מצבות, גאַנצע און ברוכ־

שטיקער. אויף איין מצבה געפינט זיך דער נאָמען פון רבי פדהצור ב״ר פעטער! און שטאַמט פון יאָר ה׳קכט (1309).

— און איצט קומט דאָס וויכטיקסטע, — אַזוי מעלדעט מיר מיין פירער. — מיר וועלן זיין אין אַ פּלאַץ, וואָס קיין ייִד איז נאָך דאָרטן נישט געוועזן... ער מוז עס אָבער מאַכן זייער „געשיקט״, כדי נישט דורכצופאַלן. דורך היניטערטירן, דורך אונטערערדישע קאַנאַלן און געדרייטע טרעפּ זענען מיר אַריינגעקומען אין דעם דאָס. אַ האַלב־פינצטערע פאַרדומפּטקייט האָט זיך געפילט. מיר גייען דורך קאָרידאָרן און געוועלבן.

— נון, יעצט זינד וויר היר, דאָס איזט דער „קרויצוועג״.

מיר זענען אויפן קרייצוועג, אויפן וועג, ווו עס גייט די צערעמאָניע פון די 13 סטאַנציעס פון יעזוסן צו דער גאָלגאָטע. צום „קדשי קדשים״, צום „סאַנקראַ סאַנקרום״... אָט דאָ וועט ער מיר עפּעס ווייזן.

— יאָ, היר מוס עס זיין. עס גיט אַ בליץ דער עלעקטרישער האַנט־לאָמפּ. — יאָ, היר.

אינמיטן פון דעם „קרייצוועג״, גייענדיק צו די „אַלע הייליקע״ צו דעם הייליקן סאַקראַמענט ליגט אַן איינגעפלאַסטערטע מצבה, מיט די ייִדישע אותיות אַרויף. נאָכאַמאָל אַ בליץ מיטן עלעקטרישן לעמפּל און אַ פאָטאָגראַפישע אויפנאַמע איז פאַרטיק.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָבן מיר געקענט איבערלייענען:

ציון
הלז לראש
ירחמיאל
ב״ר שמחה
שנאסף ב׳
?? כסליו
שנת חמשת
אלפים וא׳
לפרט ת׳נ׳צ׳ב׳

דאָס הייסט, אַז די דאָזיקע מצבה, מיט וועמען עס איז געפלאַסטערט דער וועג צום „סאַקראַמענט״, שטאַמט פון ערשטן יאָר פון אלף השישי, מיט 714 יאָר צוריק.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מיר דער דירעקטאָר פון מוזיי אַריינגעפירט אין דעם שטאָטישן לאַפּידאַריום, דאָרטן ווו עס זאַמלען זיך די שטיינערנע דענקמעלער פון יאָרטויזנטער, וואָס ווערן צוליב פאַרשידענע טעמים שוין

אַראָפּגענומען פון זייערע ערטער און פאַרוואַנדלען זיך אין מוזעאום־אָבּ־יעקטן.

— ער האָט, זאָגט ער, צוויי „פרישע“ געפינסן. אָט מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין ברען פון דער מלחמה, ווען מען האָט זיך געריכט אויף די אָמע־

רעכטס: די מצבה פון ירחמיאל ב"ר שמחה, פון יאָר 1240, וואָס איז איינגעמויערט אין דעם דיל פון דאָם, אויפן „קרויצוועג“.

לינקס: די מצבה פון עטל בת יעקב פון יאָר 1261, וואָס איז געפונען געוואָרן אין יאָר 1942, ביים בויען לופטשוץ־קעלערס אויפן נויפּאַרטס־פּלאַץ, וווּ עס איז אַמאָל געווען די יידישע סינאַגאָגע.

ריקאַנער באָמבע־אָנגריפן, האָט מען ביים בויען לופטשוץ־קעלערס אויף דעם נויפּאַרטס־פּלאַץ, אויסגעגראָבן צוויי שטיינער מיט יידישע שריפט־צייכנס. ער וואָלט וועלן וויסן וואָס זענען עס פאַר אַ שטיינער.

שטייען מיר צווישן אַ שטיינערנעם וואַלד פון כל־המינים דענקמעלער; שטיינערנע העלדן און בראָנזענע ריטערס; גזימסן פון אַמאָליקע בנינים, רעליעפן פון חרובע פּאַלאַצן; זיילן פון פּאַרצייטיקע טריומף־טויערן און

שטיינערנע הויז־מכשירים; מאַרמאָרנע ראָקאָקאָ־ארקאַדיען און טרעפּ פון זאַמדשטיין; מילשטיינער און שטיינערנע פּלאַטן פון אונטערערדישע דורכ־גענג... אינמיטן ליגן צוויי „נייעסטע" געפינסן — צוויי יידישע מצבות.

מען האָט די „דינגע" גוט אָפּגערייניקט, אויסגעבאַרשט, אָפּגעשטויבט דעם אָנוווקס פון יאָרהונדערטער, אָפּגעוואַשן מיט אַ ספּעציעלער פליסיקייט, וואָס זאָל נישט צעשטערן די שטיינער גופא און זייער שריפט און זיי האָבן טאַקע באַקומען לשון.

דערציילט איינע:

אַז דאָס איז זי געשטאַנען צוקאָפּנס פון מיידל עטל, די טאָכטער פון יעקב און געשטאָרבן איז זי אין אלול, 21 יאָר אין דעם אלף השישי — דאָס הייסט, אין יאָר 1261.

דערציילט די צווייטע:

ציון הלז לראש קבורת ר' משה ב"ר יצחק שנאסף לגן־עדן בליל ד', עשרים וששה לירח, תשרי שנת שבעים ושלוש וחמשת אלפים...

וואָס מיינט, אין יאָר 1308...

אַזוי האָט מען אָפּגעלייענט. מיר האָבן די דאָזיקע שטיינער פּאָרטרוויט אַ סוד, זיי האָבן צוגעגעבן אַ ביסל אינפאָרמאַציעס:

— ווייסטו ווו מיר זענען געלעגן?

— מיר זענען פון אונטער דער „בויפאַרטסקירכע" — דאָס איז אונ־דזער געוועזענע סינאַגאָגע, וואָס זיי האָבן געירשנט.

— ווי מיר זענען אַהינגעקומען?

— מיר געדענקען עס אויסגעצייכנט. 5.000 ברידער און שוועסטער זענען מיר געווען אויפן אַלטן „פעלד". נאָך דעם ווי מען האָט די לעבעדיקע פאַרטריבן האָט מען זיך גענומען צו אונדז, די יענע־וועלטיקע. אַז מען האָט פאַרטריבן די קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך ביי וועמענס צו־קאָפּנס מיר זענען געשטאַנען, האָט מען אויך אונדז „פאַרקויפט". אַנדערע האָט מען גלייך צעהאַקט, צעשטויסן, צעריבן און מיט זיי די גאַסן געפלאַס־טערט. אַ סך גאַסן פון רעגענסבורג זענען אויסגעבעט מיט אונדזערע ברידער און שוועסטער.

— אַ סך פון אונדזערע שטיינערנע שוועסטער זענען איינגעמויערט געוואָרן אין הייזער, באַשיינען די אַריינגענג פון פּאַלאַצן און קירכעס...

— מאַנכע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין דער פרעמד — וועסט זיין אין כאַס, אין קעלהיים וועסטו זיי זען, וועסט זיי געפינען...

— מיר האָבן זיך „אויסבאַהאַלטן", עטלעכע הונדערט יאָר זענען מיר געווען פאַרשטעקט. ווי אַזוי דאָס איז געשען איז אַ לאַנגע געשיכטע. נישט אויפן שפּרונג צו דערציילן. אָבער דו זעסט דאָך — מען האָט אונדז אַרויס־געשלעפּט פון אונדזער באַהעלטעניש.

אַזוי האָבן זיי זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, די צוויי אויסגעגראָבענע שטיינער.

**
*

איך האָב זיך געזעגנט מיט רעגענסבורג. איך בין נאָכאַמאָל פאַרביי־געגאַנגען דורך דער נויפּאַרטסקירכע, אירע גלעקער האָבן געקלונגען מאָ־נאָטאָן, טרויעריק, געקלימפּערט צום הימל. איך האָב זיך פאַרהאַלטן ביים דאָם, ווו אויפן סאָמע אויבנאָן, אויפן „קרויצוועג" ליגט איינגעמויערט ירח־מיאל בן שמחה פון פאַר 714 יאָר צוריק. און איך האָב זיך לסוף אַראָפּ־געכאַפּט צום „יודענשטיין".

איך האָב זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן און דערביי אויפגעכאַפּט דעם מורמל פון דעם „משה ב"ר יוסף". ער האָט געזאָגט:

— גריס, וואַנדערער, מיינע שטיינערנע ברידער, מיינע שוועסטער־מצבות, וואָס דו וועסט ערגעצווו טרעפן.

— זאָג זיי: איך האָב שוין נישט איין גלאָק קלינגען געהערט; זיי זענען שוין לאַנג אַנטשוויגן געוואָרן; איך האָב שוין אויף מיין פּלאַץ, ביים „יודענ־שטיין" נישט איין העצער געהערט בילן — זיי זענען שוין לאַנג פאַר־שטומט געוואָרן; איך האָב שוין נישט איין יובלדיקע מחנה געזען מאַרשירן און זיי אַלע פלעגן פאַרביי מיר דורכגיין און מיט שפּאָט און שאַנד באַשימפּן — זיי זענען שוין לאַנג לאַנג פאַרביי, נישטאָ... מיינע אותיות זענען, אמת, אָפּגעריבן... איך האָב זיי אָבער איבערגעלעבט...

— וועסטו האָבן ווילן, דערצייל עס אויך די לעבעדיקע ברידער, זאָלן זיי פון מיר, פון זייער שטיינערנעם אָנדענק, נעמען אַ ביישפּיל.

אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין אולם

אולם ביים דונאַי — איינע פון די וועלט־באַרימטע שטעט.

הונדערטער היסטאָרישע שלאַכטן האָבן פאַרייביקט די דאָזיקע מאַלערישע שטאָט; דער דונאַי־באַסטיאָן איז איינער פון די מערקווירדיקסטע מיטל־אַלטערלעכע פעסטונגען, וואָס האָבן אַ גרויסן שם אין דער מיליטערישער וועלט.

אולם איז אין דער לעצטער וועלט־מלחמה באַזונדערס באַרימט געוואָרן מיט איר פראָדוקציע פון טאַנקען און פאַנצער־אויטאָס, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די צענדליקער טויזנטער אין גרויסן קאָמבינאַט פון די אָרטיקע „מאַגערוס"־פאַבריקן.

אולם איז דאָס געבורטס־אָרט פון פראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין.

אולם פאַרמאָגט איינעם פון די מערקווירדיקסטע אַרכיטעקטאָנישע אָביעקטן — דעם וועלט־באַרימטן קאַטוילישן מינסטער, וואָס פאַרמאָגט דעם העכסטן טורעם אין דער וועלט. פון אַלע עקן וועלט קומען אַהער טוריסטן כדי צו באַוווּנדערן דעם דאָזיקן קריסטלעכן טעמפל מיט זיינע 161 מעטער און 768 שטיגן וואָס פירן צום שפיץ פון דעם דאָזיקן גאָטישן טורעם.

די שארית־־הפליטה פון היטלערס שחיטות האָט זיך ספעציעל באַקאַנט מיט אולם. דאָ זענען געווען פינף לאַגערן פון דיפיס, די אויסגעוואָרצלטע; אַ שיינע פאָר צענדליק טויזנט יידן זענען דורכגעגאַנגען דורך די פריערדיקע ס.ס.־אישע און מיליטער־קאַזאַרמעס: סעדאַן, בעלקע, דונאַי־באַסטיאָן, הינדענבורג און לודענדאָרף.

נאָכדעם ווי די יידישע שארית־הפליטה האָט פאַרלאָזן די דאָזיקע לאַגערן זענען אַהין אַריין אוקראַינער „דיפיס" צווישן וועלכע עס געפינט

זיך אַ גאַר גרויסע טייל כל־המינים שוואַרץ־מאהניקעס: בולבאָוועצעס, באַנ־דעראָוועצעס, פּעטלוראָוועצעס א״אַנד. די דאָזיקע „אויסגעוואָרצלטע״ האָבן עס מיט אַ צייט צוריק דורכגעפירט אַ „הונגער־שטרייק״, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם וואָס מען האָט געפּרוווט אַרויסצוגעבן פּוילן די צוויי אוקראַינער־נאַצי־באַנדיטן ראָמאַן און וולאַדימיר סוויטענקאָ, די הענקער פון דער ייִדי־שער באַפעלקערונג אין גאַליציש שטעטל גרודעק־יאַגעלאָנסקי.

בכלל איז אולם אַ שטאָט מיט אַ וועלט־נאָמען.

***

אויך אין דער געשיכטע פון די דייטשע ייִדן פאַרנעמט אולם אַ זייער אָנגעזעענעם אָרט. אָן אַ שיעור דאָקומענטן און כראָניקעס דערציילן וועגן דעם אַלטן יחוס פון דער דאָזיקער שטאָט, וואָס איז אין ייִדישע דאָקומענטן פאַרצייכנט מיטן גאַרנישט קורצן נאָמען:

„אולמא מתאָ ריתבאָ על נהר דונאַי ועל נהר אילר ועל מי מעינות״.

— די שטאָט אולמאַ, וואָס ליגט ביים טייך אולם און ביים טייך אילער און ביי וואַסער־קוואַלן (אַן אָנגענומענער נוסח אין רבנישער דאָקומענטן־צוזאַמענשטעלונג ביי תנאים, כתובות, גטין וכדומה).

וועגן דער געשיכטע פון ייִדן אין דער דאָזיקער שטאָט איז פאַראַן אַ זייער רייכע ליטעראַטור. ייִדן ווי נישט־ייִדן האָבן געווידמעט זייערע שטו־דיעס דער דאָזיקער אַלטער שטאָט און איר ייִדישן קיבוץ. ווי אַביישפּיל זאָל דינען דער ווייטערדיקער פאַקט: אין יאָר 1937 (שוין בימי היטלער) איז דערשינען אַ גרינטלעכע אַרבעט פון הערמאַן דיקער, אינעם ייִדישן פאַרלאַג פון מ. ראָטשילד אין ראָטוויל, ביים נעקער (שוואַרצוואַלד), אונטערן נאָמען „די געשיכטע דער יודען אין אולם״. איז דאָס דאָזיקע ווערק געבויט אויפן סמך פון מאַטעריאַלן פון די אַרכיוון אין אולם, שטוטגאַרט און קאָנס־טאַנץ און אויפן סמך פון העכער הונדערט געדרוקטע ווערק, ווו עס רעדט זיך, אָדער זענען ספּעציעל, וועגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין אולם.

אַ גאַר אָנגעזעענעם אָרט פאַרנעמט אולם אין דער שאלות ותשובות־ליטעראַטור. מיר געפינען וועגן דער דאָזיקער שטאָט, וועגן דעם דאָרטיקן ייִדישע ישוב אין די ווייטערדיקע שאלות־ותשובות:

פון הרב יעקב בן יהודה ווייל, באַקאַנט מיטן נאָמען דער מהר״י ווייל — געדרוקט אין ווענעדיג 1549 — געלעבט אין 15טן יאָרהונדערט.

פון הרב ישראל בן פתחיה איסערלין, אין זיינע שאלות ותשובות, געדרוקט אין ווענעדיג אין יאָר 1546, געלעבט אין 15טן יאָרהונדערט.

פון הרב ישראל בן חיים מברונא, געלעבט אין 15טן י״ה, גע־דרוקט געוואָרן אין סאַלאָניקי 1798 און אין שטעטין, אין 1860.

פון הרב יהודה בן אליעזר הלוי מינץ, באַקאַנט ווי דער מהר״י מינץ; געלעבט אין 15טן יאָרהונדערט. געדרוקט געוואָרן אין ווענעדיג 1553. סאַ־לאָניקי 1866 און פירט 1766.

פון הרב משה בן אליעזר הלוי מינץ (ברודער פון פריִערדיקן) געלעבט אין 15טן יאָרהונדערט. געדרוקט אין קראָקע 1617 און לעמבערג 1851.

דאָס וואָס אולם פאַרנעמט אַזאַ אָרט אין דער ליטעראַטור פון די גרויסע רבנישע אויטאָריטעטן פון 15טן יאָרהונדערט זאָגט עדות אויף דער וויכ־טיקער ראָל וואָס די דאָזיקע קהילה האָט דאַן געשפּילט.

וועגן דעם אָנהויב פון דעם יידישן ישוב אין אולם זענען פאַראַן אָן אַ שיעור לעגענדעס, צווישן אַנדערע אויך, אַז יידן זענען שוין דאָרטן געווען בעת דער קרייציקונג פון יעזוסן.

איינער פון די קריסטלעכע כראָניקערס פון מיטלאַלטער, פעליקס פאַברי (געשטאָרבן אין 1490) ברענגט אַפילו אין איינער פון זיינע פאַרצייכענונגען דעם טעקסט פון אַ בריוו, וואָס מען האָט אין יאָר 1349 געפונען ביי די יידן אין אולם (בעת זייער פאַרטרייבונג פון דער שטאָט), וואָס איז צו די אולמער יידן צוגעשיקט געוואָרן פון... ירושלים, מיט דער ידיעה, אַז יעזוס איז גע־קרייציקט געוואָרן. דער בריוו הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„צו די יידישע ברידער אויף יענער זייט ים, אין שוואַבענלאַנד, אין דער שטאָט אולם, שיקן די ברידער פון ירושלים און פון יידישן לאַנד זייער גרוס און גוטן פרידן... מיר זענען אייך מודיע, אַז דער פאַרפירער יעזוס פון נוצרת, דער זון פון יוספן, איז פון דער וועלט אַוועקגעשאַפט געוואָרן... ווייל מיר האָבן מער זיינע לעסטערונגען נישט געקענט דולדן...״.

אַז דער דאָזיקער „דאָקומענט״ איז נישט מער ווי אַ מיסטיפיקאַציע איז קלאָר. פונקט אַזעלכע „בריוו״ האָט מען דאָס „אַנטדעקט״ ביי די יידן אין רעגענסבורג און וואָרמס. די דאָזיקע „באַווייזן״ האָבן עס געדאַרפט באַ־רעכטיקן די גרויזאַמע שחיטות און רויבערייען, וואָס עס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין יענער צייט איבער די יידישע קהילות אין דייטשלאַנד.

זיכערע דאָקומענטן וועגן יידן אין אולם זענען אָבער פאַראַן שוין פון

דער ערשטער העלפט פון 13טן יאָרהונדערט. מיר געפינען די ייִדן אין אולם ווי שטייער־צאָלער אין די יאָרן 1241, 1243, 1345, 1401 און 1402.

אין די פאַרשידענע יזכור־ פאַרצייכעניש אין די מעמאָר־ביכער, גע־פינט זיך זייער אָפט אולם. גרויס איז די צאָל פון די גזירות, רדיפות, און שחיטות, וואָס עס ציילט די דאָרטיקע קהילה. פון די גרעסטע זענען געווען אין די יאָרן 1349 און 1499. אין טרויער־עלעגיעס פון די פייטנים אין יענער און שפּעטערדיקע צייטן ווערט טאַקע אולם דערמאָנט.

מיר האָבן דעם דאָזיקן זייער קורצן אַריינפיר צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער קהילה אין אולם געגעבן, כדי דערפירן צו דער דאַטע פון 1499, וואָס האָט אַ שייכות צו אונדזער טעמע: צו די אַרכעאָלאָגישע אויס־גראָבונגען אין אולם.

**
*

אין אַ טייל אַרבעטן פון אַ דייטשן אולמער היסטאָריקער, ד״ר קאָנראַד האַסלער, פון די יאָרן 1848 און 1865 זענען פאַראַן ידיעות וועגן ייִדישע מצבות וואָס זענען איינגעמויערט אין דעם קאַטוילישן מינסטער און אין אַנדערע געביידעס פון אולם. אין די דאָזיקע זייער אינטערעסאַנטע אַרבעטן ווערן געבראַכט די טעקסטן פון אַ פּאָר צענדליק מצבות, וואָס שטאַמען פון די יאָרן צווישן 1234—1379.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין אולם עטלעכע צענדליק מאָל. עס איז אַ צענטראַלער פּונקט פון וואַנען מיינע נסיעות פלעגן זיך אָפּצווייגן צום אַלגאָו, צום אילערטאַל, צום בורגאַו און שוואַבענלאַנד און פּעדערזעע, ווו עס זענען פאַראַן שריים פון לאַנג־פאַרשווונדענע און פאַרגעסענע ייִדישע קהילות פון מיטלאַלטער.

ביי איינעם פון מיינע באַזוכן האָט זיך מיר געוואָלט אָנקוקן די ייִדישע מצבות, וואָס זענען איינגעמויערט אין דעם דאָזיקן וווּנדער־טעמפּל, וואָס ציט צו זיך עולה־רגלניקעס, פרומע קאַטוילישע פּילגרימען פון אַלע עקן וועלט.

עס האָט מיר אויך אינטערעסירט צו וויסן ווי קומען אַהין די דאָזיקע מיטלאַלטערלעכע שטיינערנע דאָקומענטן פון דער מתא אולמא פון יאָר־הונדערטער צוריק.

קלעטער איך אויף די 768 געדרייטע טרעפּ פון מינסטער; שפּינוועבס, שטויב און שטיינערנע שוואָמען פאַרדעקן מיט אַ דיקן שיכט די ווענט פון דעם שמאָלן שטיגן־דורכגאַנג. עטלעכע טעג האָט מיר דער „בוי־מייסטער״

געפירט איבער די דאָזיקע פאַרפּלאָנטערטע לאַבירינטן פון דעם גאָטישן דאַך־געוועב, געשייערט די שטיינער ביז איך האָב אָנגעהויבן אָפּצולייענען. טייל שטיינער האָב איך אין אַנדערע ערטער פון שטאָט געטראָפן.

און אַ שייכות האָט עס נאָר צו יענע שטיינער, וואָס זענען מיט די ייִדישע אותיות אַרויף. און מיר לייענען:

ר׳ קלונימוס בר׳ שלומיאל — נפטר תשרי קמד (1383).

ר׳ אליקום בר׳ יהודא — אלול קיה (1355).

הישיש הנאמן הזקן ר׳ יוסף בר׳ מנחם, כסליו קכד (1364).

און אַ סעריע שטיינער (נישט נאָר אין מינסטער) מיט די מצבות פון די פרויען־נעמען: גולה, ברונלין, יוטא, מרים, צרויה, בלט (באַלאַט) א״אַנד. — אַלץ פון 13טן און 14טן יאָרהונדערט.

מצבה אין אולמער מינסטער.
עס איז פּאַר מרים בת שלמה, וואָס איז נפטר געוואָרן מיטוואָך 25 טעג אין חודש אייר פון יאָר ס״ה — 20טער אַפּריל 1305.

אָדער אַ מצבה וואָס ווערט באַטיטלט אין העברעיִש התרנגולת המהו־ללה, ווייל די געשטאָרבענע האָט געהייסן הינליין!!!

די אַרכיוו־דאָקומענטן פון דער בוי־פּאַרוואַלטונג האָבן מיר אויפגעקלערט דעם גילגול פון די דאָזיקע יידישע רעליקוויעס: פון יידישן בית־עולם צום קאַטוילישן טעמפּל.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער מינסטער, וועמענס בוי עס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1377, האָט געדויערט עטלעכע הונדערט יאָר. ער איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 16טן יאָרהונדערט און די יידישע מצבות האָבן עס דערמעגלעכט, אַז דער מינסטער זאָל קענען אויפגעבויט ווערן.

דער מינסטער, וואָס האָט זיך געבויט זינט 1377, האָט אין יאָר 1492 געמוזט אָפּשטעלן דעם בוי. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלט בוי־מאַטעריאַל פאַר אַזאַ קאָלאָסאַלן בנין. דער דעמאָלטיקער אַרכיטעקט מאַטעיאַס בעבלינגער האָט געזוכט שטיינער און צו־הילף איז געקומען די גזירה פון 1499: דער גירוש פון די אולמער יידן.

דער מאַטעריאַל אין מינסטער־אַרכיוו דערציילט, אַז בכלל איז מען געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם מינסטער, ווייל איין זייט פון דעם ריזיקן בנין האָט זיך אָנגעהויבן אויסבויגן און מען האָט געזוכט גוטן שטיין־מאַטעריאַל אונטערצושטיצן די באַדראָטע וואַנט.

ליגט פאַר מיר דער דאָקומענט פון יידישן גירוש פון אולם „די אורקונדע״ פון קייסער מאַקסימיליאַן דעם ערשטן. דער דאָקומענט איז דאַטירט דעם 6טן אויגוסט 1499, אונטערגעשריבן אין אַשאַפענבורג.

ער, מאַקסימיליאַן, באַפעלט, אַז די שטאָט אולם זאָל פאַרטרייבן אַלע יידן מיט זייערע משפחות. זייערע גיטער איבערצוגעבן דעם אַדלמאַן וואָלף פון אַש, פירער פון גייזלינגען.

ווערט אויסגערעכנט וואָס אַלץ מען דאַרף צונעמען:

1. די סינאַגאָגע מיטן הויף און מיט אַלץ וואָס עס געהערט דערצו; 2 דעם בית־עולם מיט די דאָרט פאַראַנענע הייזער; 3. הויז און הויף פון אברהם פון היילבראָן; 4. הויז און הויף פון לייזער דעם „הויטשינדער״ (משמעות אַ קצב); 5. הויז און הויף פון דעם וואליך; 6. הויז און הויף פון דעם זעליגמאַן; 7. הויז און הויף פון דעם שמואל; 8. הויז און הויף פון דער יידישקע גיטלין; 9. הויז און הויף פון דעם משה; 10. הויז און הויף פון דעם שמעון; 11. דעם שפיטאָל; 12. הויז און הויף פון דעם אנשעלם; 13. די „באָד־שטוב״ (מקוה געמיינט); 14. הויז און הויף פון דעם פינסטלין; 15. הויז און הויף פון דעם שולקלאַפּער לעמלין.

דייטשע פּינקטלעכקייט האָט זיך שוין דאָן באַוויזן. געניי זענען אויס־געדעכנט די גולדנס וואָס דאָס אַלץ איז ווערט.

מאַטיאַס בעבלינגער, דער בוי־אַרכיטעקט, איז געראַטעוועט געוואָרן — ער האָט באַקומען בוי־מאַטעריאַל לרוב.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז גראָד אין די טעג, וואָס איך האָב גע־נישטערט אין דעם אַרכיוו פון מינסטער און געקלעטערט אויף די געדרייטע שטיגן פון יאָרהונדערטער צוריק, כדי פאַנאַנדערשיפרירן די איבערבליי־בענישן פון דעם יידישן מיטלאַלטערלעכן קהילה־לעבן פון אולם, איז מיר באַקאַנט געוואָרן אַ ווייטערדיקער פּרט, וואָס איז טאַקע פאַרבונדן מיט דער פריערדיקער מאַרטירער־עפּאָפּייע פון די מצבות.

זיצנדיק אין דעם שטאָטישן אַרכיוו איז צו מיר געקומען מיט אַ שאלה דער סטודיענראַט העבערלע, דער ממונה פון דעם אַרכעאָלאָגישן אָפּטייל פון שטאָטישן מוזיי. ער וויל וויסן, צי ביי די יידן איז פאַראַן אַ מנהג אַזאַ, ווי ביי די עגיפּטער, אַז מען גיט די טויטע אין קבר אַריין כלים מיט עסן.

די דאָזיקע „שאלה" איז מיר אויסגעקומען אויסטערליש און איך האָב, פאַרשטייט זיך, געענטפערט, אַז לא היה ולא נברא, אַזאַ זאַך איז ביי יידן נישטאָ.

איז ער געקומען מיט אַ צווייטער פראַגע, טאָ ווי אַזוי קומען שערב־לעך פון ליימענע כלים אין יידישע קברים. און ער דערציילט מיר אָט־וואָס:

געווען איז עס אין יוני 1948, ווען מען האָט דורכגעפירט בוי־אַרבעטן אין דעם הויף פון דעם פּאָסטאַמט נומ. 1 אין אולם. גראָבנדיק האָט מען דאָרט געפונען מענטשלעכע סקעלעטן. ביי די ביינער האָט מען געפונען שערבלעך פון ליימענע כלים.

אַ גענויער אַנאַליז פון די געפונענע שערבלעך האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע שטאַמען פון 13טן יאָרהונדערט.

האָט מען אָנגעהויבן זוכן אין די שטאָט־פּלענער, כדי אויסצוגעפינען וואָס פאַראַ אָביעקטן האָבן זיך געפונען אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ. נאָך אַ חקירה ודרישה איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אויף דעם דאָזיקן אָרט איז געווען דער ערשטער יידישער בית־עולם, וואָס ווערט שוין דערמאָנט אין יאָר 1281, אין אַ דאָקומענט ווי דער „יודען־קירכהאָף" און וואָס איז אין יאָר 1499 פאַרקויפט געוואָרן, נאָכן גירוש פון די יידן...

עס איז ביי דער אַרכעאָלאָגישער קאָמיסיע קלאָר געוואָרן, אַז דאָס זענען יידישע סקעלעטן; אַ שאלה איז נאָר געווען, וואָס טוען דאָ די שערב־

לעד. און געקומען איז דער אויספיר, אַז מן־הסתם גיט מען מיט די ייִדישע נפטרים ליימענע כלים אין קבר אַריין.

קיין כלים גיט מען טאַקע נישט אַריין אין קבר, אָבער ווייזט אויס אַז שוין דאַן, אין דייטשלאַנד, איז געווען דער מנהג ביי די ייִדן, אַז די אויגן און דאָס מויל פון נפטר ווערן צוגעדעקט מיט שערבלעך — וואָס דאַרף דערמאָנען, אַז דער מענטש איז געגליכן צו אַ חרס הנשבר, צו אַ צעבראָכן שערבל.

דאָס אַמאָליקע באַרימטע אולם איז שוין לאַנג נישטאָ. פון דעם גרויסן גירוש 1499 זענען אַ פּאָר יאָרהונדערטער אַריבער און מיר וויסן נישט וועגן ייִדישן זיין אין אולם. ערשט אין יאָר 1768 ווערן ווידער דאָרטן דערמאָנט ייִדן. אין 1845 ווערט אויסגעבויט אַ ייִדיש געבעט־הויז. דער לעצטער גרויסאַרטיקער טעמפּל, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן בעת דער „קריסטאַל־נאַכט“ פון 1938, איז אויפגעבויט געוואָרן אין 1873.

געווען איז דאָרט אַ גאָר פיינע געמיינדע מיט עטלעכע חברות, וואָס האָבן באַדינט די 586 ייִדן, וואָס האָבן זיך געפונען אין יאָר 1938 אין דער שטאָט. די קהילה האָט דאַן געהאַט די אויפזיכט אויף אַ רייע אַנדערע קלענערע ישובים מיט ייִדן: גערשטעטען, היידערהיים, הערדלינגען.

74 ייִדישע קינדער האָבן נאָך דאַן געהאַט זייער ספּעציעלע ייִדישע קורסן פאַר „רעליגיאָנס אונטערריכט“.

היינט — 2 ייִדישע פאַבריקאַנטן, פּליטים פון פּוילן, און איין ייִד, אַ פריִערדיקער תּושב — דער אַדוואָקאַט וואָלף, וואָס איז „טרויהענדלער“, דער אויפזעער און אַפּוטרופּוס פון די יורשימלאָזע ייִדישע גיטער.

ווי אַ זכרון פון די פאַרגאַנגענע צייטן איז געבליבן דער נישט צע־שטערטער, אין אָרדענונג געהאַלטענער נייער ייִדישער בית־עולם, וואָס איז אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם בית־עולם. גאָר נישט טיילט־אָפּ דעם ייִדישן קוואַרטאַל מיט די מגן־דודס און ייִדישע אויפשריפטן פון די דייטשע קברים־רייען. אינמיטן פון דאָזיקן ייִדישן ווינקל הויבט זיך אַרויס דער וואונדערבאַרער דענקמאָל פאַר די „געפאַלענע פאַרן פאַטערלאַנד“ אין די יאָרן 1914־1918...

אַ געוויסע צייט איז דער דאָזיקער ייִדישער בית־עולם געווען אַ צוצי־פּלאַץ פאַר טוריסטן, ווייל עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָרטן ליגט די מוטער פון פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז דאָרט ליגט טאַקע אַ פרוי איינשטיין, אָבער נישט אַלבערטס מוטער.

דער „יודענטאָר" אין ווייל־דער־שטאָט

פון וואָס פריִער זאָל איך אָנהויבן דערציילן וועגן דעם שיין, ממש פּראַכטפול, שטעטל ווייל־דער־שטאָט?

בכלל איז דאָס דאָזיקע אָרט נישט געווען אין מיין פּלאַן, איך האָב עס נישט געהאַט אין מיינע רשימות. עס איז דאָרטן ערב דעם היטלער־חורבן נישט געווען קיין קהילה און איך האָב דאָרטן גאָר־נישט געהאַט וואָס צו זוכן און במילא צו געפינען. אָבער אויף אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון די ווירטעמבערגער „היימאַט־פאָרשער" און „אַלטערטום־פלעגער" איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין מיין עקסקורסיע־פּלאַן אויך ווייל־דער־שטאָט.

די דערמאָנטע קאָנפערענץ האָב איך אויסגענוצט אָנצוקניפּן אַ קאָנ־טאַקט מיט די כל־המינים אָרטיקע „שטודיענראַטן", אַרכיוואַרן, קוסטאָשן וכדומה, כדי עפּעס פון זיי צו „נאַשן" און זיך דערוויסן וועגן פאַרוואָר־לאָזטע ייִדישע שיריים, וואָס האָבן זיך פאַרוואַלגערט אין זייערע מקומות. דאָ טאַקע האָט מיך דער אַלטערטום־פלעגער פון ווייל־דער־שטאָט אַ פרעג געטון:

— און דער „יודענטאָר" (ייִדישער טויער) פון ווייל־דער־שטאָט איז אייך באַקאַנט?

איך האָב געענטפערט, אַז איך האָב וועגן דעם נישט געהערט. האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן: — היתּכן, וואָס הייסט איך ווייס נישט פון זיין „יודענטאָר", וואָס איז די צירונג פון זיין שטעטל, וואָס איז באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט. בכלל וואָלט איך געדאַרפט מאַכן אַ פּילגרימקע אין זיין רעזידענץ, אין דער מאַלערישער שוועבישער געוועזענער רייכ־שטאָט, בפרט, האָט ער אַקצענטירט:

— דאָס איז דאָך דאָס געבורטסאָרט פאָן דעם ראַבי יאַקוב ווייל!
איך בין זיך מודה, אַז איך בין געוואָרן שטאַרק איבעראַשט. איך האָב טאַקע נישט געוווּסט, אַז וויל־דער־שטאָט איז דאָס געבורטסאָרט פון דעם באַרימטן אשכנז־גדול, דעם גאון און פוסק רבי יעקב בן יהודה ווייל, איינעם פון די גרעסטע גדולים אין דייטשלאַנד פון 15טן יאָרהונדערט, מחבר פון שאלות ותשובות, אַ תלמיד פון דעם מהרי״ל (אגב פאַלט בקרוב אויס זיין 500סטע יאָרצייט — ער איז געשטאָרבן אין ערפורט אין יאָר 1456).
דערביי דערוויס איך זיך, אַז די דאָרטיקע שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט בשעתה אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע אויסגאַבע טאַקע לכבוד דעם רבי יעקב ווייל.
איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען.
אין וויל־דער־שטאָט בין איך געווען דער גאַסט פון 2 אָרטיקע שטאָט־אָריגינאַלן, ביידע אין די נײַנציקער — ראשית דעם געוועזענעם בירגער־מייסטער שיטץ, טאַקע דער מחבר פון דער אַרבעט וועגן ר׳ יעקב ווייל (דערשינען אין 1923 אין וויל־דער־שטאָט) און דעם איינבינדער און פּאַפּיר־געשעפט־אייגנטימער אַנטאָן גאַלל, איינעם פון די זעלטנסטע טיפּן פון די חסידי אומות העולם, וואָס איך האָב געטראָפן אויף דער דייטשער ערד.

***

וואָלט איך אפשר געדאַרפט זיך גענויער אָפּשטעלן אויף דער פּערזענלעכקייט פון רבי יעקב ווייל, דעם יעניקן וואָס האָט פאַר זיין פאַמיליע־נאָמען אויסגעקליבן זיין געבוירן־שטאָט און וואָס פון דאַן אָן האָט זיך דער נאָמען ווייל צעטראָגן איבער אַלע תפוצות. אַ שטאַם וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן גאַנצע פּלעיאַדעס פון גרויסע מענטשן, וואָס האָבן יעדער אין זיין דור, אין די פאַרשידנסטע תפוצות, געשפּילט גאָר וויכטיקע ראָלעס אין יידישן לעבן. אין משך פון יאָרהונדערטער זענען די ווייל'ס געשטאַנען בראש פון קהילות, און אָפּטמאָל אויך פון גאַנצע לענדער־ישובים, אָדער פאַרנומען אויבנאָן־ערטער הן אין דער קולטור־וועלט (וויסנשאַפטלער, פאָרשער, ליטעראַטן, בינע־ און פענדזל־קינסטלער א״אַ) ווי אויך אין דער פינאַנסיעלער ספערע. וויל איך זיך אָבער האַלטן נאָענט פון מיין לאַבירינטן־טעמע. בין איך אַוועק איבער די וויל־דער־שטאָטער תקופות־שפּורן, דאָרטן, דורך וואַנען עס זענען געגאַנגען די יידישע יאָרהונדערטער.
שוין אין 13טן יאָרהונדערט (אין יאָר 1281) ווערט דערמאָנט אַ יידישער קהל אין וויל־דער־שטאָט.

אין יאָר 1349, בעת די טרויעריקע גזירות, אין דער צייט פון דער „שוואַרצער מגיפה", איז די דאָרטיקע קהילה געפאַלן אַ קרבן פון די צעיור־שעטע באַנדעס. אין דער הזכרה נאָך די דעמאָלטיקע קרושים, ווערן אויך דערמאָנט די הרוגי ושרופי — די דערהרגעטע און פאַרברענטע — קהילות עסלינגאן ולומדיה ורבניה, רויטלינגאן, ווײַלא...

דאָס וואָס עס איז געבליבן נאָך די אויסגעשאָכטענע און פאַרשרפעטע ייִדן האָט דער קיסר קאַרל דער פערטער איבערגעגעבן במתנה דער שטאָט. מיט 600 יאָר צוריק האָט שוין ווייל־דער־שטאָט „אָפּגעירשנט" אירע ערשטע ייִדן...

דעם 5טן נאָוועמבער 1360 האָט דער קייסער קאַרל דער פערטער אַרויסגעגעבן פאַר די ווייל־דער־שטאָטער ייִדן אַ „פּריווילעגיע", אַז זיי קענען וווינען אין דער שטאָט, צאָלן שטייערן און ווערן „געשירמט".

די דאָזיקע „פּריווילעגיע" איז נאָכדעם, אין יאָר 1380, באַשטעטיקט געוואָרן פון זיין זון, דעם קייסער ווענצלאַוו.

אין דער דאָזיקער צייט איז דאָרטן טאַקע געבאָרן געוואָרן ר׳ יעקב ווייל.

אין די יאָרן 1401—1402 טרעפט מען ייִדן אין די רשימות פון די מלוכהשע שטייער־צאָלערס פון ווייל־דער־שטאָט.

אין יאָר 1683 זענען שוין קיין ייִדן דאָרט נישט געווען. געבליבן איז נאָר דער זכר נאָך זיי דער „יודענטאָר" און אַ „יודענגאַסע".

עס באַגלייט מיך דער אַלטער 82־יאָריקער אַנטאָן גאַלל. מיר גייען איבער די גאַסן פון ווייל־דער־שטאָט און זוכן דעם שאָטן פון די נעכטיקע טעג.

פיין, הערלעך, ציכטיק איז דאָס דאָזיקע שטעטל אין דעם טאָל פון דעם טייך ווירם. ער גייט גאַלל און יעדע ווײַלע פאַרהאַלט ער זיך ביי אַ געביידע, ביי אַ ווינקל, אַ טורעם, אַ קירכע, אַ גאַסטהויז, אַ הויף און דער־ציילט דעם יחוס פון יעדן אָרט. ער איז פאַרליבט, אַנטאָן, אין זיין היימאַט, וואָס פאַרמאָגט בסך־הכל אַ 3000 איינוווינער.

ער גרויסט זיך מיט זיין שטעטל, וואָס ציט דעם יחוס, ווי מען גיט איבער, אַזש פון די רוימער. ער ווייזט אַרויס באַהאַוונטקייט אין דער געשיכטע.

אין יאָר 1218 איז עס דערהויבן געוואָרן פון פרידריך דעם 2טן צום ראַנג פון אַ „שטאָט". דאַן איז עס אַרומגענומען געוואָרן מיט „פעסטונג". מיר שפּאַצירן טאַקע אויף דער דאָזיקער פעסטונג.

— זעקס מאָל זענען דאָ געווען דייטשע קיסרים צו גאַסט:

— 1284 — רודאָלף דער ערשטער;

— 1360 — קאַרל דער פערטער (דאַן טאַקע האָט ער אַרויסגעגעבן די „פּריווילעגיע" פאַר די ייִדן);

— 1448 — דער קיסר סיגיזמונד;

— 1473 — פרידריך דער 2טער;

— 1491 און 1511 — מאַקסימיליאַן.

און אַנטאָן גאַלל ווייזט אָן די גאַסטהייזער, ווו יעדער פון די דערמאָנטע דיגיניטאַרן זענען איינגעשטאַנען.

— דאָ איז אויך געבוירן געוואָרן, אין יאָר 1571, דער באַרימטער אַסטראָנאָם קעפּלער.

שטייען מיר טאַקע אינמיטן דעם שטאָטישן מאַרק, ביי דעם קעפּלער־דענקמאָל; אַרום אונדז איז מיטלאַלטער; — אָט איז די פּעטער־ און פּאַול־קירכע פון 1492; און אָט איז דער „ברונעם" מיט קאַרלס פיגור; רעכטס — דער „ראָטהויז" פון 1582 מיט זיין אָריגינעלע אַרכיטעקטאָניק; און מען זעט דעם „בירגער־שפּיטאָל" פון 1346 מיט זיינע גאָטישע פאַרפּוצונגען.

איך דערמאָן מיין באַגלייטער, אַז אייגנטלעך זענען מיר געגאַנגען זוכן עפּעס אַנדערע „זעענסווערקווירדיקייטן".

— יאָ, מיר גייען צום „יודענטאָר". מיר מוזן אָבער דורכגיין דער „יודענגאַסע". היינט הייסט זי שוין נישט אַזוי, זי איז איינגעטיילט אין עטלעכע גאַסן, ווייל זי איז געווען פון די לענגסטע אין דער שטאָט.

פון דעם שטאָטישן מאַרק זענען מיר אַריין אין דער פאַרצהיימער שטראַסע, פון דאָרטן אַרויס צו דער הירשגאַסע און אָט איז זי שוין די „יודענגאַסע".

— זעען זי, די קליינע שטיבלעך, זיי שטאַמען אפשר נאָך פון יענע צייטן; די ייִדן האָבן זייערע הייזער געבויט באַשיידן, נישט אויפצורייסן די אויגן. ביידע זייטן פון דער „יודענגאַסע" זענען טאַקע באַזעצט מיט קליינע, מיט איינשטאָקיקע הייזקעס.

— אָט דאָ, —גיט אַ ווייז גאַלל מיט זיין שטעקן, — איז געשטאַנען די סינאַגאָגע. ער האָט עס געגוי נאָכגעפאָרשט; — דאָרט — גיט ער אַ פאָכע מיטן זעלביקן שטעקן, — צו דער זייט פון דעם שטאָטישן פעסטונג־מויער, איז געווען דער „קירכהאָף" — דער ייִדישער בית־עולם. פון זיי זענען שוין היינט נישטאָ קיין סימנים, דאָס פאָלק האָט אָבער אין דער שפּראַך די דאָזיקע נעמען אויפגעהיט.

— די „יודענגאַסע“ פאַרבייגט זיך רעכטס ווידער צו דער פאָרצהיי־מער שטראַסע. דאָ האָט זי מיט העכער 500 יאָר צוריק געהייסן די „אָבערע יודענגאַסע“, ווייל עס איז אויך געווען אַן „אונטערשטע“... און אָט הויבט זי זיך אָן ביי דער קאַלווער גאַסע...

— און איצט, ר'עכטס אַריין אין דער קאַלווער גאַסע און מיר זענען ביים „יודענטאָר“. ער שטייט דער דאָזיקער טויער פאַר אונדז מיט זיין גאַנצן פראַכט. דער ברייטער שטיינערנער אַריינפאָר באַבויט פון אויבן מיט שטיבלעך און איבערשטיבלעך, אַלץ אין שוועבישן סטיל — שטיין דורכגעפלאָכטן מיט האָלץ. זיין רויטער קאַכלדאַך באָדט זיך אין זון און איז אַרומגעוואָקסן מיט ווילדע וויינשטאָקן.

עפּעס דערציילט ער, אַנטאָן גאַלל, און ווייזט מיט זיין שטעקן, דאָ

דער „יודענטאָר“ אין ווייל־דער־שטאָט.

אויף איין וואַנט, דאָ אויף דער צווייטער; וויפל שלאַכטן עס האָט אויסגע־האַלטן דער טויער, וועלכע מלוכה־מענער עס האָבן אַלץ פאַרביי אים דורכגעפאָרן; וועגן די אַרכיטעקטן וואָס האָבן וועגן אים געשריבן...

איך הער אָבער נישט וואָס ער דערקלערט מיר. מיינע מחשבותן זענען גאָר ערגעץ אַנדערש. וויפל יאָר שטייט ער דאָ דער דאָזיקער „טאָר", דער טויער דער יידישער. צי איז ער געווען אַ „שערי רחמים"? צי איז עס געווען פון די יעניקע וועגן וועלכע עס האָט זיך געשריבן „זה השער...", אַז דאָס איז יענער טויער, גאָטס טויער, וואָס נאָר צדיקים זענען דורך אים דורכגעאַנגען.. אָדער ער איז געווען פון די שערי טומאה? און וואָס האָבן אַלץ זיינע טורעמס צוגעזען? ווהין זענען זיי אַוועק די יעניקע וואָס מ'האָט פאַריאָגט, פאַרטריבן? ווער האָט געשלאָסן און געעפנט זיינע טויערן? וואָס איז פון זיי געוואָרן?...

העכער 600 יאָר יידיש לעבן, יידיש שאַפן, יידיש פיין האָט דער דאָזיקער טויער צוגעזען. פון דעם אַלעמען איז ער אַליין געבליבן, דער איינציקער עדות, דער זכר לחורבן...

***

אַנטאָן גאַלל, מיט זיינע 82 יאָר, האָט זיך פאַרמאַטערט פון זיין יאָר־הונדערטער־עקסקורסיע; שוין לאַנג אַזאַ גרויסן שפּאַציר נישט געמאַכט. מיר זענען אַריין זיך אָפּרוען אין דער „בעקער־וויינשטובע". ביים שוועבישן „באָקביר" האָט ער זיינע דערציילונגען נאָך ווייטער געפירט:

— אָט דאָ, אינמיטן דעם מאַרק, ביים „ברונעם", פלעגן פאָרקומען די יאָרמערק, 12 מערק אין יאָר און עס פלעגן קומען אַהער יידישע סוחרים, פיהענדלער. פון גאַנצן אַרום פלעגן זיי קומען, אָבער דער עיקר פון רעקסינגען. זיי פלעגן ברענגען גאַנצע פי־שטאַלן און נישט איין פויער האָט צום גוטן דערמאָנט די דאָזיקע סוחרים, וואָס פלעגן לרוב געבן אויף אויסצוצאָלן. ער רופט אָן נעמען...

— אויך האָבן יידן אויפגעקויפט דעם שפּעדיקן שניט פון האָפּן, מיט וואָס עס איז רייך געווען דער געגנט. ביז 1300 צענטנער אַ יאָר פלעגט דאָ געבן די יערלעכע געערטעניש. ער, אַנטאָן, איז געווען אַן אונטער־הענדלער, ער פלעגט עס באַדינען די יידישע אויפקויפער פון דעם האָפּן.

אַנטאָן פאַרהויבט זיינע גרויע וואָנצעס, גיט אַ שלוק ביר פון דעם ליימענעם קופל און פאַרמאַכנדיק די אויגן מאַכט ער אַ נסיעה אין זיינע זכרונות:

— פון דער עקספּאָרט־פירמע אָפּענהיימער, פון מאַנהיים, פלעגט קו־מען דער אויפקויפער לעווי, שפּעטער קליין...

פון באַמבערג פלעגט קומען לואיס שטערנבערג, דער פאָרשטייער פון דער פירמע אולמאַן...

פון נירענבערג, פון דער פירמע הערמאַן...

— יידן האָב דאָ נישט געווינט, זיי פלעגן נאָר קומען צו די מערק. פלעגן דאָ זיצן וואָכנלאַנג. זיי פלעגן אַלע גיין צום „יודענטאָר"...

מיר זענען נאָך לאַנג געזעסן. אַנטאָן גאַלל, דער איינבינדער, דער אייגנטימער פון אַ פּאַפּיר־געשעפט, וואָס האָט 60 יאָר אָפּגעגעבן דער „היימאַט־פאָרשונג" פון זיין מאָלעריש, יחוסדיק שטעטל, האָט איצט פאַר־געסן די קיסרים, די אַדעליקע, די פירשטן און פּרינצן, ער האָט זיך דער־מאָנט אָן אָפּענהיימערן, אָן הערמאַנען, לעווין, שטערנבערגן.

— אפשר וועט איר זיך דערוויסן וואָס מיט לואיס שטערנבערגן איז געשען. ער איז געווען מיין בעסטער פריינט...

עס איז געקומען דער מיליטערישער דזשיפּ, וואָס האָט מיך גע־דאַרפט צוריקנעמען פון דער עקסקורסיע. גאַלל האָט מיר פאַרהאַלטן, איך זאָל מיט אים צופאָרן צו זיין דירה, ער וועט מיר איבערגעבן אַ מתנה, אַ בילד פון דעם „יודענטאָר", אַ קאָפּיע פון אַן אַקוואַרעל, וואָס עס האָט געצייכנט דער קינסטלער וו. שינק, איך זאָל עס פאַרעפנטלעכן. זאָל די וועלט וויסן וועגן דעם „יודענטאָר" אין זיין באַליבטן שטעטל.

— איך האָב טאַקע געבראַכט דעם „יודענטאָר", דעם עדות נישט נאָר פון קיסרלעכע וויזיטן און העלדישע שלאַכטן, נאָר אויך פון העכער 600 יאָר פאַרשניטענעם יידישן לעבן.

דאָס „געלבע הויזכען“ אין אָפּענהיים

צווישן מאַינץ און וואָרמס, אין איינעם פון די שענסטע ווינקלען פון רהיינלאַנד, געפינט זיך אָפּענהיים.

ביי מיינע אָפּטע באַזוכן פון דעם קהילות־דריילינג שו״ם (שפּייער, וואָרמס, מאַינץ) איז מיר כסדר אויסגעקומען פאַרבייצופאָרן אָפּענהיים, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן מיט שפּיציקע גאָטישע טורעמס צווישן דער לאַנגער גרינער בערגקייט באַדעקטע מיט וויינטרויבן, די באַרימטע רהיינלענדער וויינבערג. אַ געוויסן מאָל, ווען איך בין שוין געווען באַשטימט צו באַזוכן אָפּענהיים, האָט עס מיר פאַרשלעפּט קיין באַכאַראַך. גראָד דאַן איז אין דער דאָזיקער יחוסדיקער קדושים־שטאָט, אין שייכות מיט עפּעס אַ היינע־אַניווערסאַר, געגעבן געוואָרן אַ „היינע־פעסטשפּיל“ מיט דעם „רבי פון באַכאַראַך“. איך האָב נישט געקענט ביישטיין דעם יצר־הרע נישט אָנצוקוקן דאָס דאָזיקע שפּיל אויפן פּאָן פון דעם מאָלערישן, מיטלאַלטערלעכן באַכאַראַך...

כדי רויק, געמיטלעך און נישט געשטערט דורכצופירן אַ פאָרשונג־אַרבעט אין אָפּענהיים, דאַרף מען אויסזוכן אַ געהעריקן מאָמענט, ווייל דאָרטן איז אַ שטענדיקער הו־האַ, אַ טומל, אַ האַרמידער. דוכט זיך אַ קליין שטעטל, נישט קיין גאַנצע 5000 איינוווינער ,אָבער אַ רעש, אַ גערודער איז דאָרטן ווי אויף גרויסע יאָרמערק. ווילט איר איז דאָרטן טאַקע אַ קיילעכדיקער יאָר אַ יאַריד — ס׳איז, ווי די אָפּענהיימער רימען זיך, די „ווינשטאַדט אַם רהיין“ — דער צענטער פון דעם רהיינלענדער ווינהאַנדל. די וויין־יאַרידים זענען דאָ טאַקע די גרעסטע; די וויין־שמחות, די שיכרות־פעסטיוואַלן זענען דאָ די טומלדיקסטע; די קאַרנאַוואַלן — די פאַרביקסטע און די ווילדסטע. און „יום־טובים“ אַרום דעם וויין מאַכן זיי דאָ עטלעכע

מאָל אין יאָר; ווען מען פאַרבינדט די ווײַנצווייגן, נאָכן ווינטער, צו די שטעקלעך; ווען די ווײַנטרויבן בליִען; ווען די ווײַנטרויבן הויבן זיך אָנ־גיסן מיט זאַפט; ווען מען קלויבט די ווײַנטרויבן; ווען מען קוועטשט זיי אויס צום ערשטן מאָל; ווען מען ליידיקט אויס די קעלטערס; ווען, ווען און ווען...

דערצו איז נאָך אָפּענהיים נישט נאָר אַ צוצי־אָרט פאַר ווײַן־סוחרים און שיכורים, עס איז אויך איינע פון די רײַכסטע ערטער מיט מיטלאַל־טערלעכע זעמערקווירדיקייטן, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט היסטאָרישע דאַטעס און איז, בכן, שטענדיק פול מיט עקסקורסיעס, אויספלוגן, טוריסטן און סתּם נייגעריקע.

ווי איך האָב נישט אויסגערעכנט, בין איך פּאָרט אַרײַנגעפאַלן אין אָפּענהיים אינמיטן פון דעם „ווײַנפעסט”, אינמיטן דעם יום־טוב פון דעם שיכּרות־גאָט באַכוס. האָט נאָך דער צופאַל געוואָלט, אַז דער „היימאַט־פלעגער” צו וועמען איך האָב געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע, אַ געוויסער ערנסט יונגקענן, איז גאָר פון די גרעסטע פלאַנטאַטאָרן פון ווײַן און דער באַזיצער פון דעם עלטסטן און גרעסטן ווײַנקעלער און אָפּענהיים.

הכלל, איך האָב שוין געטראַכט, אַז מײַן נסיעה איז אַרויסגעוואָרפן, אומזיסטע אַרבעט, פאַרלאָרענע צײַט; וואָס האָב איך צו טון אין דעם דאָ־זיקן ווײַן־האַרמידער; ווער ווייסט עס האָבן געדולד צו מײַנע יאָרהונדערטער, צו די שפּורן פון די וואַנדלונגען פון אונדזערע געוועזענע תּקופות.

אָבער עס איז נישט אָפּצושאַצן די „נשמה” פון אַ „היימאַט־פאָרשער”. אויך דער דאָזיקער ווײַן־מאַגנאַט האָט זײַן געשעפט אַוועקגעלייגט און זיך געשטעלט צו מײַן דינסט.

תּחילת האָט ער מיר אָנגענומען פאַר אַ נײַעם קליענט, פאַר אַ ווײַן־סוחר און געבעטן אַרײַנפירן מיך אין זײַן קאַבינעט. אייגנטלעך האָט דער דאָזיקער קאַבינעט אויסגעזען מער ענלעך צו אַ מוזיי ווי צו אַ קאָמערציע־לער ביוראָ. אויף די ווענט זענען געווען אַרויסגעהאַנגען די „אורקונדעס” פון דער פירמע, וואָס ציט איר יחוס אַזש פון יאָר 1681. איבער זײַן שטול איז געהאָנגען דער עמבלעם פון דער פירמע: דרײַ שוואַרצע נעגער־קעפּ, באַצירטע מיט ווײַנטרויבן אויף אַ געלן גרונט. אַרום דעם עמבלעם — צענדליקער דיפּלאָמען און גאָלדענע מעדאַלן, וואָס די פירמע האָט באַקו־מען אויף פאַרשידענע אינלענדישע און אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען.

און בײַ די ווענט? וואָס פאַראַ שפּע מיט פעסער, פעסקעס, פעסעלעך און אַנדערע האָלץ־כּלים — פון פאַרשידענע גרייס און פון פאַרשידענע

צייטן; און פלעשער — אויך פון כל־המינים פאָרם, גרייס און עלטער. אויף אַ ספּעציעלן טיש איז געשטאַנען אַ מאַקעט, אַ מיניאַטור־מאָדעל פון זיך, יונגקעננס, ווינקעלער...

אויף אַ צווייטן טיש זענען געווען אָנגעשטעלט עטלעכע צענדליק פלעשער מיט פאַרשידענע ווײַנען און דערביי גלעזלעך — דאָס איז געווען פאַר די „פאַרזוכער", פאַר די מבינים, וואָס האָבן אויסגעפּרובירט די באַזונדערע ווײַנען; ווער עס האָט געטרונקען גלייך פון גלעזל, ווער עס האָט „געצויגן" דורך אַ שטרוי.

אײדער וואָס־ווען, האָט מען מיך שוין מכבד געווען — איך זאָל פאַר־זיכן, פון וואָס פאַר אַ מאַרקע? און עס איז אַוועק אַ צעטל: „גולדענמאַר־גען"?, „טאָפּעלשטיין"?, „עבענברייט"?, „פאַלקענבערג"?, „עזעלפפאַר"?, „מאָדער"?, „ראָסוויזע"?, „צוועלפמאָרגען?", „גומבען"? און נאָך, און נאָך...

דערהערט, אַז איך בין גאָר געקומען נאָך אַן אַנדער מין „סחורה" — אָפּענהיימער אַלטערטימלעכקייטן, איז דער דאָזיקער 80־יאָריקער פירמע־אייגנטימער, דער 7טער דור פון די ווײַנהענדלערס יונגקעננס, דער אָפּ־שטאַמיקער פון די שוועדישע „אריינדרינגער" נישט אַנטוישט געוואָרן, אדרבא, ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז גאָר צופרידן.

— זאָ, דאָס איזט דאָך וואָס אינטערעסאַנטעס! וויר לאָסען דיזען געשוועץ אונד געהען צו האוז...

ער האָט אַרײַנגערופן זײַנע זין, איבערגעגעבן זיי דעם קאַבינעט און מיר האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אין אַ צווייטן, מער אָריגינעלן... מוזיי.

יעדער פון די היימאַט־פאָרשער, אַלטערטימער־פּלעגער אָדער שטו־דיענראַטן וואָס איך האָב געטראָפן אין דייטשלאַנד האָט געהאַט, חוץ זיין פאַראינטערעסירונג (לרוב וואָלונטאַרע, נישט האָנאָרירטע) מיט דער היי־מאַט־פאָרשונג און דענקמאָל־פּלעגע, נאָך אַ זייטיקע מאַניע, אָדער ווי זיי רופן עס, אַ „שטעקנפערד", אויף וועלכן זיי „רייטן". אויף פּשוט יידיש מיינט עס, אַז יעדער פון זיי האָט געהאַט זיין „קלעפּקע", אויף וועלכע ער איז געווען גערירט...

פאַרנעמענדיק זיך מיט זייערע שטוביקע אַרבעטן און געשעפטן, אַר־בעטנדיק אין די היסטאָרישע פאַריינען, האָט נאָך יעדער געהאַט אַ גייס־טיקן מיחוש אויף וואָס ער האָט געקרענקט: איינער האָט געהאַט אַ שוואַכ־קייט צו אַלטע מטבעות; אַ צווייטער האָט געזאַמלט טריוואַקס־שטעמפּלען פון יאָרהונדערטער; אין שנייטאַך (ביי נירנבערג) האָב איך אין היימאַט־מוזע־אום געטראָפן אַ קאָלעקציע פון אַלטע... אויוונס (פון פאַרשידענע פאַר־

ביקע קאַכלעס); אין זינסהיימער שטאָט־מוזעאום האָט דער דאָרטיקער היימאַט־פאָרשער אויפגעקליבן די גרעסטע קאָלעקציע פון ליאַלקעס (לרוב קאַריקאַטורן). ווען איך בין דאָרטן געווען איז אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון אַ גרויסן אַמעריקאַנער מוזיי געקומען זיך ספּעציעל באַקענען מיט דער דאָזיקער זאַמלונג; אין ווערטהיים האָב איך ביי איינעם אַזאַ טשודאַק גע־טראָפן אַ קאָלעקציע פון העכער 12 טויזנט... קנעפּלעך! הילצערנע, ביי־נערנע, גלעזערנע, טוכענע, מעטאַלענע, געפלאָכטענע, גאַלאַליטענע אאַ״וו. יעדעס קנעפּל האָט ביי אים געהאַט זיין „פּאַספּאָרט“ און זיין „געשיכטע“. די משונהדיקסטע קוריאָזן האָט מען מיר וועגן אים דערציילט. מען האָט מיר געוואָרנט, אַז איך זאָל, אַרויסגייענדיק פון אים, איבערציילן די קנעפּ פון אַלע בגדים מיינע, אַפילו צום העמד קען ער דערגרייכן... מ׳האָט שוין געוווסט זיין חולאת — קנאָפּ־קלעפּטאָמאַניע. צווישן אַנדערע געשיכטעס האָט מען אויך דערציילט, אַז איינמאָל האָט ער באַזוכט דעם מוזיי פון אַלטער, פּאַרצייטיקער קליידונג אין פּאַסאַו. דאָרטן האָט מען נישט געוווסט ווער דער פּאַרשוין איז, מאַלע וואָס פאַר אַ באַזוכערס עס קומען. מיט חדשים שפּעטער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז עס פעלן קנעפּ פון הונדערטער מלבושים, קליידער פון פירשטנס, קעניגינס, מאַנטלען פון פּרינצן, פון קלויסטער־ברידער וכדומה, פון די צייטן פון 14טן ביזן 17טן יאָרהונדערט.

ערנסט יונגקענן האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו קאַלענדאַרן. זיין קאָ־לעקציע, זאָגט ער, איז די גרעסטע; זי האָט פון די עלטסטע קאַלענדאַרן אויף דער וועלט. ווען ער זאָל דאַרפן אויסלייגן זיינע „וואַנט־קאַלענדאַרן“ פון די 5 יאָרהונדערטער וואָס ער פאַרמאָגט, פון די פאַרשידענע לענדער, וואָלט ער געקענט באַדעקט אַלע וויינבערג פוןביידע זייטן רהיין... שטיי־נערנע, אייביקע קאַלענדאַרן פון אינדיע; האָלץ־געשניצטע פון אַראַביע. איך האָב ביי אים געזען די רייכסטע זאַמלונג פון ייִדישע לוחות... אומע־טום אין יעדן לאַנד האָט ער זיינע „אַגענטן“. די יעניקע פון די ווייַנ־הענדלער, וואָס ווייסן זיין משוגעת דערלייגן נישט צום עסק. זיי ברענגען אים פון זייערע לענדער „מתנות“ און עס לוינט זיי דער עסק.

הלמאי זאָל איך לייקענען, אין די דאָזיקע צימערן פון די קאַלענדאַרן־קאָלעקציעס בין איך אַזוי אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן אין דער לאַנד־ און צייט־מאָזאַיק, אַז איך האָב כמעט ווי פאַרגעסן, אַז געקומען בין איך גאָר וועגן עפּעס אַנדערש.

ערנסט האָט מיך דערמאָנט, אַז מיר מוזן דאָך גיין וואָס אַנשאַוען, אָבער דאָ האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס איז „טישצייט“ — אויף אונדזער

לשון: מען דאַרף גיין עסן מיטאָג. און „טישצייט" איז הייליק, ווי הייליק עס איז אַ באַפּעל און ווי הייליק עס איז דאָ אין אָפּענהיים דער זויפגאַסט באַכוס. צום „טיש" בין איך געווען זיין גאַסט.

עס וואָלט געלוינט צו דערציילן וועגן דאָזיקן „טיש", ווו ער, ערנסט, איז געווען דער „טישפירער". עס זענען געווען קרוב אַ הונדערט „וויינ־מענטשן" מכל המינים. פון גאַנצן רהיין און מאָזעל; פון נעקערטאַל און מיינגאַו; אינלענדישע סוחרים און עקספּאָרטערן; פאָרשטייער פון אויס־לענדישע פירמעס און טאָקע עטלעכע אויסלענדער ממש — האָלענדער, איטאַליענער, עלזאַסער, שווייצער און עפּעס אַ נעגער פון אַן אַמעריקאַנער פירמע.

וואָס מען האָט דאָרטן אַלץ גערעדט, איז פאַר מיר געווען „סתרי־תורה". איינס האָב איך יאָ פאַרשטאַנען: דער „טישפירער" האָט זיך אַנט־שולדיקט וואָס ער קען נישט „מיטמאַכן" (די זויפעריי), ער האָט נאָך וויכ־טיקע „דינגע" צו דערליידיקן און ער טאָר נישט באַקומען קיין „שוו־פס" (פשוט: ער וויל נישט ווערן שיכור).

פון מיין פּלאַן אוועקצופאָרן דעם זעלביקן טאָג, איז גאָרנישט געוואָרן, ווייל מיין גאַסט־געבער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב, ראשית, מיך צו פירן ווייזן די זעמערקווירדיקייטן פון זיין „וויינשטאָדט". וואָס צו זען איז טאָקע דאָ. נישט אומזיסט ווערן „פאַרכאַפּט" די טוריסטן פון די אָפּענהיימער נאַ־טור־ און בוי־שיינקייטן. דעם גאַנצן נאָכמיטאָג האָט ער מיך אַרומגעפירט איבער דער גראַציע פון אָפּענהיים.

אָט זענען מיר אין דער סאַנט־קאַטאַרינע־קירכע, דער שענסטער גאָ־טישער בנין ביים רהיין. נאָר צוויי וועלט־באַרימטע בויאָביעקטן קענען זיך מיט דער קירכע פאַרגלייכן: דער דאָם אין קעלן און דער מינסטער פון שטראַסבורג. די סאַנט־קאַטאַרינע־קירכע שטאַמט פון 13טן יאָרהונ־דערט.

נישט נאָר דעם אויסערלעכן אויסזען: די גאָטישע טורעמס, די קופּאָלן, גזימסן, געוועלבן און בויגנס, נאָר אויך אינעווייניק פאַרכאַפּט דאָס אויג דער פּראַכט פון די מאַלערייען, די פרעסקעס, די געשניצטע אַלטאַרן, די שטיינערנע סטאַטועס, די יעזוס־„סטאַנציעס", וואָס זענען געוואָרן אָביעקטן פאַר קונסט־פאָרשונג פון וועלט־אַקאַדעמיעס. אין איינע פון די טיילן פון דער דאָזיקער קירכע געפינט זיך דער באַרימטער סאַנט־קאַטאַרינאַ־מוזיי, וואָס איז פול מיט טויזנטער דאָקומענטן און עקספּאָנאַנטן צו דער געשיכטע פון דער שטאָט (צווישן זיי אויך וועגן די יידן, אָבער וועגן דעם — שפּע־

טער). עס טענהט אָפּענהיים, אַז זי האָט שוין אַ יחוס פון 2000 יאָר, הגם דאָקומענטן זענען דאָ פון 8טן יאָרהונדערט. אויסגעלייגט און אויסגעשטעלט זענען דאָ „אורקונדעס", פּריווילעגיעס, בילדער, קאַרטן, גיפּס־אָפּגוסן, מטבעות, רעליקוויעס, מלבושים, שווערדן, סטאַטועס און, לסוף, ביכער געדרוקטע אין אָפּענהיים דורך גוטענבערגס תלמיד יאַקוב קעבעל, וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1533.

ער פירט מיך נאָך אין די קעלערן פון דער דערנעבן־שטייענדיקער סאַנט־מיכאַעליס־קאַפּעלע, אין דעם דאָרטיקן „ביינהויז".

— דאָס איז דער גרעסטער מאַסן־קבר אין דייטשלאַנד, — זאָגט ער מיר, — דאָ געפינען זיך ביינער פון 15 טויזנט מענטשן, פון לאַנגע יאָרהונדערטער.

איך האָב אים געוואָלט זאָגן, אַז איך קען אים דערציילן וועגן גרעסערע מאַסן־קברים, נישט פון פאַר פריִערדיקע יאָרהונדערטער, נאָר פון אונדזער היינטיקן דור. איך האָב אָבער נישט געוואָלט „קאַליע מאַכן די שטימונג".

מיר גייען פאַרביי דעם מאַרקפּלאַץ. אָט איז דער ראָטהויז, וואָס שיינט מיט זיין אָריגינעלער אַרכיטעקטאָניק. הינטער דעם ראָטהויז באַזוכן מיר די סאַנט־באַרטאָלאָמעאוס־קירכע, דער געוועזענער קלויסטער פון די „באָרוועסע ברידער", וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין יאָר 1211; מיר שניידן דורך דעם „גאַוטאָר", איינעם פון די 9 טויערן פון דער שטאָט־מויער וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין יאָר 1566.

איך בין שוין פאַרמאַטערט פון דעם ים מיט „היסטאָרישע דאַטעס", אָבער איך מוז „האַלטן פאַסאָן".

— און איצט וועלן מיר באַזוכן אונדזער צירונג — די „רוינע לאַנדסקראָנע", דאָס הייסט די חורבה וואָס איז די קרוין פון לאַנד. אויפן וועג פאַרהאַלטן מיר זיך ביים „געשלעכטער ברונעם" (וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1546).

פון צווישן די חורבות פון דער „לאַנדסקראָנע" קוק איך אַראָפּ אויף אָפּענהיים. אויף יענעם אָפּענהיים וואָס איך בין געקומען זוכן און ביז איצט נישט געפונען. עס שלאָגן מיר שוין פון האַלדז די דאַטעס, די נעמען, די געשעענישן. ער אָבער קלאַפּט נאָך אַלץ אין קאָפּ אַריין:

— דאָ, אין די סאַלאָנען פון דעם פּאַלאַץ וואָס איז דאָ אויסגעבויט געוואָרן פאַרן 13טן יאָרהונדערט און אין דעם אַרומרינגלענדיקן פּאַרק זענען פאָרגעקומען די גרעסטע „רייכספּעסטע" — דאָ זענען עס געווען די

גרעסטע שיכרות־הוליאַנקעס פון גאַנצן רייך. אין יאָר 1257 און שפּעטער אין 1272, איז דער פּאַלאַץ צעשטערט געוואָרן. פון דער „קרוין" איז גע־וואָרן אַ „רוינע". עס האָבן די צעבונטעוועטע אָפּענהיימער האַנטווערקער דאַן צעשטערט דעם פּאַלאַץ. אין יאָר 1400 האָט מען אים צוריק אָפּגע־בויט אָבער אין יאָר 1631 איז ער באַהערשט געוואָרן פון שוועדישן קעניג גוסטאַוו אַדאָלף און אין יאָר 1689 האָבן אים די פראַנצויזן ענדגילטיק צעשטערט.

איך ווייס נישט צי ערנסט יונגקענן האָט געפילט, אַז איך בין גע־וואָרן „גלייכגילטיק" צו זיינע „העלדן־געשיכטעס" און מיר האָבן זיך אָנ־געהויבן אַראָפּצולאָזן פו דער „קרוין". מיר זענען איצט ביים „רומפּרעכט־טורעם", דאָס איז אויפן נאָמען פון קעניג רומפּרעכט פון פּפאַלץ, וואָס איז דאָ, אין יאָר 1410 געשטאָרבן...

אין מוח איז מיר שוין דול געוואָרן. איך בין געגאַנגען נישט אויף מיינע פיס. אַן אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ, טראַכט איך, וואָס וויל ער פון מיר האָבן. אָבער גיי שריי חי־וקים, אַז דו ביסט אין זיינע הענט.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך, ווען מיר זענען צוריק געווען אין דער שטאָט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער זיך פאַרהאַלטן.

— יעצט זענען מיר ביים „געלבן הויזכען", דאָס וועט אייך זיכער אינטערעסירן, דאָ, אין דעם עקהויז פון דער וואָרמסער שטראָסע איז עס איינגעמויערט דער „יודענשטיין" מיט די העברעיִשע אותיות.

איך האָב פריילער אָפּגעאָטעמט. ענדלעך געקומען אַ סוף. און איך טראַכט ווייטער — אַלע מיינע צרות, אַלע מיינע זאָרג צו דיר, צו דיינע וויינפעסער, צו דיין „קראָנע" און דיינע קירכעס; צו דיינע ברונעמס, טויערן און קאַפּעלעס — אָט דאָס זוך איך דאָ טאַקע.

און אפשר איז גוט געווען וואָס איידער איך האָב אָנגעכאַפּט דעם פאָדעם פון אונדזער יידישן אָפּענהיים האָב איך געמאַכט, ווי אַן אריינפיר, דעם מאַרשרוט דורך דער סאַנט־קאַטאַרינע־קירכע און דער „לאַנדעס־קראָנע", וואָס זענען די קאַנווע אויף וועלכער עס זענען איינגעהאָפטן גע־וואָרן די יידישע יאָרהונדערטער פון אָפּענהיים.

יעדנפאַלס, איך בין אַריינגעפאָרן אין אונדזער אָפּענהיים.

**
*

איך בין אַריין מיט די ערשטע שריט אין דעם יידישן אָפּענהיים, אין יענער קהילה־קדושה, וואָס האָט געצויגן איר יידישן יחוס שוין אַן

צ״כט הונדערט יאָר. גאָר ווייניק דאָקומענטן זענען פאַראַן וועגן דעם ייִדישן בראשית אין אָפּענהיים, אָבער שוין אין יאָר 1241 ווייסן מיר, אַז דאָרטן איז שוין געווען אַ ייִדישער ישוב — עס דערציילט וועגן דעם די ליסטע פון די שטעט וואָס עס האָבן דעם קעניג געצאָלט שטייערן. אין דער דאָזיקער רשימה איז אויך פאַראַן אָפּענהיים, וואָס צאָלט 200 מאַרק שטייערן און אירע ייִדן האָבן געצאָלט 15 מאַרק. אמת, נישט גאָר קיין גרויסע קהילה, אָבער שוין אַן אָרגאַניזירטע עדה.

אין רבנישע ספרים פון 13טן יאָרהונדערט ווערט דערציילט אַ געשיכטע מיט אַ ייִדישן הרוג, וואָס איז פאַרבונדן מיט אָפּענהיים.

אין דעם ספר פון רבי אליעזר בן נתן, דעם באַקאַנטן אין דער רבנישער וועלט ווי דער „ראב״ן״, אין דעם „צפנת־פענח״ דערציילט דער מחבר, אַז אין די צייטן פון זיין שווער, אליקום בן יוסף (אָדער יואל?), אין די יאָרן 1245, אָדער 1252 איז אויפן וועג פון מאַינץ קיין וואָרמס דערמאָרדעט געוואָרן אַ ייִד און די רוצחים האָבן זיי קערפּער אַריינגעוואָרפן אין רהיין אַריין. אין שייכות מיט דער רציחה איז דאַן אַרעסטירט געוואָרן דער שוואָגער פון דעם גוישן פורמאַן אין אָפּענהיים, ווו עס איז פאָרגעקומען דער מאָרד.

די זעלביקע געשיכטע ווערט אויך איבערגעגעבן אין „אור זרוע״, פון דעם רבנישן אויטאָריטעט, רבי יצחק בן משה, אין 13טן יאָרהונדערט.

ווי מיר זעען זענען די ערשטע סימנים פון ייִדישן לעבן אין אָפּענהיים פאַרבונדן מיט הרוגים־שפּורן. אויך די ווייטערדיקע ידיעות וועגן דער דאָרטיקער קהילה שעפּן מיר פון מיט בלוט דורכגעווייקטע דאָקומענטן, פון די יזכורס נאָך די קדושים וטהורים בעת די מיטלאַלטערלעכע גזירות. אין אַ סעריע פון די דאָזיקע יזכורס געפינען מיר אָפּענהיים. מיר וועלן דערמאָנען דריי.

די יזכור רשימה נאָך די מאַרטירער פון די גזירות פון יאָר 1336, הויבט זיך אָן מיט די ווייטערדיקע ווערטער:

> אלה שמות ערי הדמים שנהרגו שם והתחילו דו״י באב צ״ו לפרט. רוטינגען, אווא, אופנהים...

דאָס מיינט: און דאָס זענען די נעמען פון די בלוטיקע שטעט וואָס זענען דאָרטן דערהרגעט געוואָרן. אָנגעהויבן האָט עס זיך אין 20 טעג אין חודש אב פון דעם יאָר 96 (1336) — רויטענגען, אווא, אָפּענהיים.

אין אַ ווייטערדיקן יזכור ווערט געזאָגט:

אלו הגזירות אשר נעשו בעוונותינו בשנת ק״ט לפרט לאלף הששי.

דאָס זענען (די שטעט) ווו עס זענען פאָרגעקומען די גזירות אין יאָר 109 (1349). און עס ווערט געגעבן אַ רשימה פון 23 שטעט, צווישן זיי די שו״ם־קהילות: שפּייער, וואָרמס, מאַינץ און נאָך אַנדערע גרויסע ייִדישע צענטערן, ווי: אויגסבורג, שטראַסבורג, פראַנקפורט, קעלן, פולדא, ערפורט א״אַנד., צווישן זיי ווערט אויך דערמאָנט אָפּענהיים.

אין דעם מעמאָר־בוך פון מעץ לזכרון די זעלביקע קדושים פון 1349 ווערט דער סדר פון די אויסגעשאָכטענע קהילות אַזוי געגעבן:

שפייאר [שפּייער] (ובראשם רב אליקום);

ווירמיישא [וואָרמס] (ובראש הנהרגים הרב רב שמואל בר אשר הלוי);

מגענצא [מיינץ] (ועל צבאם הרב רב מאיר בר אורי);

אופנהיים (ובראשם הרב ר׳ יוסף בר ישראל).

ווייטער רעכנט אויס די רשימה נאָך העכער 60 מקומות. אָבער דאָס וואָס אָפּענהיים געפינט זיך אין איר אויפן 4טן אָרט, גלייך נעבן די דריי פירנדיקע שו״ם־קהילות, ווייזט אויף דער גאָר גרויסער חשיבות פון דער קהילה.

חוץ די צוויי פּריִערדיקע נוסחאות, ווי אָפּענהיים האָט זיך אויסגע־לייגט, געפינען מיר אויך דעם וואַריאַנט אופנהיימא (ביים מהרי״ל).

פון דאַנען האָט זיך עס איבער דער וועלט צעזייט און צעשפּרייט דער צעצווייגטער און אַקטיוו־ווירקנדיקער שטאַם פון די אָפּענהיימס און אָפּענ־היימערס. אַ גאַנצע פּלעיאַדע מיט גדולים, הן אין ייִדישער, הן אין אַלגע־מיינער וויסנשאַפט טרעפן מיר אין משך פון גאַנצע 4 יאָרהונדערטער. אויך די ייִדישע פינאַנציעלע וועלט, די וועלט פון קאָמערץ און באַנקוועזן, קאָן אָנציילן אַ גאָר היבשן צעטל מיט די אָפּענהיימערס.

שוין אין דעם 17טן יאָרהונדערט זענען געווען צוויי פליגלען אין דער דאָזיקער משפּחה:

אָט איז דער ווינער האָפפאַקטאָר, דער קעניגלעכער פינאַנציעלער בעל־יועץ סאַמועל אָפּענהיים, פון וועמען עס ציט זיך נאָכדעם אַ קייט פון דער ייִדישער פינאַנץ־וועלט.

און אָט איז זיין פּלימעניק דוד בן אברהם אָפּענהיים, איינער פון די גרעסטע רבנישע אויטאָריטעטן אין זיין דור, וועמענס ווירקונג עס האָט זיך

אויך געפילט אין די שפּעטערדיקע דורות. געבוירן אין וואָרמס, אין יאָר 1644, איז ער געווען רב אין בריסק־דליטא, נאָכדעם אין ניקלעשבורג, לסוף אין פּראָג און ווערט נאָמינירט ווי דער לאַנד־ראַבינער פאַר גאַנץ בעהמען. ער איז אויך באַקאַנט פון זיין גרויסער ביבליאָטעק וואָס איז מגולגל געוואָרן אין דער אָקספּאָרדער אוניווערסיטעט, אין דער וועלט־באַרימטער באָדלעאַנאַ.

נישטאָ קיין דור, נישטאָ קיין גרעסערער יידישער קיבוץ וווּ מ׳זאָל נישט געפינען אויפן אויבנאָן פון דער יידישער (און אויך ניט־יידישער) געזעלשאַפט די אָפּענהיימס. נעמט די ערשטע בעסטע ענציקלאָפּעדיע, וויפל אָפּענהיימס זענען דאָרטן אַלץ פאַראַן. נעמט אַן אַדרעסן־ אָדער טעלעפאָן־בוך פון איינע פון די וועלט רעזידענצן און איר וועט אין מאַנכע טרעפן גאַנצע זייטן מיט די אָפּענהיימס אָדער אָפּענהיימערס.

באַשערט געווען אַז אין צוויי תקופות, אָפּגערוקט איינע פון דער צווייטער מיט 200 יאָר; אין צוויי לענדער, ביי צוויי גאָר קעגנזעצלעכע פּאָליטישע רעזשימען, זאָלן צוויי אָפּענהיימערס זיין פאַרמישט אין עפנט־לעכע געזעלשאַפטלעכע סקאַנדאַלן פון זייערע לענדער.

דער באַקאַנטער „יוד־זיסס״ — דער הויפפאַקטאָר אין ווירטעמבערג, דער יעניקער וואָס איז אין דער הויפּטשטאָט פון יענעם לאַנד, אין שטוט־גאַרט, אומגעבראַכט געוואָרן אויף דער תליה, האָט געהייסן יוסף זיס(קינד) אָפּענהיימער. מיט 200 יאָר שפּעטער נאָך זיין אומקום, האָבן די נאַציס די דעמאָלטדיקע הויף־אינטריגע אויסגענוצט, כדי צו באַשאַפן איינעם פון די העסלעכסטע אַנטיסעמיטישע שטרייכער־געבעלס־ווערק — דעם העצ־פילם „יוד זיסס״. אַזוי האָבן די ברוינע אייניקלעך פון די אכזריותדיקע שוואַבן „געפייערט״ דעם 200 אַניווערסאַר פון אַן אָפּענהיימערס אומקום.

מיט 200 יאָר שפּעטער, אין אונדזערע היינטיקע טעג, איז אַ צווייטער אָפּענהיימער געווען דער אָביעקט פון אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן אויפרו־דער. איך מיין דאָ די געשיכטע אין נאָרד־אַמעריקע מיטן באַזייטיקטן אַטאָם־וויסנשאַפטלער.

***

ווען איך בין אויף מאָרגן נאָך מיין ערשטער עקסקורסיע איבער די „העלדן־פלעצער״ פון גוויישן אָפּענהיים געגאַנגען אין שטאָטישן אַרכיוו אויפצוזוכן די נויטיקע מיר מאַטעריאַלן פאַר מיינע פאָרשונגען האָט מיך ווידער באַגלייט מיין נעכטיקער וועג־ווייזער.

דאָס מאָל איז ער געגאַנגען שטיל, געשוויגן. ער האָט מיר נישט גע־קענט אָנווייזן אויף „טאָפּערקייט־שטעטען", ער האָט מיר נישט געקענט דערציילן וועגן „ריטער־לעגענדעס"...

אָבער ווער וויס וואָס פאַראַ קדושה־סצענעס עס האָבן זיך אָפּגע־שפּילט אויף די גאַסן און פּלעצער דורך וועלכע מיר זענען געגאַנגען.

ווער ווייסט? — אפשר טאַקע דאָ ווו עס טרעטן אונדזערע פיס, אויפן צוקערבערג, איז געווען דער פּלאַץ פון דעם גרויסן שייטער, ווו מען האָט געברענט און געבראָטן די יעניקע וועמענס מאַרטירער־נשמות עס איז געווידמעט דער פריער ציטירטער יזכור?

און אָט זענען מיר אויף דער קרעמערגאַסע. וואָס וואָלטן דערציילט די הייזער און שטיינער וועגן דעם וואָס עס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט ווען מען האָט, אין „הייליקן" צאָרן, אין נאָמען פון געקרייציקטן, געפּלינדערט יידיש האָב און גוטס?

מיר גייען פאַרביי דעם ראָטהויז. אין וועלכע פון זיינע „היסטאָרישע" צימערן זענען עס געווען איינגעשפּאַרט די קדושים, די טהורים, איידער מען האָט זיי פאַרפּייניקט?

עס שווייגן די גאַסן, עס זענען שטיל די הייזער און עס רעדט נישט קיין וואָרט מיין באַגלייטער, דער אַזוי באַרעדעוודיקער יונגקענן.

מיר זענען אַריין אין דער ראָטהאָפּס־שטראַסע; איך ווייס אַז דאָ ער־געץ האָט זיך געדאַרפט געפינען די לעצטע סינאַגאָגע, פון דער לעצטער עדה יידן וואָס זענען דורך די ברוינע מחבלים אומגעבראַכט געוואָרן. איך זוך מיט די אויגן רעכטס, לינקס. אפשר וועל איך געפינען עפּעס אַ סימן, אַ צייכן, שיריים פון אַ וואַנט? מיר זענען שוין אַדורך די גאַנצע גאַס און קיין שפור נישט באַמערקט.

מיין באַגלייטער פאַרשטייט, משמעות, וואָס איך קען נישט געפינען. ער פירט מיך צוריק. ער ווייזט אָן, מער אויף שטום־לשון, אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, אַן אַספאַלטירטן. איבער אים זענען איבערגעצויגן שטריק און עס טריקנט זיך וועש.

— היר שטאַנד די יודענסינאַגאָג...

מער האָט ער נישט געזאָגט. ער האָט מיר פאַרשפּאַרט צוצוגעבן, אַז זי איז אין דער בראַנדיקער „קריסטאַל־נאַכט", צוזאַמען מיט אַנדערע הונ־דערטער סינאַגאָגעס חרוב געוואָרן אין דער שריפה וואָס עס האָבן אָנגע־צונדן די נאַצי־יונגען אין טויזנטער שטעט.

איך בין אַרויף אויפן פּלאַץ. צו מזרח צו איז געווען אַ פאַרטיפונג.

דאָ איז געווען דער ארון־קודש. איצט שטייט דאָרט אַ ליימענע כלי מיט פאַרמישטע קלייען, אַ מחנה הינער פּיקן דאָרטן.

ווידער זענען מיר אויף דער וואָרמסער גאַסע, ביים „געלבן הויזכען". נעכטן, אינעם בין־השמשות, האָב איך קוים באַמערקט דעם „יודענשטיין". היינט, ביי טאָגליכט זע איך אים קלאָר און קאָן פאָרט נישט באַשיידן די רעטעניש.

וואָס מיינט דער דאָזיקער שטיין — פאַקטיש האַלבער שטיין, ווייל ער איז אַן אָפּגעשפּאָלטענער, נאָר האַלבע שורות זענען אויף אים פאַראַן.

אַן אויסזען האָט דער שטיין פון אַ מצבה, אָבער דער נוסח איז נישט קיין מצבה־נוסח. עס איז עפּעס אַן אָדע, אַ ליד. אָבער פאַר וועמען איז



אויף דער וואָרמסער גאַס אין אָפענהיים געפינט זיך אַ הויז, וואָס הייסט ביים פאָלק דאָס „געלבע הויזכען", ווו עס איז איינגעמויערט אַ געהיימניספולער שטיין מיט יידישע אותיות — יאָ־מצבה און ניט־מצבה. וואָס „געלבע הויזכען" געהערט צו די באַרימטע זעמערקוויריקייטן פון דער דאָזיקער מיטלאַלטערלעכער „ווײנשטאַדט פון רהיין"

עס דאָס דאָזיקע לויבליד? צוליב וואָס און ווען איז דאָס ליד איינגעקריצט געוואָרן אין שטיין? און ווי קומט עס אַהער אין דעם „געלבן הויזכען"?

אגב, וואָס פאַרא שכנות איז עס מיט אַ צווייטן שטיין, פונקט אין צווייטן טייל פון הויזראַג. יענער איז אַ קריסטלעכער שטיין, איינע פון די פיגורן פון יעזוסעס גאַנג אויפן קרייצוועג, צו דער גאָלגאָטע. וואָס פאַר אַ סמיכת־הפרשיות זענען עס.

מיין באַגלייטער קלערט מיר אויף, אַז די יעזוס־סטאַנציע שטאַמט פון 15טן יאָרהונדערט. וואָס שייך דעם „יודענשטיין" האָט ער עפּעס אַ בריוו פון דעם ראַבינער סאַלפעלד פון מאַינץ (פּראָפ׳ ראַבינער סאַלפעלד איז געווען איינער פון די גרעסטע ייִדישע היסטאָריקער פון דעם קיבוץ אין אשכנז, בעיקר וועגן די גזירות און שחיטות). ווען מיר וועלן זיין צוריק וועט ער מיר באַקענען מיטן אינהאַלט פון בריוו.

אין דעם שטאָטישן אַרכיוו האָבן מיר געטראָפן דעם שטודיענראַט קריימערס. ער האָט שוין געוואַרט און געהאַט צוגעגרייט די בויטיקע מאַטעריאַלן.

זיץ איך אויף אַן אויבערשטיבל פון דעם מיטלאַלטערלעכן „גאַוטאַר", ווו עס געפינט זיך דער שטאָטישער אַרכיוו און בלעטער די אַלטע פּאַרמעט־כראָניקעס פון דער שטאָט. יעדער מיש פון אַ בלאַט איז אַן אַריינפיר אין נייע לאַבירינטן, אין נייע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון דעם געוועזענעם ייִדישן לעבן (און פּיין) פון דער קהילה קדושה אופּנהיימא.

לאָז איך דורך די יענע דאַטעס וואָס מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט.

1285 — עס ווערט שוין דערמאָנט אַ „יודענגאַסע"; זי איז געלעגן ביי דער „יודענשול".

1286 — אָט איז אַ בריוו פון קייזער רודאָלף דעם ערשטן וועגן די ייִדן אין אָפּענהיים (און וואָרמס, מאַינץ און פּעטעראַו) וואָס ווילן אַנטלויפן פון לאַנד... עס איז די געשיכטע מיטן אַרעסט פון דעם מהר"ם מראָטענבורג;

אַ צעטל אַ לאַנגער מיט „פּריווילעגיעס", מיט פּערגאַמינען, מיט עדיקטן פון שררות: וואָס ייִדן פון אָפּענהיים מעגן יאָ און מעגן נישט; ווו זיי קענען יאָ וווינען און ווו נישט; וויפל „שוצגעלט" זיי דאַרפן צאָלן;

יאָ, אָפּענהיים האָט „מזל", פון אומעטום האָט מען די ייִדן אַרויסגעטריבן, דאָ זענען זיי פאַרבליבן, מען האָט זיי „נאַר" געצוווּנגען צו „פאַרקויפן" זייער סינאַגאָגע מיט דעם פּלאַץ צו די „קלויסטער־הערן פאָן עבערבאַך"...;

און עס גייען אַוועק יאָרן ווען אָפּענהיים איז „יודענרייך";

18טער יאָרהונדערט און ווידער קומען ייִדן אין זייער יחוסדיקער שטאָט אָפּענהיים;

1737 — עס דערציילט אַ דאָקומענט, אַז די דאָרטיקע ייִדן האָבן אויפֿגענומען אַ „פֿאָרזינגער" — אַ חזן געמיינט. מיר ווייסן אויך ווי ער הייסט דער דאָזיקער חזן — עליאָש (אליהו) מאַנהיימער;

1738 — עס וווינען שוין דאָרטן 14 ייִדישע משפחות;

1754 — עס ווערט אַנגעשטעלט אַ שולקלאַפּער. אין דעם זעלביקן יאָר ווערט איינגעאָרדנט אַ געבעטהויז, אַ בית־תפילה. די קהילה איז צו אָרעם, כדי אויסצובויען אַ שול ווערט דערווייל געדאַוונט אין הויז פון דער אלמנה רויטער אין איר דירה אויף דער שלאַכטהויזגאַסע;

מיט אומגעפער 75 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1829, זענען שוין דאָרטן פֿאַראַן 163 ייִדישע נפשות אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 2358. עס ווערט ענג אין דעם געבעטהויז פון דער שלאַכטהויזגאַסע און עס ווערט באַשטימט אויפצובויען אַ נייע, אַן אייגענע סינאַגאָגע. אַזאַ ווערט טאַקע אויפגעבויט אויף דער ראַטהאַפסגאַסע. דעם 19טן און 20טן אויגוסט 1864 איז פֿאָרגעקומען דער חנוכת־הבית;

1892 — די קהילה פֿאַרמאָגט 190 נפשות; דריי חברות, אַ חזן, אַ שוחט, אַ לערער, אַ שולע מיט 60 תלמידים;

1932 — מיט 40 יאָר שפּעטער, ערב דער היטלער־ממשלה, האָט שוין די קהילה נישט מער ווי 68 נפשות, 14 תלמידים באַקומען ייִדישע רעליגיעזע אונטערריכט;

1938 — ווען די צייטן וואָלטן געווען נאָרמאַלע, ווען די היטלער־בעסטיע וואָלט זיך נישט צעהוליעט, וואָלט די קהילה געפייערט דעם 75טן יובל פון אויפבויען זייער סינאַגאָגע. אנשטאט די ייִדן, האָבן עס „געפייערט" — ממש בדם ואש ותמרות עשן — מיט בלוט, פייער און רויך — די ברוינע יונגען פון דער נאַכט פון לאַנגן מעסער.

1951 — מיט 13 יאָר שפּעטער גיי איך, אַ וואַנדערער, איבער די גאַסן און פּלעצער פון דער קהילה־קדושה אופּנהיימא, און:

איכה ישבה בדד העיר —

וויסט איז דער סינאַגאָגע־פּלאַץ; נישטאָ קיין איין נפש פון די לעצטע 68;

געבליבן איז נאָר דער שטומער עדות, דער „יודענשטיין" אויף דער וואָרמסער גאַסע אין דעם „געלבן הויזכען";

ווי אַן עכאָ הענגען אין דער לופטן די נעמען פון דער „יודענגאַסע"

און „יודענשול" — ווי אַ בת־קול, ווייל אָראָפּגעריסן זענען די שילדלעך פון די דאָזיקע ערטער, נאָר אין פאַקסמויל „לעבן" זיי.

***

דער לעצטער וויזיט איז אויף „קבר אבות" — אויפן פרידהאָף. דאָ בין איך איבערראַשט געוואָרן. אַלץ אַזוי אין אָרדענונג; אויסגעיעט דער ווילדגראָז; די שטעגן צווישן די מצבות אויסגעשעאָטן מיט געלן זאַמד; אויף מאַנכע קברים פרישע בלומען אין בלומענטעפּ; אַ גרויסער טייל פון די מצבות זענען באַנייטע; די אותיות איבערגעשמירט מיט ווייסן לאַקירפאַרב, מיט גאָלד אָדער זילבער...

ערנסט יונגקענן קלערט מיר אויף:

— אונדזער שטאָט איז אַ טוריסטן־שטאָט, זייער אָפט בעטן די געסט מען זאָל זיי פירן אויפן ייִדישן פרידהאָף, מוז דאָך זיין אָרדענונג (און איך וואָלט אויך צוגעגעבן: „און געשעפט איז דאָך געשעפט").

דער בית־הקבֿרות־היטער דערגאַנצט:

— פיל פון די אָפּגעהיימער ייִדישע אויסוואַנדערער, פון יענער זייט ים שיקן צו געלט מען זאָל האַלטן אין אָרדענונג די קברים פון זייערע קרובים. זיי בעטן אויך פאָטאָגראַפיעס פון די אין אָרדענונג געהאַלטענע קברים...

***

יונגקענן האָט היינט אָפּגעטראָטן פון זיין אָנגענומענעם סדר, פון זיין פירונג — ער איז צום „טיש" געגאַנגען מיט אַ גרויסער פּאַרשפּעקטיקונג. ווער ווייס, אפשר האָט ער מיר געוווּנטשן דאָס וואָס איך אים נעכטן...

אין שטוב האָט ער אויפגעזוכט דעם ראַבינער סאָלפעלדס בריוו צו אים וועגן דעם „יודענשטיין". ער איז דאַטירט פון דעם 10טן פעברואַר 1926.

פּראָפעסאָר ראַבינער סאָלפעלד שרייבט, אַז ער איז זיכער, אַז דער דאָזיקער שטיין איז פון סוף 13טן, אָדער שפּעטסטנס פון אָנהייב 14טן יאָרהונדערט. ער מיינט, אַז דאָס איז פון אַ גרעסערער סינאַגאָגע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען אין אָפּענהיים. גענוי וועגן אינהאַלט איז שווער צו זאָגן. ער וואָלט וועלן קומען אין אָפּענהיים, אָבער:

...„איך קאָן מיט מיינע 83 יאָהרע נישט מער רייזען".

מיט 3 חדשים שפּעטער, אין זעלביקן יאָר 1926, איז ראַבינער סאַל־פעלד געשטאָרבן.

מער האָט קיינער נישט געפּרוווט פאַנאַנדערשיפרירן דעם סוד פון דעם „געלבן הויזכען”. מען פירט אַהין נייגעריקע טוריסטן; עס פאַר־האַלטן זיך די יעניקע וואָס פאָרן אויפן טראַקט מיינץ־וואָרמס־שפייער און באַוווּנדערן דעם דאָזיקן „יודענשטיין”. בעת די נאַצי־יאָרן איז ער אויך נישט גערירט געוואָרן. פאַרקערט, זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ טראָפּיי — אַ צייכן פון זייער זיג...

מיט 25 יאָר שפּעטער בין איך געשטאַנען ביים „יודענשטיין” און אויך נישט פאַרשטאַנען זיין שפּראַך, איך האָב גאָרנישט אַרויסבאַקומען ביים דאָזיקן שטומען עדות.

ערגעץ־ווו, אין אַ בנין, אין אַ וואַנט אָדער אַ פונדאַמענט איז איינ־געמויערט די צווייטע טייל פון דער דאָזיקער שטיינערנער רעטעניש. אפשר וועט מעט מען נאָך אַמאָל אים אויסגראָבן און די געהיימניש פון „געלבן הויזכען” אויף דער וואָרמסער־גאַס פון דער געוועזענער קהילה־קדושה אָפּענהיים — אופּנהיימא וועט אויפגעקלערט ווערן.

דאָס 2000 יאָריקע קעלן

גאָר לאַנג האָט מיך געצויגן קיין קעלן, צו אונדזער קעלן, צו דער עלטסטער קהילה אין אייראָפּע (חוץ די ייִדן פון רוים, פאַרשטייט זיך). עס האָט זיך געוואָלט זיין אין יענעם אָרט, ווו עס איז געשטאַנען די וויג פון דעם, נאָכדעם אַזוי פּרוכטבאַרן, נוסח אשכנז. דערציילן דאָך די אַרכיוו־דאָקומענטן און כראָניקעס, אַז שוין אין יאָר 321 נאָך קריסטוסעס געבורט איז דאָרט געווען אַן אָרגאַניזירטע עדה, די קהילה־קדושה קולוניא.

האָט דער צופאַל געוואָלט אַז מיין ערשטער באַזוך אין דעם אוראַלטן קעלן איז אויסגעפאַלן אין אַ יובל־יאָר — די שטאָט האָט געפייערט איר 1900־יאָריקע עקזיסטענץ. זי איז אַריין אין איר 20סטן יאָרהונדערט. איז געווען ששון ושמחה אין רעזידענץ פון די רהיינישע קאַרנאַוולן; ס׳ליגט נאָך די שטאָט אין חורבות, צעשמעטערטע בנינים, טייל גאַסן פאַרשאָטן מיט ברוך; עס סטאַרטשען נאָך אַרויס דאָ אָדער דאָרט שיריים פון אַלטע ראָמאַנישע געביידעס, „היסטאָרישע אָביעקטן", פון וועלכע נאָר די נעמען זענען געבליבן. און פונדעסטוועגן זענען די גאַסן־רויִנעס באַפּוצט מיט בלומען און פענער — פענער אַ ים: פון דער מלוכה, פון לאַנד, פון דער שטאָט, פון די כל־המינים רעגיאָנעלע פּראָווינצן פון רהיינלאַנד און פון די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, פאַריינען און צעכן. פּראָזשעקטאָרן באַוואַרפן מיט ליכט דעם אַלטן „דאָם"; טריומף־טויערן און דעפילאַדע־טריבונעס זענען אויסגעבויט אויף די פּרינציפּאַלע סקווערן.

באַן־הנחות פון גאַנצן לאַנד; אויספלוגן אויך מחוץ דייטשלאַנד; מען איז געקומען מיט דער יבשה, מיט לופט־וועג און דער עיקר מיטן רהיין;

— אַ פרייד, אַ גדולה, אינמיטן אַ פּראָסטן חודש איז אויפגעלעבט געוואָרן דער שיגעון פון דעם באַרימטן קעלנער קאַרנאַוואַל. עס פעלן

אָבער די פּאַיאַצן. מיט אָדער אָן מאַסקעס; עס שפּרינגען נישט שיכור די קלאָונען מיט די געפאַרבטע און געשוואָלענע נעז ;עס זענען נישטאָ די מעטרעסעס מיט די רהיינישע קרינאָלינעס און משוגענע רהיינישע היטע־לעך מיט די פאַנטאַסטישע שפּיצן — איצט איז עס אַ קאַרנאַוואַל אין פראַקן און צילינדערס.

האָב איך מיך אָפּגעריסן פון דעם צעהוליעטן יום־טובדיקן המון און געגומען זוכן אונדזערע יאָרהונדערטער, געלאָזן זייערע 1900 יאָר און אַוועק געפינען די שפּורן פון אונדזערע 1600 — וואָס וועל איך געפינען פון אונדזער אור־אור־באָבע?

האָט טאַקע מיין וועג נישט געפירט צום „רומישן טויער״; בין איך נישט געגאַנגען צו דער ראָמאַנישער קירכע; אויסגעמיטן אָנצוקוקן דעם „דאָם״ און אויך נישט דעם „סאַנט קוניבערט״, ווייל — את אחי אני מבקש — כ׳זוך עפּעס אַ סימן פון מיינע ברידער.

אויף אַ פּאָר סטאַנציעס וועלן מיר זיך אָפּשטעלן.

יאָרטויזנטער האָבן דאָ געבויט!...

דאָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו פון דער שמחה; דאָס איז געווען די לאָזונג, וואָס האָט אַראָפּגעשריגן פון אַלע פּלאַקאַטן און טראַנספּאַראַנטן; וועגן דעם האָבן דערציילט די צענדליקער אויסשטעלונגען און די טויזנ־טער פּראָספּעקטן. אין צייטונגס־קעפּ און אין פּראָפּאַגאַנדע־וויטרינעס איז מען מודיע, אַז טויזנטער יאָרן האָט מען דאָ געבויט, און ווו זענען זיי, אונדזערע בנינים?

אין יאָר 1933, ערב דעם בלוטיקן היטלער־מבול ,האָט די ייִדישע קהילה אין קעלן פאַרמאָגט 19.500 ייִדן.

25 פאַרשידענע אינסטיטוציעס און חברות פון קעגנזייטיקער הילף. טייל פון זיי האָבן געטראָגן אַלטע, אונדז גאָר נאָענטע נעמען, ווי למשל: „חברה אהבת־רעים״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1899 און פאַרמאָגט 600 מיטגלידער; „חברה גמילות חסדים״, געגרינדעט אין יאָר 1820, 650 מיטגלידער; „חברה סמיכת דלים״, געגרינדעט אין יאָר 1849, 1200 מיטגלידער;

13 פאַרשידענע „שטיפטונגען״ — לעגאַטן און ירושות, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פאַר הילף און אונטערשטיצונג;

קינדער־הייזער; בית־יתומימס; מושב זקנימס און אַנדערע אַנשטאַלטן;

גאָר צעצווייגט איז געווען דער שולוועזן פון דער קהילה, למשל:

די שטאַטישע איזראַעליטישע שולע, 18 קלאַסן, 833 קינדער;
„מוריה"־שול ביים יידישן לערער־סעמינאַר;
„יבנה" רעאַל־גימנאַזיע — 235 תלמידים;
„תלמוד־תורה" פון ראַבינער וואָלף — 145 תלמידים;
„תלמוד־תורה" פון די „אָסט־יידן", מיט 1150 תלמידים;
לערער־סעמינאַר — 40 צוהערער;
6 סינאַגאָגעס, חוץ פאַרשידענע קלויזן, שטיבלעך און מנינים;
4 בית־עלמינס; אַ מיקווה; אַן אייגענעם שפּיטאָל; אַ צייטונג; 2 לאָזשעס פון „בני ברית"; סטודענטן און ספּאָרט־פאַריינען.

עס האָבן זיך יידן באַטייליקט אין אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. וואָס איז מיט זיי געוואָרן? איך וועל זיי פּרווון אויסזוכן...


constant. p. gallicano et symmacho conss.
dat. decurionibus agrippinensibus.
cunctis ordinibus generali lege con
cedimus iudaeos vocari ad curiam.
verum ut aliquid ipsis ad solacium pris
tinae observationis relinquatur
binos vel ternos privilegio perpeti
patimur nullis nominationibus oc
cupari. dat. III id. dec. crispo II et const
antino II cc. conss.
idem a. hiereis et archisynagogis et patri
bus synagogarum et ceteris qui
in eodem loco deserviunt hiereos et
archisynagogos et patres synagoga
rum et ceteros qui synagogis deser
viunt ab omni corporali munere libe
ros esse praecipimus. dat. kal. dec. const
antinop. basso et ablavio conss.
idem a. ad felicem ppo post alia. eum qui ex
iudaeo christianus factus est inquie
tare iudaeos non liceat vel aliqua pul
sare iniuria. pro qualitate commissi sp
ecius modi contumelia puniendo et ce
tera. dat. xi kal. nov. constant. pp.
nepotiano et facundo conss.

דער בריוו פון רוימישן קעניג קאָנסטאַנטין דער גרויסער צו די קעלנער שטאָט־פאַרוואַלטער אין יאָר 321 וועגן די יידן אין קעלן.

אַראָפּגעריסן דעם קאָפּ...

איך בין אויף אָטטאָשטראַסע 85. דאָ איז דער איצטיקער זיצאָרט פון דער געמיינדע און אירע אינסטיטוציעס. די נייע קהילה פאַרמאָגט 700 נפשות, שרידים פון טערעזיענשטאַטער גיהנום, פון אוישוויץ — על־פּי־נס געראַטעוועטע פון גאַז־קאַמערן און קאַצעטן...

אויפן הויף גייט אַ פיבערהאַפטע אַרבעט: ציגל, צעמענט, אייזן און מאַרמאָר. בעטאָן־מאַשינען אַרבעטן. דאָס ווערט אויפגעבויט דער צעשטער־טער ייִדישער שפּיטאָל. ער וועט זיין נאָך גרעסער ווי פריִער, אָבער נישט פאַר ייִדן ווערט ער אויפגעבויט — עס שטייט דאָ אַ בעלגישער גאַרניזאָן פון דער אַליאירטער אָקופּאַציע־אַרמיי, דאָס איז פאַר זיי.

די געמיינדע־ביוראָען, די קאַנצעלאַריעס פון „אָרט", „היאַס" און „דזשאָינט" און די סינאַגאָגע מאַכן עפּעס אַ מאָדנעם איינדרוק, ליליפּוטן־געביידעס זענען דאָס אין פאַרגלייך מיט די שכנותדיקע ריזן־געביידעס. די ייִדישע זעען אויס מאָדנע נידעריק, רויטע ציגל־שטיבלעך — אַזאַ מין אַרכיטעקטאָניק האָב איך צום ערשטן מאָל געזען.

עס ווערט מיר באַלד קלאָר — דאָס איז נאָר דער, פון חורבן געראַ־טעוועטער, פאַרטער. עס איז נישט מער ווי דער פונדאַמענט פון די גע־וועזענע קאָלאָס־געביידעס פון דער געמיינדע, וואָס איז אויף דעם אָרט געשטאַנען.

און אַ בליק־געדאַנק איז מיר אין דעם מאָמענט דורכגעפלויגן — דאָרטן האָבן יאָרטויזנטער געבויט און דאָ האָט מען יאָרטויזנטער צע־שטערט. מען האָט דעם ייִדישן חלק געמאַכט מיט אַ קאָפּ קירצער.

אויפן הויף, אין אַ באַרג מיסט און בנין־ברוך, האָב איך געפונען אַ פּאַרסמאַליעטע, סאַמעטענע, פון רויטן מאַטעריאַל מיט זילבערנע פרענדזן אויסגענייטע סערוועטקע „לכבוד שבת". אַזאַ, וואָס איז מן־הסתם געלעגן אויפן עמוד אין אַ סינאַגאָגע. איך האָב די דאָזיקע רעליקוויע אָפּגעשאָקלט פון זאַמד און שטויב. היינט געפינט זי זיך אין מוזיי פון ייִוואָ אין ניו־יאָרק. די דאָזיקע „לכבוד־שבת" סערוועטקע וועט ליגן און דערציילן וועגן די צעשטערטע שבתים פון דער קהילה קאָלוניא, וועגן די פאַרסמאַליעטע קדו־שים פון זייער עלטסטער עדה...

צו להכעיס׳דיקער קיום...

זיץ איך ביים פריינט מאָריץ גאָלדשמיד, דעם פאָרזיצער פון די 700 רעשטלעך פון די געוועזענע 20 טויזנט, וועלכער איז אַליין אויך אַדורך

די זיבן מאָל זיבן גיהנום־בראַנדן. ביי אים דערוויס איך זיך ווונדערבאַרע געשיכטעס פון קיום־קאַמף פון די דאָזיקע 700.

— אַ טעות מאַכן יענע, וועלכע טראַכטן, אַז מיר ווילן זיך איינ־וואָרצלען דאָ. אונדזער אַרבעט איז גאָר פון אַן אַנדער מין, אפשר וואָלט ריכטיק געווען, ווען מיר זאָגן, אַז דאָס איז גאָר אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דעם ווילן פון אויסוואָרצלען אונדז. נישט דווקא דאָ, אין קעלן, נאָר או־מעטום.

— יעדעס שילדל פון אַ ייִדישער אינסטיטוציע מיטן מגן־דוד, וועל־כער האָט געזאָלט זיין אַ שאַנד־פלעק פאַר אונדז, איז אַ שפּיי אין פּרצוף פון די נעכטיקע, היינטיקע און ווער־ווייסט, אפשר מאָרגנדיקע צוררים.

צייטנוויז טראַכט איך, זאָגט גאָלדשמיד, אַז אפשר וואָלט געווען גליי־כער, ווען מען וואָלט געטיילט דעם גורל פון די אַנדערע 19 טויזנט; זיין צווישן די 6 מיליאָן? אָבער, אַז מען איז שוין יאָ דאָ, אַז מען איז שוין אַרויס אַ לעבעדיקער, אמת, מיט צעבראָכענע ביינער (גאָלדשמיד איז אַ געשעדיקטער אויף איין פוס), דאַרף מען לאָזן פילן, דאַרף מען ווייזן, אַז היטלערס חלום — אַ וועלט אָן ייִדן — איז נישט מקוים געוואָרן, וועט נישט מקוים ווערן — דאָס דאַרף מען לאָזן פילן יעדן און אומעטום...

איינע פון שאַגאַלס פּאָפּולערע בילדער איז דער פליִענדער ייִד, מיט זיין באָרד און פיאות און צעשפּרייטער קאַפּאָטע באַדעקט ער די הימלען פון אונדזערע געוועזענע שטעטלעך. ביי מיין שמועס מיטן דאָזיקן „עקשן" האָב איך אַ צווייט בילד געזען, אַן אַנדער מין ייִד — אַ ייִד אָן פיאות, אַ קעלנער אָדער אַ פראַנקפורטער, אָן אַ קאַפּאָטע, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן; פליט נישט, נאָר טרעט איבער רוימישע טורעמס און גאָטישע „דאָמען".

צעשטערטער פּראַכט

6 סינאַגאָגעס זענען דאָ געווען. יעדע האָט געהאַט איר אייגענע גע־שיכטע, איר אייגענעם פּראַכט.

גלאָקענגאַסע — דאָ איז געווען איינער פון די שענסטע טעמפּלען, וועלכע די דייטשע ייִדן האָבן אין 19טן יאָרהונדערט אויפגעבויט. אין יאָר 1886 איז זי ווי אַ געשאַנק פון דעם באַנקיר אָפּנהיימער, אויפגעשטעלט געוואָרן.

אין דער בלוטיקער „קריסטאַל־נאַכט" פון נאָוועמבער 1938 איז זי דורך די „לוסטיקע קעלנער פּאַיאַצן" פאַרברענט געוואָרן.

שטיי איך אויפן ליידיקן פּלאַץ פון דער דאָזיקער סינאַגאָגע. אָבער היינט, אין די יום־טוב־טעג פון קעלן, איז ער נישט ליידיק — עס האָט דאָ אויפגעשטעלט אירע געצעלטן אַ וואַנדערנדיקע מיסיאָנערישע חברה. און אויף דעם אָרט פון דער חרובער סינאַגאָגע שטייט דער געצעלט פון געקרייציקטן און איבער אים אַ ציטאַט פון דער „ברית החדשה" וועגן „ליבע"... אַ ליבע, וואָס האָט געקרייציקט די 6 מיליאָן און געבראַכט דעם דאָזיקן געצעלט אויף זייערע חורבות.

ראָן־שטראַסע — דאָ איז געשטאַנען אַן אמתער פּאַלאַץ, אַ מעכטיקע געביידע פון דער צווייטער שוועסטער־סינאַגאָגע. היינט איז דאָ אַ חורבה. דער גיגאַנט שטאַרצט אַרויס ווי אַ מעמענטאָ; געבליבן איז נאָר די מזרח־וואַנט, מיט אירע באַפּוצונגען; געבליבן זענען אויך אַ פּאָר צימערן פון דער „עזרת־נשים". היינט וווינט דאָרט אַ דייטש, אויפן שילדל לייען איך: אַקציען־געזעלשאַפט האַמאַן, אַ פיינער נאָמען — דאָרטן יעזוס, דאָ המן...

די סינאַגאָגע פון דער פאַרשטאָט דויטץ, רייכספּלאַץ 6, האָט אַ „בע־סערן מזל" ווי אירע פּרי:ער־דערמאָנטע צוויי שוועסטער — זי איז נישט חרוב געוואָרן, מ'האָט זי נאָר „אָפּגעירשנט", און דער „יורש" איז דער... 16טער פּאָליציי־צירקל פון קעלן־אָסט.

אַ חוט־המשולש, אַ הייליקער דריילינג האָט זיך באַזעצט אין די גע־וועזענע מקדשי־מעט פון דער קהילה קדושה קולוניא: — די מיסיאָנערישע „ליבע", די אַקציען־געזעלשאַפט האַמאַן, און די היטער פון רו און אָרדע־נונג — פון דער באַרימטער דייטשער „אָרדענונג"...

קיין בעסערן שפּאַס האָבן אויך נישט געקענט אויסטראַכטן אפילו די קעלנער קאַרנאַוואַל־פּאַיאַצן, וועלכע האָבן שוין אין דער קלאָונען־וועלט אַ נאָמען מיט זייערע מאַסקע־קאַריקאַטורן.

איבערבלייבענישן אין מוזעאומס

עס האָט שוין קעלן אַ מזל צו אויסשטעלונגען, ווו ייִדן נעמען אַ גאָר חשובן אָנטייל. אָט איז דאָרט געווען אין 1928 די אינטערנאַציאָנאַלע פּרעסע אויסשטעלונג, ווו עס איז צום ערשטן מאָל געוויזן געוואָרן דער ריזיקער פּאַרנעם פונעם ייִדישן פּרעסע־וועזן אין דעם באַרימטן ייִדישן פּרעסע־פּאַוויליאָן. מיט עטלעכע יאָר פּאַר דער דאָזיקער אויסשטעלונג, אין 1925, איז אין קעלן פאָרגעקומען אַן אויסשטעלונג — טויזנט יאָר קעלן אונטער דייטשער הערשאַפט.

אויף דער דאַזיקער אויסשטעלונג איז געווען אויך אַ יידישער פּאַ־וויליאָן. איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט, איצט, 25 יאָר נאָכדעם, זיך צו באַקענען מיט די עקספּאָנאַטן פון 1.000 יאָר יידן אויף דער דאָזיקער ערד. אין דריי גרויסע צימערן איז געווען די גרעסטע צונויפזאַמלונג פון יידי־שער קונסט, געשיכטע, פאָלקסשאַפן. אין הונדערטער וויטרינעס פון די דאָזיקע צימערן (נומ׳ 36, 37, 38) זענען ווי דורך אַ קאַליידאָסקאָפּ אַדורכ־געפירט געוואָרן יידישע יאָרהונדערטער — זייערע אויפשטייגן און מפּלות, בלי־ציַיטן און שחיטות.

צווישן די עקספּאָנאַטן זענען געווען זעלטענע כתב־ידן מיט וווּנדער־באַרע מיניאַטורן (וואָרמסער מחזורים פון 13טן יאָרהונדערט); רעליגיעזע קונסט: ארון־קודשן, פּרוכתן, תורה־מענטעלעך און ווימפּעלן בשמים־ביקס־לעך, שלח־מנות־טעלער, המן־קלאַפּערס, און די צוויי גיפּס־מאָדעלן פון די עלטסטע יידישע מקוואות אין דייטשלאַנד (שפּייער פון יאָר 1100, און פון וואָרמס, 11טער יאָרהונדערט).

שיריים פון דער דאָזיקער אימפּאָזאַנטער אויסשטעלונג האָב איך גע־פונען אין רהיינישן מוזעאום אין קעלן.

העכער הונדערט פאָטאָגראַפיעס פון די דאָזיקע רעליקוויעס האָב איך „דערלאָבערט״.

אין אַ צווייטן טייל פון דעם מין האָב איך אויסגענישטערט אין דעם דענקמאָל־פלעגע־אָפּטייל פון קעלנער מאַגיסטראַט. פון די פאָטאָגראַפיעס און צייכענונגען פון אָביעקטן, וואָס זענען שוין היינט נישטאָ, איז כדאי צו דערמאָנען די האַנט־צייכענונג פון דער מזרח־וואַנט, פון דער פאַרברענ־טער אָפּענהיימער סינאַגאָגע אויף דער גלאָקן־גאַסע.

די דאָזיקע צייכענונג איז געמאַכט געוואָרן שוין נאָכדעם, ווי די סי־נאַגאָגע איז געווען חרוב, 4 יאָר נאָך דער „קריסטאַל־נאַכט״, אין יאָר 1942. די ווענט זענען נאָך דאַן געשטאַנען, האָט זיך אַ קינסטלער אַהין אַריינבאַקומען און אָפּגעצייכנט דעם וווּנדערבאַרן מזרח מיטן ארון־קודש; די אַרומיקע באַפּוצונגען און אָריגינעלע אַרכיטעקטאָניק. געשטאַפּאָ האָט אים געכאַפּט. די צייכענונג איז „בעשלאַגנאַמט״־געוואָרן (קאָנפיסקירט). איצט האָב איך זי צוריסבאַקומען.

די ריכטיקע שפּורן פון קעלנער יידישע יאָרהונדערטער געפינען זיך אָבער נאָך ערגעץ־ווו — אויפן בית־החיים.

אין קעלנער קדושים־פּאַנטעאָן

...„איצט גיי אַרויס פון שטאָט, ווען קיינער זעט נישט
און שלייך זיך שטיל, פּאַמעלעך צום בית־עלמין,
און זוך אויף די פרישע קדושימס קברים,
און שטיי, און קוק, און לאָז אַראָפּ די ברעמען
און ווער פאַרשטיינערט!״...

(פון ח. נ. ביאַליקס „אין שחיטה שטאָט״)

עס דויערן נאָך אַלץ אין קעלן די ימי־המשתה, די הוליאַנקע־טעג, מען יובלט נאָך, מען טאַנצט נאָך צווישן די חורבות אויף די גאַסן — אַ קיילעכדיקן יאָר וועט מען אַזוי זיך פאַרשיכורן מיט די 1900 יאָר פון קעלנער עקסיסטענץ — אַ גאַנץ־יאָריקער קאַרנאַוואַל. און די פּראָגראַם זעט פאָרויס כל־ערליי פעסטן — אויסשטעלונגען, סוחרישע און קינסטלערישע; מעסעס: אינלענדישע און פון אויסלאַנד; מאָדע־רעוויוס און פּערדגעיעגן; פּרום־קאַטוילישע מאַניפעסטאַציעס און אַקאַדעמישע „טאַגונגען״; עס זענען זיך אויך אָנגעפאָרן פון אומעטום כל־המינים צירקן, גאַסן־שפּילער, אַזוינע, וואָס וואַנדערן שטענדיק פון איין „קערמעס״ צום צווייטן.

לאָז איך איבער די, מיט פענער צעפלאַקערטע און מיט בלומען־באַצירטע, שטאָט, און גיי אַרויס פון איר. געפאָלגט ביאַליקן און זיך צוועקגעשלייכט צום בית־עלמין, אַוועק אויף קבר־אבות — נישט צו קברים פון דער שחיטה־שטאָט, נאָר אויף קבר־אבות פון אַ שחיטה־וועלט.

אַ פּאָר בית־עלמינס פאַרמאָגט די אַלטע קהילה־קדושה קולוניא. דער עלטסטער פון דער לעצטער געשיכטלעכער תקופה פון ישוב, פון די לעצטע עטלעכע יאָרהונדערטער איז דער בית־עולם אין דער פאָרשטאָט, איבערי רהיין אַריבערפאָרנדיק, אין דויטץ, עס רוען דאָ די ביינער פון דורות חכמה

און עשירות, פון מות און מאַזאָליעס, פון איניציאַטיוו און פּראַצע. אָט גיי איך פאַרביי דעם קבר פון דוד וואָלפסאָן (וועמענסביינער עס זענען, אגב, לעצטנס אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ישראל). איך געפין די צעשעדיקטע מצבה פון הערמאַן שאַפּירא און, אַז מען איז דאָרטן, האָב איך אויסגעפונען דעם קבר פון משה העס. געוועזן איך ביי די ווונדערבאַרע מצבות פון זיינע עלטערן (וועלכע זענען, אגב, דורך קיינעם נישט באַמערקט געוואָרן). באַטראַכט די ריזיקע „משפחה-פּעלדער" מיט די ווייס-מאַרמאָרנע אוהלים פון דער באַרימטער פאַמיליע אָפּענהיימער.

פון דאָרטן זענען מיר געפאָרן אין דער צווייטער עק שטאָט, צום נייעם בית-עלמין, דעם, וועמען איך האָב אָנגערופן קדושים-פּאַנטעאָן.

איך האָב שוין הונדערטער בית-עלמינס אויף דייטשער ערד אויסגעמאָסטן, און פונדעסטוועגן וואָג איך צו זאָגן, אַז דער קעלנער רו-פּלאַץ פאַר די, וועלכע האָבן זיך געזעגנט מיט דער ערדישער וועלט איז גאָר אַ זעלטענער, אַן אויסנאַם.

נישט נאָר זיין גרויס, נישט נאָר דער ווונדערבאַרער סטיל, די פּאַרק-אַלייען, די בלומען, די גרינס-באַפּוצונגען, די קלאַס-מצבות פון ווייסן, שוואַרצן און רויטן מאַרמאָר, נישט נאָר די קונסט-סטאַטועס, וועלכע שטייען אויף די קברים — די נוסחאות זענען דאָ אַזעלכע, וואָס בעטן זיך צו פאַראייביקן.

עס איז אַ טעמע פאַר זיך די נייעסן, וואָס זענען צוגעקומען אויף אונדזערע בית-החיימס אין די לעצטע, נאָך-שחיטה-יאָרן. נייע דענקמעלער, נייע נוסחאות אויף די מצבות, עס האָבן זיך אויסער די טראַדיציאָנעלע ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳ באַוויזן די מיסטעריעזע אותיות ה׳י״ד׳, וואָס מיינט: השם ינקום דמם — זאָל גאָט זייער בלוט נוקם זיין...

דאָ, אויפן קעלנער פּרעכטיק-פּאַרצערטלטן און מיט ווונדערבאַרן געשמאַק באַצירטן מקום-מנוחה פון דורות געפינען מיר, אויף איין אָרט, צונויפגעזאַמלט אַלע מינים „נייעסן", וועלכע פלעכטן זיך האַרמאָניש אַריין אין דער אַלטער מיליע, אַ מערקווירדיקער צונויפבונד פון דענקמעלער פאַר קדושים מיט מצבות, וואָס זענען אַליין געוואָרן מאַרטירער.

**
*

גייען מיר איצט אויף קבר-אבות פון עפּאָכעס, אַ שפּאַציר צו דער מאַרטירערטום-געדעכעניש פון יאָרהונדערטער. און אָנהייבן וועלן מיר כראָנאָלאָגיש אויף צוריק, פון די, וואָס זענען אין אונדזער זכרון און איבערלעבונג נענטער.

אויפן סאַמע פּראָנט, אײנמיטן אַ גרויסן, מיט גרינס און בלומען באַפּוצטן פּלאַץ, שטייט דער ריזן־דענקמאָל פאַר די קדושי־היטלער. זיין מאַסיוועד, מעכטיקער קאָרפּוס הייבט זיך אַרויס איבער די הויכע טאָפּאָלן, וואָס זענען פאַראַן אין די אַלייען; מיט זיין זיבן־שטאָקיקן גראַניט־בוי ווירקט ער אויפטרייסלענדיק, דרינגט אַריין אין דער טיפעניש פון דער נשמה דווקא מיט זיין פּשוטקייט, מיטן קורצן אינהאַלט:

לזכר
אחד עשר אלף אחים ואחיות
דקהילת קעלן
קרבנות הנאַצים הזדים,
שנפלו על קדושת השם בשנת
1933 — ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳ — 1945

דער קדושים־דענקמאָל אין קעלן.

וואָס פאַר אַ באַפּוצונגען, באַצירונגען און אָרנאַמענטן פאַרלאַנגט נאָך דער דאָזיקער בלוטיקער סך־הכל, וואָס דערציילט פון עלף טויזנט ברידער און שוועסטער פון דער קהילה־קדושה קעלן, וועלכע זענען פאַרשניטן געוואָרן דורך די נידערטרעכטיקע נאַציס.

דעם דאָזיקן דענקמאָל סעקונדירט אַ צווייטער. ער שטייט הינטער אים און איז אויך אַ קאָלאָס און איז אויך איינדרוקספול מיט זיין אויסזען. עס איז אַ ריזיקע גראַניט־פּיראַמידע אַרומגערינגלט מיט 9 גרויסע מאַר־מאָר־פּלאַטן.

די דאָזיקע פּיראַמידע איז נישט פאַר קדושים געשטעלט געוואָרן — זי איז פאַר „העלדן", פאַר די „טרייע סאָלדאַטן":

אין טרויער פליכטערפילונג
געשטאָרבן
1918 פיר דאַס פאַטערלאַנד 1914

און אויף די אַרומשטייענדיקע ניין פּלאַטן זענען אויסגעקריצט נעמען פון די „פאַרן פאָטערלאַנד געפאַלענע" 252 קעלנער ייִדן. דעם דאָזיקן דענקמאָל האָט געשטעלט בשעתו דער „רייכסבונד ייִדישער פראָנט־סאָל־דאַטן".



דער דענקמאָל פאַר די געפאַלענע ייִדישע סאָלדאַטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה 1914—1918.

שטייט מען צווישן די דאָזיקע צוויי דענקמאָל־קאָלאָסן און עס ווילט זיך פאַרשטיין די שטיינערנע שפּראַך, מיט וועלכער זיי שמועסן זיך אַדורך. דערטראַגט דאָך דער ווינט דעם שטומען געברום פון איין דענקמאָל צום צווייטן; דערציילט דאָך יעדער די געשיכטעס פון די יעניקע, וועמען ער באַוואַכט, וועמען ער באַהיט.

און אַ געדאַנק פליט דורך — אויב עס זאָל ריכטיק זיין די לעגענדע וועגן גילגול־מחולות, אַז די ניפטרים קייקלען זיך דורך אונטער דער ערד פון זייערע קברים, איז דאָך נישט אויסגעשלאָסן, אַז עמעץ פון די עלף טויזנט אחים ואחיות שאַרט זיך אַריבער צו די 252 פראַנט־קעמפער, כדי אויסצוזוכן זייערע ברידער און דערציילן זיי ווי דאָס „פאַטערלאַנד" האָט זיי מיט אַ יאָר 20 שפּעטער „באַלוינט" פאַר דער „טאַפּפערקייט"...

גייען מיר ווייטער און אַט זענען מיר אויף אַ זייטיקן פלאַץ. ער איז באַדעקט מיט קברים. ערד־בערגלעך אָן בלומען, אָן באַפּוצונגען, טייל מיט ברעטלעך און אויפשריפטן אויף אַנדערע צלמים, אויך אָן נעמען, אָן דאַטעס און איבערן פלאַץ פון די דאָזיקע נאָמענלאָזע קברים אַ הילצערנע טאַפל. דאָרטן זענען, אין דייטש, אויסגעשניצט די ווערטער:

דאָ רוען אומבאַקאַנטע
קרבנות פון דער געשטאַפּאָ
819 מאַן
פון פאַרשידענע פעלקער.

דאָ איז עס געווען דער לעצטער פונקט, די לעצטע גאָלגאָטע־סטאַנציע פון די קרבנות פון דער נאַציִשער אכזריות: אַהער האָט מען „אַרויסגע־וואָרפן" די דערמאָרדעטע און פאַרפייניקטע אין די געשטאַפּאָ־קאַרצערס; אַהער זענען געבראַכט געוואָרן די „געשטאָרבענע" פון די תפיסות און ס.ס.־קעלערן; דאָ ליגן דערשאָסענע און געהאָנגענע. יעדער פון די 819 האָט זיין באַזונדער מאַרטירער־וועג, זיין אייגענע פּיין־געשיכטע און זייערע געשיכטעס האָבן זיי מיט זיך אין קבר מיטגענומען. שטייען מיר טאַקע פאַר אַ מיסטעריעזן סוד, אַ סוד פון 819 נאָמענלאָזע קדושים פון פאַר־שידענע פעלקער. אַן אמתער קדושים־אינטערנאַציאָנאַל.

ווען איך האָב איבערגעפרעגט דעם בית־עולם־היטער, דעם דייטש, וועלכער אַרבעט שוין דאָ אַ פאָר צענדליק יאָר און איז אויך געווען דער היטער בימי היטלער, האָט ער דערקלערט, אַז מען האָט נישט געוואָלט „פאַרשוועכן" די אייגענע בית־עלמינס מיט די דאָזיקע „אויסוווּרפן"; נישט

„מטמא זיין" די אייגענע סעמענטעריעס, האָט מען די קערפּערס פון די פאַרפייניקטע געבראַכט צו קבורה אויף דעם פרידהאָף פון דער „נידערריי־קערער ראַסע" — אויפן יידישן בית־עולם.

דער הילצערנער טאָפל איז שוין צעשפּאָלטן, ווינט, שטורעם און רעגן צעשטערן אים, אָט, אָט, און ער צעפאַלט זיך אינגאַנצן — אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, אַזאַ מין רעליקוויע דאַרף מען אָפּהיטן, מען מוז עס אָפּהיטן לדורות.

און אויפן דאָזיקן „אינטערנאַציאָנאַלן" טייל פון קעלנער יידישן בית־עולם זענען נאָך פאַראַן 2 אָפּטיילונגען פון פראַנצויזן און רוסן — זיי זענען עטוואָס בעסער אויפגעהיט, פאַרזען מיט צלמים און נעמען. און עס שאַקירן גאָרנישט די צלמים אינמיטן פון דעם יידישן בית־עולם, אדרבא, זיי שאַפן אַ באַזונדערן איינדרוק; ברענגען אַרויס אַן אייגנאַרטיקע שטימונג. ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט פאַרן געדאַנק וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָ האָבן זיך די צלמים מיטן געקרייציקטן בראש אפשר רעהאַביליטירט...

ביז איצט זענען מיר געווען ביי קאָלעקטיווע קדושים־מצבות. קעלנער בית־עולם האָט נאָך אַ מין מאַרטירער־דענקמעלער, פאַר יחידים־קדושים אָדער גאַנצע משפּחות. לרוב זענען דאָס נאָר סימבאָלישע קברים און סימבאָלישע מצבות. קיינער ליגט נישט אונטערן דענקמאָל. די געבליבענע — אחד מעיר ושנים ממשפּחה, איינער פון אַ שטעטל און אַ פּאָר פון אַ משפּחה, האָבן געשטעלט אַ זכר פאַר זייערע פאַרשניטענע שטאַם־גלידער.

זענען יחידים אַרויסגעגאַנגען גאַנץ פון די היטלערישע פאַרניכטונג־ערטער און נישט געפינענדיק זייערע נאָענטע, האָבן זיי געשטעלט אַ מצבה פון די אומבאַקאַנטע „ערגעצווו"־קברים.

אַ גאַנצער קוואַרטאַל פון אַזעלכע דענקמעלער האָט דער קעלנער בית־עולם, ער געפינט זיך אין דער הויפּט־אַלייע, וואָס פירט צום גרויסן קדושים־דענקמאָל. פון דער דאָזיקער גאַלעריע וועלן מיר נאָר איין ביישפּיל ברענגען — עס איז אַ שוואַרצער מאַרמאָר־שטיין, וואָס דערציילט גאָרנישט, דער לינקער זייט פון שטיין זאָגט אָבער (אין דייטש):

עס זענען אין דער צייט פון נאַצי־רעזשים
אין פאַרשידענע קאָנצענט־לאַגערן אויסגעמאָרדעט
געוואָרן צוואַנציק נפשות פון אונדזער משפּחה.

אויסגערעכנט זענען די פאַמיליעס: ראָזענטאַל, באָדנהיימער, גאַנס־

הויזער, קאַץ און לעהרבערגער. געשטעלט די מצבה האָבן די לעבנגעבלי־בענע באַדנהיימער און זיין פרוי פרידע, געבוירן פישער.

זענען דען נישט די מצבות פון דעם מין איינע פון די ווערטפולסטע דאָקומענטן פון אונדזער עבר פאַרמאָגט דען וועלכער נישט אַנדער פאָלק אַזעלכע „פערגאַמינאַס״?...

מאַכן מיר אַ ווייטערדיקן שפרונג און מיר קומען אין יאָר־הונדערטער צוריק. נישט וועגן מצבות פון קדושים וועלן מיר דערציילן, נאָר וועגן מצבות וואָס זענען אַליין געוואָרן מאַרטירער.

אינמיטן דער מזרח־טייל פון בית־עולם געפינט זיך אַ מערקוויר־דיקער „אוהל״. עפּעס האָט מיר דער וועכטער דערציילט, אָבער ביז איך בין צום דאָזיקן אָביעקט נישט געקומען האָב איך גאָרנישט פאַרשטאַנען. און געטראָפן האָב איך אַן אוניקום, אַ זעלטנהייט.

עס איז אַן אוהל, אין וועלכן עס זענען איינגעמאָנטירט עטלעכע צענדליק שיריים פון מצבות פון צוועלפטן און דרייצנטן יאָרהונדערט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס זענען ברוכשטיקער פון די עלטסטע מצבות פון קעלן, וועלכע זענען געפונען געוואָרן בעתן בויען אַ נייע באַן־ליניע. אַ בית־עולם, וואָס מען האָט דאָרטן מקבר געווען ביז 1695 און וועלכער איז נאָכדעם צעשטערט און „גערישנט״ געוואָרן. בימי היטלער האָט מען די דאָזיקע רעשטלעך פון אונטער דער באַן־ליניע אַרויסגענומען און עס דאָ איינגעמאָנטירט אָבער ביים בויען דעם באַן־וועג האָט מען אויך גע־פונען דיביינער פון די ניפטרים פון פאַר 700 יאָר. מען האָט די ביינער אויפגעקליבן און עס דאָ מקבר געווען. געווען איז עס שוין אונטער דער נאַצי־הערשאַפט, אין יאָר 1936.

דער דענקמאָל וואָס איז דאַן געשטעלט געוואָרן האָט אויף זיך דעם אויפשריפט (אין העברעיש און דייטש):

עד התל הזה
ועדה המצבה הזאת
למתים ק״ק קולוניה הישנה
שעצמותיהם נאספו ונקברו
פה, שנת תרצ״ז.

דאָס מיינט — אַן עדות איז דאָס בערגל און די מצבה נאָך די רעשטן פון די געשטאָרבענע פון דער אַלטער קהילה קולוניא, וועמענס ביינער עס זענען אויפגעקליבן געוואָרן און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין יאָר 1936.

דער העברעיִשער אויפשריפט איז טיילווייז צעשטערט. די מעטאַלענע אותיות זענען משמעות אַרונטערגעריסן געוואָרן פון „שפּילעדיקע קינ־דער".

*****

אין אַ זייטיקער געביידע ביים טהרה־שטוב האָט מען מיר צום סוף געוויזן נאָך אַנדערע מאַרטירער אָביעקטן — צעפּוילטע ביכער, ספרים און פּרוכתן.

דאָס האָבן די ייִדן פון קעלן, ווען מען האָט זיי אָנגעהויבן פּאַקן אין די פּי־וועגענער צו דער דעפּאָרטאַציע, געהאַט אין זינען, אַז מען טאָר נישט איבערלאָזן פאַר די „קולטור־טרעגער" די ביכער פון דער קעלנער רייכער ביבליאָטעק און די תשמישי־קודש און ספרים פון די סינאַגאָגעס. זיי האָבן טאַקע בחיפּזונדיק די דאָזיקע צונויפגעקליבן און פאַרגראָבן אויפן בית־עולם. היות עס איז געמאַכט געוואָרן על רגל אחת און געלעגן זענען די דאָזיקע זאַכן קרוב 10 יאָר אין דער ערד, אָן געהעריקער באַשיצונג, זענען זיי דורכגעווייקט און צעפּוילט געוואָרן.

ליגן זיי די דאָזיקע פאַרשימלטע שמות און דערציילן אַ נייעם פּרט פון אונדזער מאַרטירער־געשיכטע, אַ נייער רינג אין דער קידוש־השם־קייט.

*****

ווען איר קומט אַמאָל קיין קעלן, פאַרגעסט בכן נישט צוצוגיין און באַטראַכטן דעם דאָרטיקן קדושים־פּאַנטעאָן.

צו־גאַסט ביי משה העסן

שטעט און מענטשן האָבן אַ מאָדנעם מזל. יאָרנלאַנג קענען זיי לעבן און עקזיסטירן אין פאַרבאָרגנהייט און פלוצים ווערן זיי „נתגלה״, פּאָפּולער און באַוווּסט אומעטום.

מיר האָבן נאָר־וואָס גערעדט פון קעלן, די אַלטע קהילה־קדושה קולוניא. אָבער זעלטן ווער עס ווייס וועגן דער פאָרשטאָט דויטץ ביי קעלן. אין דאָזיקן אָרט געפינט זיך אַן אַלטער בית־עולם, וועלכער איז פאַרזונקען געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער וווּ עס ליגן צענדליקער דורות. אונטער דעם געדיכטן ווילד־גראָז זענען באַהאַלטן תקופות, מצבות דערציילן, אַז דאָ רוען די יעניקע, וועמענס נעמען עס האָבן בשעתּם געקלונגען אין אַלע אונדזערע תפוצות און וועמען די שפּעטערדיקע דורות וואָלטן געדאַרפט אויפהיטן אין זייער זכרון.

זעלטן ווער עס פלעגט אַהין פאַרבלאָנדזשען. פאַרן היטלער־חורבן פלעגט נאָך עמעץ אין אלול קומען אַהער אויף קבר־אבות. קעלן האָט שוין לאַנג, ווי מיר האָבן דאָס שוין דערציילט, געהאַט נייע און שענערע בית־עלמינס. אמת עס פלעגט טרעפן, אַז יחידים פלעגן וועלן ליגן ביי זייערע עלטערן, אָבער זעלטן פלעגט מען דאָרטן זען די קברות־לייט.

דער דאָזיקער פאַרגעסענער „גוטער אָרט״ איז לעצטנס געוואָרן אַן ענין פאַר פּרעסע־נאָטיצן, פאַר באַזוכער, געסט פון אויסלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן אַהער ציִען. געשען איז עס אין שייכות מיטן איבערפירן די ביינער פון טעאָדאָר הערצל פון ווין קיין ישראל. עמעץ האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז זיין, הערצלס נאָכפאָלגער, דוד וואָלפסאָן, האָט אין זיין צוואה געבעטן, אַז מען זאָל זיין קערפּער איבערפירן אין ארץ־ישראל. מען האָט

געוווּסט, אַז וואָלפזאָן איז געקומען צו קבורה אין דויטש (געבוירן אין דאַרביאַן, ליטע, אין יאָר 1856 און געשטאָרבן אין 1914). מען האָט זיין קבר אויפגעזוכט. אויפן דאָזיקן בית־עולם, וועלכער איז בעת דער נאַצי־צייט צעשטערט געוואָרן און אַפילו שוין נאָכדעם עטלעכע מאָל געשענדעט געוואָרן, האָבן אָנגעהויבן קומען דעלעגאַציעס. מען האָט וואָלפזאָנס מצבה אויפגעריכט, זיין קבר מיט בלומען פאַרפּוצט.

אָבער די יעניקע, וועלכע זענען אין משך פון לעצטן יאָר אָפט עולה רגל אויפן דאָזיקן בית־עולם ווייסן נישט, אַז נישט ווייט פון דאָזיקן קבר געפינט זיך נאָך איינער, ווו עס לוינט אָפּצושטאָטן אַ וויזיט. אַ קבר פון איינעם, וואָס ווערט פון פאַרשידענע באַוועגונגען, ביי יידן און נישט־יידן, באַטראַכט ווי זייער וועגווייזער, ווי אַ פאָרגייער פון אידייען און שטרע־בונגען, וועלכע ווערן מיט אַ יאָרהונדערט שפּעטער, אין אונדזער דור פאַרווירקלעכט; איינער פון די גרעסטע גייסטער, וואָס יידן האָבן אַרויס־געגעבן אין דעם 19טן יאָרהונדערט — איך מיין דעם קבר פון משה העס.

**
*

נישט דאָ איז דאָס אָרט איבערצוגעבן די ביאָגראַפיע פון משה העסן דעם בן־דור און מיטקעמפער פון מאַרקס, לאַסאַל, היינע, בערנע. עס פאָ־דערט זיך אַ ספּעציעלע אַרבעט פאַר דער ביאָגראַפיע פון דער דאָזיקער גייסטרייכער און קאָלירפולער פערזענלעכקייט. איך קאָן נאָר אַלעמען רעקאָמענדירן צו לייענען זיין „רוים און ירושלים", וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן פון ד"ר נחמן סירקין און איז לעצטנס דערשינען אין פּאַריז. דאָרטן איז אויך פאַראַן די ביאָגראַפיע פון משה העס.

מיט מיין שרייבן בין איך נאָר אויסן אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז צווישן די ערטער, וועלכע פאַרשידענע „טוריסטן" און עולה־רגלניקעס, וועלכע באַזוכן די דייטשע ערד, צייכענען אָן, אַז עס איז כדאי אָנצוקוקן, דאַרף זיך אויך געפינען דער קבר פון משה העס. מען דאַרף קומען אויף דעם מקום־מנוחה פון יענעם, וועלכער האָט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, ווען די אַסימילאַציע האָט צעפרעסן דעם גוף פון די דייטשע יידן, געשריבן:

„דער אַלטער בנין פון דער אייראָפּעישער געזעלשאַפט, וועלכער איז אַזוי באַשעדיקט געוואָרן פון די שטורעמס פון דער רעוואָלוציע, פּלאַצט און פאַלט איצט פאַנאַנדער אין אַלע עקן און זייטן, ער קען

מער קיין נייעם שטורעם נישט איבערטראָגן... אויך אונדזערע יידישע רעפאָרמאַטאָרן וועלן צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע פאָרשטייער פון פאָרשריט באַלד פאַרענדיקן זייער צייטווייליקע עקזיסטענץ. דערפאַר אָבער וועט נאָך דער לעצטער קאַטאַסטראָפע, וועלכע מוז באַלד קו־מען, דאָס יידישע פאָלק, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע געשיכטע־פעל־קער אָנהויבן פאָדערן זיין רעכט״...

איך האָב אויפן דויטצער בית־עולם געזוכט דעם קבר פון דאָזיקן דענקער־נביא. צווישן צעבראָכענע מצבות און חרובע קברים־בערגלעך האָב איך די על־פי־נס אָפגעראַטעוועטע מצבה פון משה העסן געפונען. אפשר איז די סיבה פון איר גאַנץ בלייבן די, וואָס זי איז אין פלאַכער ליגנדיקער פאָרם. אויף דער דאָזיקער מצבה לייענען מיר:

משה בן החר דוד המכונה טעבלי העסס זצ״ל נולד בעיר באָנן יום ג׳ ד׳שבט תקע״ב לפק. נפטר בעיר פאַריס יום ג׳ ר״ח ניסן תרל״ה לפ״ק ונקבר בצואתו קודם מותו בבית הקברות של דייטץ אצל קברות משפחתו יום ה׳ ו׳ ניסן (תרל״ה) לפ״ק ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳

אין אַ שפּעטערדיקער צייט (ווען?) איז אונטער די דאָזיקער העברעישע ווערטער צוגעקריצט געוואָרן די ווייטערדיקע דייטשע שורות:

Hier ruht
MOSES HESS
geb. zu Bonn 21. Januar 1812
gest. zu Paris 6. April 1875
Vater der Deutschen Socialdem.

אין אַ צווייטן בית־עולם־קוואַרטאַל האָב איך געפונען די מצבה פון משה העס׳ פאָטער, דעם באַרימטן פרנס פון קעלן טעבלי העס. אויף זיין מצבה ווערט געזאָגט: „פ״ט ר׳ דוד המכונה ר׳ טעבלי העס פרנס ומנהיג דק״ק קולוניא בן החסיד מופלא ומופלג בתורה וחסידות מהור״ר נטע העס זצוק״ל...״.

אויך די מצבה פון משה העס׳ מוטער, ווו זי ווערט באַטיטלט: „אשת חיל הינדלכא בת מוה״ר משה פלערשהיים״... איז גאַנץ געבליבן און גע־פינט זיך נישט ווייט פון זעלביקן אָרט.

אין נאָך אַן אָרט האָב איך געפונען גייסטיקע שיריים פון משה העסן — אין דעם פרידריך־שילער־מוזעאום, וועלכער געפינט זיך אין מאַרבאַך ביים נעקאַר (ווירטעמבערג, דאָס געבוירן־שטעטל פון שילערן).

אין דאָזיקן מוזעאום געפינט זיך דער ליטעראַרישער עזבון און אַר־כיוו פון דעם ייִדיש־דייטשן שריפטשטעלער בערטהאָלד אויערבאַך. אין דאָזיקן אויערבאַך־אַרכיוו געפינען זיך 39 בריוו פון משה העס צו אויער־באַכן. די דאָזיקע בריוו, ווו עס געפינט זיך אַ שטיק געשיכטע פון די אי־דעאישע ראַנגלענישן פון די ייִדן אין דייטשלאַנד אין מיטן פון דעם 19טן יאָרהונדערט איז אַן אמתער אוצר פאַר די פאָרשער פון דער אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שטרעמונגען פון די ייִדן ביז אונדזערע היינטיקע טעג.

(ביי דער געלעגנהייט וויל איך באַמערקן, אַז ביז היינט איז געווען באַוווסט וועגן 34 בריוו, פון וועלכע נאָר 22 זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם 2טן באַנד פון די היסטאָרישע שריפטן פון ייִוואָ, ווילנע 1937).

אויך דער דאָזיקער מוזיי אין מאַרבאַך דאַרף אַריינגענומען ווערן אין דער רשימה פון די ערטער, וועלכע עס איז כדאי צו באַזוכן. נישט נאָר די דאָזיקע העס־בריוו וועט מען דאָרט געפינען. עס איז פאַראַן וואָס אָנצוקוקן: אין דעם גאַנצן אויערבאַך־אַרכיוו, פון וועלכן העס׳ בריוו איז אַ קליינער ברוכטייל.

די גאַנץ־געבליבענע מצבה אויפן צעשטערטן קבר פון משה העס.

אין מקוואות פון 11טן, 12טן און 13טן יאָרהונדערט

„...פון וואָרמס, פון מאַינץ און פון שפּייער,
דורך פּראָג און לובלין און אָדעס,
האָט אַלץ זיך געצויגן אין פייער,
האָט אַלץ זיך געצויגן איין נס...״

(אברהם ליעסין)

ווידעראַמאָל בין איך אין די גרויזעמע קהילות שו״ם (שפּייער־וואָרמס־מאַינץ), ווידער וואַנדער איך אין דעם אָרט, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דער וווּנדערבאַרער טויזנט־יעריקער תקופה „אשכנז״, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן.

ווידער גיי איך אויף די געסלעך, וווּ עס האָבן געטראָטן רש״י און דער מהר״ם מרוטענבערג, די קלונימוסן און יקירס, די חכמי שו״ם, די מאורי הגולה.

טויזנט יאָר זענען פאַרביי און עס לעבט נאָך אַלץ דאָס געדעכעניש פון דעם „אַמאָל איז געווען״. גזירות און שחיטות; מלחמות און רעוואָלוציעס; אַרכיטעקטאָנישע איבערבויונגען און אורבאַניסטישע ענדערונגען האָבן אין דאָזיקן רהיין־געביט נישט געקענט פאַרווישן דעם צויבער פון דעם יאָר־טויזנט. פון אומעטום שפּראָצט אַרויס אונדזער מי און אונדזער ווײ; עס לעבן די דענקמעלער פון אונדזער לעבן און אונדזער שטאַרבן.

איך וויל דאָס מאָל נישט דערציילן וועגן די רעשטלעך פון חרובע סינאַגאָגעס און אויך נישט וועגן די פאַרוואָרלאָזטע בית־החיימס. איצט וועל איך אַראָפּנידערן אונטער דער ערד, צו די מקוואות. אַראָפּנידערן, ווייל טיף, זייער טיף, זענען זיי מיט טויזנט יאָר צוריק אין דעם מעמקים געבויט

געוואָרן. אונטן האָבן זיי איבערגעלעבט אַלע שטורעמס און וויכערן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער אויבערפלאַך.

אַזאַ אונטערערדישן שפּאַציר איז כדאי צו מאַכן.

**
*

די מקווה האָט ביי יידן פאַרנומען איינעם פון די וויכטיקסטע ערטער אין דעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלן שטייגער־לעבן. זי איז געווען פון די ערשטע איינריכטונגען אין אַ נייעם יידישן ישוב. עס איז געווען אַן אומצערייס־באַרער חוט־המשולש, אַ דריילינג, וואָס האָט געקענצייכנט אַ יידישן קיבוץ — די שול, דער בית־עולם און די מקווה.

אַרום ענין מקווה און טבילה איז פאַראַן אַ גאַר גרויסע רבנישע ליי־טעראַטור. די קליינע מסכתא מקוואות (פון סדר טהרות, וועלכע האָט נאָר משנה און נישט גמרא) איז אַרומגעוואַקסן מיט אַ געדיכטן וואַלד פון מפר־שים, פוסקים, חידושים, שאלות־ותשובות, תקנות און אַן אַ שיעור מנהגים.

חוץ די וויכטיקע פונקציע פון טהרת המשפחה האָט די מקווה געהאַט אַ וויכטיקן באַדייט פון קבלה־שטאַנדפונקט. נישט נאָר פלעגט זי דאַרפן רייניקן דעם גוף, זי האָט די נשמה מכין געווען צו אויפנעמען דברים שבקדושה. איינער פון די חסידישע מנהיגים האָט אפילו געזאָגט, אַז די מקווה איז אַ העכערע מדרגה פון דעם בית־המדרש.

אין בית־המדרש מוז מען האָבן צען יידן, אַ מנין, כדי זיך פאַרבינדן מיטן רבונו־של־עולם און אין מקווה קומט מען אין די עולמות עליונים ביחידות, איינער אַליין...

מיר הויבן בכן אָן אונדזער אויספלוג.

1. שפּייער

די מקווה געפינט זיך אויף דער יודענבאַדגאַסע — (עד היום הייסט זי אַזוי), אין אַ שמאָלן טעמפּן געסל פירט אַ פאַרצייטיקער טויער, מיט אַ פאַריגלטער אויסגעקרימטער קאַליטקע. איבערן אַריינגאַנג אַ טאָוול, וועלכער דערציילט, אַז דאָס „יודען־באַד“ איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1104.

דער הויף פון דער מקווה, וועלכער איז היינט אַ גרינס־גאָרטן, איז אַרומגענומען מיט אַ הויכן שטיינערנעם פּאַרקן. איין וואַנט פון דאָזיקן ישן־נושנדיקן צוים האָט אויף זיך בולטע סימנים פון אַ געוועזענעם בנין — דאָס איז טאַקע די געוועזענע מזרח־וואַנט פון דער ערשטער סינאַגאָגע,

וועלכע איז בעת דעם ערשטן קרייצצוג, אין יאָר תתקנ״ו (1096) חרוב געוואָרן.

איך לאָז זיך אַראָפּ אונטער דער ערד. ביז 100 טרעפּ פירן צום אָרט, ווו עד היום איז נאָך פאַראַן ריין דורכזיכטיק וואַסער, אמתע מים־חיים, ווי עס פאַרלאַנגט דער דין.

דריי פאַרשידענע געדרייטע טרעפּ־קאָרידאָרן, מיט כל־המינים זייטיקע חדרימלעך, פירן צום דאָזיקן מקום־טבילה. די פאַרדעקטע מיטן דיקן שטויב ווענט און סופיט קענען אָבער נישט פאַרווישן די רעשטן פון די שיינע קאַרניזן, דעם אַלט־ראָמאַנישן בוי.

די דאָזיקע מקווה איז חוץ אַן אַרכיטעקטאָנישע זעלטנהייט אויך אַ נאַטור־רעטעניש. מען האָט נישט געקענט פאַרשטיין דעם וווּנדער, וואָס נאָך איצט, שוין באַלד 1.000 יאָר, איז דאָס וואַסער אין דער מקווה לויטער און דורכזיכטיק. מיט אַ צייט צוריק האָט טאַקע אַ וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע אויסגעפונען, אַז דער סוד באַשטייט אין דעם, וואָס פון דער מקווה ציט זיך אַן אונטערערדישער וואַסער־אָדער צום רהיין, וועלכער באַזאָרגט שפּרודל־דיקן קוואַל־וואַסער.

אויף דער טויזנט־יעריקער אויסשטעלונג אין קעלן, אין יאָר 1925 איז צווישן די מערקווירדיקסטע עקספּאָנאַטן געוויזן געוואָרן דער גיפּס־מאָדעל פון דער דאָזיקער ווונדערבאַרער מקווה.



דער גיפּסמאָדעל פון דער מיקווה אין שפּייער אויף דער קעלנער אויסשטעלונג

2. וואָרמס

דורך דעם רש״י־טויער (עד־היום הייסט אַזוי דער אַריינגאַנג פון דער שוץ־מויער פון דער שטאָט) קומט מען אין דער יודענגאַסע (אויך דער דאָזיקער נאָמען איז געבליבן). דאָ זענען געווען 2 ריזן־סינאַגאָגעס, די נייע און די אַלטע — רש״יס שול. אין הויף פון רש״יס שול איז טאַקע געשטאַנען די מקווה, וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן אין 11טן יאָרהונדערט. בעת דער פייערדיקער „קריסטאַל־נאַכט״, ווען עס זענען געפאַלן אַ קרבן ביידע סינאַגאָגעס, איז אויך דער אויבערשטער בוי פון דער מקווה צע־שטערט געוואָרן. דער אונטערערדישער טייל פון איר איז גאַנץ געבליבן. דאָס איז דער איינציקער „לעבעדיקער״ אָביעקט פון דער טויזנט־יעריקער געשיכטע פון דער קהילה קדושה ווירמייזא.

די דאָזיקע מקווה איז נישט טיף ווי אין שכנותדיקן שפּייער. זי איז „נישט מער״ ווי צען מעטער אונטער דער ערד אויך די דאָזיקע מקווה מיט איר ראָמאַנישן בוי, ריזיקע זיילן און זייטן־צימערן, טרעפּ־סיסטעם איז אַ וווּנדערבאַרער זכרון פון דעם מה שהיה.

ביז נישט לאַנג פלעגט מען אַהער ברענגען כל־המינים אָפּפאַלן און מיסט. לעצטנס האָט עס אויפגעהערט. דער פּלאַץ איז אַרומגעצוימט גע־וואָרן.



דער „רשי־טויער״ אין דער שוצמויער פון דער שטאָט וואָרמס.

3. פרידבערג

אַ ביסל „יינגער" איז אויך די נאָך פולשטענדיק־דערהאַלטענע מקווה אין פרידבערג־העסען, זי איז געבויט געוואָרן שפּעטער ווי אירע שוועסטער פון שפּייער און וואָרמס, — איר יאָר 1260 (סך־הכל מיט 700 יאָר צוריק) אויך זי שטייט אויף דער נאָך היינט מיט שילדלעך־באַצייכנטער יודען־גאַסע.

אויך די דאָזיקע מקווה איז אַן אַרכיטעקטאָנישער וווּנדער. עס מאַכן אַן אומבאַשרייבלעכן איינדרוק די וווּנדערבאַרע גאַלעריעס, דער זעלטענער טרעפּן־בוי. איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט די דריי שטאָקן געדרייטע טרעפּ (77 צוזאַמען) ביז איר טרוקענעם דנאָ, וווּ עס געפינט זיך דער אויסגעקריצ־טער נאָמען פון יענעם, וועלכער האָט די מקווה אין יאָר 1260 אויסגעבויט — יצחק קובלנץ.

דער אַראָפּגאַנג צו דער מקווה אין פרידבערג, אויפגעבויט אין יאָר 1260. שטייט עד־היום גאַנץ אויף דער „יודענגאַסע".

**
*

אין שפייער האָב איך פון דער דייטשער פרוי, וועלכע האָט אויפזיכט איבער דער מקווה, געהערט אַ זייער ריכטיקע אויפקלערונג אויף דער פראַגע — מיט וואָס איז צו דערקלערן, וואָס דער דאָזיקער ייִדישער אָביעקט איז אַרויס אַ נישט־צעשעדיקטער אין דער צייט פון דער נאַצי־הערשאַפט.

— ווייל ער איז געווען אונטער דער ערד, איז געווען די תשובה. דאָס איז אויך מאַסגעבנד אין באַצוג צו די אַנדערע מקוואות.

**
*

פון די ווייטסטע מקומות קומט מען אין די דאָזיקע ערטער, כדי אָנ־צוקוקן דעם וווּנדער. אין אַלע רייזע־פראָספּעקטן ווערט אָנגעוויזן, אַז מען זאָל אין די דערמאָנטע שטעט נישט פאַרגעסן צו באַטראַכטן די דאָזיקע „זעענסווירדיקע אָביעקטן״. עס קומען סתם טוריסטן, נייגעריקע, אָבער אויך ספּעציעלע פאָרשונגס־קאָמיסיעס, פּראָפעסאָרן און סטודענטן, אַרכי־טעקטן און קונסט־היסטאָריקער. באַלאָדן מיט כל־המינים מכשירים זיצן זיי דאָ און צייכענען; קלעטערן איבער די ווענט און קראַצן די סופיטן; פּרובירן די טרעפּ און באַטאַפּן די פאַרענטשן; נעמען זאַמד־ און שטיין־פּראָבעס צו אַנאַליזירן אין די פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס.

אַלעמען אינטערעסירט נאָר און ראשית־כל דער דאָזיקער דומם, דער שטומער שטיינערנער איבערבלייבעכץ. קיינעם פאַלט נישט איין אַ פראַגע צו טון:

— ווו זענען די לעבעדיקע וועזנס, וועלכע האָבן אַרום די דאָזיקע „זאַנערבאַרע באַוטען״ געוווינט?

— ווו זענען די יעניקע, וועלכע האָבן די דאָזיקע „ריטואַלע באַסיינע״ געניצט?

— וווּהין זענען אַהינגעקומען די יעניקע, וועלכע זענען אין משך פון אַ יאָר טויזנט געגאַנגען אויף די גאַסן, ווו עס האָבן אויך געטראָטן די יעניקע, וועמענס נאַסע פוסטריט האָבן אויסגעריבן די כאַראַקטעריס־טישע פאַרטיפונגען אין די שטיינערנע טרעפּ?

זיי פרעגן נישט! וואָלטן זיי אָבער יאָ געפרעגט, וואָלטן זיי באַקומען אַזאַ מין תשובה:

— אין יאָר 1933, ווען די ממשלת זדון פון היטלערן האָט זיך אָנגע־הויבן, זענען געווען:

— אין שפייער — 350 ייִדן;
— אין וואָרמס — 1194 ייִדן;
— אין פרידבערג — 400 ייִדן.

און היינט? קיין איין נפש פון די דאָזיקע איז נישטאָ. זיי זענען פון די „טראַנספּאָרטן" נישט צוריקגעקומען. ערגעץ־ווו אַרום טערעזיענשטאַט און אוישוויץ, בוכנוואַלד און דאַכאַו, זענען פאַרווישט געוואָרן זייערע שפּורן.

עס קאָן אויך זיין, אַז די דאָזיקע באַזוכער ווייסן די תשובה און דע־ריבער פרעגן זיי קיין שאלות נישט, עס איז דאָך „זעלבסטפאַרשטענדלעך"...

די אונטערשריפט פון דעם בויער פון פרידבערגער מקווה — יצחק קובלנץ — וואָס איז אויסגעקריצט אין דעם דנאָ פון דער מקווה.

די „יודענבאַד" אין אַנדערנאַך

אז מען מאַכט אַ נסיעה מיטן „רהיינוועג", מיטן צוג, וואָס שלענגלט זיך לענגאויס דעם לינקן רהיינברעג, וואָס איז פון ביידע זייטן באַזוימט מיט פאַנטאַסטישע פעלדזן אָדער מיט הויכע ווייַנבערג, צווישן וועלכע עס סטאַרטשעט אַרויס פון צייט צו צייט אַ מיטל־אַלטערלעכער שלאָס אָדער חורבה פון אַן אַלטן פּאַ־לאַץ, פאָרט מען אויך דורך דאָס שטעטל אַנדערנאַך, צווישן באָן און קאָב־לענץ. אין אַ מאַלערישן ווינקל, ליגט דאָס שטעטל.

דאָרט ביים רהיין, וואָס איז דאָ זייער ברייט און צעגאָסן, ליגט דאָס שטעטל און איז אַרומגערינגלט מיט גרין־וויאָלעטע ווייַנבערג, און איבער הייזער רייסן זיך אַרויס גאָטישע טורעמס און רויט־גרינלעכע שפּיציקע דעכער. רויט־וויאָלעט פון די בערג און רויט־גרין פון די דעכער שפּיגלען זיך אינעם רהיין און באַדעקן זיין אויבערפלאַך מיטן פאַרבנשפּיל פונעם רעגנבויגן — רופן די אַנדערנאַכער זייער שטעטל „דאָס צעזונגענע רעגנ־בויגן". דער אָרטיקער רהיינברעג איז זייער אַ טומלדיקער, שטענדיק איז דאָרטן אַ הו־האַ, ווייל עס איז אַן איבערשיפונג־פונקט צום צווייטן, רעכטן, ברעג, ווו עס ליגט דאָס שטעטל נויוויד, די רעזידענץ פון דעם פירשטן־שטאַם וויד (אין דאָזיקן שטעטל האָט זיך מיט 200 יאָר צוריק, טאַקע אין דער פירשטן־דרוקעריי, געדרוקט די ערשטע ייִדישע צייטונג אין דייטש־לאַנד „דער גראָסע שאַופּלאַץ").

אַלט, זייער אַלט, איז אַנדערנאַך. שוין די רוימער האָבן דאָרטן געהאַט זייערס אַ זידלונג. עס איז געווען אַ האַנדלס־צענטער און פאַרן 10טן יאָר־הונדערט איז עס שוין געווען פאַרצייכנט ווי אַ שטאָט. פון יאָר 1129 שטאַמען די שוץ־מויערן מיט די טורעמס, וואָס רינגלען אַרום די שטאָט. אגב, הייסט איין טורעם דער „יודענטורעם".

אויך יחוסדיק איז אַנדערנאַך — אַ יחוס פון קיסרים און פירשטן, פון בישאָפן און אַרציבישאָפן. דער „רייכסהאָף" אַנדערנאַך איז געווען אַן אייגנ־טום פון קייסער פרידריך דעם ערשטן און איז דעם 1טן אויגוסט 1167 פון דעם קייסער געשענקט געוואָרן צו דעם קעלנער אַרצבישאָף ריינאַלד. מיט הונדערטער יאָר שפּעטער ווינט דאָרט דער ערצבישאָף פיליפּ אאַ"וו. האָט יעדער מושל און שררה נאָך זיך איבערגעלאָזט פּאַלאַצן און דענק־מעלער, טאָוולען אָדער אַנדערע אָנדענק־סימנים. איז אַנדערנאַך געוואָרן אַ באַרימטער טוריסטן־פּונקט אויפן „רהיינוועג".

***

אויך ביי אונדז יידן פאַרמאָגט אַנדערנאַך אַ שטיק יחוס. זייער אַלט איז די דאָרטיקע קהילה. פאַראַן אַ סברה, אַז ווען די רוימער האָבן געהאַט דעם רהיין־געביט אין זייערע הענט, איז אין אַנדערנאַך, פּונקט ווי אין קעלן, שוין געווען אַ קהילה אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער נייער צייט־רעכענונג. אָבער דאָס זענען נאָר השערות. אַ פאַקט איז, אַז דער יידישער קיבוץ ווערט זייער אָפט דערמאָנט אין אונדזערע אַלטע כראָני־קעס און ספרים. דער באַרימטער יידישער רייזנדער פון 12טן יאָרהונדערט, בנימין פון טאָדעלאָ, וועלכער האָט אין זיין דעמאָלטיקער וועלט־נסיעה באַזוכט 300 ערטער, וואָס ער האָט באַשריבן אין דעם מאָנומענטאַלן ווערק „מסעות רב בנימין", דערמאָנט אויך די קהילה קדושה אַנדרנכה, וואָס ליגט ביים טייך רהיינוס, וווּ עס איז דאָ אַ פיינע עדה מיט יידן.

אין די שאלות פון דעם ווינער רב רבי יצחק בן משה, וואָס האָט גע־לעבט אין 13טן יאָרהונדערט און איז באַרימט מיטן נאָמען פון זיין ספר „אור זרוע", ווערט אויך דערמאָנט אַנדערנאַך. אין איינער פון די שאלות אין „אור זרוע" ווערט דערציילט וועגן איינעם אַ ייד אַלעקסאַנדער פון אַנדערנאַך, וואָס איז צוזאַמען מיט זיין שוואָער אשר הלוי געגאַנגען צום קעניגלעכן לאַגער ביי קאָבלענץ און איז אויפן וועג דערהרגעט געוואָרן. דער פאַל האָט באַקומען אַן אָפּקלאַנג אין די שאלות בשייכות מיט דער ירושה־רעכט פון דער אלמנה. ביים „אור זרוע" הייסט דער מקום אַנדרנך, און אין אַ צוויי אָרט אנדרס.

הגם מיר האָבן נישט קיין גענויע דאַטעס וועגן דעם בראשית פון יידישן ישוב אין אַנדערנאַך, פאַרמאָגן מיר שוין גענויע שפּורן פון יידישן לעבן דאָרטן פון 11טן יאָרהונדערט אָן.

אין 12טן יאָרהונדערט איז שוין דאָרט דאָ אַן אָרגאַניזירטע קהילה. פון אַלטע שטאָט־באַשרייבונגען און פּלענער דערוויסט מען זיך, אַז צווישן די שטאָטישע טאָפּאָגראַפישע אָביעקטן איז דאַן שוין געווען די „יאָידען־שאָל", די „טאָוכבאַד" (מקווה), „שלאַכטהאַוז" און „באַקהאַוז". דער דאָזי־קער בנינים־קאָמפּלעקס פיגורירט אויך אונטער אַן אַלגעמיינעם נאָמען „שאָילהאָף" (שולהויף).

דער דאָזיקער אוראַלטער ייִדישער קוואַרטאַל האָט זיך געפונען אויף דעם פּלאַץ, ווו עס שטייט היינט דער ראָטהויז, אין דעם שענסטן שטאָט־טייל, אין וועלכן עס געפינען זיך אויך אַנדערע קאָמונאַלע און מלוכהשע אינסטיטוציעס.

ווי אַזוי עס איז אויפן „שאָילהאָף" אויסגעבויט געוואָרן דער ראָט־הויז, איז אַ לאַנגע געשיכטע, וואָס עס איז צו דרינגען פון אַלטע „אורקונדעס", דאָקומענטן, וועלכע דערציילן דעם דאָזיקן וואַנדל. צוגעפּאַסט צו די היינ־טיקע באַגריפן וואָלט מען עס געזאָגט, אַז דער דאָזיקער ייִדישער פאַר־מעגן איז געוואָרן „ירושהלאָז" און איז איבערגעגאַנגען צום „שטאָט־איי־גנטום".

אָנהויבנדיק פון יאָר 1287, ווען עס איז געווען אַ גרויסע שחיטה איבער די אַנדערנאַכער ייִדן, בעת וועלכער עס איז אויך חרוב געוואָרן זייער אַלטע סינאַגאָגע, ווערט דער „שולהויף" אַן אָביעקט פון האַנדל, וואָס גייט איבער פון איין „יורש" צום צווייטן, ביז ער פאַלט אַריין אין באַזיץ פון דער שטאָט.

אין דעם אַנדערנאַכער שטאָט־אַרכיוו געפינט זיך דער דאָקומענט, דאַטירט פון 5טן אַפּריל 1407, וואָס איז אַ קאָנטראַקט, אַז ווילהעלם פאָן קלעבערג און זיין פרוי עלזע האָבן פאַרפאַכטעט דעם „שולהויף" און דעם „באַקהויז" צו יאָהאַן האָלענדער און זיין פרוי גרעטע, און דאַרפן דערפאַר באַקומען יערלעך 14 מאַרק צינז. אין דעם קאָנטראַקט זאָגט זיך, אַז די „יודענבאַד" איז פון דער טראַנזאַקציע אויסגעשלאָסן.

אַ צווייטער דאָקומענט פון 15טן אַפּריל 1426 דערציילט, אַז די זעלבע אייגנטימער האָבן שוין דעם „שולהויף" און דעם „באַקהויז" פאַרקויפט. דער קויפער איז דאָס מאָל געווען די שטאָט אַנדערנאַך גופא. ווידעראַמאָל איז די „יודענבאַד" עלימינירט פון דעם פאַרקויף.

ערשט די יורשים פון די קלעבערגס, די ברידער פיליפּ און ווילהעלם, האָבן אין יאָר 1481, דעם 31טן יאַנואַר, איבערגעגעבן במתנה צו דער

שטאָט די איבעריקע טיילן פון דעם „שולהויף", דאָסמאָל דעם „יודענ־באַד" אַריינגערעכנט.

אַזוי איז די יידישע מקווה, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן בערך איי 13טן אָדער 14טן יאָרהונדערט „אָפּגעירשנט" געוואָרן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

דער „שולהויף" האָט זיך געפונען אינעם צענטער פון דער שטאָט, אויפן צענטראַלן קאָמוניקאַציע טראַקט און די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט געהאַלטן, אַז טאַקע דאָ, אויפן אָרט פון יידישן קוואַרטאַל, דאַרף אויפגע־בויט ווערן דער ראָטהויז.

איז פאַרשוווּנדן דער „שולהויף"; נישטאָ קיין סימן פון דעם „שלאַכט־הויז" אויך פון דעם „באַקהויז" איז נישט פאַרבליבן קיין שפור.

די „יודענבאַד" אָבער האָט אַלץ איבערגעלעבט, אויסגעהאַלטן אַלע שטורעמס, ווייל זי איז טיף אונטער דער ערד געלעגן. אינעם קעלער פון ראָטהויז געפינט זיך די אוראַלטע יידישע מקווה, איינע פון די געציילטע רעשטלעך פון ווונדערבאַרער יידישער אַרכיטעקטאָניק פון קרוב 1000 יאָר צוריק.

מיינט נישט, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג שעמט זיך עפּעס מיט דער „ריטועלער יודענבאַד". חס־ושלום. דער אַריינגאַנג צו דער מקווה איז טאַקע האַרט רעכטס ביים הויפּט־אַריינגאַנג פון ראָטהויז. עס קאָן קיינער פון די באַזוכער פון דעם מאַגיסטראַט נישט פאַרבייגיין און נישט באַמערקן די טיר מיט אייזערנע שטאַכעטן איבער וועלכער עס געפינט זיך אַ שוואַרץ־רויטע גרויסע אויפשריפט מיט אַלט־דייטשער גאָטישער שריפט, וואָס רופט:

JUDENBAD
Besichtigung:
7 - 12 und 13 - 17 Uhr

עס איז איינע פון די „אַטראַקציעס", וואָס אַנדערנאַך האָט צוגעגרייט פאַר די אויספלוגן און טוריסטן, וואָס קומען אַהער אויך פון אויסלאַנד. — אין דעם „פירער דורך דער שטאָט" געפינט זיך די „יודענבאַד" אויף אַ חשובן אָרט און איז אַפילו מיט אילוסטראַציעס פאַרגעשטעלט.

אַ ספּעציעלער „פירער" זיצט ביים מקווה־טיר און איז גרייט אייך צו באַדינען. פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל פירט ער אַריין אין די לאַבירינטן פון דער „יודענבאַד"; ער גייט מיט אין דער אונטערערד, גיט דערקלע־רונגען און פאַרקויפט בילדלעך פון דעם דאָזיקן „זאָנדערבאַרן יודענ־באָוט".

אויסטערליש איז טאַקע דער דאָזיקער אָביעקט. לאָזט מען זיך אַראָפּ מיט די 127 טרעפּ, וואָס פאַרדרייען זיך אַזש פינף מאָל. מען שניידט דורך 3 האָלן אין אלכסון און אַ שטילע, אַ שווייגנדיקע מיסטעריע ווערט אָפּגע־שפּילט, וואָס פירט אין די רעיונות פון טויזנטער יאָר צוריק.



דער אַריינגאַנג צו דער מקווה אין אַנדערנאַך. די מקווה געפינט זיך אין שטאָטישן הויף ביים אַריינגאַנג צום ראָטהויז אונטער דער אויפשריפט ווערט איבערגעגעבן, אַז מען קאָן עס „באַזיכטיקן" פון 9 ביז 12 און פון 14 ביז 17 אַזייגער.

— גיי איך דאָ אויף די שפּורן פון אַ יאָר טויזנט, און די ווענט מיט די אָריגינעלע ווונדערבאַרע שטיינגעוועבן — וווּנדערן זיי זיך וועגן די מאָדנע באַזוכער, אויף זייערע לשונות? וואָס מיינט דער האַלב־רונדער געפּלעכט פון דעם סופיט? חידושט ער זיך אויפן מאָדנעם זשיראַנדאָל מיט דעם „קאַלטן" ליכט, וואָס מען האָט אָן אים אָנגעהאָנגען?

— וואָס טראַכטן זיי, די שטיגן, וואָס זענען מאָזאַיִק־מעסיק מיט גע־טאָקטע שטיינדעלעך מאָנטירט? זיי זענען געוווינט, אַז מען זאָל טרעטן אויף זיי מיט באָרוועסע פיס, טאָ וואָס טוען דאָ באַטשוועקלטע שטיוול?

און אונטן, נאָך די 5 שטאָקן מיט טרעפּ, נאָך די 13 מעטער טיפעניש, דאָס וואַסער, וואָס האַלט שטענדיק די זעלביקע הויך פון רהיין — איז דער וואַסערפלאַך פון טייך הויך, קומט אויך צו וואַסער אין דער מקווה; פאַלט דאָס וואַסער אין טייך, ווערט אויך ווייניקער וואַסער אין דעם מקווה־באַסיין. וואָס טראַכטן זיי, די מים־חיים, די קוואַל־וואַסער? וואַרטן זיי נאָך אַלץ אַזוי אַ יאָר 700, אַז עמעצער זאָל זיך אין זיי אָפּטוקן...

אַ שטילע, שווייגנדיקע מיסטעריע, און די וואַסער, די לויטערע וואַסער פון 13 מעטער טיפעניש, האָט דערביי מיט איר אָפּגלאַנץ קעגן פייער צוגעשפּילט. געשפּילט מיט קול דממה דקה. און פרעגן קאָן מען נישט, רעדן מוז מען שטיל, ווייל יעדער קלאַנג ווערט דאָ פאַרפילפאַכט, אַן עכאָ ענטפערט אָפּ מיט אַ הילכיקן טעמפּן ברום, אַ פינפאַכיקער בת־קול פון די פינף שטאָקן, וואָס פירן אין דער טיפעניש...

און די „יודענבאַד" האָט ביז איר היינטיקן מצב דורכגעמאַכט אַ היפּשע צאָל גילגולים. אַ געוויסע צייט איז עס געווען אַ פאַרזיכערונג־באַהעלטעניש פאַר ווערטפולע חפצים בעת אומרויִקע צייטן (בעת דער לעצטער מלחמה, אַ „שוץ־קעלער" קעגן לופט־אָנגריפן).

אויך האָט די „יודענבאַד" געדינט ווי אַ מין געפענגעניש. אַ פּראָ־טאָקאָל פון שטאָטישן ראָט פון 7טן יולי 1689 דערציילט, אַז אַ געוויסער פאַרברעכער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט „אַכט טעג אויף ברויט און וואַסער אין דער יודענבאַד". אין 18טן יאָרהונדערט איז די מקווה נאָך באַנוצט געוואָרן ווי אַ שטאָטישע תפיסה.

ביז די שטאָט־באַלעבאַטים האָבן זיך געכאַפּט, אַז מען קאָן מאַכן פּרנסה פון אַזאַ מין אויסטערלישן אָביעקט. איז די מקווה גענומען גע־וואָרן אונטער „דענקמאָלפלעגע", וווהין מען פירט, ווי אויף בייז ווונדער, די טוריסטן, וואָס קומען אין דאָזיקן מאָלערישן רהיינישן פּונקט.

מען האָט אפילו געזאָרגט דערפאַר, אַז די טוריסטן זאָלן נישט גיין

אין דער פינצטער די 127 שטיגן; זיי זאָלן זיך חס־ושלום נישט אויסגליטשן אויף די טרעפּ. מען האָט אפילו אַריינגעצויגן עלעקטרישע ליכט מיט מאָדערנע לאָמפּן אין דעם דאָזיקן מיטלאַלטערלעכן געבוי. אויך האָט מען נישט פאַרגעסן איינצואָרדענען אָפּרו־בענקלעך פאַר די שוואַכע באַזוכער, זיי זאָלן זיך נישט איבערמאַטערן. אין יעדן פון די דריי אונטערערדישע האָלן איז פאַראַן אַן אָפּרופלאַץ.

— אין איינעם פון די האָלן וועט נאָך זיין אַ בופעט, דערציילט מיר דער מקווה־פירער (אפשר איז זיין אור־אור־זיידע געווען דער „באָד־גוי"?)

**
*

עס איז נישט אָפּגעווישט געוואָרן דער זכר פון די אַנדערנאַכער יידן. הגם די ווייטערע יאָרהונדערטער נאָך דער ערשטער הריגה פון 1287 זענען גאָרנישט געווען קיין גוטע, האָבן זיך אין אַנדערנאַך כסדר באַוויזן יידן. אָט האָט מען זיי ווידער אין יאָר 1338 אַרויסגעטריבן, און ווייטער זענען זיי דאָ. און ווידער דערציילט אַ כראָניק וועגן אַרויסגעטריבענע יידן (21 אין צאָל) אין 16טן יאָרהונדערט; און ווידער אַ יידישע עדה. ביז עס קומט דער ענדגילטיקער גזר — די פּריווילעגיע פון קורפירשט ערנסט פאָן קעלן, דאַטירט דעם 1טן אָקטאָבער 1596: „מער קיין יידן אין אירע מויערן נישט אַריינלאָזן, אַ ייד קאָן נאָר איין טאָג זיין אין דער שטאָט; אַ ייד טאָר נישט איבערנעכטיקן אין די מויערן פון אַנדערנאַך".

הונדערט פופציק יאָר איז אַנדערנאַך געווען „יודנריין". ערשט אין דעם יאָר פונעם פרילינג פון די פעלקער, אין 1849, קומט און באַזעצט זיך דאָרט דער ערשטער ייד — גאָטשאַלק איז געווען זיין נאָמען. פון דאַן אָן דאַטירט זיך די נייע יידישע עדה פון אַנדערנאַך.

וואַקסט זי ביסלעכווייז, בויט אויס אַ סינאַגאָגע, האָט אַ בית־עולם און דערגייט אין יאָר 1933 צו 115 יידישע נפשות צווישן 10 טויזנט איינוווינער. האָט די קהילה אויך אַ לערער אַן אייגענעם, מאַרטין שטיבעל איז זיין נאָמען געווען. ער פלעגט מיט די 20 יידישע קינדער לערנען „רעליגיאָנס־אונטערריכט".

1938 — אין דער נאַכט פון 9טן אויפן 10טן נאָוועמבער איז די סינאַגאָגע פאַרברענט געוואָרן, אומגעקומען על קידוש־השם צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער געבעט־הייזער.

1942 — קיין נפש פון די 115 יידן נישט געבליבן.

אין שטאַט־אַרכיוו האָב איך געפונען אַ „שטודיע״, אַ היסטאָרישע מעגאַלאָמאַניע, פון עפּעס אַ נאַצי, וועלכער הויבט אָן זיין „ווערק״ מיט דער גרויסער פרייד:

„ווען אין דער נאַכט פון 9טן אויפן 10טן נאָוועמבער איז מיט רעכט אין פלאַמען פאַרשוואונדן די יידישע סינאַגאָגע, האָבן אַלע פאָלקסגענאָסען פרייער אָפּגעאָטעמט, ענדלעך פטור געוואָרן פון דעם שאַנדפלעק, וואָס האָט פאַרמיאוסט דעם מיטלפונקט פון אונדזער שיינער שטאָט... נו, וועט אַן אַנדער שטאָט פטור ווערן פונעם דאָזיקן שטאַם״...

אין 1951 בין איך געווען אויפן אָרט, ווו דער דאָזיקער „שאַנדפלעק״ איז געשטאַנען.

עס איז געווען אַ יום־טוב אין שטעטל, איינער פון די פיל פּאָפּולערע אין רהיינלאַנד „קערמישען״. וואַנדערנדיקע צירקן, גאַסנשפּילער, קונצנמאַכער, אַקראָבאַטן, קאַרוזעלעס, חיות און אויסטערלישע ברואים — אַלץ וויל פאַרשפּילן דעם עולם. און דער „קערמיש״ קומט טאַקע פאָר אויפן פּלאַץ, ווו די סיגאַגאָגע איז געווען.

—אַ שדים־טאַנץ בייטאָג אויפן אַלטן מאַרק...

און דאָ האָט מיך אָפּגעוואַרט אַ קוריאָז.

זייענדיק אין נויוויד האָב איך זיך געדאַרפט טרעפן מיטן „פאָרשטאַנד״ פון דער דאָרטיקער יידישער געמיינדע (אַ קליינע געמיינדע פון אַן אַנדערהאַלבן מנינים). דערוויס איך זיך, אַז דער „פאָרשטאַנד״ מייער איז בסך־הכל אַ צירק־מייסטער, און איז אונטערוועגס. אָט דעם יידישן צירק־מייסטער מייער האָב איך דאָ, אויפן אַנדערנאַכער „קערמיש״ געטראָפן.

איך בין בייגעווען זיין „שפּעקטאַקל״. ער האָט דאָרטן אַ ספּעציעלן הינטישן נומער, וואָס איז זיין שלאַגער. אַ „לוסט־שפּיל״ אין דריי אַקטן, ווו עס נעמען אָנטייל 12 הינטלעך, 6 ברוינע און 6 ווייסינקע.

די ברוינע זענען פון אַ גרעסערער ראַסע — מאָפּסן, די ווייסע זענען פון דער קליינער קעצישער ראַסע.

די „ברוינע״ האָבן נעמען, אָנגעהאָנגענע אויף זייערע פאַרביקע „קאָסטיומען״ דריי ביבל־נעמען: „לאַבאַן״ (לבן הארמי), „פאַראָאָן״ (פּרעה מלך מצרים) און „האַמאַן״ (המן הרשע). די איבעריקע 3 זענען „אַדאָלף״, „הערמאַן״ און „פריץ״. די „ווייסע״ זענען אָן נעמען, נאָר דער עלטסטער איז אָנגעטון אין אַ ווייס בערדל...

אין ערשטן אַקט שפּילן די „ברוינע" צוזאַמען מיט די „ווייסע" — מען היט אַפילו נישט אָפּ די „ראַסענשאַנדע"... מען גריזשעט צוזאַמען די ביינער, וואָס דער מייסטער מייער וואַרפט זיי צו...

אין צווייטן אַקט ווערט קאַליע דער שלום — די „ברוינע" טיילן זיך אָפּ און עס הייבט זיך אָן אַ מלחמה; עס ווערן דערהרגעט 4 „ווייסע". עס בלייבט נאָר דער עלטסטער פון זיי מיטן „בערדל", און אַ קליין ווייסינקער פּיטשעמאַנטישעק כלבל.

אין דריטן אַקט באַקומען עפּעס די „ברוינע" בויכווייטיק. — און מייער שרייט: „אַך זאָ! זיך איבערגעפרעסן!" און אַלע נעמען איין אַ מיתה־משונה אין שוידערלעכע קאָנווולסיעס. דער פינאַל — דער קליינטשיקער כלבל, דער ווייסינקער, קריכט אַרויף אויפן „פּגר" פון גרעסטן כלב, אויף „אַדאָלפן", און בילט... דער אַלטער מיטן „בערדל" שמייכלט...

דאָס שפּיל רופט אַרויס געלעכטער און מייער איז צופרידן.

מיר זענען נאָכדעם געזעסן אין דער וויינשטובע „באַכוס", און ער האָט מיר דערציילט פון זיין צירק, פון זיין „יחוס" — דער 4טער דור צירק־מייסטער; וועגן זיין טאַטן, וואָס איז אומגעקומען אין גיהנום טערעזיענ־שטאָט. ער איז אויך דאָרטן געווען. וועגן זיין געמיינדע, פון וועלכער ער איז פאָרשטייער אין פאַרבאַנד פון די רהיין־פּאַלצישע געמיינדען־בונד.

און וואָס שייך זיין ספּעקטאַקל, זאָגט ער אויף זיין רהיינישן ידיש־דייטש:

— „יאַ, די רשעים די האַבען קרענקונג. דאַ איזט דאָך איהר מוח ניט פאַרקאַלכט, אָבער איך מוז ביי דיזע דען רוח הערויסבעקאָמען, און ווען יעמאַנד די ניכפּה באַקומט, זאָל דאַן, זאָל ער איין כפּרה זיין. און געפעלט עסווירקליך איהנען?... וואָס זאַגען זי צו דען רשע, דען המן, און דער „אַדאָלף"... איך וואָלט אים זיין שנורבאַרד מאַכען (וואָנצעס געמיינט)... דאַ האַט די פּאָליצייַ קיין גענעהמיגונג געגעבען... די ימח־שמוניקעס די האַלטען שטאַם... אַבער די מצרים־מכות ווערדען זיי ביי מיר בעקאָמען"...

***

צוויי „פאָרשטעלונגען" אין איין טאָג, אַ מיטלאַלטערלעכע מיסטעריע און אַ הייַנטצייטיקע שאַפּקע.

שטומע ווענט און שווייגנדיקע שטיגן פון 1000 יאָר צוריק און אַ „לוסטשפּיל" פון „ברוינע" כלבים... מיט ווייסע הינטעלעך...

אַלץ אין איין טאָג, אין דעם מיטלאַלטערלעכן אַנדערנאַך, אין דער געוועזענער קדושים־שטאָט אנדרנוכה...

אויף די שפּורן פון דעם „פּאַלאַץ" פון די קלונימוסן

בלייבט מיר נאָך אויפצוזוכן דעם פּאַלאַץ פון די קלונימוסן...

מיט די ווערטער האָב איך זיך געפּרוּווט געזעגענען מיט מיין באַגלייטער איבער מאַינץ־מאַגענצאַ, מיטן „פאַרשטאַנד" פון דער געמיינדע אין מאַינץ, וואָס ציילט אַ צוויי מנינים, מיט דעם ייִד איינשטיין, וואָס האָט אַ דייטשע פרוי און זיינע קינדער זענען חצי־ייִדן און חצי־דייטשן. ער, דער וואָס שטאַמט פון בורגלאַנד, פון דעם ייִדישן ווינקל אַרום אויגסבורג, איז אַהער מגולגל געוואָרן און היט אָפּ די ייִדישע ירושות פון גאַנץ פפאַלץ. אָט דער איינשטיין וואָס ווייסט יעדע קלייניקייט, וואָס די נאַציס האָבן אויפגעטון; וואָס האָט אַלע פּלענער פון די צוגערויבטע הייזער ביי ייִדן; ביי וועמען אין סעקרעטאַריאַט געפינט זיך אַ פּינקטלעכע עווידענץ פון יעדן ייִדישן קרבן בעת דער היטלער־תקופה; ער האָט אָבער נישט געוווּסט וועגן אַזאַ מין „פּאַלאַץ פון די קלונימוסן"...

ער האָט זיך אָן דעם שטאַרק אָנגעכאַפּט, אפשר וועט ער פאַר דעם דאָזיקן „פּאַלאַץ" אויך באַקומען אַנטשעדיקונג... ער וועט אים אפשר אויך אַריינשטעלן אין די תביעות צו באַקומען „ריקקערשטאַטונג". און ער ווייסט גאָרנישט וועגן דעם „פּאַלאַץ" און ער באַדויערט, אים דוכט, אַז דער טערמין פון אַריינטראָגן די תביעות איז שוין אַ פאַרשפּעטיקטער...

איינשטיין איז אַנטוישט געוואָרן הערנדיק, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ „גרונטשטיק" פון טויזנט יאָר צוריק.

— אַך, זאָ? דאַן בין איך נישט דערביי, דאָס זינד דאָך פאַרעלטערטע דינגע אונד וויר קאָנען אין דיזער זאַכע נישט איינגרייפן...

בין איך אַליין געגאַנגען זוכן דעם „פּאַלאַץ".

גרינג צו זאָגן זוכן און געפינען. אדרבא. אפשר וועט איר מיר קענען געבן אַן עצה ווי צו געפינען אַ „פּאַלאַץ", וואָס האָט עקזיסטירט מיט אַ טויזנט יאָר צוריק. טויזנט יאָר — וואָס האָט הונדערט מאָל געענדערט די טאָפּאָגראַפּיע פון דער שטאָט. די שטאָט, וואָס ליגט ביים סטראַטעגישן וואַסער־קנופּ פון מאַין און רהיין און ווו עס האָבן מלחמות אין יעדן דור געזייט חורבן און פאַרוויסטונג. און געפינען דאַרף מען אַ „פּאַלאַץ" וואָס האָט געהערט צו יידן, צו אַ שטאַם וואָס איז פון מאַינץ־מאַגענצא אין די דאָזיקע טויזנט יאָר אַ פּאָר צענדליק מאָל אַרויסגעיאָגט און אויסגעוואָרצלט געוואָרן.

מען וואָלט אפשר טאַקע נישט געוווּסט, אַז דאָ, אין דעם וויגעלע פון דעם דייטשן יידנטום אין מאַגענצא, וווהין עס זענען געקומען די ערשטע יידן, דער ערשטער קלונימוס פון איטאַליע, האָבן זיי געהאַט אַ פּאַלאַץ וואָס האָט געשמט אין פריערדיקע יאָרהונדערטער. אַ צופאַל האָט עס מיט אַ 50 יאָר צוריק אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך.

איך האָב געהאַט די מאַטעריאַלן פון דעם ווי אַזוי און וואָס מען האָט געגנוי אין מערץ 1904 געפונען ביים איבערבויען אַן אַלטע מויער און האָב זיך געלאָזן גיין זוכן אָט די שפּורן.

האָב איך אָבער די אַלטע נאָמענקלאַטור פון די גאַסן פון פאַר 50 יאָר. פרעג איך ווו עס געפינט זיך די „רייכקלאַרענשטראַסע", דאָרטן האָט עס געדאַרפט זיין. ווייס אָבער קיינער נישט פון אַזאַ גאַס. בלאָנדזשע איך איבער דער גאַס וואָס האָט געהייסן היינע־שטראַסע און נאָך דעם מאַלטקע־שטראַסע, און נאָכדעם גאָר געוואָרן אויגוסט־בעבעל־שטראַסע. דאָ ערגעץ האָט עס דאָך געדאַרפט זיין.

אַן אַלטער גאַסנקערער האָט מיך אויף די שפּורן אַרויפגעפירט. אפשר מיין איך די גאַס ביי דעם „רייכקלאַרן קלויסטער". אויב יאָ, האָב איך נישט וואָס צו זוכן. דער פּלאַץ עקזיסטירט שוין נישט. ער איז שוין אַ יאָר 40 אָפּגערוימט, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען שוין אַראָפּגעטראָגן די דאָרטיקע הייזער.

— איז אפשר גאַנץ געבליבן די פלאַשמאַרקטשטראַסע? דאָרטן ביים ראָג פון דער דאָזיקער גאַס האָט געדאַרפט זיין דאָס, וואָס איך זוך...

— וואָס אַזוינס זוכט דער גנעדיקער? ער קען מיר אַלץ זאָגן; ער גע־דענקט אַלץ וואָס דאָ איז געשען אין די לעצטע 60 יאָר; ער קען יעדן איינוווינער, ווייס זייער שטאַם און קאָן מיר געבן די גענויסטע אינפאָר־מאַציעס.

טאָ גיי זאָג דעם דאָזיקן גאַסנקערער מיט די הינדענבורג־וואָנצעס, אַז איך זוך אַ „פּאַלאַץ" פון פאַר טויזנט יאָר. אָבער וואָס האָב איך דען צו פאַרלירן? זאָג איך וואָס מיך דריקט: אַן אַלטע געביידע זוך איך, אַ גאָר אַלטע, אַ היסטאָרישע געביידע.

— דאַכטן זי פיליכט דאָס האָוז דעם קאַלאָנימוס? — גיט ער אַ פרעג.

— יאָ, דאָס מיין איך טאַקע! וואָס ווייס ער דערפון?

— אויב דאָס מיין איך, ווייס ער טאַקע. איצט איז ער טאַקע אַן אייג־פאַכער גאַסנקערער, אָבער אַמאָל, אין די גוטע יאָרן איז ער געווען אַ טוריסטן־פירער און ער ווייס דעם באַשייד וועגן אַלע אַלטערטימער פון דער שטאָט. יעדער אויספלוג פון אויסלענדער אין דער שיינער רהיין־ און מאַין־שטאָט פלעגט קומען אויף דעם אָרט, אויף דעם ראָג פון די גאַסן פון רייכקלאַרענקלויסטער און פלאַשנמאַרקשטראַסע, דאָרט ווו עס איז געווען די מיליטערישע בעקעריי, כדי אָנצוקוקן דעם וווּנדער פון פאַר טויזנט יאָר, דאָס הויז פון די ערשטע יידן, פון די פאָרנעמע און געאַכטעטע קלונימוסן. אָבער איצט? נישטאָ... אַלץ איז פאַרשוווּנדן.

— שאַדע, שאַדע, אָבער וואָס זאָל מאַן מאַכען? די לעבענדיגע זינד צוזאַמען מיט אירען דענקמעלער אין טרימערן...

דער דאָזיקער גאַסנקערער האָט מיר נאָכמיטאָג אויפגעזוכט אין דעם „קייזערהאָף" דאָרט, ווו איך האָב געהאַט מיין קוואַרטיר. אַ צעשטראַלטער איז ער געקומען. עס האָט אים דער פראַנצויזישער סאָלדאַט פון דער אָקופּאַציע־מאַכט וואָס האָט געהיט די געביידע נישט אַריינגעלאָזט. ער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט. ער מוז זען דעם יעניגען, וואָס האָט געזוכט „דאָס האָוז דעם קאַלאָנימאס". דער מיליטערישער פּאָסטן האָט נישט גע־ווּוסט וואָס ער וויל, ער האָט אָנגעפרעגט די קאָמענדאַנטור, דאָרט האָט מען אויך גאָרנישט געוווּסט. אַ צופאַל האָט ווידער געוואָלט, אַז איך בין אין דער זעלבער צייט אַרויסגעגאַנגען פון דעם „קייזער־האָף" און דער גאַסנקערער האָט מיך דערזען:

— יאָ, דיזען הער בראַוכע איך... אַ צעפלאַטערטער איז ער צו מיר צוגעלאָפן, האַלבע זאַצן אַרויסגעשריען: זי זינד דאָ, די זוילכען זינד דאָ... פיר זוילכען דעס קאלאנימוס הויז... קאָמען זי ביטע... אין לאַפּידאַריום דעס קלאָסטער... זי זינד דאָ.

אַרום אונדז איז געוואָרן אַ געזעמל. מיינע באַשיצער פון דער אָקו־פּאַציע־מאַכט האָבן שוין געוואָלט דעם בעל־דבר צונעמען אין חד־גדיא

אַריין. איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז דער דאָזיקער אַלטער טוריסטן־פֿירער האָט דערשנאַפּט עפּעס שיריים פֿון דאָס וואָס איך האָב געזוכט.

געדאַרפֿט האָב איך דעם נאָכמיטאָג פֿאָרן קיין אָפּענהיים. איך האָב שוין די נסיעה אָפּגעלייגט און אין אַ מיליטערישן דזשיפּ האָבן מיר זיך געלאָזן צום „אומבאַקאַנטן" אָנצוקוקן די שיריים פֿון פּאַר טויזנט יאָר צוריק.

צו דער חורבה פֿון אַ קלויסטער, אַ געוועזענער לאַגער־אָרט פֿון שטאָטישן מוזעאום, זענען מיר אָנגעקומען. אַ באַרג מיט שטיינברוך, אויס־געדרייטע אייזנס, שטיקער דעפּאָרמירטע בעטאָן־ברוך. אַריבערגעקראָכן דאָס אַלץ זענען מיר צוגעקומען צום „אַריינגאַנג", אַ געוועזענער טויער...

דורכגעקראָכן דעם „דורכגאַנג" און אַריינגעקומען אין אַ מפּולת, ווענט אָן דעכער. ווייטער אין „הויף". ווידער אַ דורכגאַנג און אַ „האָל" איבער וועלכן עס איז פֿאַראַן אַ געוועלב פֿון קראַקוועס, אויף וועלכע עס איז אַמאָל מן־הסתם געווען אַ בלעכערנער דאַך. איצט איז עס אָפֿן. פֿון דעם „האָל" זענען מיר אַריין אין לאַפּידאַריום.

וואָס אַלץ געפֿינט מען נישט דאָ — שטיינערנע קאַסטנס פֿון די צייטן פֿון די רוימער; אַ טרומנע פֿון דער קעלטישער תּקופֿה; אַ האַמער פֿון שטיין, וואָס איז אַלט קרוב 4000 יאָר (אדרבא, לייקנט עס אָפּ). און איינער אַזאַ, וואָס זעט אַליין אויס ווי אַ שטיק שטיין פֿון פּאַר טויזנטער יאָרן, גייט צווישן די דאָזיקע מערקווירדיקייטן און קאָן אַלץ אויף אויסנווייניק. איר רופֿט אויס דעם נומער פֿון עקספּאָנאַט און ווי אַ מזמור קומט די אויפֿקלערונג.

דער דאָזיקער משונהדיקער קוסטאָש, דער שומר און פֿלעגער פֿון די דאָזיקע „אוצרות" האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, דערהערנדיק וואָס איך זוך. ער האָט משמעות גאָרנישט געוווּסט אַז היטלער איז שוין אויס הער־שער. ער האָט זיך נאָך אַלץ באַגריסט מיט „הייל" און אויף יעדער פֿראַגע געענטפֿערט מיט אַ דרייגאָרנדיקן „יאַוואָל".

— ביי אונדז גיבט עס ניכט דיזע דרעקישע יודענדינגע! האָט ער האַרט־שטיינערדיק אָפּגעענטפֿערט. וויר בעוואָרען ניכט דיזעס יודענמיסט!

עס איז מיר אויסגעקומען משונהדיק אַזאַ ענטפֿער. עס שטייען דאָך ביי מיין זייט די פֿראַנצויזישע סאָלדאַטן מיט די רויטע מאַראָקאַנער פֿעלע־רינעס. ווי אַזוי רעדט ער עס אַזוינע חוצפּהדיקע דיבורים.

דער גאַסנקערער האָט משמעות פֿאַרשטאַנען מיין פֿאַרווונדערונג. און שטיל מיר איינגערוימט אין אויער: „דער מאַן איז בלינד", ער האָט ביי דער גרויסער באָמבאַרדירונג פֿון מאַינץ אין 1943 פֿאַרלאָרןביידע אויגן.

ער האָט אָבער אַ זעלטענע געדעכעניש און קאָן אַלע ברעקלעך פון לאַפּי־דאַריום אויף אויסנווייניק.

ביי דעם דאָזיקן קוסטאָש, דעם געשפּענסט פון יענער וועלט — האָבן מיר גאָרנישט אַרויסבאַקומען. צוהילף איז געקומען דער פאַרטרעטער פון דעם לייטער פון שטאַטישן אַרכיוו־ראַט, ד״ר ווילהעלם דיפענבאַך, ווילי העלסטער, וועלכער איז געווען אַזוי ליבנסווירדיק און מיר אַריינגעבראַכט אין דעם „פּאַלאַץ״ פון די קלונימוסן.

אַזוי לייכט איז עס אָבער נישט אָנגעקומען, ווייל אויך אים האָט דער בלינדער קוסטאָש נישט צוגעלאָזן.

אונדז איז אָבער געלונגען דעם דאָזיקן היטער פון „ראַסנריינקייט״ פון די פאַרצייטיקע שטיינער, איינצונעמען. אַ פּאַר אַמעריקאַנער ציגאַרעטן האָבן אים „איבערצייגט״ און אַז מען האָט אים אַרויסגעצויגן פון די מפולתן פון דעם לאַפּידאַריום, האָבן מיר געקענט באַוווּנדערן דעם איבערבלייב פון דעם אַמאָליקן פּראַכט.

די שטיינערנע זיילן פון פאַרשווּנדענעם פּאַלאַץ

מיין פירער האָט מיך גאַנץ פרי אָפּגעוואַרט. ער האָט עס געדאַרפט עפענען די סודות אין לאַפּידאַריום, אין דעם זאַמל־ און אָפּהיט־פּונקט פון די שטיינערנע איבערבלייבעכץ פון געוועזענע תקופות.

זענען מיר געזעסן ביי אַ האַלבע קאַפע אין דעם צוריק־אויפגעבויטן, מיט נאָך גרעסערן לוקסוס, וויינהויז „באַכוס״, וואָס איז באַרימט ביי די מאַין־ און רהיין־טוריסטן. מיר האָבן צוגעגרייט דעם „פּלאַן״ ווי אַזוי זיך אַריינכאַפּן אין דעם קדשי־קדשים וואָס ווערט געהיט פון אַ בלינדן נאַצי.

האָב איך אים אַ פרעג געטון, קען אויך דאָס מאָל אונדז דער דאָזיקער היטלערישער שומר נישט מאַכן קיין שטערונגען, צי איז ער, דער פאַר־טרעטער פון דעם לייטער פון שטאַטישן אַרכיוו זיכער, אַז ער וועט האָבן מער מזל ווי איך מיט די פראַנצויזישע באַגלייטערס.

ער האָט מיך באַרויקט — איך דאַרף זיך נישט קימערן, און אָט פּאַרוואָס: ראשית איז ד״ר דיפענבאַך, דער באַפעלסגעבער פון אַלע שטאָ־טישע אינסטיטוציעס פון אַלטערטום און פון דענקמאָל־שוץ און דער קוס־

טאַש הערט „באַפּעלן״; והשנית ווייס נאָר ער אַליין וועגן דעם „אוצר״ וואָס איך זוך, ווייל ער מיט נאָך צווייען האָבן עס בשעתו פאַרשטעקט, „פאַרמאַסקירט״ די קלונימוס־שיריים אין לאַפּידאַריום. געטון האָבן זיי עס כדי זיי צו פאַרהיטן פון נאַצישער צעשטערונג. פון די דריי איז איינער געווען פון דער ייִדישער געמיינדע־פאַרוואַלטונג און איז אומגעקומען אין געטאָ טערעזיענשטאַט; דער צווייטער איז געפאַלן אויפן רוסישן פראָנט, געווען מאָביליזירט אין „לאַנד־שטורעם״. געבליבן איז נאָר ער און ווייס ווו זיי זענען דאָס, וואָס מיר דאַרפן; און דריטנס האָט ער אַ וווּנדערבאַרן מיטל צום בלינדן קוסטאָש. בלינד איז ער טאַקע אָבער ער האָט אַ זעל־טענעם חוש הריח — ער דערשמעקט פונדערווייטנס אַן... אַמעריקאַנער סיגאַרעט, ער דערשפּירט פון אַ מרחק אַ „קאַמעל״ אָדער אַ „טשעסטער־פילד״ און פאַר אַזאַ מתנה איז ער גרייט צו פאַרקויפן דעם טאַטן מיט דער מאַמען און אַפילו דעם „פירער״...

— וואָס מיינט עס, אַז איר האָט עס „פאַרמאַסקירט״?

ער קלערט מיר אויף, אַז זוכן די איבערבלייבעכצן פון דעם „פּאַלאַץ״ פון די קלונימוסן (פון דעם ערשטן ייִד וואָס האָט מיט אַ יאָר טויזנט צו־ריק דער ערשטער געשטעלט זיינע פיס אויף אדמת אשכנז און פון וואַנען עס איז אויסגעוואַקסן דער גרויסער שטאַם פון ייִדישן וועלט־פאָלק), דאַרף מען נישט אויפן נאָמען קלונימוס — זיי פיגורירן מיטן נאָמען „הומבערט צום ווידדער״...

פאַרוואָס אַזאַ משונהדיקער נאָמען? קומט דאָ די געשיכטע, אייגנטלעך אַ פּרעלודיע צו אונדזער פּילגרימקע צום „קלונימוס־פּאַלאַץ״.

— געווען איז עס אין חודש מאַרץ, דעם 25טן טאָג, אין יאָר 1904. בוי־אַרבעטער זענען געווען באַשעפטיקט ביי רעמאָנט פון אַן אַלטן מויער אין אַ געביידע, ווו ס'איז דאַן געווען אַ מיליטערישע קאַזאַרמע. מיט יאָר־הונדערטער צוריק האָט די געביידע געהערט צום הייזער־קאָמפּלעקס פון דעם רייכקלאַרנקלויסטער. צוליבן דאָזיקן קלויסטער האָט טאַקע די גאַס געהייסן רייכקלאַרענשטראַסע. געאַרבעט האָבן די מויערער אויפן ראָג רייכקלאַרענשטראַסע און פלאַשענמאַרקשטראַסע און אַנטדעקט עפּעס אַן אַנטיק. אַ שטיק וואַנט האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ וווּנדער: עפּעס זעט זי אויס אויסטערליש מיט איר אַרכיטעקטאָניק. ווען זיי האָבן פון דער אַל־טער מויער אַראָפּגעריבן דעם טינק, אַראָפּגעשאַרט דעם אָנגעוואַקסענעם פון יאָרן אָנגעטראָגענעם שטויב און זאַמד האָבן זיי דערזען קאַרניזן, גאַר־נישט קיין געוויינלעכע שטיין־קאָנסטרוקציע וואָס איז באַצירט מיט פיינע

אָרנאַמענטן און זען זעט אויס די וואַנט ווי דאָ וואָלט געווען אַ פאַרמויערט פענצטער.

עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז ביי בויאַרבעטן אין פאַרשידענע אַלטע געביידעס פלעגט מען געפינען רעשטן פון פאַרצייטיקע אַלטערטימלעכ־קייטן, וואָס פלעגן נישט זעלטן פירן אַזש צו די רוימער־צייטן. איז געווען אַ פאַראָרדענונג פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אַז ביי אַזעלכע פאַלן זאָל מען די אַרבעט אָפּשטעלן און תיכף מודיע זיין דעם פאַריין פון „געשיכטע פון מאַינצער אַלטערטום״. ספּעציאַליסטן אַרכעאָלאָגן פלעגן קומען אויס־צופאָרשן די אַנטדעקונגען.

אויך אין דעם פאַל איז די אַרבעט אָפּגעשטעלט געוואָרן און די דאָ־זיקע וואַנט אויף דער קלויסטער־גאַס איז דאַן געוואָרן אַן אָביעקט פאַר אַן אַ שיעור דיסקוסיעס, השערות און אויספירונגען.

און אַזוי רעדנדיק לייגט ער טאַקע אַוועק אויפן טיש אַ פּאַק ליטע־ראַטור פון מיט העכער 45 יאָר צוריק און ווייזט מיר ווי גרויס אויפזעו דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגערופן:

אין דער דעמאָלטיקער „פראַנקפורטער צייטונג״ האָט, ראשית, געגו־מען אַ וואָרט דער פּראָפעסאָר, גייסטלעכער פרידריך שניידער, איינער פון די מומחים אין דער געשיכטע פון דער רוימישער בוי־אַרכיטעקטאָניק. נאָך אים האָט גענומען אַ וואָרט אַ צווייטער ספּעץ פון אַלטע בנינים לינ־דענשמידט; נאָך זיי האָט די דאָזיקע אָביעקטן גענומען אויפן אַנאַליז־טיש דער דייטשער קונסט־היסטאָריקער האָופּט אין זיין בוך „די עלטסטע קונסט, אינבעזאָנדערע באַוקונסט דער גערמאַנען״; איז געקומען אַ ווייטערדיקער פאָרשער פון סטילן אין אַרכיטעקטאַניק, אַ געוויסער באַדע, און די זאַך באַהאַנדלט אין אַ ווערק „די איטאַליענישע פּלאַסטיק״; נאָך אַנדערע צענד־ליקער האָבן גענומען דעם דאָזיקן געפינס פאַר אַן אָביעקט פון זייערע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען.

וואָס האָבן זיי געזוכט, וואָס האָבן זיי געוואָלט וויסן וועגן דער דאָ־זיקער וואַנט?

און ווילי העלסטער זעצט פאָר זיין לעקציע — עס איז געגאַנגען וועגן צוויי וויכטיקע דאַטעס: ווען איז די וואַנט אויפגעבויט געוואָרן און ווער האָט דאָרטן געוווינט.

און געקומען איז מען דערצו, אַז דער גאַנצער געבוי פון דער וואַנט (און געוועזן איז טאַקע אַ פאַרבויטע, אַ פאַרמויערטע פענצטער), איז אַזאַ

וואָס שטאַמט פון די יאָרן 900־1000 — אַלזאָ, אין דער צייט ווען די ערשטע ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין מאַינץ.

וואָס עפּעס צוטשעפּען די פענצטער, בכלל די געביידע צו די ייִדן? ווייל דאָן איז עס געווען דער ווײַן־קוואַרטאַל פון די ייִדן.

מיט אותות־ומופתים האָבן די פאָרשערס באַוויזן, אַז דער סטיל פון די אָרנאַמענטן זענען געבראַכטע פון איטאַליע, און אין שפּאַניע האָט מען געפונען אַזוינע אין אָוויעדאָ, אין נאַרקאָנאַ, לינאַ, וואל דע ריאָס, באַר־צעלאָנאַ.

היות די קלונימוסן זענען געקומען פון יענע געגנטן, פון לוקא אין איטאַליע, היות דער סטיל איז פון דער צייט ווען זיי זענען געקומען, היות געוווינט האָבן זיי טאַקע אין דעם אָרט איז געקומען דער אויספיר — דאָ האָב געוווינט די קלונימוסן.

נאָך אַ ראיה האָבן די אָרטיקע געאָלאָגיש־אַרכעאָלאָגישע ספּעצן גע־האַט. אויף איינעם פון די געפונענע זיילן איז פאַראַן אַן אויסגעשניצטער אין שטיין אָדלער. אין די אַלטע שטאָט־פּלענער געפינט מען טאַקע אַזאַ באַצייכענונג פאַר אַ הויז „צום אָדלער". דאָס לעצטע מאָל ווערט די דאָזיקע באַצייכענונג באַנוצט אין יאָר 1348.

אין דעם יאָרהונדערט זענען די קלונימוסן אַוועק פון מאַינץ, אין דער צייט פון די גזירות און שחיטות האָבן זיי זיך „אַרויסגעצויגן" (אַזוי אײדל שרייבן די דייטשע פאָרשער, פאַקטיש זענען זיי פאַריאָגט געוואָרן) און אויפן אָרט ווו די ייִדן האָבן געוווינט, ווו עס איז געווען דער זיץ פון די קלונימוסן האָבן די „הייליקע ברידערלעך" אויפגעבויט דעם רייכקלאַרען־קלויסטער...

דער צוזאַמענשטעל פון דאָקומענטן, די ענלעכקייט פון סטילן, די פּלורנעמען פון דער געגנט אין משך פון יאָרהונדערטער, די השערות וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע זייטן האָבן געבראַכט צו דער מסקנא — מיר האָבן פאַר זיך דעם געוועזענעם פּאַלאַץ פון די קלונימוסן.

פאַרוואָס „פּאַלאַץ"? — ווייל אַנדערש האָט מען עס נישט געקענט אָנ־רופן. אַזאַ פּרעכטיק פענצטער האָט זיך געקענט דערלויבן נאָר אַ משפחה וואָס האָט געשפּילט אַ ראָלע, אַזאַ פיינע אַרכיטעקטאָניק פון פּריוואַטע הייזער איז זעלטן.

— צו וואָס זאָלן מיר עס פון אויסנווייניק באַהאַנדלען, מיר וועלן עס באַלד זען.

געווען איז עס אַ גאַנג צווישן פאַרשוווּנדענע עולמות. ערגעץ ווו ווערט

געשילדערט ווי אַזוי אַ מלאך אָדער אַ רוח, פּירט אַ נשמה וואָס איז אין כף־הקלע און קאָן צו איר תיקון נישט קומען. ווערט זי, די דאָזיקע נשמה, געשלעפּט פון איין וועלט צו דער צווייטער, פלאָנטערט זיך אין די עולמות, דרייט זיך אין די גלגלים, שוועבט צווישן הימל און ערד און דער באַגלייטער שטויסט, שטופּט, יאָגט, ווייטער, ווייטער, אין „כף הקלע".

דער גאַנג איבער די מאַינצער גאַסן איז געווען אַזאַ מין „שפּאַציר". מיין פירער, וואָס ווייס אויסגעבונדן יעדעס שטיינדעלע, יעדעס ווינקעלע, איז געווען אין דער בחינה פון אַזאַ מלאך — (אָדער רוח) — באַגלייטער. אומעטום האָט ער אַן אַנדער „וועלט" באַוויזן. אַ געפּלאָנטער פון דורות און תקופות...

דאָ איז געווען דער הויכפּונקט פון דער שחיטה; אָט דאָ איז געווען די אַלטע סינאַגאָגע (ווען? — מיט 900 יאָר צוריק);

און דאָ האָבן זיך די ייִדן געשיצט און זיי זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן (ווען? — מיט אַ 1000 יאָר צוריק).

און דאָ איז געווען די ייִדישע „וואַכטע" (ווען? — מיט הונדערטער יאָרן צוריק)...

און דאָ איז געווען דער זאַמלפּונקט פאַר דער לעצטער אויסזידלונג פון 1942...

איך האָב שוין באַלד פאַרגעסן וואָס מיר זוכן; מיר איז געוואָרן נישט־גוט פון אַזויפיל דאַטן, פון אַזוי פיל ציפערן, פון אַזויפיל „ייִדישקייט" אין דעם דאָזיקן האַלב־חרובן מאַינץ.

— וויר זינד היער. און אָט דרייען מיר זיך ווידער צווישן חורבות, דורך איינגעוואָרפענע בנינים, צעניזוקטע פון באָמבעס. מיר זענען אין לאַפּידאַריום.

— גריס גאָט הער...

— צום באַפעל הער דאָקטאָר!

— פירען זי ביטע דען הער צו דען איבעררעסטע דעם הומבערט צום ווידדער...

— יאַוואָל, הער דאָקטאָר!

אָן אַ שטעקן, אָן וועלכע נישט איז הילף שפּאַנט ער פאָרויס. דער דאָזיקער בלינדער אַלץ־ווייסער, ער דרייט זיך אַריין צווישן די לאַבירינטן פון די הונדערטער שטיינער, צלמים, שטיינערנע בעקנס און קברים־קאַסטנס פון די רוימער.

— היער, הער דאָקטאָר, דאַ זינד זי, די 4 זוילכען דעס הומבערט צום ווידדער...

מיר זענען געשטאַנען ביי די שיריים פון דעם „פּאַלאַץ" פון די ערשטע ייִדן אין דייטשלאַנד...

4 זיילן, יעדער זייל מיט זיינע באַפּוצונגען — אויסגעהאַמערטע בלומען און בלעטער אין שטיין; פיגורן פון מענטשן און פון דראַקאָנען; וווּנדער פון קונסט־סטיל פון פאַר 1000 יאָר; און אויף איינעם אַ גרויסער אָדלער, אַ רוימער־אָדלער וואָס נאָר מקורבים למלכות האָבן געהאַט דאָס רעכט אין זייערע הייזער צו האָבן די דאָזיקע סימבאָלן.

דער בלינדער קוסטאַש האָט באַקומען זיין פעקל „קאַמעל". ער האָט זיך אין דרייען איינגעבויגן, געדאַנקט, נישט געוואַגט דעם ד"ר, זיין „בעהערדע" צו רייכן די האַנט, מיליטעריש אָפּגעסאַלוטירט און „אָפּמאַרשירט" און מיר זענען געבליבן אַליין ביי די זיילן.



די פיר זיילן פון דעם „קלונימוס־פּאַלאַץ" אין מאַינץ וואָס שטאַמען פון פאַר טויזנט יאָר צוריק.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר נאָר געמאַכט אַ שטיקל רעגרעסיע — פּאַרוואָס דער משונהדיקער נאָמען מיטן „הומבערט צום ווידדער״? — טאַקע כדי צו פּאַרדעקן דעם אמתן יחוס פון די דאָזיקע זײַלן האָט ד״ר דיפּענבאַך, אין לאַפּידאַריום־קאַטאַלאָג די דאָזיקע קלונימוס־זײַלן אָנגע־רופן מיטן נאָמען פון יענעם וואָס האָט אָפּגעירשנט נאָכן גירוש פון די מאַינצער ייִדן דעם דאָזיקן פּרעכטיקן פּאַלאַץ פון אַמאָל...

אַזוי שטייענדיק איז צו אונדז צוגעקומען אַ דריטער — מײַן נעכ־טיקער גאַסנקערער. ער האָט משמעות נישט געקענט רוען, ער האָט אָפּ־געוואַרט ביז איך וועל קומען, ביז איך וועל געפינען דאָס, וואָס איך זוך. און איך בין געווען אַן עדות פון איינע פון די זעלטנסטע בילדער וואָס מען קאָן זען נאָר אין עפּעס פאַנטאַסטישע פילמען...

— גריס גאָט, הער דאָקטאָר...

— גריס גאָט, האָט העלסטער געענטפערט כלאחר־יד, ער איז נאָך אַלץ מן־הסתם געווען אין 10טן יאָרהונדערט. אָבער פּלוצים כאַפּט ער זיך אויף — הער ווינצענץ? וואָס מאַכען זי היער? ווי קאָמען זי היער? יאַ, וואָס מאַכען זי מיין ליבער פרוינד? וואָ וואַרען זי אין...

— דער נאַכט דער לאַנגער מעסער?

צוויי מענטשן, דערוואַקסענע, בײדע אַריבער די 80ער, פאַלן איינע אויף די צווייטע. קושן זיך, און ביים גאַסנקערער קײַקלען זיך טרערן אויף די אײַנגעפאַלענע באַקן.

— מיין ליבער ווינצענץ... זי לעבען... און וואָס איז מיט דער מאַ־טילדאַ? די יונגען?...

עס איז שוין געבליבן קיין צייט נישט פאַרן 10טן יאָרהונדערט, נישט פאַר קלונימוסן. צוריק זענען מיר געזעסן אין „באַכוס״ — שוין זאַלבעדריט.

עס האָבן זיך געטראָפן פריינט וואָס האָבן פון יאָר 1933 זיך נישט געזען. ער, דער היינטיקער גאַסנקערער, איז דער געוועזענער בירגער־מייסטער פון מאַינץ, דער געוועזענער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אָפּגע־אָרדנטער״ צום רייכסטאַג, וואָס האָט דעם אַמט פאַרנומען אין לויף פון דער גאַנצער ווײַמאַרער רעפּובליק, דער חבר פון ליבקנעכטן און לאַובען. אין 1933 איז ער אַוועק אין דאַכאַו, אין בוכענוואַלד, אין די שטיינבריכן ביי די אַלפּן. ער האָט אויסגעהאַלטן און אַרויס אַ גאַנצער אין 1945.

ווער די מאַטילדע איז? זײַן פרוי. איינע פון די באַרימטע פּעדאַגאָ־גינס, וועלכע איז אין דער ציִשאָ־ליטעראַטור ציטירט געוואָרן, וואָס האָט

אויסגעבויט אַ גאַנצע סיסטעם פון דערציִונג הונדערטער קינדער־היימען אויף פרייער לופט. זי, מאַטילדע, איז אומגעקומען אין דעם לאַגער פון אַלגאַו, ווו מען האָט אָפּגעסמט 12 טויזנט פרויען, לערערינס, פּראָפעסאָריגס, מעדיציניִשע אַרבעטערינס...

די יונגען?... זיינע קינדער. זיי זענען געווען „מישלינגע", איינער איז געווען אין ישראל, אַוועק איז ער אין 1937 דורך קאָנשטאַנץ, אין דער שווייץ, פון דאָרט אין יאָר 1946 אין ישראל. דער צווייטער אומגעקומען אין בערגען־בעלזען...

— מיין ליבער ווינצענץ! וואָרום?... וואָרום?...

איך בין געווען אַ זייטיקער אין דעם שמועס, אַ צוהערער. און ביז היינט באַגלייט מיך ווינצענצס ענטפער, דער ווינצענץ, וואָס האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ געוועזענער „טוריסטן־פירער" און דעריבער קאָן ער די שטאָט אַזוי גוט. ער, ווינצענץ, האָט דעם דאָקטאָר געענטפערט אויף זיינע אומצייליקע שאלות זייער קורץ:

— מיין ליבער ווילהעלם, דאָס איז נישט מיין מאַינץ. עס איז נישט מאַינץ וואָס איך האָב געבויט. מיין מאַינץ וועט נאָך קומען. איצט דאַרף איך קערן די מאַינצער גאַסן, אויסקערן דעם שמוץ וואָס „די נאַכט פון לאַנגען מעסער" האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט...

— מיר האָבן זיך געזעגנט.

— וואָ וואָהנען זי? — האָט העלסטער געפרעגט זיין געוועזענעם פריינט, זיין געוועזענעם פּאַרטיי־חבר, וואָס באַהאַלט זיך אויס, וואָס איז אים צופעליק געקומען אין די אויגן.

— אין דער „הערבערגע פיר אָפּדאַכלאָזע". מיין בעט איסט נומער 114...

די דאָזיקע „הערבערגע" איז דער מקום־מקלט פאַר אַלע שלעפּערס, בעטלערס, פאַר היימלאָזע, דאַכלאָזע, נע־ונדניקעס, בראַדיאַגעס וכד׳.

— די „הערבערגע" איז געווען די קרוין פון ווינצענס אַרבעט, ווען ער איז געווען דער בירגערמייסטער פון מאַינץ — פון 1922 ביז 1933.

ביים געזעגענען זיך האָט מיר דער דאָקטאָר העלסטער באַדאַנקט וואָס ער האָט אַ דאַנק מיר אָפּגעפונען זיין פריינט.

— וואָס פאַר אַ פריינטשאַפט עס בינדט אים? יאָ, דאָס קען ער מיר שוין איצט אויך זאָגן. אויך ער, יווינצענץ, דער היינטיקער גאַסנקערער, דער געוועזענער בירגערמייסטער, דער היטלעריסטישער געפאַנגענער פון 1933 ביז 1945 איז אַן אָפּגליד פון דעם שטאַם פון די „קאַלונימוסן"...

די דריי וועלטנהייטן אין קריגסהאַבער

זיכער, אַז דער נאָמען קריגסהאַבער איז פרעמד נישט נאָר אונדזערע מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, מן־הסתם איז ער אויך שוין נישט באַקאַנט אַפילו די דייטשע ייִדן. פאַרזונקען געוואָרן איז אין פאַרגעסנקייט די דאָזיקע קהילה, וואָס האָט בשעתה געשפּילט אַ זייער אָנגעזעענע ראָל אין בייערן.

היינט איז קריגסהאַבער נאָר אַ פאָרשטאָט פון אויגסבורג, אָבער מיט יאָרהונדערטער צוריק איז דאָס געווען אַ באַזונדערע שטאָט מיט אַ בליִענדיקע ייִדישער עדה, וואָס האָט געשמט אין דער וועלט און האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג און פונאַנדערבלי פון בייערן.

אויף דעם דאָזיקן, היינט אויסגעמעקטן פונקט פון דער „ייִדישער לאַנדקאַרטע‟, ישוב האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט דער ד״ר פיל. לואי דירוואַנגער. דער דאָזיקער היינט 70 יעריקער זקן האָט פאַר זיין לעבנס־אויפגאַבע געמאַכט אויפצושטעלן אַ דענקמאָל פאַרן אַמאָליקן ייִדישן רום פון קריגסהאַבער. שוין 40 יאָר ווי ער זאַמלט ברעקלעך צו ברעקלעך, נישטערט אין אַרכיוון און האָט צוגעגרייט אַ ריזן־ווערק, וואָס ליגט עד־היום אין מאַנוסקריפּט.

(עס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל די געשיכטע ווי אַזוי די דאָזיקע אַרבעט האָט אויסגעמיטן די פאַרניכטונג בעת דער היטלעריסטישער מאָרד און חורבן־ממשלה).

אָנגעשטעקט פון דעם כישוף פון די ווונדערבאַרע שילדערונגען פון דאָזיקן כתב־יד האָב איך באַשלאָסן, אַז איך דאַרף מיט די אייגענע אויגן זען די דאָזיקע „פאַרשווונדענע לאַנדשאַפט‟.

עס איז גאָרנישט קיין שווערע נסיעה, עס איז ממש אַ שפּרונג פון

שטאָט־צענטער פון אויגסבורג. מען זעצט זיך אַריין אין טראַמוויי נומער 2 און אין אַ 20 מינוט איז מען שוין אין קריגסהאבער.

צווישן די „לעבעדיקע״ וועט מען נישט געפינען קיין זכר פון דעם יידישן אַמאָל, פון דער חכמה און עשירות, וואָס עס פלעגט פונדאַנען פאַר־שפרייט ווערן אין גאַנצן אַרום. מען וועט אמת ווייזן, ווו עס איז געווען די „יודען־גאַסע״, ווו עס איז געשטאַנען די סינאַגאָגע. אויב איר ווייסט פון דעם, וועט איר פרעגן ווו עס איז די „טאַוכע״, ווען מען עס אייך ווייזן. קיינער ווייס שוין היינט נישט וואָס מען מיינט מיט דעם דאָזיקן משונהדיקן וואָרט. מיינען מיינט עס די מקווה, אַזוי האָט מען עס מיט הונדערטער יאָרן צוריק גערופן און אַזוי איז עס געבליבן. (אַן אַלט־יידיש וואָרט, פון וועלכן עס שטאַמט דאָס אונטערטויכן, טוקערן).

פאַרלאָזט בכן די לעבעדיקע גאַסן, דאָ וועט איר דעם צויבער פון די פאַרגאַנגענע צייטן נישט געפינען. גייט אַרויס פון שטאָט, נעמט זיך פון דער הויפּט־גאַס לינקס, נאָכדעם אין אַ געסל רעכטס, ווידער לינקס און שניידט זיך צום פרייען פעלד. איר זאָלט אויסמיידן די הויכע זאַמד־וואַלן, וועלכע האָבן געדינט ווי שיס־גראָבנס פאַר די זעלנער פון די שכנותדיקע קאַזאַרמעס, און גיין צום פלאַכלאַנד, רעכט פון די וואַלן.

פון דער ווייטנס וועט איר באַמערקן אַ פירקאַנטיקן, מיט אַ הויכן שטיי־נערנעם פאַרקאַן, אַרומגעצוימטן פלאַץ, אינמיטן אַ צווייסטאָקיק הויז. איר וועט, פונקט ווי איך, מיינען, אַז דאָס איז אַ תפיסה־בנין. ניין, עס איז נישט קיין תפיסה, עס איז אַ מין רעזערוואַט פאַר פאַרגאַנגענע צייטן, אַ מו־זעאום פון פאַרשניטענע תקופות — עס איז דער באַרימטער, אַלטער יידי־שער בית־עולם פון קריגסהאבער.

**
*

איך האָב שוין אויסגעמאָסטן הונדערטער בית־החיימס; שוין פאַנאַנ־דערגעשפּירירט כל־המינים שווערע מצבה־אויפשריפטן; פאַרצייכנט די פאַרשידנסטע געשיכטעס און לעגענדעס; אָנגעקוקט זעלטענע קברים און „מחיה־מתים״ געווען פאַרגעסענע בית־עולם־אַנטיקן און דאָך מוז איך זאָגן קריגסהאבער איז אַן אויסנאַם! איך בין נישט מגזם, ווען איך וועל זאָגן, אַז דאָס איז אפשר דער איינציקער אין דער יידישער וועלט, דער איינצי־קער מיט זיינע זעלטנהייטן.

דער דאָזיקער בית־עולם, הגם ער איז שוין היינט צעשטערט, קאָן צושטעלן מאַטעריאַל פאַר זייער אַ וואָגיקע און אינטערעסאַנטע וויסנ־

שאַפּטלעכע אַרבעט. איך וויל זיך איצט דאָ נאָר אויף דריי מערקווירדי־קייטן אָפּשטעלן, מערקווירדיקייטן, וואָס יעדע איינע פון זיי פאַרייניקט טראַגיק מיט קוריאָז און זיינען אַ פּראָדוקט פון זייער צייט־געשיכטע.

1. דער מעשענער כיור

כמעט אויף יעדן ייִדישן בית־עולם פלעגט זיך אין מתים־שטיבל, אָדער ביים אַרויסגאַנג געפינען אַ כלי מיט וואַסער, כּדי די בית־עולם־באַזוכער זאָלן, ווי עס האָט פאַרלאַנגט דער מנהג, וואַשן די הענט. פאַר־שידענע מינים וואַש־מכשירים האָב איך שוין געזען, דער, פון קריגס־האַבער, איז אָבער אַן אוניקום.

זיין אויסזען, די פאָרם פון אַ ריזיקן גלאָק מיט 6 קראַנען פון אַלע זייטן, און די אויסגעשמידטע אָרנאַמענטן, מיט וועלכע דער כיור איז באַ־צירט, זאָגן שוין אויפן ערשטן קוק, אַז דאָס איז אַ קונסט־ווערק פון די



רעכטס: דער כיור פון יאָר 1735; לינקס: די הילצערנע מצבה פון יאָר 1805.

באַרימטע אויגסבורגער קופערשמידן. אויפן דאָזיקן כיור איז אויך פאַראַן אַן אויסגעהאַמערטער זאַץ:

„נגמרת בשנת תצ״ו"

דאָס הייסט, אַז ער איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר תצ״ו, אין 1735.

צוויי מאָל האָט מען דעם דאָזיקן כיור, וואָס איז אַלט 219 יאָר, געמוזט אויסבאַהאַלטן. דאָס ערשטע מאָל בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מען האָט אַלע קופערנע און מעשענע כלים קאָנפיסקירט און צום צווייטן מאָל, בעת דער נאַצי־ממשלה. אין 1914 זענען נאָך געווען ייִדן, וועלכע האָבן דעם כיור באַגראָבן, ווי אַזוי ער איז אָבער „אָפּגעראַטעוועט" געוואָרן בימי היטלער — איז אַ באַזונדערע געשיכטע.

2. אַ הילצערנע מצבה פאַר אַ קדוש

עס איז מן־הסתם די איינציקע מצבה ביי ייִדן פון דעם מין אויף דער וועלט. נישט נאָר דער פאַקט גופא און איר אויסזען, נאָר אויך דער אינהאַלט מאַכט פון איר אַ זעלטענעם עקספּאָנאַט. מיר לייענען אויף איר:

פ״ט (פּה טמון)
הקדוש ר׳ מרדכי בן מרדכי ז״ל מקאַסל
ביום ו׳ כ״ז מרחשון תקס״ו לפ״ק
ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳

עס ליגט דאָ אַ מאַרטירער פון יאָר 1805, לײדער האָב איך נישט געקענט אויסגעפינען די געשיכטע פון דאָזיקן קאַסעלער קדוש מרדכי בן מרדכי. משמעות, אַז ער האָט קיין קרובים און גואלים נישט געהאַט, ווייל מען האָט אים געשטעלט אַ הילצערנע מצבה, בשעת אַלע אַנדערע זענען דאָרטן שטיינערנע.

צוויי ניסים איז מיט דער דאָזיקער אויסטערלישער מצבה געשען: ראשית שטייט זי שוין אונטערן ווינט און רעגן קרוב 150 יאָר און מען קאָן איבערלייענען דעם טעקסט, ווייל זי איז אַרומגענומען מיט אַ גלעזערנע שייד. דאָס האָט טאַקע דער פריערדיקער דערמאָנטער ד״ר דירוואַנגער מיט 40 יאָר צוריק די דאָזיקע גלעזערנע שמירה געמאַכט.

והשנית, זי איז די איינציקע מצבה, וואָס שטייט גאַנץ. אַלע אַנדערע שטיינער זענען אומגעוואָרפן געוואָרן, טייל צעהאַקט אויף ברוכשטיקער, אָבער די פון האָלץ־אויסגעשניצטע איז געבליבן...

3. אַ נייער מצבה־נוסח...

עס איז שוין פאַראַן אַ רייכע ליטעראַטור וועגן מצבה־אויפשריפטן, וועגן זייערע נוסחאות. אין משך פון די לעצטע יאָרן זענען אויף די דייטשע בית־עלמינס צוגעקומען אַ נייער סאָרט מצבות, מיט נייע נוסחאות. עס זענען פאַרשווונדן געוואָרן די טיטולן ווי איש תם וישר... יושב אוהלים... פרנס ומנהיג... אאַ״וו אאַ״וו די נייע אויפשריפטן דערציילן וועגן די מיתות משונות, וואָס די מיליאָנען זענען אויסגעשטאָנען אויפן גיהנום־וועג צו זייער „מקום מנוחה״. אויך אויפן קריגסהאַבער בית־עולם האָב איך אַזעלכע געפינען. איינע פון זיי פאַרדינט אָבער צו ווערן אַן אויסנאַם, עס לוינט מיט איר אינהאַלט באַקענען, אגב איז זי געשריבן אין ייִדיש, אַ זעלטנהייט אין דאָזיקן פאַל. מיר לייענען:

פּ״נ

א ב ר ה ם צ י ע ש נ י ק

געבוירן 12. 10. 1912, אין פּרושענע, פּוילן. איז נאָך 5 מאָנאַטן באַפרייונג, נאָך 3 שווערע יאָרן קאָנצענטראַציע־לאַגער אומגליקלעך אומגעקומען אין אויגסבורג 13. 9. 1945. ערע זיין אָנדענק.

ד י ח ב ר י ם

נישטאָ קיין טאַטע, נישטאָ קיין מאַמע, קיין ברידער, קיין שוועסטער, קיין פריינט — פּשוט די חברים... דער וועכטער דערציילט מיר, אַז ער איז אומגעקומען ביי אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, גראַד דאַן, ווען ער האָט זיך געלאָזן צו דער גרענעץ, קיין ישראל.

ביים אַרויסגאַנג פון בית־עולם שטייט אַ נישט־פאַרענדיקטער דענקמאָל. עס האָבן אים אָנגעהויבן בויען די נאָר־וואָס אַרויסגעגאַנגענע פון די לאַגערן אסורים. זיי האָבן צונויפגעקליבן שטיקער פון די צעשמעטערטע מצבות און געוואָלט פון דעם מאַכן אַ זכר לחורבן. דער ריזיקער קוואַדראַט איז אויסגעפילט מיט שטיקלעך מנורות, צעהאַקטע מגן־דודס, האַלבע כּוהנים־פינגער, צעבראָכענע לווים־קריגעלעך, צעקאַליעטשעטע „פּה נטמנס״ און נישט פאַרענדיקטע „תנצבהס״.

— אַזוי דאַרף טאַקע אויסזען אַ חורבן־דענקמאָל נאָכן צעשמעטערטן, צעטראָטענעם און אין בלוט־אויסגעווייקטן נעכטן. ווער ווייס, אפשר האָבן עס טאַקע די איניציאַטאָרן פון 1945 בכוונה איבערגעלאָזן דעם דאָזיקן גל־עד, דעם באַרג פון ברוך ווי אַן עדות פון חיהשקייט און ברוטאַלקייט, אפשר האָבן זיי טאַקע געהאַט אַ געוויסן מיין מיט דעם, אפשר...

מיטלאַלטערלעכע געשפּענסט־דענקמעלער

דער גאַנג אונדזערער אין דער געשיכטע, אונדזער וועג צווישן די פעלקער איז געצייכנט מיט מײלן־שטײנער פון בלוט און פײער. נישטאָ קײן דור, אַז מיר זאָלן נישט, אומעטום אין אַלע אונדזערע תפוצות, פעט־מאַכן די ערד מיט אונדזער בלוט; ווי עס זאָגט זיך אין אונדזערע אַלטע ספרים — שבכל דור ודור עומ־דים עלינו לכלותינו — אין יעדן דור וויל מען אונדז פאַרלענדן. די וויטאַ־ליטעט אונדזערע איז אָבער שטענדיק גובר און עס וואַכט אויף אונדז די ברכה (אָדער קללה) בדמייך חיי, לעבט, לעבט, להכעיס דעם אָפּגעצאַפּטן בלוט.

און אין דאָזיקן געשיכטע־וואַנדער האָט יעדע מלכות הרשעה, אין יעדן אָרט, ווו רעאַקציע און פינצטערקייט האָט גענומען די אויבערהאַנט, אײנגעשטעלט אַן אײגענעם נוסח פון דער ווילדער זאָאָלאָגישער ייִדן־שנאה.

שפּאַניע איז אין אונדזער מאַרטירער־געשיכטע אַריין ווי דאָס קלאַ־סישע לאַנד פון אינקוויזיציִע — פון אויטאָ־דע־פע.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז פאַרשריבן ווי דאָס קלאַסישע לאַנד פון פּאָגראָמען.

און ווען מען דאַרף אַ נאָמען פאַר דעם דײטשן נוסח פון ייִדן־אויס־ראָטונג וואָלט מען צו די אויבנדערמאָנטע נאָך געדאַרפט צוגעבן, אַז דאָס איז דאָס קלאַסישע לאַנד פון ווילדע אַנטי־ייִדישע בילבולים.

די לאַנגע קייט פון ייִדישע עינויים, גירושים, שריפות און פאַרוויס־טונגען אין דײטשלאַנד און אין די שכנותדיקע מקומות, וווהין זייער השפּעה האָט דערגרייכט, איז טאַקע אַ רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן בילבולים־נוסח.

דאָ אין דייטשלאַנד, איז אויפגעקומען דער עלילת־דם־בילבול, אַז ייִדן מאָרדן קריסטלעכע קינדער, כדי נוצן זייער בלוט אויף מצות. דער דאָזיקער בילבול וואָס חזרט זיך איבער שוין קרוב 800 יאָר ביז אונדזערע היינטיקע טעג, האָט אָנגעמאַכט נישט איין חורבן ביי ייִדן און געבראַכט צו פאַרניכטונג פון צענדליקער טויזנטער. די ערשטע און עלטסטע עלילת דם בילבולים זענען טאַקע פאָרגעקומען אין די דייטשע שטעט: לאודא (אין 1235), אין פולדא (אין יאָר 1236) און אין מינכען (אין יאָר 1285). ערשט פונדאַנען איז די דאָזיקע אומזיניקייט עקספּאָרטירט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט.

דאָ, אין דייטשלאַנד, איז אין 14טן יאָרהונדערט געבוירן געוואָרן דער ווילדער בילבול פון דער „שוואַרצער מגפה”, די אויסטראַכטעניש, אַז ייִדן פאַרסמען די ברונעמער און די וואַסער־קוואַלן און זענען שולדיק אין די דעמאָלטיקע עפּידעמיעס. די דאָזיקע פליסטער־פּראָפּאַגאַנדע האָט דער־פירט צו די שחיטות און צום חורבן פון בערך 300 קהילות אין דייטשלאַנד.

און לסוף נאָך איין קלאַסיש־דייטשער בילבול, פאַר וועלכן זיי האָבן אויך פאַרדינט דעם פּאַטענט. דאָ איז אויפגעקומען די ווילדע באַשולדיקונג, אַז ייִדן גנבענען אַרויס (אָדער קויפן אונטער אַז יענער זאָל עס טון) די קריסטלעכע הייליקטימער פון די קירכעס (די האָסטיעס) און שענדן זיי. די דאָזיקע בילבול־סעריע איז אין דער געשיכטע באַקאַנט אונטערן נאָמען „האָסטיע־שענדונגען”. אויך דער דאָזיקער בילבול האָט אין 14טן און 15טן יאָרהונדערט חרוב געמאַכט צענדליקער איינגעזעסענע ייִדישע קהילות אין דייטשלאַנד. אַ כוואַליע פון עקסצעסן, רויבערייען, פאַרברענטע סינאַגאָגעס, עפּנטלעכע פאַרברענונגען פון ייִדן האָבן גורם געווען די דאָזיקע בילבולים. הריגות, גירושים און שמד איז געווען דער רעזולטאַט.

נישט די געשיכטע און אַפילו נישט קיין פּרטים פון די דאָזיקע ביל־בולים האָב איך בדעה דאָ צו דערציילן. יעדער, וואָס קען נאָר אַ קליין ביסל ייִדישע געשיכטע ווייסט עס. און וועמען דאָס אינטערעסירט פּרטימדיק, וועט עס געפינען אין יעדן ייִדישן געשיכטע־בוך.

אויב איך שטעל זיך איצט אָפּ אויף דעם, איז צוליבן שרייענדיקן פאַקט, וואָס עד־היום זענען נאָך לעבעדיק די געשפּענסטער־דענקמעלער פון די דאָזיקע ווילדע בילבולים און ווירקן פּערמאַנענט אויף די הונדער־טער טויזנטער, וועלכע זעען זיי און ווערן כסדר דורכגענומען מיט דער עקזאַלטירנדיקער אַגיטאַציע פון די דאָזיקע בילבול־דענקמעלער, וועלכע זענען דורך דער קירכע קאַנאָניזירט געוואָרן.

עס האַנדלט זיך וועגן דעם וואָס איך האָב געזען אין די גאָר אַלטע, געוועזענע ייִדישע ישובים דעגענדאָרף און פּאַסאַו, וועלכע זענען טאַקע מיט פיל יאָרהונדערטער צוריק, צוליב דער „האָסטיע־שענדונג" פאַרשניטן געוואָרן.

1337 אין דעגענדאָרף

דעם 30טן סעפּטעמבער 1337 איז אין דאָזיקן אַלטן ייִדישן ישוב ביים דאָנאַו אַרויס אַ קלאַנג, אַז פון דער קירכע איז אַרויסגעגנבעט געוואָרן די „האָסטיע" און איז פאַרקויפט געוואָרן צו די ייִדן. די ייִדן האָבן דער דאָזיקער הייליקייט געשענדעט, „געפּייניקט ביז בלוט", אין ברונעם אַריינ־געוואָרפן און ערשט דערנאָך אין אַ באַקאויוון פאַרברענט. הכלל, אַלע מיתות־משונות האָט מען דער דאָזיקער „הייליקייט" אָנגעטון.

און אין סך־הכל פון דאָזיקן אָנגעפּלוידערטן אומזין זענען אַלע ייִדן אויסגעשאָכטן געוואָרן, טייל זענען עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן, זייער פאַרמעגן איז אויסגערויבט געוואָרן, „די גלויביקע" האָבן זיך באַזעצט אין די ייִדישע וווינונגען און די ייִדישע סינאַגאָגע איז איבערגעמאַכט געוואָרן אין אַ קירכע, אין דער „גראַבען־קירכע".

אַ רייכע קלויסטער־כראָניק־ליטעראַטור איז שוין וועגן פּאַל דעגענ־דאָרף פאַראַן. צענדליקער פּאָפּולערע בראָשורן מיט אָן אַ שיעור בילדער שילדערן ווי אַזוי עס האָבן די ייִדן „געפּייניקט" די „האָסטיע". די דאָזיקע פרומע העץ־בראָשורן ווערן אומעטום פאַרקויפט, ווערן צעפּירט אין שטעטלעך און דערפער, „גלויביקע" קוויקן זיך מיט דער נקמה איבער די שענדער פון זייערע הייליקייטן.

טוען עס פּריוואַטע פאַרלעגער, געשעפטסלייט, פאַרשידענע פּרנסה־זוכער — איז עס נאָך צו באַנעמען, אָבער עד היום פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אין דער דאָזיקער מוחות־פאַרגיפטונג טאַקע די גראַבען־קירכע, וועלכע איז פריִער געווען אַ ייִדישער מקום־קדוש.

אויף דעם סאַמע אָנגעזעענעם אָרט, אַרום דעם אַלטאַר, געפינען זיך 14 גרויסע איילבילדער, וועלכע שילדערן מיט אַלע פּיטשעווקעס ווי אַזוי די „הייליקייט" איז דורך די ייִדן איינגעקויפט געוואָרן ביי אַ דייטש (דער גנב איז געווען אַ דייטש); ווי אַזוי זיי האָבן איר „געפּייניקט"; ווי דאָס בלוט שפּריצט; ווי מען וואַרפט עס אין ברונעם און לסוף דער פינצטערער סוף פון די „פּייניקער" — די ייִדן, ווי אַזוי זיי ווערן עפנטלעך פאַרברענט.

כדי דער עולם זאָל בעסער פאַרשטיין די בילדער, געפינען זיך אומעטום די געהעריקע אויפשריפטן.

אין אַ צווייטן אָרט, ביים אַריינגאַנג אין דער קירכע, געפינען זיך ווייטערדיקע צוויי איילבילדער (פון אַן אַנדערן „קינסטלער") וועגן זעלביקן ענין און חוץ לזה איז דאָרט פאַראַן אַ מערקווירדיקער עקספּאָנאַט: אין אַ ריזיקן אייזערנעם פאַרקראַטעוועטן קאַסטן ווערט געוויזן די רעליקוויע, דאָס געשענדעטע הייליקייט, צוויי מענער, יידן פאַרשטייט זיך, האַלטן זי מיט גרויסע אייזערנע צוואַנגען און פאַרברענען זי. ווידער ווערט צוגעגעבן, אַז דער שטיין וואָס ליגט אין דאָזיקן קאַסטן איז עס דער זעלבער פון פאַר 600 יאָר פון דעם יידישן באַקאויוון, אין וועלכן די יידן האָבן די דאָזיקע „הייליקייט" נאָך דעם פאַרפייניקן פאַרברענט.

דאָס ווערט געוויזן היינט, אין 20טן יאָרהונדערט, אין יאָרהונדערט פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע און אַטאָם־ענערגיע.

טויזנטער גלויביקע זענען וואָך־וועכנטלעך עולה־רגל צו דער „גראַבען־קירכע", דעגענדאָרף איז אַן אַלטע שטאָט און פאַרמאָגט זייער פיל מיטלאַלטערלעכע זעענסמערקווירדיקייטן, קומען אַהין אָן אַ שיעור אויספלוגן. ווייסן שוין די אויספלוג־פירער די גאַנצע מעשה אויף אויסנווייניק און גיבן די געהעריקע אויפקלערונגען. אויך איך האָב אויסגעהערט די דאָזיקע מעגאַלאָמאַניע. ווען איך האָב דעם אויספלוג־פירער דערקלערט, אַז איך בין אַ „יודע" איז ער כמעט געפאַלן אין חלשות, אפשר האָט ער מורא געקריגן אַז ער זאָל נישט אַמאָל אַזאַ סוף האָבן ווי די „הייליקייט".

די מוחות פון די פילגרימען ווערן באַווירקט און זיי טראָגן אַוועק אין זייערע פּאַראַפיעס, די שילער אין זייערע שול־בענק און היימען די קאַנאַניזירטע יידן־שנאה.

1478 אין פּאַסאַו

מיט העכער הונדערט יאָר שפּעטער ווי אין דעגענדאָרף (דעם 14טן מערץ 1478) איז דער בילבול וועגן „האָסטיע־שענדונג" מגולגל געוואָרן קיין פּאַסאַו, ווו עס איז שוין ביז דאַן געוועזן אין משך פון 500 יאָר אַן איינגעפונדעוועטער יידישער ישוב.

דער דאָזיקער ישוב האָט שוין ביז דאַן (1478) געהאַט אויסצושטיין געהאַקטע צרות: אין יאָר 1210 צערויבט, אין די יאָרן פון דער „שוואַרצער מגפה" — פאַרטריבן. שטענדיק אָבער פלעגט די קהילה צוריק אויפשטיין צום לעבן.

אויך דאָ, אין פּאַסאַו, האָט זיך אין יאָר 1478 איבערגעחזרט די זעלבע אומזיניקע באַשולדיקונג ווי אין דעגגענדאָרף און די רעזולטאַטן זענען אויך געווען די זעלבע: חורבן, רויב, פאַרוויסטונג.

אין די פאַרשידענע כראָניקעס זענען פאַרנאָטירט מיט די קלענסטע פּרטים, ווי אַזוי די „האָסטיע" איז געגנבעט געוואָרן, ווי אַזוי מ׳האָט איר געשטאָכן, ווי אַזוי „דאָס בלוט האָט געשפּריצט" און נאָך דעם ווי אַזוי מען האָט איר אַריינגעוואָרפן אין אויוון פונעם ייִד וואַלאַך, ווי אַזוי ס׳זענען דאַן אַרויסגעפלויגן פון ברענענדיקן אויוון צוויי טויבן און צוויי מלאכים.

אין די זעלבע פאַרצייכענונגען זענען אויך פאַרייביקט געוואָרן די צרות פון די ייִדן: ווי מען האָט זיי תחילת פאַרטריבן אין די קעלערן פון דער פעסטונג אויפן פעלזיקן באַרג ביים דאַנאַו־ברעג (איין טייל פון דער פעסטונג הייסט טאַקע עד־היום דער „יודען־קעלער"), פון דאָרטן, האָט מען זיי גענומען צו דער פייניקונג, אין רעזולטאַט פון וועלכער טייל האָבן זיך „מודה געווען". די כראָניק דערציילט, אַז עס האָבן זיך נישט מודה געווען און געבליבן פאַרעקשנט דער רבי רבי מאיר, זיין זון און אַנדערע 4 ייִדן. זיי זענען טאַקע עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן. 40 ייִדן מיט זייערע משפחות האָבן זיך אָפּגעשמדט.

פון די זעלבע מקורים דערוויסן מיר זיך, אַז דער צאָרן פון די „גלויביקע" איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אין זייערע רעליגיעזן עקסטאַז צעשטערט די סינאַגאָגע און אויף איר אָרט אויפגעבויט די סאַלוואַדאָר־קירכע.

איך בין טאַקע בעת מיין באַזוך אין דער דאָזיקער קירכע געווען. זי איז היינט חרוב. אין אירע ווענט זענען טאַקע איינגעמויערט אָנדענק־טאָוולען, וועלכע דערציילן וועגן דעם ווי אַזוי זי איז אויף דער חורבה פון ייִדישן געבעט־הויז אויפגעבויט געוואָרן.

און פּונקט ווי אין דעגגענדאָרף זענען אויך אין פּאַסאַו די דאָזיקע געשעענישן פאַראייביקט געוואָרן מיט אַ רייע רעליקוויעס וועלכע געפינען זיך אין דער קירכע פון הייליקן באַרטאָלאָמעאוס. אויך דאָ זענען פאַראַן זעקס איילבילדער, וועלכע שטעלן פאָר די מעשה־נורא, וואָס די ייִדן האָבן אָפּגעטון מיט דער „הייליקער האָסטיע". עס איז אַפילו פאַראַן דער שטיין און דער... מעסער, מיט וועלכן די ייִדן האָבן די הייליקייט „אָפּגע־שאָכטן". אונטער גלאָז האַלט מען די דאָזיקע עקספּאָנאַטן און „גלויביקע" באַטראַכטן עס מיט אַ ציטער...

שוין 500 יאָר ווי עס ציִען זיך צו דער באַרטאָלאָמעאוס־קירכע צענד־

ליקער טויזנטער עולי־רגלניקעס, פאַר וועלכע מען חזרט איבער מאָל־איין מאָל־אויס די געשיכטע פון יידישער „פאַרשוועכונג". עס ווערן פאַרטיילט בלעטלעך, אויף וועלכע די זעקס איילבילדער זענען רעפּראָדוצירט. פאַר־שטייט זיך, אַז די געהעריקע אויפשריפטן פעלן אויך נישט. עס האָט אַפילו אַ קריסטלעכער דיכטער געשאַפן אַ סצעניש ווערק וועגן דער „שענדונג", דאָס שטיק איז בשעתו מיט גרויס דערפאָלג געשטעלט געוואָרן אין נירנ־בערג ווי אויך אין פאַרשידענע שטעטלעך און דערפער.

אויך אונדזערע טרויער־עלעגיעס, די קינות, פאַרנעמען זי מיט די חורבנות, וואָס די דאָזיקע בילבולים האָבן ביי אונדז אָנגעמאַכט. באַזונדער באַרימט איז געוואָרן די קינה פון פּייטן עקיבא בן הרב אליעזר, וועלכע הייסט „עם קדושיך נפלו".

צווישן די גזירות, גירושים און השמדות אין ברעסלאַו, טריענט, ענ־דינגען, פּפאָרצהיים, ווערען דער משורר באַקלאָגט, ווידמעט ער אויך די ווייטערדיקע סטראָפעס פאַר פּאַסאַו:

...ואקונן על גלותא הכבד ומשא
אחינו קהילת פאסאו בצאתי מירושלים
שרפום באש ולהבה —
— הפוך לנו לטובה כבצאתי ממצרים

(פאַרעפנטלעכט אין „עמודי עבודה" פון רבי אליעזר לאַנדסהוט און נאָך דעם איבערגעדרוקט אין דער היסטאָרישער אַרבעט „ספר הדמעות" פון שמעון בערענפעלד).

אין מיין געשפּרעך מיטן רעקטאָר פון דער קאַטוילישער טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישער הויך־שולע אין פּאַסאַו, פּראָפעסאָר יאָזעף אָסוואַלד, האָב איך צווישן אַנדערע, אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די אויבנדערמאָנטע פאַקטן. דער דאָזיקער הויך־געלערנטער קאַטוילישער פּראָפעסאָר האָט אונ־טערגעשטראָכן אַז אויך לויט די קאַטוילישע דאָגמעס איז די גאַנצע מעשה מיט די „האָסטיעס־שענדונגען" נישט אין אָרדענונג, ווייל זיי גיבן צו די דאָזיקע הייליקייטן, וועלכע זענען מעטאַפיזיש־גייסטיקע באַגריפן גאָר אַ פיזישן געשטאַלט. עס קאָן פון רוחניות נישט אַרויסשפּריצן קיין בלוט, מען קאָן קיין גייסט נישט „פייניקן" וכדומה; אַז דאָס אַלץ שמעקט מיט אַבערגלויבן, כישופמאַכעריי און אַז״וו. עס שטימט טאַקע נישט מיט דעם גאַנצן קריסטלעכן דרך, אָבער... וואָס קאָן מען מאַכן, זאָגט דער דאָזיקער טעאָ־לאָג, מיט דעם המון, מיטן פּשוטן פאָלק, וועלכער וויל אַלץ פאַרשטיין נישט מעטאַפיזיש נאָר פּלאַסטיש...?

די „בלוטסקאַפּעללע“ אין לאַודאַ

לאַודאַ פאַרנעמט אַ גאָר באַזונדער אָרט אין אונדזער פּיין־געשיכטע אויף דער דייטשער ערד. די „בלוטס־קאַפּעללע“, וואָס איז דער אָביעקט פון דער איצ־טיקער דערציילונג, געהערט טאַקע צו די גע־שפּענסט־דענקמעלער, וואָס וועגן זיי איז דערציילט געוואָרן אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל. מען דאַרף אָבער די געשיכטע לאַודאַ אויסטיילן צוליב די ווייטערדיקע טעמים:

— סיי צוליב דעם, וואָס כראָנאָלאָגיש איז עס פון די ערשטע פּונקטן, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ווילדער בלוט־בילבול;

— סיי צוליבן פאַרנעם פון דער שחיטה און אירע קדושים;

— סיי צוליב די קולטור־היסטאָרישע דאָקומענטן, וואָס זענען וועגן לאַודאַ געבליבן אין אונדזער ליטעראַטור;

— סיי צוליבן געשפּענסט פון דער „בלוטסקאַפּעללע“‟, וואָס שרעקט, גרוילט און העצט ביז צו אונדזערע היינטיקע טעג.

עס איז מיר זייער אָפט אויסגעקומען פאַרבייצופאָרן דאָס שטעטל לאַודאַ, וואָס ליגט אין מיטלפּונקט פון דעם מאָלערישן טאַובערטאַל. פאָרט מען קיין ראָטענבורג, קיין ווערטהיים, קיין מערגנטהיים, קרעגלינגען אָדערווירצבורג מוז מען פאַרבייפאָרן לאַודאַ. אָבער מען האָט מיר געוואָרנט, אַז אַליין וועל איך דאָ גאָרנישט אויפטון. אין דעם דאָזיקן שטאַרק קאַטויליש־פרומען ווײַנשטעטל, בפרט, אַז איך וועל זיך אָנהייבן נאָכפרעגן אויף דער „בלוטסקאַפּעללע“.

אונטערגעקומען איז מיר די געלעגנהייטן, וואָס עס האָט מיך מיט־גענומען אין זיין אויטאָ דער פירשט פאָן לעווענשטיין פון ווערטהיים. אין דער באַגלייטונג פון זיין „גנעדיקייט“ און „דורכלויכט“ בין איך אַריינגע־

פאַרן אין לאַודאַ און עס האָבן זיך פאַר אונדז געעפנט אַלע פאַרשלאָסענע און פאַרריגלטע ווינקעלעך. צווישן זיי טאַקע די אָרטיקע רעליקוויע — די קירכע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די בלוטסקאַפּעללע", מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן איינע פון די בלוטיקסטע גזירות אויף דער דייטשער ערד.

לאַודאַ האָט איר יחוס; אירע „העלדנגעשיכטעס"; רימט זיך מיט דער מאַלערישער אומגעבונג; מיט די שיינע וויין־פּלאַנטאַציעס; מיט די אָריגי־נעלע בנינים, וואָס זענען באַפּוצט מיט „אויפשריפטן", וואָס דערציילן גאַנצע עפּאָפּייעס.

מען האָט אונדז געפירט אומעטום, געוויזן אַלע מערקווירדיקייטן און פאַרבייוועגס דורכגעפירט פאַרביי דעם „יודענברוננען" — דעם יידישן ברונעם. דער פירער האָט דאָס וואָרט „יודענברוננען" אַרויסגערעדט אַזוי פאַרבייוועגס, עס דערמאָנט און ווייטער געגאַנגען. אָנגעהויבן דערציילן, אַז אָט דאָ, אויף דער באַכגאַסע אין דעם אַלטן שפּיטאָל איז עס געבאָרן גע־וואָרן דער ווירצבורגער בישאָף יאָהאַן בערנהאַרד מאַיער.

זיין „דורכלויכט", פּרינץ פאָן לעוועגשטיין האָט דעם פירער, דעם לערער שרעק, אַ פרעג געטון, ווי אַזוי קומט עס אַהער, אין דעם קאַטוי־לישן לאַודאַ, אַזאַ נאָמען, פאַרוואָס הייסט דער דאָזיקער פּאָמפּע־ברונעם מיט אַזאַ באַצייכענונג.

דאָ איז געקומען אַזאַ מין אויפקלערונג:

ווייל אַהער האָט זיך אַריינגעוואָרפן יענער ייד וואָס האָט מיט אַ מעסער דערשטאָכן די הייליקע „האָסטיע" און איז דאָ דערטרונקען גע־וואָרן... גענויער וועגן דער געשיכטע, זאָגט ער, דערציילט די טאָפל אין דער „בלוטסקאַפּעללע". פון דאַן אָן, ציט ער ווייטער, איז דער ברונעם אַ פאַרסמטער און מען מיידט אויס צו נעמען פון דאַנען וואַסער צום טרינקען. געוועזן איז ער אַמאָל אַן אָפענער ציברונעם; אויף צוויי שטיינערנע זיילן איז געלעגן אַ קווערבאַלקן צו וועלכן עס איז געוועזן צוגעפעסטיקט אַ קייט מיט אַ הילצערנעם עמער. גאָר לעצטנס, שוין פאַר זיינע צייטן, איז געוועזן אַ גאָר טרוקענער זומער און עס האָט אויסגעפּעלט וואַסער; עס איז אַפילו אויסגעטריקנט געוואָרן דער אָבערלענדער טייך וואָס פליסט אין דער שטאָט און מ'האָט גענוצט וואַסער פון דעם יידישן ברונעם. איז דאַן אויס־געבראָכן אַ שרעקלעכע טיפוס־עפּידעמיע און גראָד צווישן די יעניקע וואָס האָבן גענומען וואַסער אין דאָזיקן ברונעם. דאַן האָט מען די פּאָמפּע פאַר־בונדן מיט אַ קייט און שלאָס און עס איז פאַרווערט געוואָרן דאָס נוצן די וואַסער. אמת, גיט ער צו, אַז אַ סאַניטאַר־קאָמיסיע האָט בייב אויספאָרשן

דעם ברונעם פּעסטגעשטעלט, אַז אין אים ריננט אַריין די אומריייניקייט פון אַ שכנותדיקן גרויסן בהמות־שטאַל.

דער „יודענברונגען" — דאָס אָרט וווּהין עס האָט זיך אַריינגעוואָרפן דער ייִד וואָס האָט געשטאָכן דער „האָסטיע", האָט אונדז גלייך געפירט צו דער „בלוטסקאַפּעללע". צוזאַמען מיט זיין „דורכלויכט" האָבן מיר איבער־געטראָטן די שוועל פון דער קירכע, וואָס איז פאַר אונדז מיט גרויס הכנעה געעפנט געוואָרן דורכן גלאָקנקלינגער, באַגלייט פון אָרטיקן קאַטוילישן גלח.

איידער מיר קומען צו דער „קאַפּעללע" און איר טאַפל, דאַרף מען קורץ איבערגעבן וואָס עס דערציילן וועגן מעשה לאַודאַ אונדזערע כראָני־קעס, אונדזערע בלוט־פּנקסים. און דאָרט איז אָט־וואָס פאַראַן צו לייענען:

...אין די טעג פון 1טן און 2טן יאַנואַר 1235 זענען די ייִדן פון לאַודאַ און בישאָפסהיים אומגעקומען אין גרויסע פּיינען. מען האָט דאַן אויפן וועג צווישן לאַודאַ און בישאָפסהיים געפונען אַ דערמאָרדעט קריסטלעך ייִנגל.

די דאָרטיקע ייִדן זענען באַשולדיקט געוואָרן, אַז דאָס זענען זיי די מערדער און געטון האָבן זיי עס צוליב ריטועלע צילן. מען האָט די ייִדן געפּייניקט און אומגעבראַכט.

אין דעם באַקאַנטן נירענבערגער מעמאָר־בוך, דעם יזכור־פּנקס נאָך די מאַרטירער וואָס זענען בעת פאַרשידענע גזירות אומגעקומען על־קידוש־השם, איז פאַרצייכנט:

„בשנת ת׳תק׳צ׳ה׳ בלודא ובבישופשהיים י׳ בשבט וי״א בו נהרגו אלו שבעה צדיקים נתיסרו ונכתתו עצמותם באופנים ביסורין קשין ובמיתה מרה וביום שלישי לטהרתם שרפום:

ואלו הן ר׳ נתן הזקן. ור׳ יוסף. ור׳ שלמה. ור׳ חיים. ורב נחמיה בר חייא. ור׳ יחיאל בר יוסף הכהן. ור׳ מאיר בר משה הלוי. ועמהם יצחק בר מאיר בחתות הראש בסייף ואחרי הריגתו שרפוהו".

דאָס הייסט — אין יאָר תתקצ״ה (1235) דעם 10טן און 11טן שבט זענען דערהרגעט געוואָרן די ווייטערדיקע זיבן צדיקים, זיי זענען באַ־שטראָפט געוואָרן, מען האָט זייערע ביינער צעשטויסן אויף די רעדער, אין שווערע יסורים, אין אַ ביטערן טויט. אויפן דריטן טאָג פון זייער טהור ווערן האָט מען זיי פאַרברענט. עס ווערן אויסגערעכנט די 7 און צום סוף ווערט צוגעגעבן, אַז מיט זיי איז אויך געוועז ר׳ יצחק בר מאיר, וועמען מען האָט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און נאָך דער הריגה האָט מען אים פאַר־ברענט.

די לאָודער עלילת־דם איז געווען פון די ערשטע אויף דער דייטשער ערד. דער בילבול און דער אופן ווי אַזוי די קדושים זענען אומגעקומען האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אויפרודער. עס זענען אונדז פאַרבליבן אַ ריי קלאָג־לידער־קינות און סליחות וועגן די קדושים פון לאָודא. צוויי כתב־ידן (שפּעטער פאַרעפנטלעכט אין אַ ריי זאַמלונגען) געפינען זיך אין דער האַמ־בורגער מלוכהשער ביבליאָטעק. איך האָב ביידע כתב־ידן געהאַלטן אין האַנט. ביידע געפינען זיך אין דעם קאָדעקס נומער 133 פון דעם כתב־ידן־קאַטאַלאָג. איינע פון די סליחות הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

ימים ברחו וטובה לא ראו עיני
מיום בא אויב לשערי ארמוני
בצאתי מכוש ברכוש לקרית נאמני
מלאה הלכתי וריקם השיבני ה׳

אין די ערשטע אותיות פון די 18 סטראָפעס איז פאַראַן דער נאָמען פון דעם מקונן — יחיאל ברבי יעקב חזק ואמץ (דעם מם פון ואמץ פעלט). אין דאָזיקן קלאָגליד זענען אַריינגעפלאָכטן די נעמען פון די לאָודער קדושים וואָס מיר ווייסן שוין פון דעם יזכור־פּנקס.

די צווייטע סליחה, אויך געווידמעט לאודא, הייבט זיך אָן מיט דער סטראָפע:

אזעק חמס קורותי השור והשבר
כי עולה על בניך מתגבר
גדול כים שבר בת עמי מדבר
כי באו בנים עד משבר.

אין דער דאָזיקער סליחה, פּונקט ווי אין דער פריִערדיקער ווערט געשילדערט דער שוידער פון דער הריגה, ווי אַזוי עס זענען אונטער פּיין און עינויים אומגעקומען די קדושים. אין די סטראָפעס פון דער צווייטער סליחה זענען פאַראַן די אותיות וואָס שטעלן צוזאַמען דעם נאָמען פון איר מחבר: יוסף בן קלונימוס הנקדן חזק ואמץ אמן.

דער רושם פון די לאָודער הריגות איז געווען אַזאַ, אַז דער פּויפּסט גרעגאָר דער 9טער האָט אין אַ ספּעציעלער פּויפּסטלעכע בולע געוואָרנט דער קריסטלעכער וועלט קעגן די בלוט־בילבולים און גערופן דער קאַ־טוילישער קירכע צו שיצן די יידן קעגן די דאָזיקע אויסטראַכטענישן.

אָבער די דאָזיקע ערשטע שחיטה האָט נישט צו טון מיט דער „בלוטס־

קאַפּעללע״. עס איז אין לאודא געווען אַ ווייטערדיקער שחיטה, אין יאָר 1298, בעת די גזירות רינדפליישׁ. די דאָזיקע שחיטות גייען אויפן נאָמען פון דעם אַדעליקן (אָדער קצב) רינדפלייש פון בייערישן שטעטל רעטינגען, צו וועמען עס האָט זיך געוויזן „אַ גייסט פון הימל״ און געבעטן, אַז ער זיך נוקם זיין אָן די אומגלויביקע יידן, וואָס האָבן פאַרפּייניקט גאָטס זון און שענדן די געדעכעניש נאָך אים — די „האָסטיעס״.

אָנגעהויבן פון רעטינגען איז די דאָזיקע גזירה צעטראָגן געוואָרן איבער גאַנץ דייטשלאַנד און ביז 140 קהילות זענען דאָן פאַרשניטן געוואָרן. משמעות, אַז לאַודא איז געווען צווישן זיי, ווייל סיי דער סיפור־המעשה (האָסטיע־שענדונג) סיי די דאַטע (אין יאָר 1300) מיט וואָס עס איז פאַר־בונדן די „בלוטסקאַפּעללע״ ווייזט, אַז דאָס איז געשען בימי רינדפלייש.

אַן אַלטע שטאָטישע כראָניק דערציילט:

...אויף דער אַ גאַס, ווו עס געפינט זיך היינט אונדזער „בלוטסקאַ־פּעללע״ האָבן דאָן (אין 1300) געוווינט יידן. זיי זענען געווען אָפּגעשלאָסן פון די קריסטן און ביינאַכט פלעגן די טויערן, פון ביידע זייטן פון דער יידישער גאַס פאַרשלאָסן ווערן. געוווינט האָט דאָרט איינער אַ ייד אין וועמענס האַרצן עס האָט געגליט אַ שנאה קעגן גאָטס זון, קעגן יעזוסן. איז אים געקומען דער טייוול און געזאָגט: ווילסט קאָנסטו אים אַ צווייט מאָל דערהרגענען ווען דו וועסט דערשטעכן די „האָסטיע״, דאָס הייליקע ברויט, וואָס מען טיילט בעת דעם הייליקן נאַכטמאָל. געלט האָט דער ייד געהאַט גענוג, פון צינז און וווכער און ער האָט געדונגען אַ קריסטין זי זאָל אים ברענגען די „האָסטיע״. זי האָט זיך געלאָזט אָנרעדן און דאָס שטיקל הייליק ברויט וואָס זי האָט באַקומען אָפּצובייסן אין דעם הייליקן אָוונט האָט זי פון מויל אַריינגעלייגט אין אַ טיכל און עס געבראַכט דעם יידן. ווען דער ייד האָט אָנגעהויבן שטעכן מיטן מעסער די „האָסטיע״, האָט ער דערזען אַז עס טריפט פון דאָרט בלוט און איז אַריינגעפאַלן אין גרויס שרעק און עס באַגראָבן נעבן זיין הויז. פון דאָזיקן אָרט האָט מען יעדע נאַכט געזען אַרויסשיינען אַ גרויס ליכט צום הימל. דאָס האָבן באַ־מערקט די טורעם־וועכטער און די שכנים. מען האָט עס דערציילט דעם גייסטלעכן און ביים אויפגראָבן האָט מען דערזען, אַז דאָרט ליגט די „האָס־טיע״. דער ייד, דער שענדער איז אַנטלאָפן, אָבער זיין הויז איז צעשטערט געוואָרן און אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ איז אויפגעבויט געוואָרן די קירכע, כדי מכפר צו זיין פאַר דער שענדונג. דערפאַר הייסט זי „בלוטסקאַפּעללע״. די יידן זענען „אויף עוויגע צייטן״ פון לאַודאַ פאַרטריבן געוואָרן...

עד כאן, ביז דאַנען, די ווערטלעכע ווערסיע פון דער שטאָטישער כראָניק.

איך האָב שוין די דאָזיקע „געשיכטע" געוווסט פון פריִער, אגב זענען אַלע אַנדערע אומזיניקע אויסטראַכטענישן פון דעם זעלביקן שניט, זיי פאַרמאָגן די דאָזיקע אַלע עלעמענטן פון גנבים קריסטן און יידישע מע־סערס; פון אַרויסגעשפּראָצטן בלוט, ליכט זיילן וכדומה. אויך אומעטום איז דער עפּילאָג דער זעלבער — די ייִדן אויסגעשאָכטן, פאַרטריבן, זייער סינאַגאָגע איבערגעבויט אויף אַ קירכע.

אָבער אָט שטייען מיר ביי דער „בלוטסקאַפּעללע". דאָ הענגט אַ „רע־ליקוויע" אַ טאַפל, וואָס דערציילט דעם גאַנצן „נס". ביז מיר האָט נאָך קיינער פון די ייִדן נישט געזען דעם דאָזיקן קאַנאָניזירטן העצפּלאַקאַט.

מיר שטייען ביי דעם דאָזיקן טאָפל, וואָס הענגט שוין דאָ יאָרהונ־דערטער. דאָס לעצטע מאָל איז זי רענאָווירט געוואָרן אין יאָר 1791. זי איז שוין אַביסל אָנגעשפּאָלטן, אויסגעבויגן און אין אַ פּאָר ערטער איז דער שריפט אָפּגעשפּרונגען. דער דאָזיקער הילצערנער טאָפל איז אָנגע־פּיקעוועט מיט אַלטדייטשישן, גאָטישן שריפט. ער הענגט גלייך ביים אַריינגאַנג, דאָרטן ווו יעדער אַריינגייער דאַרף קניִען. ער דערציילט, דער טאָפל דעם גאַנצן „נס".

זיין „דורכלויכט", וואָס וויס, אַז דער ציל פון מיין נסיעה איז געווען דער טאָפל, האָט זיך אָפּגעשטעלט, געפּרוווט לייענען. דער גלח האָט באַ־מערקט, אַז ער איז שטומפּיק אין דעם אַלטן שריפט און דער פאַרצייטיקער שפּראַך, העלפט אַרויס און הויבט אָן צו לייענען אויפן קול:

> *Merke lieber Leser den Ursprung dieser Kapellen.*
> *In dieser Gassen wo vor fünfhundert Jahren viele*
> *Juden gewohntt und derentwegen auch die Judengassen*
> *genant worden hat ein gottloser Jude eine Chistentfrau.*

אאַ"וו, הכלל, די גאַנצע געשיכטע, ווי מיר האָבן זי שוין פריִער דערציילט.

נאָכן דורכלייענען האָט ער נאָך צוגעגעבן, אַז יאָר־יערלעך, בעת דער הייליקער „בלוטוואָך" איז דאָ אַ גרויסער צוזאַמענקונפט פון גלויביקע פון גאַנצן אַרום און עס קומט פאָר אַ גרויסע פּראָצעסיע. מען ברענגט די „אַלערהייליקסטע" אין דער „בלוטסקאַפּעללע", ווו עס ווערט אָפּגעריכט אַ ספּעציעלע מעסע און עס ווערט פאַרגעלייענט די געשיכטע פון טאָפל.

איך האָב דעם גאַסטפריינטלעכן גלח אַ פרעג געטון, צי עס זענען געקומען ייִדן אין לאודאַ נאָך דעם דאָזיקן פאַל.

— יאָ, געווען איז עס אין 17טן יאָרהונדערט. איינער אַ ייִד וואָלף, וואָס האָט זיך געפונען אין „שוץ" פון דעם „דויטשאָרדען" אין מערגעט־היים, האָט צוזאַמען מיט זיינעם אַ שוואָגער באַקומען אַ דערלויבעניש פון ווירצבורגער בישאָף צו וווינען אין לאַודא און דאָרטן עפענען אַ ביר־ברויעריי. אָבער דער ראַט און די באַפעלקערונג האָט נישט פאַרגעסן די געשיכטע פון דער „האָסטיע־שענדונג" און פראָטעסטירט. דעם 7טן סעפּ־טעמבער 1638 האָט דער בישאָף צוריקגעצויגן די דערלויבעניש. פון דאַן אָן וווינען מער נישט קיין ייִדן אין לאַודא; זיי פלעגן קומען פון צייט צו צייט צו מאַרקטעג, זיי האָבן אָבער געדאַרפט צאָלן אַ ספּעציעלן שטייער — איין קרייצער פאַר אויפהאַלטן די „בלוטסקאַפעללע".

איך האָב זיך אָנגענומען מיט „חוצפה" און געפרעגט:

— איז שוין ווען געווען אַ ייִד אין דער דאָזיקער קירכע?

— אָך וואָ!? דאָס איזט דאָך אוממעגליך! האָט ער דערווידערט.

פירשט לעווענשטיין האָט אויסגעפּילט, אַז דאָ קאָן פּלאַצן אַ באָמבע און געפּרוווט אַרויספירן דעם שמועס אויף אַנדערע רעלסן, אָבער ער האָט עס שוין נישט באַוויזן. איך האָב שוין אָנגעהויבן מיט מיין וואָרט:

— הייסט עס, אַז איך בין דער ערשטער ייִד וואָס קום אַהער אַריין פאַר די העכער 600 יאָר וואָס די קירכע שטייט...

ווי אָן אָפּגרונד וואָלט זיך געעפנט אונטער אים, אַזוי האָט ער אויס־געזען דער ליבנסווירדיקער גלח. פאַר אים איז משמעות געווען אַ גרויסע איבעראַשונג, אַז עס זענען נאָך בכלל פאַראַן ייִדן; אַז זיי וועלן גאָר קומען אין זיין „בלוטסקאַפעללע" און בפרט אין דער באַגלייטונג פון דעם ווערט־היימער פירשט, זיין „דורכלויכט" פאָן לעווענשטיין.

ער איז געשטאַנען געפּלעפט; דער ווייסער, גלאַט־אויסראַזירטער קאָפּ איז געוואָרן רויט; זיין זשופּאַנע האָט זיך אינגאַנצן אויף אים געטרייסלט; ער האָט אויפגעלייגט די הענט אַריינגעשניטן פינגער אין פינגער ווי צום ווידוי און געפּרוווט עפּעס אַרויסברענגען פון מויל; דאָ געקוקט אויפן „דורכלויכט" דאָ אויף מיר און אַריבערגעוואָרפן זיך מיט די אויגן צום טאַפל...

דער „דורכלויכט" האָט אים באַרויקט. מיר האָבן זיך געזעגנט. פון אונדזער פּלאַן צו פאַרבלייבן אויף מיטאָג אין לאַודא איז גאָרנישט גע־וואָרן. זיין „דורכלויכט" האָט מורא געהאַט פאַר אַ „רעוואָלוציע" אין דעם דאָזיקן שטאַרק־פרומען פאַנאַטישן קאַטוילישן מקום. מיר זענען געפאָרן קיין בישאָפסהיים.

דאָ, אין דעם אידילישן, אַלטהיסטאָרישן רעסטאָראַן „צום טירמלע" איז מיר אויסגעקומען אויסצוהערן אַ פּאַרציע „מוסר" פון פירשט...

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָראָפּגערעדט פון האַרצן, איז אים פּאָרט דער ענין געפעלן געוואָרן:

— אַבער עס וואַר וואָנדערפאָל, אויסגעצייכנט, דיזער אַלטער האָט זיך טאָטזעכליך ערשראָקען, ער זאַ זיכער איין געשפּענסט פאָן דען האָס־טיע־שענדער...

***

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. איך האָב נאָר געוואָלט דערציילן ווי עס ווערט עד־היום געפירט אַ גיפטיקע היפּאָקריטישע העצע, ווי אַזוי עס ווערן פאַרשפּרייט ראַסן־סם און יידן־שנאה אויף אַ געהייליקטן, קאַנאָני־זירטן אופן; ווי אַזוי צענדליקער טויזנטער „גלוביקע" באַקומען טאָג־טעגלעך נישקשהדיקע דאָזעס גיפט.

צווישן די געשפּענסט־דענקמעלער פאַרנעמט לאָודא דעם ערשטן אָרט — פונקט ווי די דאָזיקע שטאָט איז געווען די ערשטע פון דעם אומזיניקן בלוט־בילבול.

צוריק געשמועסט — די דאָזיקע קאַנאָניזירטע בילבול־דענקמעלער האָבן נישט קיין קליינעם חלק אין דעם ראַסיסטישן זאָאָלאָגישן אַנטיסע־מיטיזם וועלכער איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין דייטשן אונטערבאַ־ווּסטזיין און וואַרט אויף אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אויסצולאָדן די דאָזיקע אָנגעזאַמלטע ליידנשאַפט.

דער נאַציזם איז טאַקע געווען איינער פון די דאָזיקע אויסברוכן. וויל מען דערלערנען דעם מקור פון דער דאָזיקער מערדערישער מאַסן־באַווע־גונג, וויל מען צונויפקלייבן אַלע גורמים צו דער בעסטיאַלישקייט פון די ברוינע באַנדיטן, דאַרף מען אויך נעמען אין באַטראַכט דעם צושטייער, וועלכן עס האָבן דערצו געגעבן די בילבול־דענקמעלער, וועלכע שטייען נאָך היינט אין דייטשלאַנד.

דער דענקמאָל פון רשעות און כאַם

די גאָטישע אותיות זענען שפּיציקע
באַגנעטן, שפּיצרוטן און מעסערס.
לאַטיינישע אותיות זענען קיילעכדיקע,
מיט רויטן וויין געפּילטע פּעסער.

די יידישע אותיות — נישט קיין שיכורע —
פון יענעמס בלוט און נישט פון וויינען,
נאָר קאַנטיקע, פלעקלדיקע, הויקערדיקע,
ווי דאָס מזל פון פאָלק, פון מיינעם...

(דער מאָטאָ מיט וועלכן ישראל אַשענדאָרף הויבט אָן זיין בוך „וויי און וואנדער", וואָס איז דערשינען אין פּאַריז, אין יאָר 1950).

ס קאָן קיינער נישט פילן דעם שניידיקן אמת פון דאָזיקן פערז, אויב ער האָט נישט אָנגעקוקט די יידישע מצבה, וואָס איז איינגעמויערט אין איינעם פון די דרויסנדיקע באַלקאָנען פון דעם אַלטערטימלעכן גאָטישן בנין פון דעם ראָטהויז אינעם בייערישן שטעטל כאַם (ביי רעגענסבורג).

אויבן זענען אונדזערע קאַנטיקע און איינגעהויקערטע אותיות מרובעות און אונטן געפינען זיך צוגעשטוקעוועטע באַגנעטן־שפּיציקע, גאָטישע בוכשטאַבן.

נישט נאָר דער אויסזען, נאָר די גאַנצע געשיכטע, דער אופן, ווי אַזוי די דאָזיקע מצבה איז געקומען אויפן דאָזיקן אָרט, איז אַ טרעפלעכע אילוסטראַציע צו די דערמאָנטע אַשענדאָרפישע שורות.

אין פאַרשידענע נאָטיצן האָב איך געפונען, אַז אין כאַם, אין דאָרטיקן ראָטהויז, געפינט זיך איינגעמויערט אַ מצבה פון 13טן יאָרהונדערט. נישט אומעטום איז געווען דער זעלבער נוסח. איך האָב אָנגעהויבן נאָכגיין דעם מקור, ציען די פעדים פון פאַר 700 יאָר, כדי זיך צו דערגרונטעווען צום

געשיכטלעכן בראשית פון דעם דאָזיקן אויסטערלישן פאַקט. איך האָב נאָכגעזוכט אין פאַרשידענע אַרכיוון, דורכגעבלעטערט אַלטע כראָניקעס און באַלאָדן מיט כל־המינים נאָטיצן, ביז איך געקומען אין דאָזיקן שטעטל.

לאַנג זוכן דעם פּלאַץ איז נישט אויסגעקומען. זיך נאָכפרעגן אויפן ראַטהויז דאַרף מען נישט, אַז שוין פון באַן גייענדיק שטויסט מען זיך אָן דעם מאַסיוון ישן־נושנדיקן בנין. און אַז מען געפינט זיך ביים ראַטהויז, באַמערקט מען שוין, אַפילו מען זאָל דערוועגן נישט וויסן, דעם אויסטערלישן שטיין — די יידישע מצבה.

שטיי איך ביים אַלטערטימלעכן בנין פון ראַטהויז און לייען־אָראָפּ דעם אַלטן מצבה־נוסח, אויסגעקריצט מיט וווּנדערבאַרע אַלט־יידישע אותיות:

ציון הלזל
לראש
מרת מרים
בת ר' אפרים
שהלכה לעולמה
בכ"ח באייר
שנת תתק"ט
לפרט

דאָס הייסט, אַז דאָס איז אַ דענקמאָל פאַר מרים, די טאָכטער פון רב אפרים, וועלכע איז אַוועק אויפן עולם־האמת, 28 טעג אין חודש אייר פון יאָר תתק״ט, וואָס מיינט אין מאַי 1230, מיט העכער 700 יאָר צוריק.

טאָ וואָס טוט ער דאָ, דער דענקמאָל נאָך מרימען? פון וואַנען נעמט ער זיך אַהער אין דעם אויסערלעכן באַלקאָן פון כאַמער מאַגיסטראַט, אַז בסך־הכל ווערן גאָר יידן אין כאַם דערמאָנט ערשט אין פערצנטן יאָר־הונדערט (פינקטלעכער: אין יאָר 1338)? און ווידער: ווי קומט עס, וואָס די מצבה האָט פאַרדינט אַזאַ „כבוד״, אַזאַ אָנזען צו זיין איינגעמויערט אין אַזאַ חשובן אָרט? און לסוף: וואָס מיינען עס די שאַרפע, די שפּיציקע באַג־נעטן־אַרטיקע גאָטישע צושריפטן, וואָס זענען צוגעקריצט געוואָרן אונטערן מצבה־נוסח?

*****

צו כאַם גופא, צו דער געשיכטע פון דער דאָרטיקע עדה, האָט טאַקע נישט קיין שייכות דער דאָזיקער מצבה־אוניקום. עס האָט אָבער אַ שייכות צום וויי־ און וואַנדער־מזל פון פאָלק, וועמעס טאָכטער עס איז געווען אונ־דזער אומבאַקאַנטע מרת מרים.

עס איז נאָך איין קאַפּיטל פון רשעות, וואָס אונדזערע אור־אורעלטערן האָבן דורכגעלעבט אויף דער דאָזיקער עמלקים־ערד. וועגן דעם דאַרף מען דערציילן.

כאַם אַן און פאַר זיך האָט איר יידישן יחוס געצויגן פון 14טן יאָר־הונדערט. דאָרטיקע יידן האָט מען געטראָפן אויף די האַנדל־ און וואַנדל־וועגן פון אַמאָליקן דייטשלאַנד. דאָס שטעטל כאַם, וואָס איז געלעגן אין דעם רעגענסטאַל, דאָרטן, ווו עס פליסט דער טייך רעגען (פון דאַנען דער נאָמען רעגענסבורג), דורך וואַנען עס איז געגאַנגען דער מיטלאַלטער־לעכער האַנדלס־שליאַך צו דעם מזרח, קיין בעמען און מערען, האָט צוגע־צויגן צו זיך די יידן. זיי, די יידן, האָבן טאַקע אַ סך בייגעטראָגן צום אויפבוי פון כאַם. זיי האָבן געהאַט אין זייער באַזיץ גרויסע שטחים פון דער שטאָט; די „יודענגאַסע״ איז געווען דער שטאָט־צענטער; אַהין האָט געפירט דער „יודענטאָר״; דאָ האָבן זיי אויסגעבויט זייער סינאַגאָגע, וואָס ווערט באַשריבן אין אַלטע דאָקומענטן.

אַז עס האָט אַ פלייץ־געטון מיט גזירות, רדיפות און גירושים, האָט עס נישט אויסגעמיטן כאַם. פאַרקערט, דער פריִערדיקער טראַקט, דורך וואַנען יידן זענען געפאָרן צו די וועלט־מערק און יארידן, איז געוואָרן

דער וועג פון ייִדישער היימלאָזיקייט; דורך כאַם האָט זיך געצויגן דער פּליטים־שטראָם קיין מזרח, צו די סלאַווישע לענדער. כאַם איז געבליבן „יודענריין”. עטלעכע יאָרהונדערטער איז אַ ייִדישער פּוס נישט געווען אין כאַם.

אומגעפער אין סוף פון 18טן יאָרהונדערט, ווען די אור־אייניקלעך פון די פאַרטריבענע און פאַרפייניקטע זענען צוריק געקומען אין כאַם, האָבן זיי נאָך געפונען די שפּורן פון זייערע אורעלטערן — אַ „יודענגאַססע” אָן ייִדן; דעם „יודענטאָר”, ווו קיין טויערן זענען שוין נישט געווען, און אַ פּלאַץ, וואָס מען האָט אָנגעוויזן, אַז דאָרט איז געווען די סינאַגאָגע. דאָס אַלץ זענען געווען נעמען, אָבער עפּעס „ממשותדיקס” ייִדישס האָבן זיי באַמערקט אויף דעם ראַטהויז — אַ מצבה...

פון וואַנען איז זי אַהינגעקומען? איז עס געווען אַ רעטעניש פאַר יאָר־הונדערטער.

אין משך פון די לעצטע 100 יאָר איז אין כאַם אויפגעקומען אַ קליינער ייִדישער ישוב. די דאָרטיקע עדה האָט געציילט קרוב הונדערט נפשות, געהאַט אַ תפילה־זאַל (נישט קיין סינאַגאָגע) און אַ קליינעם בית־עולם.

אין יאָר 1933 זענען דאָרט געווען 82 ייִדן. צו דער כאַמער קהילה האָבן אויך געהערט אַ ריי קלענערע ישובים און דערפער, ווו עס זענען געווען איינצלנע ייִדן, דהיינו: ראַדינג (9 ייִדן), וואַלדמינכען (2), קעטצינג (2), פּיכטאַך (2), נויבורג (10), פורט אין וואַלד (8).

פון די אַלע ייִדן איז היינט קיין זכר נישט געבליבן. עס האָבן נאָך דאַן, בעת מיין באַזוך, זיך אַרומגעבלאָנקעט עטלעכע פּוילישע ייִדן, וואָס זענען מיט זייערע געדאַנקען שוין געווען העט ווייט, אָבער זייערע קראַנקע גופים און אָפּגעשאָכטענע „כתיבות” האָלטן זיי נאָך צוגעשמידט צום דאָ־זיקן אָרט.

וואָס קאָנען זיי, די פּליטים מיר דערציילן וועגן דאָזיקן מיסטעריעזן שטיין — אויבן ייִדיש און אונטן אַן אָך־קוצן־כּתב, וואָס אפילו אַ דייטש קלויבט זיך אין דעם נישט פאַנאַנדער?

אַרכיוו־אַקטן, אַלטע כראָניק־פאַרצייכענונגען, לעגענדעס, וואָס זענען אַריבערגעגאַנגען פון דור צו דור, האָבן אויפגעקלערט די דאָזיקע רעטע־ניש.

עס איז נישט קיין דענקמאָל פאַר אַ מרים בת רב אפרים. עס איז אויך נישט קיין פאַרפּוצונג פון דער האַלב־רונדער באַלקאָן־גאַלעריע פונעם ראַטהויז.

עס איז אַ שנאה־ און רציחה־טראַפּיי.

דאָס דאַרף פאַראייביקן לדורות דעם „נצחון איבער די יידן". די מצבה איז איינגעמויערט געוואָרן לכבוד דער אַרויסטרייבונג פון די יידן אין רעגענסבורג און אומגעגנט. די מצבה שטאַמט טאַקע פון רעגענסבורג.

ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם רעגענסבורגער „יודענשטיין" איז שוין דערציילט געוואָרן ווי אַזוי מען האָט בעתן גירוש פון די דאָרטיקע יידן אין יאָר 1519 דעראָבערט „טראָפייען" פון דאָרטיקן בית־עולם, ווי אַזוי מען האָט די מצבות צעשלעפּט איבער פאַרשידענע ערטער אין שטאָט און אויך אין אַנדערע ערטער פון דעם אַרום זענען מגולגל געוואָרן עדות פון דעם דאָזיקן גירוש. די מצבה אין דעם ראָטהויז פון כאַם איז טאַקע אַן אָפּשטאַמיקע פון רעגענסבורג. עס זאָגט וועגן דעם עדות די אַלט־דייטשע צושריפט וואָס לייענט זיך טאַקע:

"A. MCCCCCXIX (1519) Jar sünd die Juden zu Regensburg vertrieben."

די מצבה פון יאָר 1230 איז, בכן, אַהערגעבראַכט געוואָרן נאָכן יאָר 1519, נאָכן גירוש פון די רעגענסבורגער יידן. זי איז איינגעמויערט געוואָרן אין באַלקאָן פון דער שטאָט־געביידע ווי אַ זיג־טראָפּיי... (מיט טויזנטער יאָרן צוריק זענען אַזעלכע טריאומף־טויערן שוין געבויט געוואָרן אין רוים).

אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, קאָן דינען ווי אַ באַווייז אַ זייער אינטערעסאַנטע כראָניק, וואָס איך האָב געפונען אין דער בייערישער פיליאַל פון מלוכהשן אַרכיוו אין נירענבערג. עס איז אַן אַנאָנימע צענזייטיקע דרוקאויסגאַבע, אָן אַ יאָר און אָן אָרט (קאַטאַלאָג נומער 3255) און פאַרנעמט זיך מיט דער געשיכטע פון די יידן אין רעגענסבורג.

אַ דאַנק דער מיטהילף פון פרוי ד"ר אירענא טיפאַלדער, די קוסטאָשין פון רעגענסבורגער מוזיי, איז מיר געלונגען פעסטצושטעלן, אַז דער מחבר פון דער כראָניק איז דער באַקאַנטער רעגענסבורגער היסטאָריקער יאָזעף רודאָלף שוהעגראַף, וועלכער האָט די דאָזיקע פאַרצייכענונגען תחילת געדרוקט אין יאָר 1838 אין „רעגענסבורגער טאָגעבלאַט" און אין יאָר 1840 אַרויסגעגעבן עס ווי אַ סעפּעראַט־אָפּדרוק.

אין דער דאָזיקער זעלטענער בראָשור דערציילט ער זייער גענוי וועגן דעם חורבן פון דער קהילה אין רעגענסבורג בשעת דעם גירוש פון יאָר 1519; ווי אַזוי עס איז חרוב געוואָרן דער יידישער קוואַרטאַל; ווי מען האָט צעשטערט די סינאַגאָגע און לסוף צוגענומען די העכער 4.000 מצבות

פון בית־עולם, פון וועלכע מען האָט אויפן אָרט פון דער צעשטערטער סינאַגאָגע אויפגעבויט די קירכע פון דער „שיינער מאַריע". און ער גיט צו:

„ווען די ייִדן זענען אין יאָר 1519 אַרויסגעטריבן געוואָרן פון רעגענסבורג, האָט זיך די גאַנצע בייעריִשע קריסטנהייט אַזוי געפרייט... אַז יעדע צופרידענע שטאָט און דאָרף האָט געשטרעבט ברענגען צו זיך אַ רעליקוויע פון דעם צעשטערטן בית־עולם אין רעגענסבורג"...

דער כראָניקער רעכנט־אויס אַ פּאָר צענדליק פּונקטן, ווו די „צופרידענע קריסטן" האָבן איינגעמויערט די „רעליקוויעס", צווישן זיי אויך די מצבה אין כאַם. אגב פון דער דאָזיקער צוזאַמענשטעלונג קומט־אויס, אַז די כאַמער מצבה איז די עלטסטע.

די דאָזיקע „רעליקוויעס" זענען וויט און ברייט צעפּירט געוואָרן. אויסער אין כאַם און אין רעגענסבורג גופא, (ווו עס געפינען זיך נאָך עד־היום איינגעמויערטע אין פאַרשידענע בנינים ביז 20 מצבות), האָב איך געטראָפן רעגענסבורגער מצבות מיט „פרייד־צושריפטן" אין שטראַובינג, קעלהיים, רעגענדאָרף, אַבענסבורג, אין די דערפער ריגעלדאָרף (2 מצבות פון די יאָרן 1240 און 1249), מאַנגאָלדינג און מינדראַכינג.

פון 2 רעגענסבורגער מצבות וועל איך דאָ ברענגען די צוגעקריצטע, אין אַלט־גאָטישער שריפט, טריומף־באַמערקונגען:

אין דעם אַריינגאַנג פון דער געוועזענער פּעכט־שולע ביי די שטיגן, איז איינגעמויערט די מצבה, וועלכע זאָגט:

„מי יתן ראשי מים, ועיני מקור דמעה, ואבכה על פטירת הבחורה הצנועה מרת גוטרוט בת רב יעקב... בשנת רכ"ד".

(ווער וועט געבן מיין קאָפּ וואַסער און מיינע אויגן אַ טרערן־קוואַל און איך וועל באַוויינען דעם טויט פון דער פרומער מיידל גוטרוט, די טאָכטער פון ר' יעקב, וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר רכ"ד — 1464).

אונטער די דאָזיקע קלאָג־שורות איז אויף דער מצבה צוגעקריצט די דייטשע „שמחה"־צושריפט:

In 1519 Jar am 25. Tag Hornung sindt die Juden die zu Regensburg vertriben worden. Darnach in 1559 Jar am 10 Tag May ist die stainen Stiegen gemacht.

אין אַ צווייטן אָרט, ווו עס איז פאַראַן די מצבה פון „האשה הטובה והגונה אשת־חיל גנענלה בת מהור"ר יקותיאל זצ"ל... פון יאָר רע"ז", דאָס

מיינט פון יאָר 1517 (2 יאָר פאַרן גירוש), געפינט זיך די דייטשע צו־שריפט:

"CASPAR AMAN. Anno dom. 1519 am Montag am Abend Petri Stuhlfleyer seien die Juden aus der Stat Regensburg geshaft, und am achten Tag gar Kaine mer gesehen."
LOVS DEO

דער דאָזיקער רציחה־אַקט ווערט פון דעם גאָטספאַרכטיקן קאַספּאַר אַמאַן (אָדער המן) פאַרענדיקט מיטן פרום־קאַטוילישן שפּרוך „לאָוס דעאָ" — געלויבט זאָלסטו זיין, גאָט...

**
*

בין איך געשטאַנען פאַר דעם ראַטהויז פון כאַם און אַריינגעטראַכט אין דעם רוצחישן טריומף־דענקמאָל פון דעם ווי און וואַנדער און גע־וואָלט געפינען אַ „טרייסט" אין דעם, וואָס די הויקערדיקע ייִדישע אותיות האָבן אויסגעהאַלטן אַלע שטורעמס און זענען נאָך היינט אויס, נאָך די 700 יאָר, פריש און שאַרף און שניידן זיך אַריין אין חלל ווי אַ באַשולדיקונגס־געשריי, און די באַגנעט־שפּיציקע גאָטישע בוכשטאַבן זענען שוין אָפּגע־בליאַקעוועט, קוים וואָס מען קען זיי פאַנאַנדערשיפרירן.

אָבער וואָס פאַר אַ טרייסט איז עס — עס זענען טאַקע אָפּגעריבן די טריומף־אותיות, די רשעות איז אָבער נישט פאַרגעסן געוואָרן...

שטייענדיק אַזוי ביים ראַטהויז, האָב איך באַמערקט, אַז די דייטשן, פרויען און מענער, צלמען זיך איבער, דורכגייענדיק דעם דאָזיקן פּלאַץ, וווּ די מצבה איז איינגעמויערט. אַזוי זענען זיך נוהג די פרומע קאַטאָליקן, ווען זיי גייען־דורך פאַרביי אַ קריסטלעך געבעט־הויז, אַ קרייץ אָדער אַנ־דער הייליקטום זייערס: פאַרוואָס צלמען זיי זיך? פאַרוואָס נעמען זיי אַראָפּ די היטלען? פאַרוואָס שליסן זיי אַזוי פרום־קאַטויליש אויף די פינגער און „קניקסן" דורכגייענדיק? און פאַרוואָס שעפּטשען זיי אַ תפילה אַזוי בלחש?

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ לעגענדע פון יאָרהונ־טער דערציילט אַזאַ מין מעשה:

די דאָזיקע מעשה דערציילט, אַז די מרים, וועמעס מצבה עס איז איינגעמויערט, האָט עס פאַר איר לעבן אויסגעבויט דעם ראַטהויז. און ווען די ייִדן זענען פאַרטריבן געוואָרן, איז אויפן צעשטערטן בית־עולם געבליבן נאָר איר מצבה. מען האָט עס באַטראַכט פאַר אַ נס און מען האָט איר מצבה איינגעמויערט אינעם הויז, וואָס זי האָט פאַר דער שטאָט געבויט.

אַנדערע ווייסן אפילו צו דערציילן, אַז מען זעט אָפט דער דאָזיקער „מאַריע״ קומען אַהער, ווי זי זעצט זיך אויף „איר״ שטיין און קלאָגט שטיל אויף די פאַרטריבענע ברידער אירע...

אַ וויטערדיקע לעגענדע דערציילט, אַז אַ דאַנק דעם דאָזיקן „יודענ־שטיין״ איז כאַם אָפגעהיט געוואָרן פון שריפות און איז אויך פון דער לעצ־טער מלחמה אַרויס אַ נישט־צעשטערטע.

אין דער כראָניק, וואָס מיר האָבן פריִער ציטירט, איז פאַראַן נאָך אַ דריטע לעגענדע:

די מרים האָט פאַר מורא פון די פאַרפאָלגונגען זיך געשמדט און פאַרן לעבן זיך דאָך צוגעגרייט פאַר איר אַ... ייִדישע מצבה...

דער היסטאָריקער שוהעגראַף לאַכט־אויס די לעצטע באָבע־מעשה, ווי אַ נאַרישע פאַנטאַזיע.

***

ווען איך האָב פאַר מיינע זאַמלונגען פאָטאָגראַפירט די כאַמער מצבה, האָט דער בירגערמייסטער מיך געבעטן ממש מיט טרערן אין די אויגן, איך זאָל, חס וחלילה, די דאָזיקע רעליקוויע נישט צונעמען. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ייִדן ווילן די אַלע מצבות צונעמען פאַרן ירו־שלימער בצלאל־מוזיי. ער האָט עס געהאַלטן פאַרן גרעסטן אומגליק פאַר זיין שטעטל, פאַר כאַם...

ווי אַ פאַרגיטיקונג, האָט ער צוגעגעבן, איז ער גרייט געווען אָפּצו־געבן אַנדערע הונדערטער מצבות, וואָס ער ווייסט, וווּ זיי זענען פאַר־שטעקט.

די דאָזיקע נייע געשיכטע האָט מיך פאַראינטערעסירט און איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך וועל די מצבה פון ראָטהויז נישט רירן. דאַן האָב איך זיך דערוווּסט אַ שוידער־געשיכטע מיט אַ האַנדל פון ייִדישע מצבות פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס איז אָנגעגאַנגען ביז נישט לאַנג.

וועגן דעם וועט אונדז אויסקומען שפּעטער צו דערציילן.

די „יודענזאַו" אין קעלהיים

קיין קעלהיים בין איך געפאָרן כמעט צוליב דער זעלביקער געשיכטע ווי פון דעם „יודענשטיין" אין רעגענסבורג און דעם „דענקמאָל" אין ראָטהויז פון כאַם. אויך דאָ האָבן זיך געדאַרפט געפינען „טראָפייען" פון דעם רעגענסבורגער גירוש פון יאָר 1519, אמת מיט נאָך אַן „עפּעס".

איך מוז זיך מודה זיין, אַז קומענדיק אין קעלהיים איז מיר אין דער ערשטער מינוט נישט געלעגן אין זינען צו גיין זוכן נעכטיקע טעג. די פּאַנאָראַמע פון דער דאָזיקער שטאָט; איר לאַגע האַרט אַריינגעשניטן אין דעם דאָנאַו; אַרומגערינגלט מיט אַ באַרג־קייט ווו עס סטאַרטשען אַרויס שלעסער, פּאַלאַצן, טורעמס און חורבות; די שטאָט גופא מיט איר אָריגינעלער שוצמויער און אַריינפאָר־טויערן; די פיינע פלעצער און אַלעען — אַלץ פאַרכישופט דאָ און לאָזט נישט טראַכטן אויף צוריק. איך האָב שוין הינטער זיך געהאַט הונדערטער שיינע שטעט: נאָך ווערטהיים און וואָלפּנביטל; נאָך האַמעלן, ראָטענבורג ביי דער טאַובער; נאָך דעם שוואַרצוואַלד; נאָך עהרנברייטשטיין און דעם רהיינשטייג — און פונדעסטוועגן האָט קעלהיים זיך אימפּאָנירט, געשטעלט אַלעמען אין שאָטן.

די נאָטיצן וועגן דעם ענין, בעסער געזאָגט ענינים, וואָס איך האָב געזוכט אין קעלהיים האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „ווי עס ווערט איבערגעגעבן", אָדער „לויט די דערציילונגען פון...". די באַשרייבער פון די דורך מיר געזוכטע אָביעקטן האָט זיי אַליין קיינער נישט געזען, און דאָס האָט מיר פאַרוואונדערט. ווי אַזוי האָט מען גאָר געקענט ביישטיין אַזאַ נסיון און נישט פאָרן אַליין, זען מיט די אייגענע אויגן — שוין די נסיעה גופא איז ווערט געווען.

איך שרייב עס וועגן די יעניקע וואָס האָבן די שורות וועגן די קעל־הימער ייִדישע „שטומע עדות" געשריבן מיט יאָרן צוריק, ווען עס זענען נאָך נישט געווען די פאַרבאַהאַלטן פון היינט. עס איז געווען אײדער דאָס עמלקים־פאָלק האָט אויסגעראָטן אונדזערע 6 מיליאָן.

היינט איז דאָך אַנדערש. נישט איין מאָל פלעג איך טאַקע אינמיטן פון באַוווּנדערן אַ פּייזאַזש, אַ טייכברעג, אַ באַרגקייט, אַ טייכטאָל, זיך כאַפּן און אַ פרעג טון זיך אַליין:

— און אפשר טאָר מען גאָרנישט? אפשר איז אַן עבירה צו באַוווּנדערן אפילו גאָטס עובדות אויף דער דאָזיקער ערד?

נישט איין מאָל האָב איך געטראַכט, אַז אפשר בין איך געקומען צום סוד פון יענעם אומפאַרשטענדלעכן פּרק־מאמר, וואָס זאָגט: „דער וואָס גייט אין וועג און זאָגט — ווי שיין איז דער דאָזיקער בוים — איז מתחייב בנפשו, קומט אים טויטשטראָף". אפשר האָט דאָס דער יעניקער שטרענגער בעל־הפּרק געמיינט מען זאָל נישט באַוווּנדערן קיין בוימער אינעם שונאס לאַנד, מען זאָל נישט הנאה האָבן פון דער שיינקייט פון דער נאַטור און אירע וווּנדער, אויב זיי געהערן צו די באַדריקער; אַז די שנאה זאָל אַזוי וויט דערגיין, אַז מיר זאָלן אַפילו זייער פּראַכט אָנהייבן האָסן, פאַרמיאוסן עס...

אָבער וואָס קאָן איך העלפן! אין קעלהיים בין איך אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון דער סיטרא אחרא און געכאַפּט אַ קוק, אמת, נישט אויף לאַנג, אויף אירע היינטיקע (שוין אַ פּאָר טויזנט יאָר אַלטע) פּראַכטן.

איך בין אַוועק זוכן די „טראָפּייען" — פאַרשלעפּטע מצבות פון גירוש רעגענסבורג. איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, אַז עס האָט געדאַרפט זיין נאָר אַן „עפּעס" — דער עפּעס איז געווען אַ „יודענזאַו" — דאָס מיינט אַ חזיר, אַ זוי. עס האָט געדאַרפט ביי דער ייִדישער מצבה, וואָס האָט זיך גע־זאָלט געפינען אין דער וואַנט פון דער שטאָטישער אַפּטייק אויך זיין אַ „יודענזאַו" — אַ ייִדישער חזיר...

עס פאָדערט זיך אָבער אַ געוויסער אַריינפיר צום ענין „יודענזאַו", אַ זאַך וואָס איז כמעט נישט באַרירט געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור.

אין דעם קאַמף קעגן ייִדן האָבן די אַנטיסעמיטן זיך באַנוצט מיט אַלע מיטלען און וועגן. פּראָפּאַגאַנדע דורך וואָרט און שריפט; העצעס פון דער אַמבאָנע און רעדעס פון מאַרק־טריבונעס; רעליגיעזן פאַנאַטיזם און אָבער־גלויבן;ווירטשאַפטלעכע באַציִונגען און קנאה־שנאה; וויסנשאַפטלעכע אויפקלערונגען און בילבולים. אויך דער קאַריקאַטור האָבן זיי גענומען

צו הילף. שוין גאָר פרי, נאָך איידער מען האָט געוווּסט פון דער דרוק־קונסט, איז קאַריקאַטור געווען איינער פון די מיטלען צו פאַרשפּרייטן די יידן־שנאה. אין דעם ווילן צו פאַרמיאוסן דעם ייִדן אין זיין סביבה האָט מען דערפונדן אַ קאַריקאַטור וואָס האָט געהייסן די „יודענזאַו״. עס איז געווען פאַרגעשטעלט אַ חזיר, אַ זי, און אונטער איר ליגן ייִדן, אַ רב דערביי, און זיי זויגן פון די חזירישע בריסט.

דער מין פּלאַסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז געווען שטאַרק אָנגענומען. גראָד זענען די דאָזיקע שטיינערנע „יודענזאַוס״ געווען אַריינגעמויערט אין עפנטלעכע ערטער, בעיקר — קריסטלעכע טעמפּלען. אַזוי געפינט זיך אַ „יודענזאַו״ אין דעם מאַגדענבורגער דאָם פון 13טן יאָרהונדערט; אין רעגענסבורגער דאָם — פון 14טן יאָרהונדערט; אין דער קירכע אין וויטענבערג — פון 15טן יאָרהונדערט; אויף דער שטיינערנער בריק פון פראַנקפורט־אַם־מאַין — פון 16טן יאָרהונדערט אאַ״וו.

כדי זיך צו שאַפן אַ קלאָר בילד וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר, בעסער געזאָגט, וואָס עס דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן די „יודענזאַו״, וועלן מיר דאָ ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן וועגן דעם.

לוטער שרייבט:

„...עס איז דאָ ביי אונדז אין דער פּאַרקירכע אין וויטענבערג אַ זאַו, וואָס איז פון שטיין אויסגעהאַקט. אונטער איר ליגן ייִדן וואָס זויגן פון אירע ברוסטן. הינטער דער זאַו שטייט אַ ראַבינער. מיט איין האַנט פאַרהויבט ער דעם פוס פון חזיר און מיט דער צווייטער — דעם עק און פאַרקוקט אין תלמוד...״

ער פירט אויס — דאָס פאָלק זאָל דערפון נעמען אַ מוסר־השכל וועגן דער ווערט פון די ייִדן און זייער תלמוד.

דער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגעקליבן, אָן אונטערשריפטן אָדער איינטייטשונגען וואָס עס האָבן געמיינט די „קינסטלער״ מיט זייערע סקולפּטורן. מען האָט גאָרנישט געדאַרפט צוצושרייבן. דער כראָניקער פון פראַנקפורט האַלט אָבער פאַר וויכטיק אויפצוקלערן דעם זין פון דער „יודענזאַו״ אויף דער פראַנקפורטער שטיינערנער בריק. ער שרייבט אַט־וואָס:

„מען האָט אויף דער בריק אַוועקגעשטעלט דער „יודענזאַו״, מען זאָל וויסן, אַז ייִדן און שווינען איז דער אַריינטריט אין דער שטאָט פאַרבאָטן״.

דער דייטשער דיכטער שרעטער פאָן ווייסענבאָרן **האָט וועגן דער „יודענזאַו", וואָס געפינט זיך אין זאַלצבורג** (אַרויפגעמאַכט דאָרטן אין יאָר 1487) **אָנגעשריבן אַ „ליד", וואָס דאַרף אויפקלערן דעם זין פון דעם. דאָס ליד איז אָפּגעדרוקט אין יאָר 1651 אין דאַרמשטאַט, אונטער נאָמען: "Deliciae Judaicae" און מיר לייענען דאָרטן** (מיר גיבן עס אין יידישע אותיות, נישט ענדערנדיק כמעט די שפּראַך):

„די זאַו, דאַראַף איין ראַבי רייט
דאַדורך ווירד מאַנכערליי באַדייט,
אונד שטייט זאַלך בילד צו מאַגדענבורג
אונד אַן ראַטהאַוז צו זאַלצבורג.
איין יונג יוד זויגט די מילך אַם שווין,
דיוויל די יודען אים געמיין
איהר קינדער ביי דיר מילך טון לעהרן
ווי זי קריסטנטום זאַללען אונעהרן.
זאַנסט שיקט זיך אויך דער יודען אַרט
אונד אַוך דער שווין פאַסט אוף איין קאַרט.
איין שווין ליגט שטעטס אין דרעק און שטינקט.
וואַננס שאַן ווירד געשלאַגען, דאַס עס הינקט,
לעסט דאַך ניט אַב, וועננס נאַהרונג וויס
אונד פריסט גאַרסטיג אַללערליי שפּייז".

מען קען נישט זאָגן, אַז דאָס איז וואָזשנע „פּאָעזיע", אָבער דעם זין פון די „יודענזאַוען" האָט דער דאָזיקער „דיכטער" ריכטיק אַרויסגעבראַכט.

ווי מיר זעען האָט די „יודענזאַו" אַ גאַר היבשע ליטעראַטור. עס איז אויך פאַראַן ספּעציעלע „פּאַכקענטעניש"-אָפּהאַנדלונגען וועגן דער דאָזי־קער „קונסט".

אין קעלהיים האָט צו די שטאָטישע זעמערקווירדיקייטן געהערט אַ שטיינערנע „יודענזאַו", וואָס איז באַשאַפן געוואָרן נאָכן יאָר 1519, טאַקע אין שייכות מיטן אַרויסטרייבן די יידן פון רעגענסבורג.

אין דער זעלביקער וואַנט פון דער שטאָטישער אַפּטייק, ווו עס איז געווען איינגעמויערט דער רעגענסבורגער „טראַפּיי" האָט זיך אויבן, אי־בער אים געפונען די דאָזיקע „יודענזאַו".

די מצבה האָב איך געפונען. עס האָט אַלץ געשטימט מיט דעם אײנ־האַלט און נוסח וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך, אָבער דער „חזיר" איז

פאַרשוווּנדן. אויפֿן וואַנט איז נאָר געבליבן אַ שפּור נאָך אים — אַ פּיר־קאַנטיקער פלאַכער סימן אין דעם שטיינערנעם גרונט.

איך בין אַוועק זוכן דעם „חזיר" און פעסטגעשטעלט, אַז ער איז לעולם ועד, אויף אייביק פאַרשוווּנדן.

אין דער דענקמאַלשוץ־אָפּטיילונג פון ראַטהויז האָט מיר דער פאַר־וואַלטער מיט ווייטיק דערציילט, אַז דער דאָזיקער אָריגינעלער קעלהיימער „צירדע" (צירונג) האָט צעשטערט די אַמעריקאַנער אַרמיי. איינער אַן אַמע־ריקאַנער זעלנער האָט אין דער ערשטער וואָך פון פאַרנעמען די שטאָט „צעטרימערט" דער זאַו...

באַדויערן אַהער, באַדויערן אַהין — — —פון דער „יודענזאַו" האָב איך באַקומען נאָר אַ פאָטאָגראַפיע. צום צענדליקסטן מאָל האָט ער זיך אַנטשולדיקט, פאַרוואָס ער קען מיר די „זאַו" אין אָריגינאַל נישט געבן.

און דאָ האָב איך אָנגעהויבן מיינע שפּאַצירן אויף אונדזערע נעכטיקע, יאָרהונדערטער־שפּורן.

ראשית האָב איך אויסגעפונען נאָך אַ מצבה, און טאַקע אַן עלטערע פון דער וואָס איז אין דער אַפּטייק־וואַנט. און שטיין שטייט זי איין אויך אין אַ חשובן אָרט, אין דעם „קלויסטערל" — אַ פיינער און יחוסדיקער רעס־טאָראַן, וואָס שטייט ביים שענסטן טייל פון דאַנאַו־ברעג.

איך האָב אָבער דערביי געלערנט אַ שטיק יידישע געשיכטע פון קעל־היים, וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינוואַרפן אין ספק, צי די קעלהיימער מצבות זענען „טראָפייען" פון רעגענסבורג אָדער שטומע עדות פון דעם אייגענעם, דעם יידישן לעבן פון קעלהיים גופא.

**
*

איך בין געגאַנגען אין דער פאָטאָ־לאַבאָראַטאָריע פון ראָזע וואַכטער אויף דער אַלייע 35. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָרטן וועל איך קענען געפינען אַלטע אויפנאַמעס פון די „העברעער־שטיינע". אין דער לאַבאָ־ראַטאָריע האָב איך צופעליק געטראָפן איינעם, וואָס איז געוואָרן מיין וועג־ווייזער איבערן יידישן קעלהיים און האָט נאָכדעם אַ לאַנגע צייט געזוכט און צוגעשטעלט נייע און נייע פּרטים פון דעם דאָרטיקן יידישן ישוב, וואָס וואָלט אין יאָר 1956 געדאַרפט פייערן זיין אַכטהונדערטסטן יובילע־אום. געווען איז עס דער געוועזענער יוסטיץ־אינספּעקטאָר אַלעקסאַנדער אָבערלענדער. ער האָט שוין זיינע יאָרן אויסגעדינט און איצט איז ער־

שוין „אויסער דינסט״ און פאַרנעמט זיך מיט היימאַט־פאָרשונג. ער האָט מיר צו זיך פאַרבעטן און אין זיין הויז אויף פּ־35 דאָרט האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ קוואַל פון ידיעות וועגן דער דאַנאַו־שטאָט קעלהיים און בעיקר, וועגן אירע ייִדן.

מען וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך וועגן ייִדן אין קעלהיים.

רעכטס: **די מצבה אין אַפּטייקוואַנט פון יאָר 1249.**
לינקס: **די מצבה אין וואַנט פון „קלויסטערל״ פון יאָר 1220.**

דאָ וועל איך נאָר אַרויסברענגען אַ פּאָר פּרטים, הויפּט־סטאַנציעס אין דער דאָזיקער געשיכטע:

— ייִדן האָבן אויסגעבויט די שטאָט. געווען איז עס אין דער צייט ווען עס האָט אין דעם דאָרטיקן שלאָס קעלטהיין רעזידירט אָטטאָ דער גראַף פאָן וויטעלסבאַך. דאָס איז געווען אין יאָר 1256.

1337 — ייִדן ווערן אַרויסגעטריבן...

1381 — אַן „אורקונדע" דערציילט: 5 ייִדן — אברהם און פאַליק, צוויי ברידער מיט זייערע הויזפרויען און אסתר, די אלמנה נאָך יעקב פאַפלס זענען געקומען אין קעלהיים, זיך באַזעצט, עס איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן „שירם און שוץ" (אפשר זענען עס פון די פריִער־אַרויסגעטריבענע?).

אַ כראָניק גיט איבער — אין דער שיינער אַפּטייק־הויז איז אַמאָל געווען, אין 15טן יאָרהונדערט, די ייִדישע סינאַגאָגע. די ייִדן האָבן באַוווינט די מערהייט פון די הייזער אין שטאָט. מען זעט עס פון די סך „וואַשבעקנס" וואָס ייִדן פלעגן באַנוצן, וואָס זענען איינגעמויערט אין רוב פון די אַלטע קעלהיימער הייזער.

1442 — ייִדן ווערן ווידער פאַרטריבן, שוין „אויף אימער און עוויג".

און דאָ דערציילט אַ פאַרצייכענונג, אַז כדי אָפּצונעמען דעם חשק ביי די ייִדן צוריקצוקומען אין דער שטאָט, האָט מען אין דער וואַנט פון זייער סינאַגאָגע אַריינגעמאַכט אַ „שפּאָט־בילד"...

פון דער נאָטיץ קומט אויס, אַז די „יודענזאַו" איז אַריינגעמויערט געוואָרן פריִער, פאַרן גירוש פון די רעגנסבורגער ייִדן און שפּעטער האָט מען די פריידנאָטיץ אויסגעקריצט. די נאָטיץ, וואָס לייענט זיך:

Anno Dom. 1519 Wurde die Juden zu Regensburg ausgeschaft.

אָבערלענדער איז ביי דער מיינונג, און אַנדערע האַלטן אים אונטער, אַז די מצבות, וואָס זענען איינגעמויערט אין די קעלהיימער ווענט זענען נישט קיין רעגענסבורגער, זיי זענען פון אַן אָרטיקן בית־עולם וואָס האָט דאָ, נאָך זייער מיינונג נאָך עקזיסטירט.

דער יוסטיץ־אינספּעקטאָר דערציילט, אַז זיין פאָטער וואָס איז געקומען קיין קעלהיים מיט אַ 100 יאָר צוריק, האָט אים (מיט 60 יאָר צוריק) דערציילט, אַז צו דער מזרח־זייט פון „קלויסטערל" (דאָרט ווו עס געפינט זיך די מצבה פאַר וועראָנאַ בת רב משה) האָט מען געפונען אַ סך ייִדישע מצבות. ער גופא געדענקט, אַז ער האָט, זיך באָדנדיק אין דאָנאַו,

מיט אַ יאָר 70 צוריק, געזען גרויסע שטיינער מיט יידישע אויפשריפטן. ווו זיי זענען אַהינגעקומען ווייס ער נישט.

***

איך האָב גוט פאַרשטאַנען דעם האַרצווייטיק פון דעם לייטער פון שטאָטישן בויאַמט, וואָס האָט אַזוי טיף באַדויערט וואָס פון זיין שיינעם קעלהיים איז פאַרשוווּנדן אַזאַ „וווּנדערבאַרע זעמערקווירדיקייט", וואָס דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט (משמעות אַ ייד), האָט באַזייטיקט דאָס דאָזיקע „חן־פינטעלע"...

איך האָב מיטגעפילט. דאָס איינציקע וואָס איך האָב געקענט טאָן איז צווישן די געשפענסט־דענקמעלער ברענגען אַ רעפּראָדוקציע פון דעם דאָזיקן „קונסטווערק"...

קעלהיימער „יודענזאַו" וואָס איז געווען אין דער וואַנט פון דער שטאָטישער אַפּטייק, ווי אַ נצחון־סימן פון דער פאַרטרייבונג פון די יידן. די „יודענזאַו" איז באַזייטיקט געוואָרן אין יאָר 1945 דורך אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט.

דער נאַציישער אַנגראָ־אימפּאָרט – יידישע מצבות

ווידער מצבות! פון וואַנען, רבונו של עולם, שלעפּט ער עס אַרויס אַזויפיל מצבות? עד מתי, ביז וואַנען איז דער שיעור זיך צו גראַבלען אויף בית־עולמס? ווי לאַנג דאַרף מען עס גיין אויף קבר־אבות?

אַ ריכטיקע, דוכט זיך, שאלה, אָבער וואָס קאָן איך העלפן, אַז קיין „פריילעכערע געשיכטעס" קאָן איך נישט אויסגעפינען אויף מיין נישטערוועג? צי קאָן מען ענדערן דעם פאַקט וואָס די אויסגעפלאַסטערטע שפורן פון אונדזער נאָענטן און ווייטערן עבר דערציילן וועגן מאָרד, חורבן און שענדונג; וואָס די מיילנשטיינער פון אונדזער געשיכטלעכן שליאַך זענען אָנגעצייכנט מיט מעמענטאָ־שטיינער; וואָס דאָס איבערבלייבעכץ פון די דאָזיקע יאָרהונדערטער זענען אַרויסגעראַטעוועטע האָלעוועשקעס פון שריפות, רעשטן פון שחיטות, שטיקער פון גזירות. עס איז אַ פיל טויזנטקילאָמעטער־גאַנג אויף קבר־אבות, ווו גאַנצע תקופות ליגן באַגראָבן. זענען דעריבער מצבות אָפטע „געסט" אין אונדזער שפורן־קאָלעקציע.

אָבער מצבות צו מצבות זענען נישט גלייך די היינטיקע האָבן גאָר־נישט צו טון מיט היסטאָרישע פאָרשונגען, נישט מיט אָרנאַמענטן־שילדערונגען. די היינטיקע זענען עדות פון אונדזער גאָר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, טאַקע פון די נעכטיקע שוידער־טעג; בלוטיקע צייכנס פון דעם חורבן בית־שלישי, פון דער פאַרוויסטונג פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידישן קיבוץ.

עס איז געשען אַ גרויסע עוולה, וואָס מען האָט עס ביז היינט פאַרשוויגן. מען האָט וועגן דעם נישט נאָר געדאַרפט שרייבן, מען מוז וועגן דעם שרייען! אין אונדזער לאַנגן צעטל פון די לעולם־ועדיקע תביעות צו די ברוינע בעסטיעס און צו די אַנדערע שונאים מוז אויך אַריינגעשטעלט ווערן די דאָזיקע פּאָזיציע!

די געשיכטעס וועגן מצבה־און בית־החיים־שענדונגען וואָס געשעען אויף יידישע בית־עלמינס אין דייטשלאַנד דערציילן וועגן איינצלנע פאַר־שוועכטע דענקמעלער אין פאַרשידענע פאַרוואָרפענע ערטער, אויסגעפירט אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט, געהיים, מיט אַביסל חרפה און מורא. דאָס, וואָס עס ווערט ווייטער דערציילט, האָט צו טון מיט אַ סך טויזנטער, נישט סתם פון הינטערן פּלויט פראָפּאַנירטע, נישט פון „אומבאַקאַנטע טעטער", נאָר אַ שאַנד־טאַט דורכגעפירט אויף אַן אָפיציעלן מלוכהשן אופן. עס איז געווען אַ ריזיקע „האַנדלס־אָפּעראַציע". וואַגאָנענווייז האָט מען פאַרוועדנט די דאָזיקע „סחורה" פון צענדליקער בית־עולמס, מיט דייטשער פּינקטלעכקייט און „אָרדענונג", מיט אַ באַשטימטן פּלאַן און ציל.

לאָמיר דערציילן וועגן דעם מיט אַ סדר.

***

געדענקט איר דאָך, אַז ווען מיר האָבן דערציילט וועגן דעם „דענק־מאָל פון רשעות אין כאַם", האָט דער בירגערמייסטער צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל נישט צונעמען זייער „רעליקוויע" פון ראַטהויז, וועט ער דערציילן און איבערגעבן אַ געוויסן ענין וועגן אַ סך מער ווי איין מצבה־רעליקוויע. טאַקע אין כאַם האָב איך די דאָזיקע געשיכטע אויפגעדעקט.

פאַראַן אַ יידיש גלייכוואָרטל: „אַז צוויי גנבים צעקריגן זיך — דער־וויסט מען זיך, ווו די גניבה ליגט". אָט האָבן זיך טאַקע אין יאָר 948. צעקריגט צוויי דייטשע מצבה־פירמעס: שטיינמאַן (פון פורט אין וואַלד) און רוידער (פון ווינדישבערגער דאָרף) — ביידע אין דעם געביט פון בייעריש וואַלד. ביידע דייטשע פירמעס האָבן זיך קעגנזייטיק פאַרגעוואָרפן, אַז יעדע האָט בימי היטלער אויפגעקויפט יידישע מצבות, וואָס זענען „אימפּאָרטירט" געוואָרן פון טשעכאָסלאָוואַקיע.

דער ענין איז אָנגעקומען אין אַ דייטשן געריכט (באַשולדיקונג אין „רכילות") און דאָרטן, אין געריכט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז... ביידע זאָגן אמת! ביידע האָבן וואַגאָנענווייז געקויפט די דאָזיקע סחורה. עס איז געווע זייער אַ גוט געשעפט, ווייל אַזאַ מין „מאַטעריאַל" ווי די דאָזיקע „שטיינער" זענען אין בייערן נישט בנמצא. די „אימפּאָרטירטע" זענען געווען שוואַר־צער שוועדישער גראַניט, העלער, ראָזער, טונקעלער שלעזישער און טשע־כישער גראַניט, וואָס קאָסטן דאָ זייער טייער און פון דעם „אימפּאָרט" האָט מען עס באַקומען בחצי־חינם, שפּאָט־ביליק.

אויף דעם דאָזיקן געריכט איז אַרויסגעשוווּמען אַן אומבאַקאַנטער פּרט פון דער נאַצישער, אַנטי־ייִדישער, אויסראָטונגס־אַקציע: דער פאַקט, אַז דער גאַולייטער פון דעם „סודעטענגאַו״, (וווּהין עס זענען אַריינגענומען געוואָרן די געוועזענע טשעכאָסלאָוואַקישע געביטן פון מאַריענבאַד און דעם בייערישן וואַלד) האָט אין פּראָגראַם פון „פּאַרדייטשן״ דעם געביט אונטערגענומען אַ ברייט־פּאַרמאַסטענע אַקציע אָפּצווישן פון דער אוי־בערפלאַך די ייִדישע שפּורן פון געגנט, אויפן ערשטן פּלאַן: אָפּמעקן דעם זכר פון די ייִדישע בית־עולמס. די דאָזיקע „נאַציאָנאַלע״ אונטערנעמונג האָט ער באַשלאָסן אויסצונוצן פּראָדוקטיוו. די מצבה־שטיינער האָט ער סעגרעגירט אין צוויי קאַטעגאָריעס: די פּשוטע, קאַלך־ און זאַמד־שטיינער, האָט ער פאַרווענדט אויף בויען וועגן, און די גוטע, די מאַרמאָר־ און גראַ־ניט־מצבות, זענען באַשטימט געוואָרן צו „איבעראַרבעטונג״.

די אַרטיקע מאַגיסטראַטן, צוזאַמען מיט דער נאַצישער גאַו־לייטונג, האָבן, בכן, אָרגאַניזירט אַ ריזיקע אַקציע־געזעלשאַפט, וואָס האָט אַריינגע־בראַכט פעטע פאַרדינסטן, טראַנזאַקציעס זענען געשלאָסן געוואָרן און וואַ־גאָנעס פון שוואַרצן שוועדישן גראַניט זענען געפירט געוואָרן פון טשע־כאָסלאָוואַקיע און זענען פאַרקויפט געוואָרן צו די דייטשע מצבה־פירמעס אַרום כאַם און האָף.

געווען איז עס אין די יאָרן 1942־1943.

עס איז דאָ געגאַנגען אַ מין „סחורה־אויסטויש״ — פון דער טשע־כאָסלאָוואַקיע האָט מען אַריינגעפירט די מצבות און צוריק האָט מען „עקס־פּאָרטירט״ קיין טערעזיענשטאַט (אפשר אין די זעלבע פראַכט־וואַגאָנעס) די נאָך געוועזענע רעשטן פון די דייטשע ייִדן, טראַנספּאָרטן צום טויט האָבן זיך באַגעגנט, אויסגעמיטן...

עס קען זיין, אַז דער ענין וואָלט אפשר דערשטיקט געוואָרן, ערגעץ־ווו וואָלט ער אין אַ קאַנצעלאַריע, צווישן אַקטן באַגראָבן געוואָרן. עס האָט זיך אָבער וועגן דעם דערוווּסט די ייִדישע געמיינדע אין כאַם און האָט דעם ענין נישט אָפּגעלאָזט, ביז ער איז דערגאַנגען צו דער אַמעריקאַנער אָקו־פּאַציע־מאַכט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ חקירה ודרישה.

ליגן פאַר מיר די פּראָטאָקאָלן פון דער אויספאָרשונג און די חשבו־נות פון דער „סחורה״, רשימות פון נאָך נישט „איבערגעאַרבעטע״ מצבות, אויסמעסטונגען און שאַצונגען, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין די מצבה־פירמעס אין 1948. עס לוינט זיך צו באַקענען מיט געוויסע פּרטים.

ראשית איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די „באַאַרבעטונג״ פון די

שטיינער (אויף פשוטן לשון מיינט עס דאָס אָפּזעגן דעם שיכט שטיין, ווו עס איז געווען דער אויסגעקריצטער מצבה־נוסח) איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער גרויסער מעכאַנישער שטיין־שלייפעריי פון די דייטשן „גרעף און דעבריינער" אין העכשטאַדט (פיכטעלגעבירגע). דאָרט זענען די שטיינער „אָפּגעשלייפט" געוואָרן. מען האָט די יידישע אותיות און אָר־נאַמענטן באַזייטיקט. עס איז געבליבן דער ריינער „רוי־מאַטעריאַל".

פון די רשימות און פראַכט־אָרדערן איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז די מצבות שטאַמען פון די בית־עולמס אין גערא, מאַריענבאַד, טאַכאַו, שטראַק, נוישטאַדל. דאָס האָט מען געקאָנט פעסטשטעלן נאָר אויף יענע מצבות, ווו אויף זיי געפינט זיך אין נוסח פון דער מצבה דאָס אָרט פון דער קהילה. וויפיל נאָך בית־עולמס זענען אָפּגעווישט געוואָרן, איז נישט באַקאַנט.

איין חשבון דערציילט, אַז פאַר דער „סחורה" האָט מען באַצאָלט 3.000 רייכסמאַרק. די רעכענונג איז געדעקט געוואָרן. אָפּגעלייזט האָבן די פירמעס פאַר „באַאַרבעטן" רוי־מאַטעריאַל ריזיקע סומעס.

ווען די אַמעריקאַנער קאָמיסיע איז געקומען מאַכן די אינווענטאַרי־זירונג פון די נאָך פאַראַנענע יידישע מצבות ביי די דאָזיקע „אימפּאָרטערן", האָט מען געפונען נאָר רעשטלעך.

אין דער פירמע שטיינמאַן האָט מען געפונען שוין נישט מער ווי 146 מצבות, וואָס האָבן געווויגן 25.000 קילאָגראַם. די ספּעציפיקאַציע רעכנט אויס: שוואַרצער שוועדישער גראַניט, טשעכישער העלער און טונקעלער גראַניט, איידלשטיינער אאַ"וו. דער ווערט פון דאָזיקן רעשט באַטרעפט 8.947 מאַרק.

אין דער פירמע רוידער האָט מען געפונען 97 מצבות, העכער 17.000 קילאָגראַם. אַסאָרטימענט דער זעלבער ווי פריער, וואָס איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף 5.929 מאַרק.

דאָס איז געווען אין 1948. וויפיל מצבות עס זענען „איבערגעאַרבעט" געוואָרן ביז דאַן, אין משך פון גאַנצע זעקס יאָר איז געווען שווער פעסט־צושטעלן.

דער דאָזיקער „קאַלטער חשבון", די „קילאָגראַמען" און די „קובי־מעטערס" און דער „פרייז־קוראַנט" איז, אמת, אַ היפּש ביסל אויסטערליש. מען האָט אויסגערעכנט די פּרייזן פון יעדן מין שטיין־קוביקמעטער. אָבער ווער וועט אויסרעכענען דעם ווערט פון די „באַזייטיקטע" נישט נויטיקע טיילן פון די מצבות? ווו איז דער פרייז־קוראַנט, פאַר די אותיות, פאַר די כוהנים־פינגער און לוויים־קריגעלעך און אַנדערע אָרנאַמענטן און באַפּו־

צונגען... דער דאָזיקער „חשבון" זעט דאָך כמעט אויס אַזוי ווי מען וואָלט די פֿאַרברענטע סינאַגאָגעס, בתי־מדרשים, קלובן און פֿאָלקס־הייזער אויס־גערעכנט לויט דעם געהילץ אָדער די ציגל, וואָס זיי האָבן געהאַט, אָדער ווען מען חשבונט־אויס די מיליאָנען פֿאַרברענטע, פֿאַרגאַזטע, פֿאַרפּייניקטע נאָכן סכום פֿון... פֿלייש־טאָנען!!!

אָבער דאָס זענען זייטיקע מחשבותן. דער אַמעריקאַנער מיליטערי־שער געריכט האָט באַפֿוילן אַריבערצופֿירן די דאָזיקע רעשטן פֿון די מצבות אויפֿן יידישן בית־עולם אין כאַם, פֿון וואַנען מען האָט זיי טאַקע שפּעטער אָפּגעשיקט צוריק קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. צוגענומען האָט זיי אַ פֿאָרשטייער פֿון דער טשעכישער מיסיע אין מערב־דייטשלאַנד.

די דייטשע פֿירמעס זענען אַרויס ריין ווי אַ טויב. ווייל וואָס וויל מען אייגנטלעך פֿון זיי? זיי האָבן עס עפּנטלעך־רעכטלעך איינגעקויפֿט, די רע־כענונגען געדעקט. טאָ וואָס נאָך? פֿאַרקערט, זיי האָבן טענות, פֿאַרוואָס מען „פֿאַרשוואַרצט זייערע סאָלידע סוחרישע נעמען"... און ווידער טענהט דער שטיינמאַן: וואָס האָט מען זיך דווקא אויפֿ אים אָנגעזעצט, ווייל ער האָט נישט באַוויזן אַלץ „איבערצואַרבעטן"? אַלע, אַלע מצבה־פֿירמעס און נישט נאָר פֿון בייערישן וואַלד, נאָר פֿון גאַנצן גרענעץ־געביט, האָבן זיך די זעלבע „וואָרע" איינגעשאַפֿט.

איך האָב צוזאַמען מיטן אַרכיוו פֿון די דאָקומענטן וועגן די דאָזיקע „סחורות" באַקומען אויך אַ רשימה פֿון טייל מצבות, ווו מען האָט געקאָנט לייענען די אויסגעקריצטע נוסחאות, פֿון צוויי, זייער כאַראַקטעריסטישע, וועלן מיר דאָ ברענגען דעם אינהאַלט.

איינע איז פֿון אַ געוויסן הוגאָ גלאַובער. ער איז געפֿאַלן „פֿאַרן פֿאָ־טערלאַנד" דעם 11טן אויגוסט 1917 אין איטאַליע. נאָך דעם האָבן אים זיינע קרובים אַרויסגענומען פֿון מיליטערישן בית־עולם פֿון איטאַליענישן טיראָל און געבראַכט צו קבר־ישראל אין זיין קהילה נוישטאַדל. פֿון דאָרטן איז זי מגולגל געוואָרן צום נאַצישן שטיין־שלייפֿער שטיינמאַן, וועלכער האָט איר נישט באַוויזן צו „באַאַרבעטן"...

די צווייטע איז גאָר פֿון אַ וואַרשעווער יידן. ער איז משמעות געקומען אויף קוראַציע קיין מאַריענבאַד, פֿון וואַנען מען האָט איר אַהערגעבראַכט צו „באַאַרבעטונג". אויף איר שטייט דער נאָמען פֿון אייגנטימער, וואָס איז געלעגן אונטער איר שווערער, האַמעטנער משא:

„הנדיב אליקום־געצל ב׳המנוח משולם אלכסנדר מ׳וואַרשע נפטר כ״ב טבת בשנת בלע המות לנצח״...

עס איז שוין איינמאָל אַ „גילגול״ — וואַרשע, מאַריענבאַד און...

***

איך האָב וועגן דעם דאָזיקן ענין אַרויסגענומען נאָר פּראָזאַישע פּרטים, טרוקענע ציפערן ווי טרוקן און מצומצמדיק עס איז אַ געריכט־פּראָטאָקאָל, אַזוי פּראָזאַיש ווי עס קאָן זיין אַ סוחרישער חשבון. צי דאַרף מען נאָך ברייטערע קאָמענטאַרן צו דער מעשה נבלה?

אָבער, שטענדיק דער אָבער... און נישט איין אָבער.

צי האָט מען געדאַרפט וואַרטן ביז די דאָזיקע מעשה וועט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט?...

צי האָט מען זיך נאָר געדאַרפט באַגנוגענען מיט די צוויי „סוחרים״?...

אָט טאַקע בעת מיין נאָכפאָרשן דעם דאָזיקן פאַקט, האָט מיר דער פריינט שטערן, דער מיטגליד פון האָפער קהילה־פאַרוואַלטונג, דערציילט, אַז ער האָט אַזעלכע שטיינער אויך געזען אין שטעטל סעלב (ווו עס געפינט זיך די באַרימטע פאָרצעלאַן־פאַבריק פון די ראָזענטאַלס) ביים דאָרטיקן דייטשן מצבה־קריצער, ווי ער „באַאַרבעט״ זיי.

אין די „הינטערקוליסן״ האָט מען געוווּסט וועגן די דאָזיקע מצבות. ווייל אין אַרכיוו האָב איך געפונען אַ ווענדונג פון דעם ישראל־קאָנסול פון מינכען, ד״ר אליהו ליבנה, ווו ער פרעגט, צי האָט מען נישט געפונען די מצבות פון זיינע עלטערן, ווייל ער שטאַמט טאַקע פון שטראַץ, פון איינער פון די קהילות, וועמענס מצבות ס׳זענען פאַרקויפט געוואָרן דורכן גאַו־לייטער.

און צום סוף אַ ווייטערדיקע קליינקייט. עס זענען אָנגעקומען גרופן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, דורך די פּליטים פון דער „בריחה״, וועלכע זענען געגאַנגען דורך מאַריענבאַד־כאָמוטאָוו־אַש־סעלב, אַז זיי האָבן געזען, ווי מען בויט וועגן פון יידישע מצבות, וואָס זענען געקומען פון דייטשלאַנד. ווען זיי האָבן געפרעגט ביי די פירער פון דער „בריחה״ וואָס דאָס איז, האָט מען זיי געהייסן נישט פרעגן... דאָס זענען אפשר געווען די דאָזיקע שטיינער, צוריקגעשיקטע פון כאַם, וואָס מען האָט אָבער אויף די יידישע בית־עלמינס נישט צוריקגעשטעלט, ווייל זיי זענען געוואָרן פאַראַקערט. און די נייע „פאָלקס־דעמאָקראַטישע״ באַלעבאַטים פון טשעכאָסלאָוואַקיע

האָבן אויך געהאַלטן, אַז עס איז כדאי די דאָזיקע שטיינער צו כּאַרנוצן „פּראָדוקטיוו".

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט לוינט אָבער צו באַמערקן נאָך אַ פּרט.

אין דייטשלאַנד איז בשעתו דערשינען אַן אַנטיסעמיטישער נאַצישער לעקסיקאָן, „סיגילאַ ווערי", וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט „תורה און חכמה". עס איז אַן אמתער האַנטבוך פאַר אַלע „יודענקענער" און „יודענפאָרשער". אַלע שונאי־ישראל און ספּעצן פון „יידנטום" קאָנען זיך אָן אים נישט באַגיין. פיר בענדער מיט קרוב 5.000 צוויי־עמודימדקע פּעטיט־שריפט זײַנען אָנגעפּיקעוועט מיט אַלע מינים אינפאָרמאַציעס וועגן יידן און יידישקייט, וועגן פּראָבלעמען און יחידים. אין באַנד 2 פון דאָזיקן „סיגילאַ ווערי" געפינען מיר אויך דאָס וואָרט „פרידהאָפשענדונגען". די נאַצישע אויפקלערונגען פאַרנעמען די זייטן 516 ביז 521. עס איז כדאי איבערצוגעבן די ערשטע 12 שורות פון דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער „אויפקלערונג":

> „די דייטשע יודענצייטונגען באַהויפּטן, אַז נישט־יידן, ספּעציעל יידנקענער (אַנטיסעמיטן) שענדן יידישע בית־עולמס, וואַרפן אום מצבות און צעשטערן זיי. אין גרעסטן טייל ווערן אָבער די דאָזיקע פאַרברעכנס אויסגעפירט פון די יידן גופא אָדער פון זיי אָנגערעגט, וועלכע ווילן נאָכדעם עס אַרויפוואַרפן אויפן באַלעבאָס־פאָלק, פּרוּװנדיק די דאָזיקע פאָלקישע עלעמענטן צוטשעפּען, אַז נישט נאָר טרעטן זיי ארויס קעגן די לעבעדיקע (יידן), נאָר זיי לאָזן אפילו נישט רוען די טויטע".

קיין נייע תורה האָבן די נאַציס נישט אַנטדעקט. פאַר זיי האָט שוין די רוסישע שוואַרצע מאה געזאָגט, אַז יידן מאַכן אויף זיך פּאָגראָמען, כדי צו פאַרשוואַרצן דאָס פיינע רוסישע געזיכט. ווער ווייס, אפשר וועט נאָך עמעצער אַנטדעקן, אַז די טשעכאָסלאָוואַקישע „טראַנזאַקציעס" זײַנען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן פון יידן; אַז די פירמעס און שטיינפאַבריקן זײַנען געווען יידישע. זאָל קיינעם נישט וווּנדערן, אויב ער וועט אין אַ ווייטערדיקער אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן אָדער אַנדערן אַנטיסעמיטישן לעקסיקאָן אָדער ענציקלאָפּעדיע געפינען, אַז... יידן האָבן צעשטערט דייטשע און טשעכישע בית־עולמס און פאַרקויפט זייערע מצבות...

די אותיות פון קאָבלענץ ווילן נישט אַרויספליען...

הייסט עס, אַז דאָ אין קאָבלענץ איז געווען די 412טע שטאָט אין דייטשלאַנד, וואָס איך האָב באַזוכט.

יעדעס מאָל, ווען איך פלעג זיך צוגרייטן „איינ־נעמען“ אַ נייעם מקום, האָב איך געטראַכט: וואָס, אַ שטייגער, קאָן איך דאָרט געפינען? וועלכע איבער־ראַשונגען דערוואַרטן מיך אין דאָזיקן געוועזענעם יידישן ישוב? מיט וועלכע „טראָפייען“ וועל איך פון דאָרט אַוועקגיין?

דאָס זענען אויך געווען מיינע מחשבותן ווען איך האָב אַראָפּגעקוקט אויף דער פּרעכטיקער רהיין־ און מאָזעל־שטאָט קאָבלענץ, שטייענדיק אויפן פעלדזיקן שפּיץ פון דער פעסטונג עהרנברייטשטיין, איינע פון די מערקווירידקסטע מיטלאַלטערלעכע פעסטונגען. פונדאַנען זעט מען די וווּנדערבאַרע פּאַנאָראַמע פון דעם טאָל, ווו דער מאָזעל שווימט אַריין אין דעם רהיין און נעמען אַרום מיט זייערע וואַסערן די שטאָט.

מיט וואָס וועל איך פון קאָבלענץ אַוועקפאָרן?

איבערגעריסן דאָס אַנטציקן זיך מיט דעם „דייטשן עק“, דעם שענסטן ווינקל פון רהיין־וועג, האָב איך געטראַכט: — ווידעראַמאָל וועל איך זיין אויף אַ פאַרוואָרלאָזטן פּלאַץ, אָדער אַ חורבה פון אַן אָנגעזעענער סינאַ־גאָגע; אין בעסטן פאַל האָט מען שוין אפשר דעם פּלאַץ אָפּגערוימט, בוי־מער פאַרפלאַנצט, בלומען פאַרזעצט, און קינדער, דייטשע, שפּילן זיך דאָ (די דייטשן, כידוע, האָבן זייער שטאַרק ליב סיי קינדער, סיי די נאַטור, און דער עיקר זויבערקייט...), און מחוץ דער שטאָט געפינט זיך זיכער אַ בית־עולם מיט גאַנצע אָדער צעבראָכענע מצבות, מיט יידישע „פּה נטמנס“ און דייטשע עפּיגראַפן; אפשר וועל איך נאָך ערגעץ געפינען (אין אַרכיוון אָדער מוזעאומס) אַנדערע מינים שיריים פון דעם מין.

וועל איך נאָך עפּעס געפינען מער מערקווירדיקערע זאַכן אין דעם קאָבלענץ, ווו עס קייטלט זיך דער יידישער שלשלת־היוחסין, די יחוס־קייט פון אַ יאָר טויזנט? פון דער שטאָט, וואָס האָט אין אונדזערע שאלות־ותשו־בות, אין אַלטע כראָניקעס און פּאַרצייטיקע פּאַרצייכענישן אַזש צען פּאַר־שידענע אויסלייגעכצן: קובילענץ, קובלינצא, קובפּילינש, קופּלונץ, קופּ־לינס וכדומה.

מיין פּראַקטיק האָט שוין אָבער באַוויזן, אַז אָפטמאָל איבעראַשט די פּשוטעווירקלעכקייט מיט אירע אומגעלומפּערטע סיורפּריזן מער ווי די צעהיצטע פאַנטאַזיע קען אויסטראַכטן. דאָס, וואָס איך האָב געטראָפן אין קאָבלענץ, האָט טאַקע איבערגעשטיגן אַלע מיינע ביז־איצטיקע „געפינסן״. שוין לאַנג ווי איך האָב זיך מיט יענעם באַזוך געזעגנט; צענדליקער אַנ־דערע מאָל בין איך דאָרטן שפּעטער (צוליב אַנדערע ענינים) געווען, און קאָן זיך אַלץ נישט באַפרייען פון דעם אויפטרייסלענדיקן פאַקט, וואָס איך האָב דאָרטן געטראָפן. אַ זאַך, וועגן וועלכער עס פּאַסט זיך מער דער אויס־דרוק שרייען, ווי שרייבן!

***

ווידער אַ מאָל האַנדלט זיך עס וועגן בית־עולמס.

די פּרעסע (ראשית־כל די יידישע) אין דייטשלאַנד ברענגט פון צייט צו צייט געשיכטעס פון די „גראַבשטיין־שענדונגען״, פון דעם ווילדן שפּיל פון פּראָפאַנאַציע פון יידישע בית־עולמס. מיר זענען אויפגערעגט, מען פּראָטעסטירט, הלמאי מען דערלאָזט דערצו, אַז ערגעצוו, אין אַ העק, זענען (ביינאַכט, אין געהיים), געשענדעט געוואָרן אַ צענדליק אָדער מער מצבות. מען רופט די עפנטלעכקייט צו אַקציעס; מען פאַרלאַנגט שוץ און פאַראַנטוואָרטלעכקייט אאַ״וו. דער צווייטער צד פאַרטיידיקט זיך און פאַר־ענטפערט זיך, אַז עס זענען אין דעם נישטאָ קיין בייזע כוונות: אַז דאָס האָט אַ ווינט, אַ שטורעם, אַ געוויטער די מצבות אומגעשליידערט; אַז דאָס האָבן „שפּילענדיקע קינדערלעך״, אומגעוואָרפן די מצבות איינגעלייגט אאַ״וו.

און אָט האָב איך געפונען אין קאָבלענץ העכער הונדערט(!) מצבות, וואָס זענען שוין באַלד אַ צענדליק יאָר טאָג־טעגלעך, עפנטלעך, אינמיטן דער שטאָט, בפני כל עם ועדה, געשענדעט געוואָרן!

געהערט האָב איך עפּעס וועגן דעם, אַז ערגעץ־ווו אין, אָדער אַרום, קאָבלענץ איז פאַראַן אַ בנין, אין וועמענס טרעפּ עס זענען איינגעמויערט מצבות. אַזעלכע זאַכן איבעראַשן שוין נישט, אַזוינס איז שוין געווען; מען

האָט עס געזען און מען טרעפט עס זייער אָפט (און נישט דווקא אין דייטש־לאַנד). דאָס אָבער, וואָס איך האָב געטראָפן אין קאָבלענץ, האָט איבער־געשטיגן אַלע פאָרשטעלונגען.

איך האָב דעם דאָזיקן פלאַץ געמוזט אַליין אויסגעפינען (די 22 גאַנצע און האַלבע יידישע נפשות, וועלכע זענען היינט פאַראַן אין קאָבלענץ, ווייסן אַליין אויך נישט, ווו דאָס איז). איך האָב נאָר געוווסט, אַז דאָס געפינט זיך אין דער פאָרשטאָט ליטצעל; אַז דאָס דאַרף זיין אַ פאָלקסשול מיט אַ קינ־דערגאָרטן. מען האָט מיר געוויזן דעם וועג אַהין; אַז איך דאַרף אַריבערגיין די מאָזעל־בריק. דאָרטן האָט מען מיך ווידער געהייסן גיין צו דער אַדאָלף היטלער־בריקע (יאָ, אַזוי הייסט אין דער שפּראַך פון המון די נייע באַן־בריק!).

דורכגעגאַנגען דער „היטלער־בריקע" בין איך געקומען צו דער מע־טערניכשטראָסע — דאָ איז בימי היטלער אויסגעבויט געוואָרן דאָס נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּרויען־הויז.

שטייט ער, דער דאָזיקער טומאהדיקער בנין ביים ראַנד פון גרינע לאַנקעס, וועלכע ציען זיך העט ביז צום מאָזעל־ברעג. פון אַלע זייטן און פליגלען פון דאָזיקן זנות־טעמפּל פירן טרעפּ, שוואַרצע, ברייטע, מאַסיווע, שטיינערנע טרעפּ, ווי צום קאָלאָסעאום: טרעפּ פון... יידישע מצבות טרעפּ רעכטס און לינקס, פון צפון און דרום, פון אַלע זייטן צום דאָזיקן הויז, ווו נישט איין אילזע קאָך איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן. אַלע טרעפּ פון מצבות און דווקא מיט די אותיות פון אויבן אויסגעבעט.

עס האָבן מיר די טריט געברענט, ווען איך בין געגאַנגען אויף די דאָזיקע שוואַרצע און גרויע מאַרמאָרענע קדושים־שטיינער. איך האָב גע־מיינט, אַז איך שפּריז אויף הייסע קוילן. איך האָב אָבער געוואָלט איבער־ציילן, וויפיל, אומגעפער, מצבות האָבן עס די „בויער" פאַרווענדט פאַר זייער ווייבער־טעמפּל; עד היכן, ביז ווי ווייט, דערגרייכט די עפנטלעכע פּראָפּאַגאַציע, די אַלגעמיינע שענדונג?

העכער הונדערט מצבות, גאַנצע אָדער ברוך־שטיקער, האָב איך אָנ־געציילט, און דאָס נאָר פון יענע, וועלכע זענען אויף דער אויבערפלאַך. וויפיל ליגן אונטן, אין די פונדאַמענטן?

און איך לייען, כאַפּ אַרויס פראַגמענטן:

אָט איז די מצבה פון רבי יוסף צונץ כ"ץ;

דאָ איז איינגעמויערט דער זכרון פון דעם „איש ישר יגיע כפים..."

— ווייטער אָפּגעהאַקט, קיין נאָמען נישטאָ;

אַ ברוך־שטיק פון אַ מצבה אין דייטש פאַר מיכאַל פיטש און אַזוי כסדר.

איך פּרוּוו פאַרצייכענען ווייטערדיקע נעמען, דאַטעס, — איך קאָן עס אָבער נישט. ווייל וואָס וועט עס געבן?

— אַוועק! אַוועק פון דאַנען, האָט אַלץ אין מיר געשריגן; אַוועק פון דער חרפּה; נישט אָנקוקן די בושה פון די מאַרטירער־שטיינער, וועלכע קענען נאָך עד־היום, יאָרן נאָך דער מפּלה פון זייערע שענדער, נישט קומען צו קיין תקומה.

פּלוצים האָבן זיך אויפגעפּראַלט טירן און הונדערטער קינדער זענען אַרויסגעלאָפן פון דעם „געוועזענעם" נאַצי־הויז. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז חוץ דער שכנותדיקער שול געפינט זיך אויך דאָ היינט אַ קינדערהיים, אויסגעהאַלטן פון דעם שווייצאַרישן רויטן קרייץ.

אַ „שוועסטער", אַ הייליקע נאָנע, אַ דערציערין, אין איר שוואַרצן



אַ פראַגמענט פון די טרעפּ צום היטלערישן פּרויענהויז אין קאָבלענץ. זיי זענען אויסגעבויט פון יידישע מצבות.

טראַכט מיט אַ ווייסן קאַפּצודעק, טרעט פרום־געלאַסן, מיט פּסיעות־דקות און אַראָפּגעלאָזטע אויגן איבער די מצבות־טרעפּ. אַרום איר שפּרינגען נאָך אַ פּאָר צענדליק פריצלעך, האַנסלעך און הערבערטלעך... קאָן איך זיך נישט באַהערשן און פרעג:

— וויסען זי, גנעדיגע שוועסטער, אויף וואָס זי טרעטן?

— יאָ, זי ווייסט עס. דאָס זענען יידישע גראַבשטיינער; אויף דער פּאַסטאָר, דער פאַטער, דער פירער פון דעם קינדער־היים, האָט שוין דער־וועגן גערעדט.

— נו, וואָלט איר, שוועסטער אויך אַזוי רויק, געמיטלעך געטראָטן אויף אייערע גראַבשטיינער?

— אום גאָטעס ווילען! — ווערט זי אויפגעבראַכט, — ווער וועט דען וואַגען גראַבשטיינער פאַן דעם קירכהאָף צו באַו־צוועקען נעמען?

— אַזוי? און וואָס מיינט זי, די דאָזיקע גאָטספּאַרכטיקע, פון וואַנען שטאַמען די דאָזיקע גראַבשטיינער, ווי אַזוי קומען זיי אַהער?

— יאָ, אָבער די יודען וואַרען דאָך ניכט, זי זינד דאָך וועק...

די יודען וואַרען וועק... ווער ווייסט, וואָס אין דאָזיקן ענטפער איז געלעגן, תמימות, רשעות, אַליין־אָפּנאַרעריי, נאַיִוויטעט אָדער אַלץ צוזאַמען?

פון דער קינדער־מחנה, וואָס האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום אונדז און שטיפעריש זיך נאָכדעם צעלאָפן, איז איינער געבליבן.

— אַזוי, איר קאָנט לייענען די דאָזיקע שריפט? ער וויל וויסן, צי איך בין אַ יודע?

— יאָ, וואָס דען?

— ער איז אויך אַזאַ; אייגנטלעך איז ער יאָ און נישט — זיין פאָטער איז געווען אַ יודע — אָפּגעהיימער האָט ער געהייסן; זיין מוטער איז אָבער אַ רהיינלענדערין; האָבן זיי, די „ברוינע“ (אַזוי זאָגט די „מאַ“) דעם „פּאַ“ צוגענומען אין 1942; ער געדענקט עס נישט; די „מאַ“ זאָגט, אַז אַ האַלב יאָר נאָכדעם איז ער אויף דער וועלט געקומען; די „מאַ“ האָט זיין פאָטאָ־גראַפיע; ער איז געווען אַ בראַווער מאַן; און דאַן זענען זיי, ער און „מאַ“, אַוועק „אויפן לאַנד“ (אין אַ דאָרף) צו די גראָסעלטערן, ווייל מען האָט זיי געוואָלט שיקן קיין טערעזיענשטאַט...

און עס פירט מיך דער חצי־דייטש, האַלב־ייִד, מיט שוואַרץ־געקרייזלטע האָר און ברענענדיקע אויגן — דאָ ליגן נאָך שטיינער; אָט זענען נאָך טרעפּ; אויך דאָרטן זענען די זעלבע פּאַראַן. ער, וואָלפגאַנג, הייסט ער, שפּילט זיך

דאָ שטענדיק; אין זיין העפט צייכנט ער איבער די דאָזיקע צייכנס; די קינ־דער לאַכן פון אים; זיי שפּאָטן אים נאָך „יודע״; נאָר דאָס אַרט אים נישט...

— פאַרוואָס האָט עס היטלער געמאַכט, פרעגט ער מיך.

— ווייסן דאָס די קינדער, אַז היטלער האָט עס געמאַכט; וואָס זאָגן זיי צו דעם, די 8־10 יאָריקע האַנסלעך און אַדאָלפלעך?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך ווייסן זיי דאָס! דער פאָטער זאָגט, אַז דער הער גאָט האָט דעריבער באַשטראָפט די שטאָט; ער, דער הער גאָט, האָט אויך געמאַכט, אַז די „אַדאָלף היטלער בריקע״ זאָל צעשטערט ווערן (זי איז מיט באָמבעס אויפגעריסן)...

עס אינטערעסירט אים, וואָלפגאַנגן, צי מען וועט די דאָזיקע גראַב־שטיינער פונדאַנען אַוועקנעמען. ער מיינט, — עס ווערע שאַדע... עס וועט זיין אַ שאָד; זאָלן זיי בעסער דאָ בלייבן; ער האָט ליב מיט דעם זיך צו שפּילן. זיין מוטער, וועלכע איז אַ פאַבריק־אַרבעטערין, קומט אים אָפּט אָפּנעמען פון שול, און זי זיצט שטענדיק אויף די שטיגן. ווייטער, זאָגט ער, דאַרפן זיי בלייבן — זאָלן אַלע וויסן און זען, וואָס די „ברוינע״ האָבן געמאַכט...

— קאָמען זי מיט מיר, ער וואָנט ניכט וויט פונדאַנען. די מוטער וועט זיך פרעהען, ווען איך וועל קאָמען צו זיי. ער וועט מיר וויזן זיין טאַטנס פאָטאָגראַפיע — „מאַ״ וועט ניכט בעזע זיין; זעלטן ווען עס קומט צו זיי עמיצער „אַוף בעזוך״...

איך בין זיך מודה — דאָס יאַטל האָט מיך מנצח געווען. איך האָב זיין שטוב געזען. די וווּנדערבאַרע העלמוט אָפּענהיימער־שנעקע געטראָפן (און אַ לעבנס־טראַגעדיע, אַן עפּאָפּייע פון אַ צערודערטן דור דערזען. דאָס געהערט אָבער צו אַן אַנדערן מין שפּורן).

איך האָב די ווערטער פון קליינעם וואָלפגאַנג נאָכגעטראַכט — און אפשר איז ער טאַקע גערעכט, אפשר איז טאַקע אַ פּלאַן דאָס דאָזיקע אָרט אַרומצוצוימען ווי אַן אדמת קודש, הייליקע ערד, און עס זאָל זיין אַ דענק־מאָל לדורות — אַ מצבת דיראון — זעט, מענטשן, דאָס האָבן זיי, די וואַנ־דאַלן פון 20טן יאָרהונדערט אויפגעטון.

אָבער, צי וועט אַזאַ מצבה דורך די „געוועזענע״ נישט זיין גאָר ווי אַ נצחון־דענקמאָל? און ווי לאַנג וועט ער זיך אויפהאַלטן בשכנות מיט דער „אַדאָלף היטלער בריקע״?...

איך בין נאָכדעם געווען אין דעם קאָבלענצער מלוכהשן אַרכיוו, וועל־כער געפינט זיך אין דער פעלזיקער פעסטונג עהרנברייטשטיין.

צווישן אַ זייער רייכער זאַמלונג פון ייִדישע אַרכיוואַליען זענען דאָרטן אויך אָפּגעהיט געוואָרן 2 אזכרה־ביכער, אַזוי־גערופענע מעמאָר־ביכער, פון די קהילות קדושות קאָבלענץ און טהאַל, אין וועלכע עס זענען פאַר־צייכנט די נעמען פון די נפטרים פון יאָר 1610־1383.

לייען איך אויפן שער־בלאַט פון איין מעמאָר־בוך:

...הזכרות נשמות —
שמתו ונהרגו על קדושת השם צבאות,
השם ינקום לדמם נקמות...
ויבשר לנו ישועות ונחמות,
ויהפוך לששון ולשמחה הדמעות
ולעלות לארץ צבי ברננות...

מיש איך בלאַט נאָך בלאַט, יעדער פּאַרמעטענער דף דערציילט אַ באַזונדערע געשיכטע. בעת־מעשה האָב איך געטראַכט: האָבן געוווסט די יעניקע, וועלכע האָבן די „יזכורס" פאַרשריבן לדורות, אַז זייערע שטיינער־נע זכרונות וועלן זיך וואַלגערן ללעג ולקלס? האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס, וואָס זיי האָבן געשריבן וועגן דער נקמה פון השם צבאות, וועט מען דאַרפן נאָכאַמאָל, צענדליקער מאָל איבערחזרן?

די אותיות מרובעות פון די טרעפּ אין דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן זנות־הויז יאָגן מיך נאָך; לאָזן בשום אופן נישט אָפּ, הגם זיי זענען נאָכדעם פון דאָרטן אַרויסגענומען געוואָרן. מיין אינטערוועניץ ביי מאַריאַן זשידן, וועלכער האָט עס נאָכדעם איבערגעגעבן דעם אָקופּאַציע־פאַרוואַלטער, האָט געהאָלפן און מ'האָט די חרפה פון מיטן שטאָט צוגענומען.

היינט שטייט אַ דענקמאָל פון די דאָזיקע הונדערטער שטיינער אויפן קאָבלענצער בית־עולם. אַ דענקמאָל פון שברי־לוחות, צעבראָכענע לוחות פון דורות און תקופות.

קוקנדיק אויף די דאָזיקע ברוכשטיקער איז מיר אין זינען געקומען די לעגענדע מיט משה רבינוס צעבראָכענע לוחות. פון זיי זענען די אותיות אַרויסגעפלויגן פאַר בושה, פאַר חרפה. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרנעמעז די מענטשלעכע פאַרדאָרבנקייט און נישט געוואָלט בלייבן אין שטיין.

פון די קאָבלענצער צעבראָכענע לוחות פליִען נישט אַרויס די אותיות... זיי זענען געבליבן און שרייען אַרויס, וואָרענען, און דערציילן... און יעדער ברוך־שטיק איז פאַר זיך אַליין אַ לוח געוואָרן, ווו דער „פה נטמן" איז אין אַ „לא תגנוב" פאַרוואַנדלט געוואָרן און די ת'נ'צ'ב'ה' — אין אַ „לא תרצח"...

אַ יידישע קהילה „שענדעט" איר בית־עולם

דאָ, עס איז נישט קיין וויץ און אויך נישט קיין אויס־טראַכטעניש. איך האָב עס מיט מיינע אויגן געזען. אין מיינע וואַנדערונגען איבער דייטשלאַנד האָב איך אָנגעטראָפן אויף דעם דאָזיקן אומגלויבלעכן פאַקט — אויף דעם, אַז אַ יידישע קהילה־פירערשאַפט האָט, אויפן סמך פון אַ ספּעציעלער תקנה, באַשלאָסן אומ־צוּוואַרפן די שטייענדיקע מצבות פון זייער בית־עולם!...

די געשיכטע איז זיך פאַרלאָפן נישט מיט יאָרהונדערטער צוריק. דאָס איז געשען אין אונדזערע היינטיקע טעג, ווען פון פאַרשידענע זייטן פון דייטשלאַנד, פון מזרחדיקן און מערבדיקן קומען אָן ידיעות וועגן די אומגעוואָרפענע און פאַרשוועכטע מצבות דורך... „שפּילענדיקע קינדער".

איידער מיר קומען צו דעם דאָזיקן, אויסטערלישן פאַקט — אַ פּאָר שורות וועגן דעם ענין מצבות־שענדונג בכלל, וואָס מיר האָבן פריִער, נישט איינמאָל, פאַרבייוועגס, דערמאָנט.

דער היינטצייטיקער פּאָפּולערער אויסדרוק „גראַבשטיין־שענדונג" איז אין תוך גאָרנישט אַזוי ניי. אין אַן אַרבעט וועגן די פאָרגעקומענע אין די לעצטע, נאָך־מלחמהדיקע יאָרן, בית־עולם־פאַרשוועכונגען, זענען מיר געקומען אונטער דער האַנט כל־המינים אַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דערזעלבער מאַטעריע און באַציִען זיך צו יאָרהונדערטער צוריק. אין די אַרכיוון פון מינכען, מאַרבורג, קאַרלסרוהע, ווירצבורג, מינסטער א״אַ, האָב איך געפונען פּראָטאָקאָלן פון פּראָצעסן, קאָפּיעס פון תביעות, באַריכטן פון פּאָליציי, וואָס האָבן אַ שייכות צו יאָרהונדערטער צוריק. עס ווייזט זיך

אַרויס, אַז די עלטער־זיידעס פון די היינטיקע „שפּילענדיקע קינדער" האָבן שוין די דאָזיקע מלאכה, פון פּאָגראָמירן יידישע בית־עלמינס, געקאָנט.

און געטון האָט מען עס דאַן, ווען עס איז נישט געווען באַקוועם, אָדער עס איז געווען געפערלעך זיך צו נעמען צו די לעבעדיקע; האָט מען זיך „אָפּגערעכנט" מיט די טויטע, און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו פאַרענדיקן מיט די לעבעדיקע. אינטערעסאַנט איז אויך דאָס, וואָס איך האָב פעסטגעשטעלט, אַז די דאָזיקע אַלטע געשיכטעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף די זעלביקע בית־עלמינס, וועלכע ווערן היינט געשענדעט, און ווער ווייסט, אפשר אויך די זעלביקע מצבות.

אין דער ליטעראַטור וועגן די יידישע בית־עלמינס פאַרנעמט בכלל אַ זייער אָנגעזען אָרט דער ענין חילול־המת צוליב צעשטערן זייער רו־אָרט. פון קדמונים אָן איז, משמעות, געווען אַזאַ מין „מלחמה" מיט די יידישע מצבות. ס'איז אַ פאַקט, אַז זייער פיל פּויפּסטלעכע בולעס טרעטן אַרויס שאַרף קעגן דער שענדונג פון יידישע בית־עלמינס (אין 12טן יאָר־הונדערט די פּויפּסטן: קאַליקסטוס דעם 3טער; אויגעניוס דער 3טער; אַלעק־סאַנדער דער 3טער; קלעמענס דער 3טער; צעלעסטין דער 3טער און אינאָ־קענטיוס דער 3טער).

עס האָבן עס נאָכדעם אַריינגענומען אין זייערע „פּריווילעגיעס" פאַר די יידן די פאַרשידענע מלכים, ראשית־כל די דייטשע הערשער. אַזוי האָט דער הערצאָג פרידריך דער צווייטער פון עסטרייך אין זיין „יידן־פּריווילע־גיע" פון 1טן יולי 1244 אַריינגענומען דעם פּונקט:

> „ווען אַ קריסט אַ יידישן פרידהאָף צו פאַרוויסטן אָדער פאַר־
> כאַפּן פאַרטראַכט, זאָל ער בהסכם מיטן רעכט שטאַרבן, זיין גאַנץ
> אייגנטום זאָל פאַר דער קאַסע פון הערצאָג קאָנפיסקירט ווערן".

אַלזאָ, טויט־שטראָף פאַר שענדן אַ יידישן בית־עולם.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דאָס זעלבע איבערגעחזרט געוואָרן אין די פּריווילעגיעס פון הערצאָג אָטאָקאַר (1254); פון קעניג רודאָלף פאָן האַבסבורג (1268) און גאָר שפּעטער זענען זיי אַריינגענומען געוואָרן אין די פּוילישע און ליטווישע פּריווילעגיעס פאַר יידן.

אין די קאַלישער סטאַטוטן, די פּריווילעגיע וואָס עס האָט אַרויסגע־געבן דער פירשט באָלעסלאַוו דער פרומער פאַר די יידן פון פּוילן, אויס־געשטעלט אין קאַליש דעם 16טן סעפּטעמבער 1264, געפינט זיך דער דאָזיקער ענין.

פאַראַגראַף 14. וועגן חרוב מאַכן אַ יידישן בית־עולם

„מיר ווילן, אַז אויב אַ קריסט וועט זייער (דעם ייִדישן) בית־עלמין חרוב־מאַכן אָדער באַפאַלן, אויף וועלכן נישט איז אופן, זאָל לויטן מנהג פון אונדזער לאַנד און לויט אונדזערע געזעצן שטרענג באַשטראָפט ווערן און אַלע זיינע חפצים, ווי זיי זאָלן נישט הייסן דאַרפן צוגענומען ווערן פאַר אונדזער אוצר".

דער דאָזיקער פונקט איז נאָכדעם אַריבער אויך אין די ליטווישע פּריווילעגיעס. די ערשטע פּריווילעגיעס פאַר די ליטווישע ייִדן, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר דעם שטעטל טראָק פון דעם ליטווישן גרויס־פירשט וויטאָלד, דעם 24סטן יוני 1388, האָט אַ פּאַראַגראַף קעגן בית־עולם־שענדונגען.

לשם קוריאָז זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אויך דער וויטערדיקער פאַקט. אין די צייטן פון דער הערשאַפט פון פרידריך דעם גרויסן אין דייטש־לאַנד (1740־1876), איז לויט זיין באַפעל, צוליב היגיענע־טעמים, פאַרלייגט געוואָרן אין ברעסלאַו אַ נייער בית־עולם. ביים אַריינגאַנג האָט זיך געפונען אַ טאָוול, אויף וועלכן עס איז אין דייטש געווען דער וויטערדיקער שפּרוך אין פערזן:

„ווער דיזע רוהעשטאַט פאַרלעצט
דעם ווירד איין בייל דורך שלאג פערזעצט,
מען האוט דורך בייל די האַנט אים אַב,
דער היר בעשעדיקט דאַס גראַב".

בכדי צו פאַרפעסטיקן די דאָזיקע וואָרענונג איז טאַקע ביים טאָוול געווען אַ בילד, וואָס האָט פאַרגעשטעלט אַן אָפּגעהאַקטע האַנט.

עס איז, משמעות, שטאַרק געלעגן אין בלוט די מידה פון שענדן ייִדישע בית־החיימס, אויב מען האָט געמוזט אַזוי שטרענג קעגן דעם וואַרענען און אַרויסטרעטן.

די צוזאַמענשטעלונג פון אַ לפי־ערכדיקע רשימה פון די געשענדעטע בית־עולמס אין דייטשלאַנד פון 1946 ביז היינט גרייכט די צאָל פון העכער 200 געשענדעטע בית־עולמס מיט טויזנטער אַלטע מצבות אָדער ניי־געשטעלטע דענקמעלער פאַר די קדושים פון די נאַצישע רציחות.

באַטראַכט מען די דאָזיקע פאַרשוועכונגס־רשימה זעט מען, אַז עס קומט פאַר אַ מין „געוועט" צווישן די באַזונדערע לענדער און געביטן אין דייטשלאַנד — צווישן בייערן און העסען; צווישן באַדען און ווירטעמבערג;

זאַקסן און רהיינלאַנד — ווער וועט מער זיך קענען אַרויסווייזן מיט אַק־טיוויטעט אויפן דאָזיקן פאַרשוועכונגס־פראָנט. אַ ניטזעבאַרער פּאָדעם ציט זיך פון אַשאַפענבורג (בייערן) ביז האַנאָווער (נידערזאַקסן); פון פראַנקפורט (העסען) ביז קאָבלענץ (רהיינלאַנד); פון גערעסהיים ביז בערלינער בית־עולם אין דער מזרח־זאָנע.

אַן איינהייטלעכן סיטעם האָבן די דאָזיקע „שפּילנדיקע קינדער", זיי וואַרפן אום די מצבות, אָפטמאָל צעשמעטערן זיי און דערביי טרעפט זיך נישט זעלטן, אַז זיי פאַרגעסן נישט איבערצולאָזן סימנים מען זאָל נישט האָבן קיין טעות אין זייער כוונה. מען זאָל טאַקע וויסן דעם אמתן זין פון דעם „קינדער־שפּיל" — זיי קריצן אויס דעם סימן־מובהק פון זייער אי־דייע — דעם האַקנקרייץ.

אין אַשאַפענבורג איז דער געשענדעטער דענקמאָל באַמאָלן געוואָרן פון דריי זייטן מיט אַ רויטן האַקנקרייץ. אין שוואַבנהויזן ביי לאַנדסבערג, ווו נאָך דער שענדונג פון בית־עולם האָבן די דאָזיקע „קינדער" נישט פאַר־געסן אָנצוצייכענען מיט שוואַרצע פאַרב האַקנקרייצן אויף די דריי מצבות, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן פאַר די 186 פאַרפייניקטע קאַצעטלער, וועלכע זענען דאָרט געקומען צו קבר ישראל נאָך דער באַפרייונג.

און מען דאַרף געדענקען, אַז ווען מען רעדט וועגן דער צאָל פון די פאַרשוועכטע בית־עולמס ווערט געמיינט נאָר די יעניקע וועגן וועלכע די עפנטלעכקייט דערציילט, וועגן די יעניקע וועלכע די פּרעסע האָט אינפאָר־מירט. און וויפל שענדונגען זענען געבליבן אין בלייבן אומבאַוווסט?

***

און אָט בין איך אין פולדאַ, און צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר פון דער יידישער געמיינדע יחזקאל אייזלאַנד (געפינט זיך שוין איצטער אין ישראל, קרוב פון יידישן שרייבער ראובן אייזלאַנד), גייען מיר אויפן דאָרטיקן „נייעם" יידישן בית־עולם. אַ משונהדיק בילד האָט זיך פאַר מיר אַנט־פּלעקט. דאָס גאַנצע פעלד איז באַדעקט מיט אומגעוואָרפענע מצבות, נאָר איינצלנע שטייען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אויף מיין פראַגע: — זאָגט נאָר, חבר אייזלאַנד, ווען איז עס ביי אייך געשען, ווען איז פאָרגעקומען די דאָזיקע מאַסנהאַפטע „גראַבשטיין־שענ־דונג", אייער גאַנצער בית־עולם איז דאָך איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און קיינער ווייסט גאָרנישט וועגן דעם? פאַרוואָס האָט איר עס נישט אי־בערגעגעבן אין דער פּרעסע פאַר דער עפנטלעכקייט?

— פאַרוואָס זאָלן מיר וועגן דעם דערציילן, אַז דאָס האָבן מיר געמאַכט; מיר, די קהילה־פאַרוואַלטונג האָבן די מצבות אומגעוואָרפן; דאָס איז אונדזער אַרבעט.

תחילת האָב איך נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. „די ייִדן מאַכן אויף זיך אַליין פּאָגראָמען", האָבן אַמאָל אַנטיסעמיטישע חכמים געזאָגט, און דאָ שענדן טאַקע ייִדן אַליין, מיט אייגענע הענט, זייער בית־עולם. אָבער אַ ווײַלע שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן דער זין פון דער דאָזיקער „שענדונג".

עס דערציילט מיר פריינט אייזלאַנד פון דעם ווייטערדיקן באַשלוס: די קהילה איז געווען שטאַרק באַזאָרגט מיט דעם מצב פון בית־עולם. עס לעבן נאָך אַ ביסל ייִדן אין דעם פרום־קאַטוילישן פולדאַ; אַ פּאָר אַלט־געזעסענע, צוריקגעקומענע פון טערעזיענשטאַט, בוכענוואַלד און אָשוויענטשים; דער רוב פּליטים פון מזרח — פון פּוילן, פון ליטע, פון רוסלאַנד. די צאָל ווערט פון טאָג צו טאָג קלענער. טייל זענען עולה, טייל פאָרן מעבר לים; די פאַרוואַלטונג זעט פאַר זיך דעם טאָג, ווען פולדאַ וועט ווערן ייִדן־ריין, וועט בלייבן אויף הפקר דער פּראַכטפולער בית־עולם, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַלע שטורעמס און חורבנות. וואָס וועט מיט אים געשען, ווען דער לעצטער שומר וועט אויך אַוועקגיין? ווי זאָל מען דאָס דאָזיקע הייליקע אָרט פאַרזיכערן פון „שפּילענדיקע קינדער"? וואָס זאָל מען מאַכן, אַז דער אָנדענק פון די טייערסטע זאָל נאָכן אַוועקגיין פון די לעצטע ייִדן נישט ווערן פאַרשוועכט? — איז געקומען דער פאָרזיצער פון דער קהילה, איינער פון די אַלטע פולדער, אַ זעלטענער מענטש און מוטיקער ייִד, מאַקס גערמאַן, און האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג:

מיר וועלן נישט וואַרטן אויף די „שפּילענדיקע קינדער" — מיר אַליין וועלן עס מאַכן, איידער זיי וועלן עס טון!

און די געמיינדע־פאַרוואַלטונג האָט באַשלאָסן איינצולייגן אַלע שטייענערנע מצבות. עס איז אַוועק אַן אַרבעט; הונדערטער מצבות זענען איינגעבראָכן געוואָרן. מען האָט זיי חס־וחלילה נישט סתם אומגעוואָרפן; מען האָט זיי פאָרזיכטיק און גלייך אַוועקגעלייגט און אין אַזאַ ליגנדיקע פּאָזיציע צוריק איינגעמויערט, מיט צעמענט, אויף די קברים. אַנו, זאָלן איצט פּרוּוון „קינדער" אַרויסרייסן די דאָזיקע מצבות.

דער דאָזיקער מערקווירדיקער באַשלוס דערמאָנט די פאַרשידנסטע נוסחאות פון די קידוש־השם־געשיכטעס; אַ נייע וואַריאַציע פון די יעניקע, וועלכע האָבן זיך געלאָזט פרייוויליק פאַרברענען; וועלכע האָבן זיך געלאָזט

אַליין אונטערצינדן אין די שולן; פון מאַמעס, וועלכע האָבן געשאָכטן זייע־רע אייגענע קינדער; פון מיידלעך, וועלכע האָבן פון די בריקן געשפּרונגען אין שטורעמדיקע טייכן; פון רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן זיך מיט נאַפּט־לאָמפּן אין קאַזאַמעטן פאַרברענט פון די יעניקע, וועלכע פלעגן גיין אַליין פרייוויליק צו דער עקידה.

שפּאַציר איך צווישן די שורות איינגעבראָכענע, איינגעלייגטע מצבות, און טראַכט וועגן די פאַרשידענע „פּה נטמנס״, פון די, וועלכע זענען באַ־טיטלט מיט „איש תם וישר״, אָדער „אשת חיל מי ימצא״ — די פאַרשי־דענע פּשוטע ישראלים און יחוסדיקע כוהנים, וואָס מיינען זיי, די דאָזיקע שוכני עפר, וועגן דעם טומל, וואָס עס איז אויבן, איבער זייערע קברים? האָבן זיי פאַראיבל אָדער בענטשן זיי גאָר די „שענדער״, די יעניקע, וועל־כע האָבן אָנגעהויבן שטערן זייער רו?

און אָט שטיי איך ביי דער פּראַכטפולער, איינגעבראָכענער מצבה פון באַרימטן מרא־דאתרא, הגאון משה־מיכא קאהן. פון זיין, מיט טעקסט אָנ־געפּיקעוועטער מצבה, שרייען אַרויס די שורות:

...מלחמת השחיטה עת כי גברה
יצא בקרב והעביר הגזירה...

ווער וועט זיך קעגנשטעלן די אַנדערע שחיטות; ווער וועט אָפּשרייען די ווייטערדיקע גזירות... וועלטן האָט ער איינגעלייגט, דער דאָזיקער רב. איצט ליגט זיין מצבה צוזאַמען מיט זיין גאַנצער עדה, איינגעלייגט.

דער פולדער בית־עולם מיט די איינגעלייגטע מצבות.

ווי אַזוי זענען אָבער די פולדער געקומען צו אַזאַ מין „אַנטדעקונג“; ווער האָט זיי אונטערגעזאָגט אַזאַ מיטל?

— גאַנץ פּשוט. בימי היטלער (ביז 1942, ווען מען האָט אַלע פולדער ייִדן דעפּאָרטירט), זענען ייִדן געשטאָרבן און מען האָט זיי שטיל, אָן פּאַראַד, מקבר געווען. עס איז דאַן נישט געווען קיין צייט, קיין שטימונג, קיין געמיט און מעגלעכקייט צו שטעלן געהעריקע מצבות, ווי דאָס איז געווען איינגעפירט. האָט מען זיך אין יענע פינצטערע יאָרן באַגנוגנט מיט פּשוטע, פלאַכע, ליגנדיקע שטיינער. מען האָט נאָר אָנגעשריבן דעם נאָמען און דאַטע פון נפטר. די דאָזיקע, על־פּי־הדחק, מצבות, האָבן אויסגעמיטן אַלע מינים צעשטערונגען. מען האָט זיי גאָרנישט געקאָנט טון — ווי זאָגט אַ ווערטל: „אַ ליגנדיקן שלאָגט מען נישט“. וואָס קאָן מען, משטיינס געזאָגט, מאַכן מיט אַזאַ ליגנדיקן שטיין? און דאָס האָט איצט געבראַכט צום געדאַנק — איינלייגן אַלע אַנדערע מצבות.

**
*

די פאָרשערס פון די ייִדישע בית־עולמס אין דייטשלאַנד פלעגן שטענדיק אין זייערע אַרבעטן אויסטיילן אַ פּאָר בית־עולמס, וואָס האָבן ליגנדיקע מצבות — דאָס זענען געווען די בית־עולמס פון די פּאָרטוגעזישע ייִדן אין האַמבורג און אין אַלטאָנאַ ביי האַמבורג, און דער בית־עולם אין ראַטוויל (ווירטעמבורג). וועגן די דאָזיקע אוניקום בית־עולמס איז שוין פאַראַן אַ היפּשע ליטעראַטור. פאַר די ווייטערדיקע פאָרשערס איז צוגעקומען נאָך איין אָביעקט — פולדאַ.

ערגעץ־ווו איז פאַראַן אַ ווערטל: „אַ פאָלק אָן געשיכטע איז ווי אַ מענטש אָן אַ זכרון“ —.איך וואָלט דעם דאָזיקן אַפאָריזם נאָך מער אויסגעברייטערט — ווייל מען מקיים זיין דעם זכור אשר עשה... געדענקען אַלץ, וואָס עס איז אונדז אָנגעטון געוואָרן, דאַרף מען יעדע לעבנס־געשיכטע פאַרצייכענען, פאַרשרייבן, און עס איבערגעבן די ווייטערדיקע דורות. צו די דאָזיקע קליינע פּרטים דאַרף מען צורעכענען די „פולדער סיסטעם“. זי דאַרף אפשר טאַקע ווערן פּאַטענטירט פאַר פולדאַ, אָבער אַריינגענומען דאַרף זי ווערן אין דעם גאַנצן פאָלקס־זכרון.

**
*

אַרויסגייענדיק פון מערקווירדיקן בית־עולם האָב איך זיך נאָך פאַרהאַלטן ביים טהרה־שטיבל, ווו עס איז ביי דער וואַנט איינגעמויערט אַ שוואַרצער מאַרמאָר־שטיין, אַ מצבה, וואָס איז געשטעלט געוואָרן:

אין לאַבירינטן פון תקופות

לזכרון אנשי קהילתנו שנפלו במלחמה — פאַר די 18 פולדער ייִדן, וועלכע זענען געפאַלן אין דער מלחמה 1914־1918 פאַרן „פאַטערלאַנד“.

דער דאָזיקער דענקמאָל איז געווען צעהאַקט. די צוריקגעקומענע האָבן אויפגעשטוקעוועט די פינף שטיקער און אָט שטייט ער און דער־ציילט פון דער „טאַפּפערקייט“ און „העלדישקייט“ פון די פולדער ייִדן. און אויף דער דאָזיקער שטיין האָט אַן אייגענער, פולדער, אַנדערשקייט. ער איז אַנדערש פון די פיל הונדערטער פון דעם מין, וואָס איך האָב געזען. אומעטום זענען די נעמען פון די געפאַלענע סאָלדאַטן אין דייטש. דאָ זענען זיי אין העברעיִש. סיי דער נאָמען פון געפאַלענעם, סיי דער נאָמען פון פאָטער.

מיר זענען אין צענטער פון דער שטאָט, אין לעבעדיקסטן טייל. מיר שטייען אויף דער רהאַבאַנוס און לינדענשטראַסע. מיר האָבן פאַר זיך אַן אַרומגעצוימטן ליידיקן פלאַץ. דאָ, אויף דעם אָרט איז געווען דער אַלטער פולדער בית־עולם. אפשר ליגן דאָ די ערשטע קרבנות פון בלוט־בילבול פון יאָר 1235. היינט איז ער ריין, דער פלאַץ, באַדעקט מיט גראָזן; איינ־צלנע בוימער אויף פאַרשידענע עקן פון פלאַץ. קיין סימן, קיין צייכן, אַז ערשט מיט 16 יאָר צוריק, אין יאָר 1938, איז דאָ געווען איינער פון די עלטסטע און אָריגינעלסטע ייִדישע בית־עולמס פון דייטשלאַנד.

אין דעם שגעון־חודש, אין נאָוועמבער 1938, ווען עס זענען מיט פייער אַוועק הונדערטער סינאַגאָגעס, די פולדער בתוכם, האָבן די פרומע, די קאַטוילישע נאַציס פון פולדא באַשלאָסן אָפּצורוימען דעם „שאַנדפלעק“ פון דעם מיטלפונקט פון זייער באַראָק־שטאָט.

אַ באַפעל פון דער פאַרטיי — און מיט רציחה האָבן זיך די נאַצי־באַרבאַרן אַ וואָרף־געטון אויפן מיטלאַלטערלעכן בית־עולם, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען הונדערטער ווונדערבאַרע דענקמעלער־מצבות. ווי פראַקטישע לייט, האָט מען די מצבות פאַרווענדט אויף בוי־מאַטעריאַל.

מיר איז נאָכדעם אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיטן דאָזיקן „באַ־פעל“, און אויך מיט די באַריכטן, פון וואַנען עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אין וועלכע געביידעס די דאָזיקע שטיינער זענען איינגעמויערט...

ווער ווייסט, אפשר וועט מען אַמאָל פון אונטער חורבות אַרויסשלעפן אַלטע מצבות. זאָל מען וויסן פון וואַנען זיי שטאַמען; זאָל מען געדענקען, אַז זיי זענען איינגעמויערט געוואָרן אין דער בהלה־תקופה פון דער נאַצי־הערשאַפט פון דעם פינצטערן רציחה־יאָר, שנת תרצ״ח לפרט.

צוועלף טויזנט קולטור־היסטאָרישע דענקמעלער
זוכן אַ תּיקון

פאַראַן אַ גמרא־ווערטל: „זכה נעשת מלאכתו בידי אחרים"; עס הייסט, אַז אויב עמעץ האָט אַ זכות, ווערט זיין אַרבעט אויסגעפירט דורך אַנדערע. דער דאָזיקער תלמוד־אַפאָריזם איז מיר שוין נישט איין־מאָל געקומען אויפן רעיון און דאָס דאַן, ווען איך האָב אין מיינע נסיעות זיך אָנגעטראָפן אויף ממש אומגלויבלעכע און אָפּטמאָל אויסטערלישע פאַקטן, צווישן זיי געהערן אויך די יעניקע דייטשן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פאָרשונגען און שרייבן געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן ייִדן אין דייטשלאַנד.

מען דאַרף די יעניקע, וועגן וועלכע איך וועל דאָ ווייטער דערמאָנען, נישט צונויפמישן מיט די כל־המינים „יודען־ספּעצן" פון געבעלסעס און שטרייכערס חדר. דאָס זענען ערנסטע וויסנשאַפטלער, וועלכע טוען אַן אַרבעט, וואָס ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלטן עס געדאַרפט, אייגנטלעך געמוזט, טון די אין דעם פּרט דירעקט־פאַראינטערעסירטע — די ייִדישע פאָרשערס.

אָט זיצט אַן אַלטער דאָקטאָר־פילאָלאָג לואיס דירוואַנגער אין זאַנט־האַפען (אַלגאַו), וועלכער האָט אין משך פון העכער 40 (פּערציק!) יאָר געמאַכט פאַר זיין לעבנס־ציל צו פאָרשן דעם קאַפּיטל ייִדישע געשיכטע אין קריגסהאַבער־אויגסבורג. 40 יאָר ווי ער זאַמלט ברעקלעך צו שטיקלעך נישטערט אין אַרכיוון און מוזעאומס, האָט אויסגעמאָסטן יעדן שטיין און ווינקל אויפן אַלטן בית־עולם, אויף וועלכן עס זענען נאָך פאַראַן מיטלאַל־טערלעכע הילצערנע מצבות. אגב, האָבן מיר פריער וועגן דעם דערציילט. ווי אַזוי מען האָט דעם מאַנוסקריפּט געמוזט אויסבאַהאַלטן אין דער צייט פון דער „נאַכט פון לאַנגן מעסער" איז אַ קאַפּיטל אַן און פאַר זיך. ליגט

איצט דער כתב־יד און ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל אים אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין.

און אין געלזענקירכען געפינט זיך אַ ד״ר שנעע, וועלכער האָט אין משך פון העכער 30 יאָר צונויפגעקליבן מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די שוץ־יידן, פון די הויף־פאַקטאָרן און הויף־ליפעראַנטן; איינער פון די קאַלירפולסטע קאַפּיטלען פון די דייטשע יידן. פון העכער 50 אַרכיוון האָט ער די מאַטעריאַלן אַרויסגעקליבן. אַ טייל פון די דאָזיקע אַרכיוון עקזיסטירן שוין נישט, אָדער עס וועט אַזוי גיך שוין נישט מעגלעך זיין צו זיין צוצוקומען (פּויזן, קעניגסבערג, ברעסלאַו, א״אַ). ער האָט צוגע־גרייט אַ ריזן־אַרבעט פון העכער 1000 זייטן געדיכטער מאַשין־שריפט. וואָס זאָל מיט דער דאָזיקער אַרבעט געשען?

אַן אַלטער פּראָפעסאָר — אויגוסט יעגעל פון נירנבערג האָט צוגע־גרייט אַן אַרבעט (אַ סיזיף־אַרבעט, וועלכע האָט ביי אים צוגענומען צענד־ליקער יאָרן), א. ד. ט.: „קעגנער און פריינט פון די יידן אין נירנבערג און סביבה״. עס איז אַ צוזאַמענשטעלונג פון פאַקטן און דאַטן וועגן דער באַציִונג, געזעצגעבונג, פאַרהעלטענישן, באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, שונאים און גוטע פריינט,אכזריות און מענטשלעכקייט, שנאה און טאָלע־ראַנץ; אַן אַרבעט, וואָס איז אַ לעבעדיקער שפּיגל פון יאָרהונדערטער.

— „דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף די „נירנבערגער געזעצן״, — זאָגט דער אַלטער פּראָפעסאָר, אָבער דאָס איז געווען נאָר פאַר מיר, ווייל ווער וואָלט עס געוואָלט „דאַן״ עמעצן ווייזן?

אַ גרייז־גרויער, 93־יעריקער לערער אַנטאָן בוהל, האָט אָנגעשריבן אַן אַרבעט: „צושטייער צו דער געשיכטע פון יידן אין בייזינגען״. די דאָזיקע אַרבעט איז געווידמעט די צוויי, פון טערעזיענשטאָט לעבעדיק־צוריקגעקומענע יידן פון שטעטל (פון 100, וועלכע זענען געווען אין 1933).

איך האָב נאָר אַ טייל פון דעם מין חסידי אומות העולמניקעס אויס־געַרעכנט (די וואָס פאַרדינען עס באמת), וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אונדזערע ענינים. און מיר דוכט זיך, אַז דער חז״ל־מאמר, וואָס איך האָב געבראַכט אין אריינפיר איז נאָר טיילווייז ריכטיק, זיי טוען טאַקע אונדזער מלאכה, אָבער צי איז דאָס אַ גרויסער זכות בין איך אין ספק.

עס איז אין גרונט גענומען די טראַגעדיע פון די דייטשע יידן, וואָס גראָד זיי, ביי וועלכע עס איז געווען זייער שטאַרק פאַרשפּרייט דער ענין היסטאָרישע פאָרשונגען, וועלכע האָבן געהאַט אַ חוש פאַר אָרט־מאָנאָ־

גראַפּיעס און אַלטערטימלעכקייט־פּלעגע, מוזן איצט אָנקומען צו דעם, אַז אַנדערע זאָלן פאַר זיי די דאָזיקע אַרבעט מאַכן.

איצט וויל איך אָבער אַן אַנדער פאַל באַרירן, אמת, פון דעם זעלבן אַספּעקט, אַ פאַל וואָס איז אפשר דער ערשטער און מן־הסתם דער איינציקער אין אונדזער פאַרשונגס־פּראַקטיק.

מען דאַרף נישט פאַרלירן קיין סך ווערטער וועגן דעם גרויסן ווערט פון מצבות פאַר געשיכטע־פאָרשונגען; זייער אינהאַלט, זייער שריפט, זייער אַרכיטעקטאָניק און באַפּוצונגען זענען אַ קוואַל פאַר היסטאָריקער, שפּראַך־פאָרשער, פאָלקלאָריסטן, קינסטלער, צייכנער, אַרכיטעקטן אאַ״וו. און וואָס עלטער די מצבה איז, אַלץ גרעסער איז איר ווערט און וואָס מער מצבות פון איין אָרט פון פאַרשידענע עפּאָכעס, אַלץ וויכטיקער איז עס פאַר די פאָרשערס.

און שטעלט אייך פאָר, אַז עס האָט זיך געפונען אַן אויסטערלישער מענטש, וואָס האָט פאָטאָגראַפירט העכער צוועלף טויזנט מצבות.

געמאַכט איז עס געוואָרן בימי היטלער, איידער גרויסע טיילן פון זיי זענען חרוב געוואָרן, דאַן ווען עס איז געגאַנגען די גרויסע השמדה פון די לעבעדיקע און די שענדונג פון דעם זכרון נאָך די טויטע.

און גראָד געהערן די דאָזיקע צוועלף טויזנט צו די אינטערעסאַנטסטע, פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט קהילות, דאָס זענען די בית־עולמס פון די קהילות אה״ו (אַלטאָנאַ, האַמבורג, וואַנדזבעק). אָט איז אַ גענויע צוזאַמענשטעלונג פון די געמאַכטע אויפנאַמעס:

1) האַמבורג, וואַנדזבעק, לאַנגרייהע — 1.000 מצבות;
2) האַמבורג, וואַנדזבעק, יענעפעלדערשטראַסע — 152;
3) האַמבורג, האַרבורג אַם שוואַרצענבערג — 271;
4) האַמבורג, נויער שטיינוועג — 16;
5) האַמבורג, אַלטאָנאַ, ביסמאַרקשטר. — 3.947;
6) האַמבורג, אַלטאָנאַ, קעניגשטראַסע — 7.134;
צוזאַמען — 12.520 מצבות.

נאָך מער: פון טייל מצבות, וועמענס אַרכיטעקטאָנישע באַפּוצונג איז באַזונדער עפעקטיוו, זענען געמאַכט געוואָרן 34 ספּעציעלע אויפנאַמעס פון דער אַרכיטעקטאָניק.

יאָרהונדערטער זענען דאָ פאַראייביקט געוואָרן; דורות האָבן באַקומען זייער תיקון אויף דער צעלולאָיד־טאַשמע. יעדע מצבה אַ ליד, אַן

אָדע, אַ דאָקומענט. דורות פון קינסטלערישער שאַפונג, ווו עס זענען פּאַרפּיקסירט געוואָרן די פאַרשידנסטע זשאַנערן און נוסחאות.

און צום ערשטן מאָל האָט מען אויך פּאַראייביקט אין אַזאַ גרויסער צאָל די אָריגינעלע מצבות פון די פּאָרטוגעזישע ספרדישע ייִדן, זייער גאַנצן טייל פון דעם אַלטאָנער בית־עולם.

אויף טייל מצבות, בעיקר די גאָר עלטערע, האָבן זיך געפונען די א״ג „שטיינמעצצייכנס״, דאָס הייסט די סיגנאַטור פון די שטיינהעקערס, זייער „פּאַך־אונטערשריפט״. אויך די דאָזיקע סיגנאַטורן זענען קאָפּירט געוואָרן.

געמאַכט האָט עס איין פרוי אַליטאַ שוואַרץ פון אַ האַמבורגער פּאָר־שטאָט.

שטעלט איר זיך פאָר די דאָזיקע אַרבעט? — דאָס קריכן (די ברוינע שומרים זאָלן נישט אויפמערקזאַם ווערן) און אַראָפּכאַפּן, פּאַרפּיקסירן לדורות דאָס, וואָס עס ווערט צעשטערט, צעבראָכן. און נישט על מנת לקבל פּרס, ווייל ווער האָט עס זיך געקאָנט ריכטן אין 1941־1942, ווען די „נאַכט פון לאַנגע מעסער״ איז נאָך געווען אַזוי געדיכט פינצטער, אַז עס וועלן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן האָבן אַן אינטערעס צו דעם „ייִדישן דרעק״.

***

ביי מיין אַרומזוכן דעם פאַרשוווּנדענעם נעכטן האָט מיר טאַקע דער פּאָרזיצער פון דער האַמבורגער געמיינדע, ה׳ האַרי גאָלדשטיין (געקומען פון „יענער וועלט״, וואָס הייסט טערעזיענשטאָט), געמאַכט אויפמערקזאַם אויף דעם פאַל.

איך בין זיך מודה, אַז ווען פריינט גאָלדשטיין האָט מיר וועגן דעם דערציילט, האָב איך געטראַכט, אַז אפשר איז עס איבערגעטריבן, און איך מוז זאָגן, אַז ווען איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן די טויזנטער פילם־אויפנאַמעס געזען, האָב איך זיך אַליין נישט געגלויבט.

אָבער וואָס זאָל מען מאַכן מיט דעם דאָזיקן אוצר? די פאָטאָגראַ־פיעס זענען דערווייל אויף פילם־קלישעס, מען דאַרף זיי אַנטוויקלען, עס איז העכער צוועלף טויזנט שטיק. אַפילו צו אַ שפּאָט־ביליקן פּרייז, איז עס אויך אַ פיינע סומע.

איך האָב נאָר, לשם פּראָבע, באַשטעלט 100 אויפנאַמעס פון גאַנצע מצבות און 10 פון די אַרכיטעקטאָנישע באַפּוצונגען. דאָס זענען צופּע־

ליקע, ווי זיי זענען אויף דער קלישע־טאַשמע געווען. צווישן די דאָזיקע צופעליקע האָב איך געפונען דעם ווונדערבאַרן עקספּאָנאַט, די מצבה

אויבן: צוויי מוסטערן פון קאַפּ־אָרנאַמענטיק אויף מצבות פון די האַמבורגער בית־עלמינס פון 17טן יאָרהונדערט.

אונטן: די מצבה פון דעם גרינדער פון דער קהילה אין אַלטאָנאַ שמואל בן יהודה וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר שפ״א (1621).

(פון דער קאָלעקציע פון אַליטאַ שוואַרץ).

פון דעם גרינדער פון דער קהילה־קדושה אַלטאָנאַ. אַ פּשוטע מצבה, ווי עס דערציילט זיך:

פה נקבר
הישיש כמר שמואל ברב יהודה שעל ידו נתישבה
קהילה קדושה אלטנא
נפטר יום ג׳ ערב ראש חודש אלול ש׳פ׳א לפ״ק
ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳

דאָס הייסט אין יאָר 1621, מיט 330 יאָר צוריק.

***

העכער צוועלף טויזנט ייִדישע קולטור־היסטאָרישע דענקמעלער וואַרטן אויף זייער תיקון, וואַרטן אויסגעלייזט צו ווערן און אַריינגענומען צו ווערן אין ייִדישן רשות, ווו די טויטע אותיות און שטומע בילדער זאָלן באַקומען לשון, לעבעדיק ווערן און אָנהויבן דערציילן די פאַרגעסענע געשיכטע פון די פאַרשוווּנדענע יאָרהונדערטער.

צי וועט זיך געפינען אין דער ייִדישער וועלט אַזאַ איינער וואָס וועט די דאָזיקע „שבויים״ אויסלייזן?

***

עד־כאן, ביז דאַנען האָבן מיר דערציילט וועגן די „רעדנדיקע״ שטיינער — וועגן די „שטומע עדות״, וואָס שרייען אַרויס פון ווענט, פון קאַרניזן און זיילן; מאַרמאָרנע און גראַניטענע איבערבלייבעכצן פון דעם טויזנט־יאָריקן קאַפּיטל אשכנז פון אונדזער געשיכטע. אין ווייטערדיקן טייל קומט דער המשך: געשענדעטע הייליקטימער, אַ צווייטער קאַפּיטל פון אונדזער קידוש־השם־געשיכטע אויף דער גערמאַנישער ערד.

ב. די געשענדעטע הייליקטימער

שלחו באש מקדשיך
לארץ חללו משכן־שמך;
אמרו בלבם נינם יחד
שרפו כל מועדי אל בארץ...

זיי האָבן אָנגעצונדן אין פֿייער דיין הייליקטום,
צו ערד האָבן זיי פֿאַרשוועכט די וווינונג פֿון דיין נאָמען;
זיי האָבן געזאָגט אין זייער האַרצן,
לאָמיר זיי פֿאַרטיליקן אינאיינעם;
זיי האָבן פֿאַרברענט אַלע זאַמלערטער פֿון גאָט אין לאַנד...

(תהלים, קאַפּיטל ע״ד, פּסוקים 7־8).

**
*

..."זאָלן די אויגן פֿליסן טרערן, איך טו וויינען און קלאָגן,
שיט אַש אויף די קעפּ, און זעק זאָלט איר טראָגן —
כ'האָב געזען די שענסטע פֿון טייערסטע זאַכן,
דעם כבוד, וואָס רוט אין פֿאַרבאָרגעניש, טרייסט פֿון שוואַכן,
כ'האָב געזען זיי צעריסן, צעטראָטן, באַשפּיגן.
תורה, משנה, אגדה, אין שמוץ טוען ליגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

און אויף דער קהילה פֿון מאַגענצא וויל איך מיין קלאָג אויפֿהויבן,
פֿון אָדלערס פֿלינקער, שטאַרקער פֿון לייבן,
וואָס זענען אומגעקומען, פֿאַר זייער גאָט און גלויבן!
אויף מיינע ביידע מקדשים, וואָס ליגן חרוב און צעדראָשן,
און אויפֿן חורבן פֿון מיין ביסל הייליקייט, מיינע בתי־מדרשים..."

(פֿון קלונימוס בן יהודהס קינה אויף די הרוגים
פֿון די קהילות שו״ם: שפּייער, וואָרמס, מאַינץ.
איבערזעצט פֿון י. י. שוואַרץ).

די בראַנדיקע „קריסטאַל־נאַכט“

שוין העכער 15 יאָר זענען פאַרביי זינט איבער דייטש־לאַנד האָט זיך איבערגעטראָגן דער בלוטיקער וויכער פון דער „קריסטאַל־נאַכט“. נישט איין נאַכט איז עס געווען, נאָר כמעט אַ גאַנצע וואָך, אָנגעהויבן פון 9טן נאָוועמבער 1938, האָבן די צעיושעטע ס"א־ס"ס, גע־שטאַפּאָ און אַנדערע באַנדיטן פון דער ברוינער האָרדע געווילדעוועט אין שטעט און שטעטלעך.

פאַרברענט, אָדער מיט דינאַמיט, חרוב געמאַכט די סינאַגאָגעס און אַנדערע קהלשע הייזער; יידישע געשעפטן און וווינונגען פאַגראַמירט און צערויבט; טויזנטער יידן האָבן דאַן פאַרפולט די כל־המינים קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן.

פון קרוב 2.000 בתי־מדרשים, קלויזן, סינאַגאָגעס און אַנדערע בתי־תפילות איז אַ ברוכטייל אַרויס גאַנץ.

נישט וועגן די חרוב־געוואָרענע מקדשי־מעט, נאָר פון אַ טייל „אָפּ־געראַטעוועטע“ פון בראַנד סינאַגאָגעס וויל איך דאָס מאָל רעדן.

**
*

דורכקרייצנדיק דייטשלאַנד אין דער לענג און ברייט, ביים זוכן די שפורן פון די פאַרשניטענע דורות פון אונדזער אשכנז־שטאַם, האָב איך שוין געהאַט אַן איינגעשטעלטע פּראָגראַם. אין דאָזיקן סדר איז געווען פאַרויסגעזען אַ „שפּאַציר“ אויפן בית־עולם און אַ בליק אויף יענעם אָרט, וווּ די סינאַגאָגע איז געשטאַנען.

און שטענדיק, ווען ביי אַזאַ באַזוך, פלעגט מען מיר אינפאָרמירן, אַז „ביי אונדז איז די סינאַגאָגע גאַנץ געבליבן“, האָב איך געוווּסט, אַז עס

וועט מיר אויסקומען דורכצולעבן פיינלעכע מינוטן; איך האָב געפילט, אַז עס דערוואַרט מיך אַ באַזוך פון אַ מקום־קדוש, וועלכן איך וועל מיט צער באַגעגענען און מיט שאַנדע געזעגענען.

איך האָב שוין פון פאָרויס געוווּסט, אַז די דאָזיקע „אַפּגעראַטעוועטע" בנינים זענען צו לעג וקלס, צו שאַנד און צו שפּאָט. זיי זענען פאַרלאָזן פון זייערע מתפּללים, וועלכע מען האָט אויסגעזידלט אין „ערגעץ־ווו", שטייען זיי ווי וויסטע אלמנות, וועלכע קענען נישט געטרייסט ווערן, ווי פאַרבי־טערטע עגונות, וועלכע וויסן נישט ווו, אויף וועלכע פעלדער, ביי מיידאַ־נעק, אָשוויענטשים אָדער טערעזיענשטאַט, צו זוכן די פאַרקאַלכטע ביינער, אָדער פאַראַשטע גופים פון זייערע נאָענטע.

אָט איז באַד־מערגענטהיים, נישט נאָר וואָס די סינאַגאָגע איז דאָ גאַנץ געבליבן, זי איז נאָך דער מיליטערישער מפּלה פון די נאַציס באַנייט גע־וואָרן, מיט גרויס פּאַראַד און פייערלעכקייטן. איצט איז זי „פאַרקויפט" געוואָרן. מען זאָגט, אַז דאָרטן וועט איינגעאָרדנט ווערן אַ שוך־פאַבריק. איך האָב נאָר געקענט אַרויסראַטעווען דעם ארון־קודש מיט דער איינצי־קער ספר־תורה און אַ פּאָר פּרוכתן. צוויי מאַרמאָר־טאָוולען, יזכור־דענק־מעלער, וואָס מ׳האָט געמאַכט לזכרון די היטלער־קרבנות, האָב איך פון די ווענט אַרויסגעריסן און אַלץ אין אַ זיכערן אָרט באַזאָרגט. דער „דע לפני מי אתה עומד" איז אויפן סופיט געבליבן...

און אין ווערטהיים ביים מאַין, אַ באַקאַנטע שטאָט, ווו יאָרהונדערטער זענען ייִדן מיטן דאָזיקן אָרט געווען פאַרבונדן; פון דאַנען שטאַמט דער ברייט־פאַרצווייגטער ווערטהיימער שטאַם, וואָס איז צו טרעפן אין אַלע אונ־דזערע תפוצות. שטייט די דאָזיקע סינאַגאָגע מיט אויסגעהאַקטע שויבן און אַ לעכערדיקן דאַך. אינעווייניק, אין גערוימען בנין האָב איך אַ באַרג מיט שמות געפונען, אַלטע ייִדישע תחינות, שטיקער צעפליקטע טליתים און צעריסענע תפילין. 2 זעלטענע, ביז־איצט נישט באַקאַנטע, זולצבאַכער לוחות האָב איך דאָרט געפונען און צום ייִוואָ באַזאָרגט. ביים פאַרלאָזן די סינאַגאָגע־חורבה האָט מיר דער אויפשריפט, די שוואַרץ־לאַקירטע אותיות אין דעם שטיין איבערן הויפּט־אַריינגאַנג נאָכגעיאָגט, די דאָזיקע ווערטער דערציילן:

„למען ידעו דורות אחרונים, שבנין בית־הכנסת הוא השלישי לקדמונים: בשנת מ׳ב׳ש׳ר׳ ט׳ו׳ב׳ לבנין בית מקדשינו במהרה בימינו אמן סלה".

עס הייסט, אַז זאָלן די שפּעטערדיקע דורות וויסן, אַז דער דאָזיקער

בית־הכנסת איז שוין דער דריטער פון די דאָרטיקע ייִדן, געבויט געוואָרן אין יאָר תקנ״ט (1798).

צי האָבן געוווּסט די יעניקע קדמונים, וועלכע האָבן דעם דאָזיקן זכרון־שטיין איינגעמויערט, אַז מען וועט דעם דאָזיקן בנין בקרוב אין עפּעס אַ וואַרשטאַט איבערבויען און אים, דעם שטיין, ערגעץ־ווו אַרויסוואַרפן, אָדער ווי אַ וויכטיקן בוי־מאַטעריאַל „פּראָדוקטיוו״ אויסנוצן?

און אין איכענהויזען, אַ שטעטל, וואָס ליגט אָן אַ זייט צווישן גינזבורג און אויגסבורג. אָן אַלטע יחוסדיקע קהילה. דאָ איז אין דער ערשטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט געווען אַ העברעיִשע דרוקערײַ; דאָ זענען אויך געדרוקט געוואָרן די ערשטע ייִדיש־דײַטשע ספרים. אין דער מינכענער מלוכהשער ביבליאָטעק איז אויפגעהיט געוואָרן (אפשר דער איינציקער עקזעמפּלאַר אין דער וועלט) דער סידור אין ייִדיש, די באַרימטע „תפילה פון יוסף בר יקיר״, געדרוקט אין איכענהויזן אין יאָר 1544.

פון גאַנצן אַמאָליקן ייִדישן פּראַכט איז נאָר געבליבן דער ריזיקער סינאַגאָגע־בנין. כמעט גאַנץ איז אויך געבליבן דער ארון־קודש מיט די צוויי אָנדענק־טאָוולען פון ביידע זייטן פאַר די געפאַלענע איכענהויזענער ייִדן אין די יאָרן 1914־1918 „פאַר דעם פאַטערלאַנד״. נישט אָפּגעריבן איז איבערן אַריינגאַנג דער פּסוק: „זה השער לד׳ צדיקים יבואו בו״. ביים דאָזיקן אויפשריפט געפונען זיך אויך דריי זכרון־שטיינער, וועלכע דערציילן די געשיכטע פון דאָזיקן מאַסיוון געמויערטן בנין.

נומער איינס: „ותשלם הבנין שנת מ׳ב׳ש׳ר׳ לפ״ק״, דאָס הייסט, אַז דער בנין איז אויסגעבויט געוואָרן אין יאָר תקמ״ב, 1781 געמיינט;

נומער צוויי: „ונתחדש הבנין שנת ב׳ר׳י׳ת׳ עולם לפ״ק. רעמאָנטירט געוואָרן, הייסט עס, איז די סינאַגאָגע אין יאָר תרי״ב, וואָס מאַכט אויס 1851;

נומער דריי: „ונתהדר הבנין שנת מ׳ק׳ו׳ם׳ ק׳ד׳ש׳י׳נ׳ו׳ לפ״ק, פאַרשענערט געוואָרן איז די דאָזיקע סינאַגאָגע אין יאָר תקנ״ו, אין 1895.

דריי מיילנשטיינער אין דער געשיכטע פון אַ קהילה. און דורך דעם שער, וועלכן צדיקים דאַרפן גיין, קומען און גייען די יעניקע, וועלכע האָבן אַ ביסל זייערע הענט געוואַרעמט ביים פייער פון דאָזיקן בנין־בראַנד. אָבער די שאלה בלייבט, וואָס זאָל מען מאַכן מיטן ריזיקן בנין? אַ קינאָ, אַ „גאַסטשטעטע״, אַ ביבליאָטעק אָדער אַ פייערלעשער־גאַראַזש.

בין איך אין שטעטלע רעקסינגען, אין ווירטעמבערג. ווונדער־געשיכטעס ווערן פון דאָזיקן ייִדישן דאָרף דערציילט. בימי היטלער זענען

גרויסע גרופּן פון שטעטל עולה געווען אין ישראל און פון גרויס ליבע און בענקשאַפט צו זייער היים־דאָרף האָבן זיי זייער קאָלאָניע, וואָס זיי האָבן געגרינדעט אין ישראל, אַ נאָמען געגעבן „ניי־רעקסינגען". איבער־געלאָזט האָבן זיי זייער וווּנדערבאַרע סינאַגאָגע. שטיי איך אויף די ברייטע טרעפּ ביי די מעכטיקע אַרקאַדן פון דאָזיקן פּראַכט־בנין און באַוווּנדער די קינסטלערישע אותיות אויבן, וועלכע דערציילן:

„מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלהים וזה שער השמים".

די דאָזיקע ווערטער פון יעקב־אבינוס חלום זענען ווי אָנגעמאָסטן, אַ מורא וואַרפט טאַקע אָן דאָס דאָזיקע אָרט. אונטער דעם דאָזיקן אויפ־שריפט זענען גאַנץ געבליבן די לוחות מיט די עשרת הדברות און די מאַרמאָר־טאָוול מיט דער דאַטע פון שנת תקצ"ז לפ"ק (1848).

אָדער אין פעלקערסלויער (ביי באַד־קיסינגען). דאָ האָט דער שמיד אַנטאָן ברוסטמאַן זיין אָפּפאַל־לאַגער געמאַכט אין דער סינאַגאָגע. אַ טייל איז אָפּגעטיילט פאַר חזירים און הינער, וועלכע ליגןביים צעפּאָגראָמירטן ארון־קודש, איבער וועלכן עס איז נאָך גאַנץ געבליבן דער „דע לפני מי אתה עומד".

אַ פּאָר קילאָמעטער פון דאָרטן געפינט זיך וועסטהיים. דאָ האָט אַ האָלצהענדלער „נאַר" אַ האָלץ־סקלאַד. דער דאָזיקער דייטשער „יורש" מיינט, אַז די לוחות מיט די לייבן, וועלכע האָלטן דעם „שויתי" ווי אויך די שניצערייען פון דעם ארון־קודש מיט די פּרעכטיקע קאַרניזן פון מזרח, וועלכע זענען גאַנץ געבליבן, פּאַסן זיך אַריין פאַר באַפּוצונג אין זיין הויז. וואָס־וואָס, דער לא תרצח און לא תגנוב ווען אין אמתן אָרט איינשטיין.

און אַזוי זעען אויס ווייבשטאַט (אַ שטאַל), אַלטשטאַט (אַ גאַראַזשן־האַלע), שליכטערן (אַ גרינס־מאַגאַזין), העכינגען (אַ ברעטער־סקלאַד) אאַ"וו אאַ"וו.

זעט איר אין אַנדערע ערטער זענען די דאָזיקע מקדשי־מעט „מער מענטשלעך" פאַרווענדעט געוואָרן:

אין קעלן־דויטץ און אין מילטנבערג האָב איך אין די געוועזענע סינאַ־גאָגעס געפונען די פּאָליציי־קאָמאַנדאָס.

אין דיסעלדאָרף אין די קעלערן פון דער סינאַגאָגע — אַ בונקער־האָטעל מיט קרוב 100 צימערן.

אין שנייטאַך (ביי נירענבערג) און זולצבאַך (ווו עס איז געווען די באַרימטע דרוקעריי), זענען אין די סינאַגאָגעס געוואָרן די היימאַטס־מו־זעאומס.

אין קרעגעלינגען (ווירטעמבערג) און אין עסלינגען (ביי שטוט־גאַרט) זענען די סינאַגאָגעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דייטשע יוגנט־היימען.

אין זייער פיל ערטער שטייען די סינאַגאָגעס חרוב ומוחרב, גלאָצן מיט די שוואַרצע אויסגעהאַקטע פענצטער־אויגן פון דעם האַלב־צעשטערטן בנין און זענען אַ זכר לחורבן, שטומע עדות פון פאַרשניטענע דורות.

איך וויל גאָרנישט פאַרדעקן — ווען איך פלעג זען אין די שטעט און שטעטלעך די דאָזיקע פאַרשעמטע און געשענדעטע בנינים, ווען איך האָב באַטראַכט די דאָזיקע פאַרפייניקטע שטיינערנע הייליקייטן, רעליק־וויעס אין פשוטן זין פון וואָרט, האָט מיר באַנג געטון, פאַרוואָס זיי זענען „אָפּגעראַטעוועט געוואָרן". עס וואָלט פאַר זיי און פאַר אונדז גלייכער גע־ווען ווען זיי טרעפט דער זעלבער גורל פון זייערע שוועסטער־סינאַגאָגעס, וועלכע זענען דורך פייער, אייזן, דינאַמיט און רציחה פון דער אויבערפלאַך אָפּגעווישט געוואָרן.

***

אין די העכער 800 ערטער, ווו איך בין געווען אין דייטשלאַנד, האָב איך כמעט אומעטום געזען די פלעצער, ווו עס זענען געווען די טעמפּלען, די קלויזן, די סינאַגאָגעס, געבעטהייזער אאַ"וו, ווי זיי פלעגן הייסן אויף די ערטער. אָפט זענען עס שוין געווען ליידיקע אָפּגערוימטע פלעצער, מאַנכע מיט גרינס און אַלייען פאַרפּוצט, מיט בענק צום רוען און אויך שפּילפּלעצער פאַר קינדער; אין טייל פון די דאָזיקע געפינט זיך אַ דענק־מאָל, אַ זכרון־שטיין, וואָס דערציילט וואָס עס איז דאָ אויפן דאָזיקן פּלאַץ געשטאַנען. אין טייל ערטער זענען עס חורבות, פאַרלאָזטע; אין איין אָרט הייסט עס „די קלאָגע וואַנט" — דער „כותל מערבי"; אין טייל ערטער, ווו עס געפינען זיך צוריקגעקומענע ייִדן, געציילטע אַפילו, ווערט די סינאַ־גאָגע נאָך אויפגעהיט ווי אַ מקום־קדוש; דער רוב אָבער פון די „אָפּגע־ראַטעוועטע" ווערט, ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, „פּראָדוקטיוו" אויסגענוצט.

איך האָב אין מיין טעקע די געשיכטעס פון העכער 600 דייטשע מקדשים: ווען און ווער עס האָט זיי געבויט, זייער געשיכטע, וואָס איז

איינצייטיק די געשיכטע פון דער געגעבענער קהילה און וואָס פון זיי איז איז געוואָרן.

600 געשיכטעס פון דעם מין מיינט אָבער אַן ענציקלאָפּעדיע, דאָ, צווישן די לאַבירינטן וועל איך אַריינגעמען אַ ברוכטייל פון דער דאָזיקער 600 קאָלעקציע. אַ טייל, ווי אַ מוסטער, ווי אַזוי די סינאַגאָגעס זענען פאַרניכטעט געוואָרן, ווי אַזוי זיי זענען פאַרבראַנדיקט געוואָרן אָדער ווי אַזוי עס ווערן עד־היום געשענדעט די יעניקע הייליקטימער, וואָס האָבן זוכה געווען „אָפּגעראַטעוועט" צו ווערן.

עס זענען דאָ פּאָרטראָטן כמעט אַלע לענדער פון דייטשלאַנד — בייערן, ווירטעמבערג, באַדען, העסען, רהיינלאַנד, זאַקסן, וועסטפאַליען, פפאַלץ און אַנדערע. יאָ — נאָר פון מערב־דייטשלאַנד. קיין מזרח איז נישטאָ קיין דריסת־הרגל — וואָס דאָרטן טוט זיך איז אַ פאַרשלאָסענער קוואַל...

***

איך וועל ברענגען ווייטער אַ בינטל געשיכטעס וואָס האָט צו טון מיט דער בראַנדיקער „קריסטאַל נאַכט". אויף צענדליקער פּראָצעסן וועגן די שריפות פון סינאַגאָגעס בין איך געווען. געהערט די באַשולדיקונגען און די פאַרטיידיקערס — די וואָס האָבן אַפּעלירט צו די ריכטער מיטן מאָטיוו, אַז די דאָזיקע „לויטע" (די נאַצישע מערדער־יונגען פון דער ס"ס און ס"א) האָבן נאָר „אויסגעפירט באַפעלן"...

„קריסטאַל־נאַכט" — אַ פיינעם נאָמען האָבן די רוצחים געפונען פאַר זייער מאָרד־ און רויב־נאַכט. „קריסטאַל־נאַכט", ווייל די גאַסן פון אַ קרוב 2000 שטעט און שטעטלעך זענען באַשאָטן געוואָרן מיטן גלאָז פון אויס־געהאַקטע שויבן, מיט שטיקער פון צעזעצטע וויטרינעס...

„גאָטס מוטער“ אין שנייטאַכער ארון־קודש

איך שעם זיך נישט אויסצוזאָגן, אַז איך בין אַ קנאַפּער בקי אין דעם קריסטלעכן מיסטיציזם. אין די קאַטוילישע „דאָגמעס“ בין איך בכלל אַ גאַנצער עם־הארץ.

איך קאָן, צום ביישפּיל, בשום אופן נישט באַנעמען דעם „טיפן זין“ פון דער נייער „דאָגמע“ וואָס איז דורכן פּויפּסט פּראָקלאַמירט געוואָרן דעם 7טן נאָוועמבער פון „הייליקן יאָר“, די דאָגמע, אַז מרים, די מאַמע יעזוסעס, איז אויפגענומען געוואַרן אין הימל „לייבלעך“, אַז זי איז ממש מיט איר קערפּער אַרויפגעקומען אין די עולמות עליונים. וואָס האָט דער קאַטוילישער קירכע געפעלט די גאַנצע 1950 יאָר, און מיט וואָס איז זי דורך דעם אויפגעריכט געוואָרן — איז ביי מיר אַ רעטעניש. איך פאַרשטיי עס נישט.

אייגנטלעך, פלעג איך שטענדיק אויף דער „מוטער“ האָבן מער רחמנות ווי פאַרדרוס; ווייל, וואָס איז זי, נעבעך, שולדיק, וואָס איר זון איז אַרויסגעקומען דאָס, וואָס מיר פילן עד־היום? איך פלעג ביי מיינע באַזוכן אין פאַרשידענע קריסטלעכע טעמפּלען (מינסטערס, דאָמען אָדער סתם קירכעס), ווו איך פלעג אויסנישטערן אונדזערע שיריים, שטענדיק האָבן אַ טיפן מיטגעפיל צו איר; וואָס טוט זי אייגנטלעך דאָ? און מיר פלעגט זיך אויסדוכטן, אַז אויף איר פאַרטרויערטן פּנים ליגט די דאָזיקע פראַגע: וואָס וויל מען פון מיר? איך בין דאָך ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן. איך קאָן זיך נישט דערמאָנען, אַז איך זאָל ערגעץ האָבן געזען אַ פריילעך פּנים פון דער מאַדאָנע.

ווער ווייסט, אפשר איז עס טאַקע דער „רזין דרזין“, דער טיפער סוד פון דער נייער „דאָגמע“, וואָס מען וויל געבן דער „מאַמען“, די זעלבע בירגער־רעכט ווי איר „זון“.

איך קאָן אויך נישט פסקענען צי דער אמת איז מיט די נישט־קאַטוי־לישע קריסטן, וועלכע טענהן, אַז די נייע דאָגמע פון וואַטיקאַן האָט פאַר־קריפּלט די „דריי איינקייט" און געשאַפן... אַ „פיר איינקייט"; אַז רוים האָט צעשטערט דעם גרונט־יסוד פון קריסטנטום. אָבער די אינערלעכע „דיסקוסיע" גייט מיך אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי — עס איז נישט מיין טעפּל און נישט מיין לעפל.

אפשר איז פאַר שלום אַשן זייער וויכטיק די נייע „מערי"־מעטאַמאָרפאָזע און ער וועט דאַרפן, אין אַ נייער אויפלאַגע פון זיין קריסטוס־טרילאָגיע קאָרעגירן געוויסע קליינקייטן; אַ פּאָר „נסים" איבעראַרבעטן, צופּאַסן זיי צו דער נייער „דאָגמע".

ווי געזאָגט, זענען מיינע באַציִונגען צו דער מאַדאָנע געווען, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, נייטראַל. אָבער ביי אַ פּאָר באַזוכן אין דייטשע שטעטלעך האָט זי מיר אָנגעהויבן פאַרשאַפן אַ ביסל עגמת־נפש. אמת, אויך אין די דאָזיקע פאַלן איז זי פערזענלעך נישט שולדיק; דאָס האָבן אַנדערע, פונקט ווי מיט 2.000 יאָר צוריק, זי געמאַכט פאַר אַן אָביעקט פון דעם פאַרשאַפטן פאַרדרוס.

וואָס איך האָב צו דער „מערי" (נישט שלום אַשס) וועל איך איצט דערציילן.

***

נישט ווייט פון נירנבערג געפינט זיך אַ שטעטעלע שנייטאַך. קיין גרויסע קהילה איז דאָרט אין די לעצטע יאָרן, איידער היטלער האָט באַ־קומען די ממשלה, נישט געווען. בסך־הכל האָבן דאָרטן אין יאָר 1933 געוווינט 51 יידישע נפשות, אויף אַן אַלגעמיינער צאָל פון העכער צוויי טויזנט איינוווינער.

די דאָזיקע עדה איז אָבער געווען איינגעטונקען אין פילהונדערט־יאָריקן יחוס און באַרימטקייט. אַ רייכע, קאָלירפולע און וווּנדערבאַרע גע־שיכטע האָט דער דאָזיקער קיבוץ.

זייער אַלט איז די יידישע איינגעזעסנקייט אין דאָזיקן אָרט. שוין אין יאָר 1498 ווערט דערמאָנט אַ שנייטאַכער ייִד, שמואל אין נירנבערג, ווו ער איז געשטאַנען פאַרן געריכט און דאָרט אָפּגעגעבן אַ יידישע שבועה. אַז אין יאָר 1505 איז דאָרטן געווען אַן אָרגאַניזירטע קהילה, איז זיכער. פון דער דאַטע אָן זענען שוין פאַראַן אַרכיוו־דאָקומענטן וועגן דעם.

אין די פאַרשידענע מלוכהשע אַרכיוון, וועלכע איך האָב באַאַרבעט

(אַמבערג, באַמבערג, נירנבערג, אויגסבורג און מינכען), האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף איינצלנע דאָקומענטן און גאַנצע אַקטן־בענד, וועלכע האָבן אַ שייכות צו די שנייטאַכער יידן.

פון גאָר באַזונדערער חשיבות איז דער פּנקס פון דער שנייטאַכער קהילה (וועלכער איז געפירט אין יידיש און האָט פּאַרצייכנטע כראָניקעס און פּראָטאָקאָלן פון 1640 ביז 1810), וואָס איך האָב געהאַט די גליקלעכע געלעגנהייט צו בלעטערן.

געווען איז עס, ווען איך האָב אין אַ קעלער פון נירנבערגער מלוכהשן אַרכיוו געפונען 50 אַרכיוון פון יידישע קהילות, וואָס די געשטאַפּאָ־לייט האָבן בשעתם צוגערויבט ביי די יידן און על־פּי־נס זענען זיי גאַנץ געבליבן. אין דעם דאָזיקן אוצר פאַר יידישער געשיכטע געפינט זיך אויך דער שנייטאַכער קהילה־אַרכיוו, וועלכער פאַרמאָגט העכער 100 אַקטן־זאַמלונגען מיט צענדליקער טויזנטער דאָקומענטן. עס איז אַ וווּנדערבאַרע געשיכטע, אַן אמתער קאַליידאָסקאָפּ פון מענטשן, פון געשעענישן, פון פאַקטן...

אַ זעלטענע קהילה איז דאָס געווען, ווו עס האָבן יאָרהונדערטער געפירט רבנות באַרימטע גדולים; דאָ איז געווען איינע פון די באַוווּסטע (צוגלייך מיט פיורט) ישיבות אין דייטשלאַנד. „חכמי שנייטאַך" זענען געווען אַ שם דבר ביי יידן וווּיט איבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד; די „תקנות שנייטאַך" ווערן געבראַכט אין פיל שאלות ותשובות און רבנים פלעגן זיך אויף זיי סומך זיין; מחברים פלעגן זיך מטריח זיין קיין שנייטאַך פון גאָר ווייט, כדי צו קריגן אַ הסכמה אויף זייערע חיבורים. שנייטאַכער רבנים פלעגן „אויסגעכאַפּט" ווערן אין גאָר גרויסע קהילות (פּראָג, ווין) און פאַרקערט, רבנים פון גאָר חשובע קהילות האָבן געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד אויפגענומען צו ווערן אין דער קהילה־קדושה שנייטאַך; דער פאַמיליע־נאָמען שנייטאַכער איז צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט.

אָבער דאָס איז אַלץ שוין אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט געווען ווייטע פאַרגאַנגענהייט. די 50 יידן, וועלכע זענען געווען אין שנייטאַך בימי היטלער, זענען געווען ווייט פון תורהדיקער יידישקייט, דאָס זענען געווען פּשוטע יידן, דאָרפגייער, תבואה־סוחרים און בהמות־הענדלער.

ווי אַ זכר פון די אַמאָליקע פּראַכט־צייטן איז פאַרבליבן דער ריזן־בנין פון דער סינאַגאָגע אויף דער יודענשולגאַסע נומער 89 (דער נאָמען פון דער גאַס איז אַזאַ צוליב דער ישיבה, וועלכע האָט זיך דאָרט געפונען), די מקווה און אַ זייער אינטערעסאַנטער בית־עולם. נאָך אין ערגעץ האָב איך נישט געזען אַזאַ ריזיקע צאָל מצבות באַטיטלטע מיט פּרנסים, מנהיגים,

אלופים, קצינים, חברים, מופלגים און גאונים. וועגן דער אַרכיטעקטאָניק פון די דאָזיקע שטיינערנע עדות איז פאַראַן באַזונדער וואָס צו דערציילן.

איז אָט די סינאַגאָגע, וועלכע איז די עלטסטע האָלץ־סינאַגאָגע אין בייערן (זי שטייט אויף דעם אָרט שוין העכער אַ 400 יאָר), געוואָרן אַ צוציִונגס־פונקט פאַר טויזנטער פון נאָענטן אַרום און עקסקורסיעס פון גאָר ווייט.

זי איז פון דער „קריסטאַל־נאַכט" אַרויס גאַנץ. נישט נאָר וויל דער בנין, ווי אַן אַלטערטימלעכער אָביעקט, איז געשטאַנען אונטער „דענקמאָל־שוץ", נאָר דער עיקר דערפאַר, וואָס אַרום דער סינאַגאָגע אין דער געוועזענער יידישער גאַס וווינען היינט דייטשן, און וואָלט מען אונטערגעצונדן די שול, וואָלטן די פלאַמען נישט געשאַנעוועט די שכנותדיקע געדיכט־באַוווינטע נישט־יידישע דירות.

די סינאַגאָגע איז „נאָר" געפלינדערט, אויפן פשוטן לשון מיינט עס, פאַגראַמירט געוואָרן.



די סינאַגאָגע אין שנייטאַך, ווו עס איז היינט דער היימאַט־מוזעאום.

בעת דער דאָזיקער בלוטיקער פייער־נאַכט איז געשען אַ נס. עס האָט זיך געפונען איינער אַ דייטש, אַן אויוון־מאַכער, שטאַמלער, דער פאָרזיצער פון דעם אָרטיקן אויוון־מאַכער צעך (שנייטאַך שמט אין דייטשלאַנד מיט איר אָריגינעלער אויוון־פּראָדוקציע) און האָט אַרויסגעראַטעוועט פון דער צערויבטער סינאַגאָגע אַלע תשמישי־קדושה, צוזאַמען מיט די ספר־תורהס און זיי באַהאַלטן.

אַזוי ווי דער זעלבער שטאַמלער איז אויך איינער פון די היימאַט־פאָרשער, האָט ער געפועלט, אַז מען זאָל אין דער אַלטער סינאַגאָגע־געביידע איינאָרדענען דעם „היימאַט־מוזעאום". ער האָט טאַקע אין דאָזיקן מוזעאום אַריינגעגעבן די דורך אים אויפגעהיטע „קולט־געגעטע דער יודען". היינט איז ער דער פאַרוואַלטער פון מוזיי.

פירט זיך שוין אַ פּאָר יאָר אַ „דין־תורה" צווישן דער „אירסאָ" (די אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד, וועלכע נעמט צו צוריק די צוגערויבטע דורך די נאַציס יידישע פאַרמעגנס), פון איין זייט, און דעם הער שטאַמלער פון דער צווייטער. די „אירסאָ" פאַרלאַנגט די דאָזיקע אָביעקטן און שטאַמלער טענהט, אַז ער האָט עס נישט „גערויבט", ער האָט עס „געראַטעוועט" און ער וועט עס אָפּגעבן די יורשים פון די שנייטאַכער יידן. עלעהיי זיי זענען אַלע אויסגעקוילעט געוואָרן, האָט ער נישט קעגן דעם, אַז נייע יידן זאָלן זיך באַזעצן אין שנייטאַך און ער וועט עס זיי אָפּגעבן.

אין אַלע אינסטאַנצן פון די אַליאירטע געריכטן האָט ער, שטאַמלער, געוווּנען. עס איז באַוויזן געוואָרן, אַז נישט נאָר, וואָס ער האָט עס געראַטעוועט, ער איז אַפילו אויסגעשטאַנען פאַרפאָלגונגען פון די נאַציס צוליב דעם.

אין שליחות פון דער „אירסאָ" און בצלאל־מוזעאום פון ירושלים האָב איך געדאַרפט מאַכן אַ גענויע אינוועטאַריזאַציע פון די חפצים, און זייענדיק אין שנייטאַך, בין איך ממש נשתומם געוואָרן. אַזאַ רייכטום און פּראַכט אין איין אָרט האָב איך נאָך נישט געזען.

העכער צען ספר־תורהס; אַ פּאָר צענדליק זילבערנע און באַגילדעטע תורה־קרוינען, רימונים און טאַסן; חנוכה־לאָמפּן, שבת־לייכטער, שוויתי־ליכט און וואַנט־לאָמפּן; פּרוכתן, מענטעלעך, טישטוכער און אויסגענייטע פאָרהענגלעך; קידוש־בעכערס, הבדלה־טעלער, מוהל־מעסערס; און אַ פּאָר הונדערט ווימפּלען, תורה־וויקעלעך אויסגעהאַפּטענע, אויסגענייטע און גע־מאָלענע. און דערצו אַ צוגאָב ספרים מיט ביכער.

פירט מיך דער דערמאָנטער שטאַמלער און ווייזט די געראַטעוועטע אוצרות און טענהט אַריך, אַז ער וועט עס נישט אַרויסלאָזן פון „זיין היי־

מאַט״. ער וועט, ער וועט... גיי איך מיט אים אין היימאַט־מוזעאום, פון חדר צו חדר, פון איין אויבערשטיבל צום דעם צווייטן, אויפן בוידעם. דערווייל דערציילט ער מיר און ווייזט מיר מיט אַלע פּרטים, ווו עס האָבן געוווינט די „פּראָפעסאָרן״ (געמיינט די ראשי־ישיבה) פון דער „תלמוד האַכשול״ (ישיבה) און די צימערן פון די „סטודענטן״ (ישיבה־בחורים). עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די פרויען האָבן געהאַט נישט נאָר אַ באַזונדערע עזרת־נשים, נאָר אפילו אַ באַזונדערן שטרענג־סעפּאַרירטן אַריינגאַנג צו זייער ווייבער־שול, און ער, שטאַמלער, איז אַ גאַנצער „ווייסער״ און דערקלערט מיר, אַז „די פראַועט וואַרען ביי דען יודען אונטעריאָכט״...

גייענדיק אַזוי דורך די אַנדערע צימערן, ווו עס געפינט זיך אויך, צווישן אַנדערע, אַ וואונדערבאַרע קאָלעקציע אַלט־יידישע הלבשה מיט ווייבערשע קאָפּקעס און טשיפּיקעס, בין איך געקומען אין דער „הויפּט־האַלע״ פון מוזעאום, דאָס הייסט אין דער סינאַגאָגע גופא. ווייל ביז דאַן האָט מען מיר געוויזן די זייטיקע חדרים.

איך בין געבליבן אַ פאַרבלעפטער פון דער ריזיקייט פון בנין — מינדעסטנס אַ פּאָר הונדערט מנינים וואָלטן דאָ געקאָנט אַריינגיין. און... אין מזרח־וואַנט, אין דער נישע פון געוועזענעם ארון־קודש שטייט זי... די „הייליקע מרים״. קיין בעסער פּלאַץ האָט דער מוזעאום־פאַרוואַלטער, דער דערמאָנטער שטאַמלער, נישט געפונען.

אַ דערשיטערטער פון חרפה און ווייטיק, האָב איך אָפּגעקערט מיין בליק פון דער מזרח־וואַנט פון דעם שנייטאַכער מקדש מעט. נישט צוליב דער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַציע אַליין, נאָר צוליב דעם בלוטיקן שפּאַס, צוליב דעם חוזק־פּאַרס (באַוווסטזיניק אָדער נישט), וואָס אַזאַ בילד שאַפט. „זי״, די יורשטע פון דעם אָרט, ווו עס איז געוווען דער „לא תרצח״! דאָרט, ווו דער „אנכי״ האָט זיין אָרט געהאַט, האָט מען די פיגור אַריינגעבראַכט — אַזאַ בלוטיקן חוזק האָט דער שוידערלעכסטער מעפיסטאָ נישט געקאָנט אויסטראַכטן.

**
*

האַלט מען דערביי, לוינט צוצוגעבן נאָך אַ קליינעם פּרט, וואָס האָט מיט דער „מוטער״ צו טון.

אין ווירטעמבערגער לאַנדעס־מוזעאום האָב איך עפּעס געפונען, וואָס האָט אַ שייכות צו דער זעלבער „מאַמעשער״ טעמע.

אין דאָזיקן מוזעאום אין שטוטגאַרט, געפינען זיך 2 זייער ווערטפולע האָלץ־סטאַטועס, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר די מאַדאָנע און דעם אַפּאָס־

טאָל יאָהאַנעס (יוחנן המטביל). געשניצט זענען זיי פון לינדענבוים און געמאַכט איז אָנהויב פון 14טן יאָרהונדערט (אומגעפער אין 1330) און שטאַמען פון באַדענזעע־געגנט.

די טעכניק פון דעם מין סטאַטועס איז אַזאַ: אויפן געשניצטן האָלץ ווערט אָנגעצויגן אַ גלאַטער מאַטעריאַל, וועלכער ווערט נאָכדעם באַקלעפּט מיט אַ לייוונט. ערשט אויפן לייוונט קומט דער גיפּס־שיכט, וועלכער ווערט באַמאָלן, באַגלידט, באַפּאַרבט.

מיט העכער 600 יאָר צוריק האָט מען די דאָזיקע סטאַטועס געשניצט, דאַן האָט מען דעם לינדן־האָלץ־קערפּער באַצויגן מיט אַ גלאַטיקן מאַטער־יאַל. האָט זיך פון אַלטקייט דער גיפּס אָפּגעברעקלט, אין טייל ערטער געפּלאַצט און דער גלאַטער מאַטעריאַל האָט זיך אויפגעדעקט און... אַ העברעיִשער פּאַרמעט־כתב האָט זיך אַנטפּלעקט! שטייט די מאַדאָנע מיטן נעבעך־פּנים און דער אַפּאָסטאָל, דער טויפער, מיט אַ פרומער מינע און אויף זייערע הילצערנע גולמס אַרויפגעקלעפּטע תורה־יריעות. רייסן זיך אַרויס פון דעם געשפּאָלטענעם גיפּס אונדזערע אותיות מרובעות. אויף איין פּוס פון מרימען האָב איך איבערגעלייענט „אבינו שבשמים רחם על עמך ישראל"... פּאָטער אין הימל, דערבאַרעם זיך אויף דיין פאָלק ישראל...

וואָס זאָל מען פריִער באַוווּנדערן, דעם חוזק, דעם צופאַל, אָדער דעם משוגענעם צונויפפּלאָנטער?

און צוריקגעשמועסט, האָט מיך די מעשה פון ווירטעמבערגער מוזע־אום נישט געאַרט, אדרבא, איך האָב געהאַט אַ ווילן, אַז וואָס מער גיפּס זאָל זיך אָפּברעקלען, וואָס מער פאַרב זאָל פון דעם הילצערנעם קערפּער אָפּ־שפּרינגען; זאָל אַלץ מער און מער זיך אויפדעקן די חרפּה פון די געשענ־דעטע ריינקייטן, פון דעם וואַנדאַליזם, וואָס עס איז אין נאָמען פון „זון" און דער „מאַמע" געמאַכט געוואָרן... עס וואָלט מיר גאָרנישט געאַרט, אַז נאָך מער פאַרב זאָל פון די סטאַטועס אַראָפּפאַלן און נאָך מער זאָלן זיך אונדזערע אותיות אַנטפּלעקן. עס וואָלט געווען נאָך אַ באַווייז, אַז די היינ־טיקע יריעות־צעפּליקער האָבן שוין זייער פאַך בירושה, מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן שוין זייערע אור־עלטערן געקענט די דאָזיקע מלאכה.

די מלחמה וועגן דער פעסטונג־סינאַגאָגע טאַלהיים

טאַלהיים ?

וווּ ליגט עס טאַלהיים ?

אייגנטלעך זענען פֿאַראַן צוויי טאַלהיימס, איינע אין האָהענצאָלערן, ביי דער אוניווערסיטעט־שטאָט טיבינגען, און די צווייטע אין ווירטעמבערג ביים נעקאַר, נישט ווייט פון היילבראָן. טאַקע וועגן דאָזיקן טאַלהיים איז די היינטיקע געשיכטע.

דאָס דאָזיקע שטעטל, וועלכעס האָט אין 1933 געהאַט בסך־הכל 1500 איינוווינער, און צווישן זיי נישט מער ווי 90 ייִדישע נפשות, פאַרדינט ראשית־כל פאַרצייכנט צו ווערן אין אונדזער „לאַבירינטן־קאָלעקציע" צוליב דער מערקווירדיקער סינאַגאָגע, וואָס זי האָט פאַרמאָגט און, והשנית, צוליב דער מלחמה אַרום דער סינאַגאָגע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט העכער 150 יאָר צוריק. די דאָזיקע מלחמה איז עד־היום נישט באַקאַנט. די געשיכטע איז געלעגן באַגראָבן אונטער אַ זייער דיקן שיכט אַרכיוו־שטויב.

מיר זענען געווען געוווינט (אין אונדזערע אַלטע היימען), אַז די שול, דער בית־המדרש, פלעגט זיך געפינען אויפן שול־הויף, אין אַנדערע ערטער האָט עס געהייסן שולגאַס. אויך אין דייטשלאַנד זענען ס׳רוב די סינאַגאָגעס געווען אין יענע שטאָט־טיילן, ווו ייִדן האָבן געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן און געהייסן האָט טאַקע די גאַס יודענשטראַסע, סינאַגאָגע־גאַסע, וכדומה.

אַנדערש איז עס דאָ אין טאַלהיים. עס איז אַן אויסטערלישער פאַל — די סינאַגאָגע איז אויפגעבויט מחוץ דער שטאָט. זי שטייט אין דעם הויף פון אַ מיטלאַלטערלעכן שלאָס.

עד־היום שטייט זי, די דאָזיקע סינאַגאָגע (היינט אַ חורבה) אַרומ־געריגגלט מיט דיקע ווענט פון דער פעסטונג, אָנגעשפּאַרט אָן דעם טו־רעם, וואָס הייסט אין דעם אָרטיקן פאָלקס־לשון דער „שנעק״. נאָך מער — דער שלאָס גופא ווערט ביז היינט־צו־טאָג אָנגערופן „דער יודענבורג״!

אמת, עס זענען ביי אונדז, אין מזרח־אייראָפּע, באַקאַנט געווען סינאַ־גאָגעס־פעסטונגען. אַזעלכע זענען געווען אין לוצק, אין בראָד, אין בעלז, אין זשולקיעוו און אין אַנדערע ערטער. דאָס זענען אָבער געווען סינאַגאָ־געס, וואָס זענען לכתחילה אויסגעבויט געוואָרן ווי פעסטונגען. געבויט געוואָרן מיט דער בפירושער כוונה פון סטראַטעגישער אויסנוצונג. אַנ־דערש איז די טאַלהיימער סינאַגאָגע — זי איז נישט קיין פעסטונג. עס איז אַ נאָרמאַלע סינאַגאָגע פון דעם טיפּ, ווי עס זענען געבויט געוואָרן סינאַ־



די פעסטונג־סינאַגאָגע אין טאַלהיים, אויפן „יודענבורג״. פון הינטן דער טורעם פון דער פעסטונג־מויער — דער „שנעק״.

גאָגעס אין דייטשלאַנד אין 18טן און 19טן יאָרהונדערט. זי איז אָבער איינגעבויט אין דער פעסטונג.

כדי די דאָזיקע רעטעניש צו פאַרענטפערן, דאַרף מען זיך בקיצור באַקענען מיט דער געשיכטע פון דעם ייִדישן ישוב אין טאַלהיים.

די ערשטע ידיעות וועגן ייִדן אין טאַלהיים דערוויסן מיר זיך פון אַ דאָקומענט פון 28טן אָקטאָבער 1502, דאָס הייסט, מיט העכער 450 יאָר צוריק. עס ווערט דאָרט דערציילט:

„דאָנערשטיק זענען צוויי טאַלהיימער ייִדן, אומקערנדיק זיך צוריק פון היילבראָנער יאַרמאַרק באַפאַלן געוואָרן ביי דער שוץ־מויער פון דער שטאָט דורך עטלעכע יונגען. די יונגען האָבן די ייִדן אָנגעטון אויף די העלדזער בענדער, ווי געפאַנגענע, און ביי זיי צוגערויבט וואָס זיי האָבן געהאַט“...

אַזוי הייבט זיך אָן דער ערשטער פאָדעם פון טאַלהיימער ייִדן. פון אַ גזילה דערוויסן מיר זיך, אַז דאָרטן זענען געווען ייִדן. וועגן שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער שווייגן די אַרכיוו־דאָקומענטן. ערשט אין יאָר 1778 דער־וויסן מיר זיך וויטערדיקע פּרטים.

אין דעם יאָר 1778 הייבט זיך טאַקע אָן די געשיכטע פון „יודענבורג“ און פון דער דאָרטיקער סינאַגאָגע. אין דעם יאָר זענען קיין טאַלהיים גע־קומען פון דעם פירשטן־שלאָס באַרקהיים פיר ייִדישע משפחות. זיי זענען דאָרט געווען „שוץ־יודען“. האָבן זיי זיך באַזעצט אין דעם דאָרטיקן שלאָס, וואָס האָט געהערט צום אַדעליקן שטאַם, פון וועלכן עס זענען נישט גע־בליבן קיין יורשים.

עס זענען פאָרגעקומען שטרייטן צווישן דער ווירטעמבערגער מלוכה און דער אָרטיקער באַפעלקערונג, ווער עס איז דער באַלעבאָס פון דעם דאָזיקן יורשימלאָזן „בורג“ און, במילא, ווער עס איז „באַלעבאָס“ איבער די ייִדן, אונטער וועמעס „שוץ“ זיי דאַרפן זיך געפינען.

און אַז עס זענען געווען פיר משפחות, זענען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר ייִדן; איז שוין געווען אַ מנין און זיי האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ מקום־תפילה.

האָבן זיי (דער געציילטער מנין) איינגעאָרדנט אין איינעם פון זייערע צימערן אַ דאַוון־אָרט. אין יאָר 1793 האָט געזאָלט פאָרקומען דער חנוכת־הבית פון דאָזיקן מקום־תפילה.

דאַן ערשט האָט זיך אויף אָן אמת אָנגעהויבן דער שטרייט צווישן

דעם שטאַטראַט און דעם ראש פון אַדעל־שטאַם, דעם הערצאָג. קעמפנדיק פאַר דעם אייגנטום־רעכט פון שלאָס, האָט יעדער פון זיי געהאַלטן, אַז די ייִדן האָבן ביי זיי געדאַרפט בעטן די דערלויבעניש איינצואָרדענען דעם דאָזיקן דאַוון־אָרט.

היות די ייִדן האָבן באַקומען די דערלויבעניש צו בויען זייער שולעכל פון דעם אַדעל־שטאַנד, האָבן די שטאָטישע בירגער דאָס נישט אָנערקענט און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע מלחמה.

דאָ דאַרף אויך פאַריכט ווערן אַ טעות, וואָס עס מאַכן אַלע, וואָס שרייבן די געשיכטע פון די ווירטעמבערגער קהילות, אומעטום ווערט אָנגעגעבן, אַז אין יאָר 1793 איז פאָרגעקומען די חנוכת־הבית פון דער ערשטער סינאַגאָגע אין טאַלהיים. דאָס איז נישט ריכטיק. עס האָט געזאָלט פאָרקומען, אָבער דערצו איז נישט געקומען, ווייל ערב דער פייערונג איז די בית־התפילה פאַראַמירט געוואָרן.

עס איז טאַקע כדאי זיך צו באַקענען מיט אַ פּאָר דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין די ווירטעמבערגישע מלוכה־אַרכיוון אין שטוטגאַרט און אין לודוויגסבורג, דאָקומענטן, וואָס זענען דורך די ייִדישע פאָרשערס לגמרי נישט אויסגענוצט געוואָרן.

צענדליקער אַקטן פאַרנעמען זיך מיט די טאַלהיימער ייִדן, מיט זייערע באַציִונגען צום הערצאָג פון איין זייט און צו די שטאָטישע בירגער פון דער צווייטער. אַן אַקטן־פּאַק דערציילט וועגן די מסירות, ראַפּאָרטן, אור־טיילן און אַנדערע פאַראָרדענונגען. און אַלץ דרייט זיך אַרום דער „יודענ־בורג" און דער סינאַגאָגע.

איין מסירה־ראַפּאָרט דערציילט, אַז די ייִדן האָבן „אָפּגענאַרט" דעם דעת־הקהל, די לייט פון דער שטאָט — זיי, די ייִדן, האָבן דערציילט, אַז זיי אָרדענען־איין נאָר אַ „געבעט־צימער" און לסוף האָבן זיי גאָר אויסגעבויט אַן אמתע סינאַגאָגע.

דער דאָזיקער באַריכט־אָפּגעבער שילדערט גענוי דעם פאַרלויף פון דעם טאָג, ווען די חנוכת־הבית האָט געזאָלט פאָרקומען. פון דער דאָזיקער שילדערונג ווערט אויפגעמישט אַ בלעטל פון דעם ייִדישן שטייגער אין אַ קהילה, וואָס פאַרמאָגט איין מנין (!) ייִדן.

דערציילט דער דאָקומענט, אַז די שטאָט האָט געוואָלט קאָנטראָלירן וואָס אַזוינס די ייִדן האָבן אין שלאָס געמאַכט. אָבער די ייִדן האָבן נישט געוואָלט געבן די שליסלען צום צימער, וווּ זייער געבעט־פּלאַץ איז געוואָרן איינגעריכטעט. אָבער, דערציילט דער באַריכט:

„...האָט מען אויסגעזוכט דעם פאָרזינגער (חזן געמיינט) און אַ לאַנדיעגער (אַ פּאָליציאַנט) האָט אים מיט די פויסטן געצוווּנגען אויפצושליסן דאָס צימער און דאָ האָבן די באַאַמטע געטראָפן אַ... פולשטענדיק איינגעאָרדנטע סינאַגאָגע"...

כדי צו באַפּעסטיקן זייער ראַפּאָרט, ווערט דערציילט, וואָס אַזוינס זיי האָבן אין דעם אָפּגעשלאָסענעם צימער געפונען. אַלץ איז דאָ פאַרשריבן מיט דייטשער פּינקטלעכקייט:

„...אין צימער האָט מען געפונען אַן אַלטאַרמעסיקע, האַלב־הילצערנע, האַלבשטיינערנע אויפהויבונג אין דער פאָרם פון אַ פּי־ראַמידע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן צימער צווישן די פענצטער. די דאָזיקע אויפהויבונג איז געווען פאַרזען מיט אַ פאָרהאַנג אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעהאַפטן העברעישע ווערטער. הינ־טער דעם דאָזיקן פאָרהאַנג איז געווען אַ קעסטעלע, ווו עס דאַרפן ליגן (ווי די ייִדן זאָגן) די צען געבאָט. ווייטער איז געווען אַ באַ־צירטער פולפּיט מיט אָנגעשטעקטע ליכט. דאָס צימער איז געווען פול מיט בענק און שטענדערס; אַ סך מעשענע לייכטערס און מנו־רות; עס איז אויך געווען אַ ספּעציעלע אָפּצוימונג פאַר פרויען וואָס איז געווען באַלויכטן; ביים אַריינגאַנג איז געווען צוגעקלאַפּט אַ פאַרשלאָסענע צדקה־פּושקע"...

דאָס אַלץ האָבן די באַאַמטע „אַנטדעקט" און עס איז קלאָר געוואָרן דער ייִדישער „שווינדל". זיי האָבן באַשלאָסן צו דער חנוכת־הבית פון דעם דאָזיקן געבעט־צימער נישט צו דערלאָזן. היות די שטאָט־לייט האָבן מורא געהאַט, אַז די ייִדן וועלן פאָרט פּרוּוון עפּעס טון אין דער דאָזיקער „סי־נאַגאָגע", האָבן זיי באַשלאָסן... אַרויסצורייסן די פענצטער און די טירן פון דעם צימער און קאָנפיסקירן אַלע זאַכן, וואָס מען האָט דאָרטן געפונען.

צום דערמאַנטן ראַפּאָרט איז טאַקע בייגעלייגט אַ גענויע רשימה פון די קאָנפיסקירטע חפצים:

„אַ שטאָפּענער פאָרהאַנג, אויף וועלכן עס געפינען זיך זיבן שורות מיט העברעישער שריפט, מיט גאָלד אַרומגעזוימט; אויבן איז געווען (מיט גאָלד אויסגעהאַפטן), אַ קרוין וואָס איז געהאַלטן גע־וואָרן פון צוויי לייבן — דאָס איז געווען דער פאָרהאַנג פון דעם פּיראַמידעאַרטיקן אַלטאַר, דער פאָרהאַנג איז געשענקט געוואָרן פון דער ייִדישער געמיינדע אין פּראָווידענטאַל; צוויי קרענץ אויך פון

שטאָף, מיט גאָלד באַפּוצט און זיידענע פרענז; זעקס נייע פאָרהאַנ־גען, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די פּרויען־אָפּטיילונג; אַ געל טישטוך מיט בלויע בענדער באַצירט; אַ מלבוש פאַר דעם פאָרזינגער מיט צוויי העברעיִשע אותיות; דריי מעשענע קרוין־לייכטער און איין גרויסער, מיט אויל אָנגעפילטער „שבת־לאָמפּ"; צוויי דיקע און אַ גרויסע צאָל געלע וואַקס־ליכט; אַ צדקה־פּושקע; צוועלף שטענ־דערס"...

מיר האָבן אין די דאָזיקע דאָקומענטן אַ וווּנדערבאַרע אויטענטישע שילדערונג פון דעם רעקוויזיט און אויסשטאַטונג פון אַ סינאַגאָגע אין 18טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד. נאָך קאָלאָריט גיט־צו דער פאַקט, אַז אַ שכנותדיקע קהילה, די פּרוידענטאַלער, האָט דעם דאָזיקן נייעם ישוב געשענקט אַ פּרוכת. ס'איז נישט באַוווּסט, וואָס פאַר אַ ווערטער עס זענען געווען אויף די „7 שורות".

די מלחמה האָט זיך געצויגן גאַנצע צען יאָר. די ייִדן האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זייער רעכט צו האָבן אַ געבעט־צימער און די שטאָט־לייט האָבן געטענהט, אַז מען „באַשווינדלט" זיי. פּאַפּירן האָבן זיך אָנגעזאַמלט, שררות האָבן זיך געטוישט. עס זענען פאָרגעקומען משפּטים. קלענערע אינצידענטן, געשלעגערייען צווישן די ייִדן פון „בורג" און די שטאָטישע איינוווינער.

ביי מיר געפינט זיך אַ דאָקומענט אונטערגעשריבן פון צוויי טאַלהיימער ייִדן דעם 2טן דעצעמבער 1803, אַז זיי דאַנקען פאַרן אומקערן זיי די ריטועלע חפצים, וואָס זענען ביי דער טאַלהיימער יודענשאַפט אין יאָר 1790 צוגענומען געוואָרן.

עס זענען דערווייל צוגעקומען נאָך ייִדן אין טאַלהיים. כמעט אַלע זענען זיי בעיקר געגאַנגען וווינען אין „יודענבורג". אין שטאָט האָט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט. האָבן זיי באַשלאָסן אויפצובויען אַן אמתע סינאַגאָגע.

זענען איבערגעבליבן פּאַפּירן, ווי אַזוי זיי האָבן אין משך פון דרייסיק יאָר געזאַמלט פּרוטה צו פּרוטה, פעניג צו פעניג, פאַרן „בנין הבית". האָ־בנדיק שוין אַ גענוגנדע סומע, האָבן זיי געזוכט צו קויפן אַ פּלאַץ. האָט מען זיי אונטער אין שטאָט נישט געוואָלט פאַרקויפן. איז געבליבן — מיר וועלן דאָ, אין דער מיט פון דער פעסטונג, אויסבויען גאָטס הויז. זיי האָבן איינגעקויפט אינמיטן בורג אַ שטיק פּלאַץ און דאָרטן אויפגעשטעלט די סינאַגאָגע. אין יאָר 1836 איז דער בנין פאַרטיק געוואָרן.

פון פיר משפחות אין יאָר 1778 איז די טאַלהיימער קהילה אויס־געוואקסן אין הונדערט יאָר שפּעטער צו קרוב 100 נפשות. עס האָבן זיך שוין שפּעטער די ייִדן באַזעצט אין דער שטאָט אונטן. אויבן, אין „יודענ־בורג", האָבן שוין קיין ייִדן נישט געוווינט. אַהין פלעגן נאָר די ייִדן אַרויפקריכן, טאַקע אַרויפקריכן, דורך די געדרייטע פעסטונג־טרעפּ, דאַווּ־נען.

איך בין געשטאַנען אויף דעם שפּיץ פון דעם טורעם, אויפן „שנעק", און געקוקט אויפן טאָל, אויפן שטעטל, ווו עס זענען נאָך אין יאָר 1933 געווען 90 ייִדישע נפשות. איך האָב אויף אַ רגע פאַרמאַכט די אויגן און זיך פאָרגעשטעלט דאָס בילד, ווי די דאָזיקע צענדליקער ייִדן פון „אונטן" דראַפּען זיך צום פעסטונג־שפּיץ; צי האָט עס נישט אַמאָל אויסגעזען, ווי באַרג־שטורמער, וואָס גייען איינצונעמען, באַהערשן אַ באַרג־שפּיץ, אַ שונאס פעסטונג... ווער קאָן זיך דאָס פאָרשטעלן, וואָס זיי האָבן יעדעס מאָל (בעיקר אין די שבתים) וועגן דעם געטראַכט.

און אינמיטן דעם אַרומגערינגלטן מיטן שוץ־מויער, באַרג שטייט נאָך די סינאַגאָגע. זי שטייט אויף משקולות, אַ חורבה; 12 פענצטער, אין די מזרח־, צפון־ און דרום־זייטן, מיט אויסגעהאַקטע שויבן; דער אַריינ־גאַנג — אַן ארויסגעריסענע טיר און אויבן די ווערטער „ערבויט אין 1836"; די שטיגן צו דער ווייבער־גאַלעריע הענגען אַראָפּ; אינעווייניק — הינער, גענז, קאַטשקעס און פאַרשידענע אָפּפאַלעכצן; אויפן סאַמע אויבן, אין דער מזרח־וואַנט, איז נאָך פאַראַן דער „דע לפני מי אתה עומד" — זיי וויסן, פאַר וועמען זיי שטייסט...

איך דערוויס זיך, אַז בעת דער „קריסטאַל־נאַכט" האָט מען די דאָ־זיקע סינאַגאָגע „נאָר געפּלינדערט" (געמיינט פאַגראָמירט). אונטערצינדן האָט מען נישט געלאָזט, ווייל... עס וואָלטן געליטן די „פאָלקס־גענאָסען", וועלכע האָבן געוווינט אין דעם „יודענבורג". זייערע אַרישע דירות זענען געווען אין סכנה.

שטייט זי, די חורבה, פאַרוואַרלאָזט, צוגעטוליעט צום „שנעק", אַרומ־גערינגלט מיט די פעסטונג־ווענט. ווינט און רעגן צעשטערן נאָך מער די ווענט, דעם דאַך. שטיקער ברעקלען זיך פון די ווענט און וואַרפן־אָן אַ מורא אויף די זיך שפּילענדיקע קינדער, ווייל נישט איינמאָל האָבן שוין אַראָפּגעפאַלענע שטיקער געזימסן געקענט שעדיקן די פאַרבייגייענדיקע.

דער עוואַנגעלישער פּאַסטאָר פון שטעטל האָט מיר געשטעלט אַ האַרבע שאלה:

— וואָס וועט זיין פון דער סינאַגאָגע? קיינער וועט זי נישט קויפן; קיין שום פּראַקטישן נוצן ברענגט זי נישט; זי ווערט נישט אויסגענוצט; קיין ייִדן וועלן שוין נישט קומען און קיינער וועט איר נישט אויפריכטן;

— טאָ צוליב וואָס זאָל זי שטיין ווי אַ שרעק־צייכן? עס איז אַ פּראָפּאַגאַציע, וואָס גאָטס הויז ווערט אַזוי צעברעקלט, צעשאָטן... ער מיינט, אַז מען וואָלט די חורבה געדאַרפט אַפּרוימען און אויף דעם פּלאַץ אַוועקשטעלן אַ דענקמאָל... עס וועט זיין אַן ערן־פּלאַץ. בפרט, אַז טויזנטער אויספלוגער קומען אַהער באַטראַכטן די אַלטע פעסטונג מיט איר „שנעק"... די ייִדן וואָלטן עס געדאַרפט טון...

— וועלכע ייִדן? — האָב איך אַ פרעג־געטון.

— וואָס הייסט וועלכע? די רייכע. זיי זענען רייך, די ייִדן, זיי האָבן דאָך געוווּנען דעם קריג!...

אָן אַ זייט די טיפּשות, אָדער דעם ציניזם, פון דעם דאָזיקן עובר־בטלדיקן אַלטן פּאַסטאָר, וואָס האָט מיר דערציילט נאָך דעם ווי ער האָט „געראַטעוועט" ייִדן, ווי ער איז געווען „דערבאַרעמדיק" אאַ"וו.

אויף דער שאלה: וואָס דאַרף געשען מיט דער דאָזיקער אָריגינעלער ייִדישער רעליקוויע? וואָס זאָל מען מיט איר טון? — האָב איך, ליידער קיין תשובה נישט געפונען.

די פֿאַרברענטע תּורה־קרוין אין לאַופּהיים

צווישן אולם און ביבעראַך צום פּעדערזעע, געפֿינט זיך דאָס שטעטעלע לאַופּהיים. זעלטן ווער פֿון אונדזערע ייִדן קאָנען דאָס שטעטעלע; טייל פֿאַר־בייטן עס מיט לייפּהיים, ווו עס איז געווען אַ ייִדישער פּליטים־לאַגער.

לאַופּהיים איז היינט אַ פֿאַרגעסענער נאָמען, אַ פֿאַרשווונדענער פּונקט פֿון אונדזער ייִדישער לאַנדקאַרטע אין מדינת אשכנז. עס זענען אָבער געווען צייטן ווען דער ישוב האָט געשמט אין אונ־דזער וועלט, ווען די דאָרטיקע קהילה איז געווען אַן עיר ואם בישראל, ממש אַ מאַמע, צו וועלכער עס האָבן זיך געצויגן פֿעדים פֿון גרויסע און קליינע קהילות, פֿון נאָענט און פֿון ווייט.

דורך מיינע הענט זענען דורכגעגאַנגען די וווּנדערבאַרע אוצרות פֿון דעם על־פּי־נס געראַטעוועטן אַרכיוו פֿון דער ייִדישער קהילה אין לאַופּ־היים. איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט טויזנטער דאָקומענטן און אַקטן. איך האָב געבלעטערט און געמאַכט אויסצוגן פֿון זעלטענע אַלטע פּינקסים (געפֿירט אין ייִדיש) פֿון פֿאַרשידענע חברות. פֿון דאָרטן דערוויסן מיר זיך אויך די פּרטים פֿון די ערשטע טריט, וואָס די דאָרטיקע עדה האָט געשטעלט.

אין יאָר 1724 האָט זיך דער ייִד אברהם קיסינדאָרפֿער פֿון אילער־אייכהיים, געווענדט צו די פֿירשטן פֿון לאַופּהיים, אַז מען זאָל דערלויבן עטלעכע משפּחות זיך צו באַזעצן אין דאָזיקן שטעטל. זיי וועלן אַלע גע־זעצן פֿון די שררות אויספֿירן; דעם געהעריקן שטייער צאָלן; זייערע שכנים און מיטבירגערס נאָך די אָנגענומענע תּקנות באַהאַנדלען. די פֿירשטן האָבן מסכּים געווען.

עס האָבן זיך דעמאָלט באַזעצט אין לאַופּהיים פיר משפחות: לעאָפּאָלד יעקב, יוסף שלעזינגער, לעאָפּאָלד ווייל פון בוכאַו און דוד אַבערנאַוער פון גרונדהיים.

מיט אומגעפער 100 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1808, האָט שוין די לאַופּ־היימער קהילה געציילט 278 נפשות און אין ווייטערדיקע 60 יאָר האָט שוין די קהילה פאַרמאָגט (אין יאָר 1870) 796 נפשות אויף דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער פון 3657, דאָס הייסט, געוואָרן אַ פערטל פון שטאָט.

פון אָנהייב האָבן זיך די ייִדן באַזעצט ביים ראַנד פון דער שטאָט, דאָרטן ווו די פּריצים האָבן זיי אויסגעטיילט אַ פּלאַץ. דאָרטן איז דעמאָלט אויפגעקומען די יודענגאַסע. עס איז זייער ראַש געוואַקסן די צאָל ייִדן; זיי האָבן זיך צעשפּרייט אין דעם גאַנצן אַרום פון דער „יודענגאַסע"; און דער שטח האָט באַקומען זיין נאָמען „יודענבערג", וואָס איז געבליבן



אַ דורכגאַנג אויף דעם „יודענבערג" אין לאַופּהיים. צוויי איבער־שטיבלעך כאַראַקטעריסטיש פאַר די הייזער פון דער דאָרטיקער „יודענגאַסע". אין זיי פלעגן זיין די סוכות, וואָס פלעגן זיך טוליען איינע צו דער צווייטער.

עד־היום. אַ גאַנצער קוואַרטאַל, מיט שמאָלע געסלעך, מיט בוידעם־שטיב־לעך און סאַלקעס (צוגעפּאַסט צו ווערן איבערגעמאַכט אויף סוכות, מיט באַוועגלעכע דעכער).

די קהילה איז צוזאַמען מיט איר וווקס גצעוואונגען געווען כסדר אי־בערצובויען און פאַרגרעסערן אירע בתי־תפילות. בראשית איז געווען אַ מנין אויף דער יודענגאַסע, אין דער שטוב פון אַ „האָף־יודע״, אַן אַנגע־זעענעם פּריצישן ליפעראַנט. נאָכדעם איז אויסגעבויט געוואָרן, אין 1771, די ערשטע סינאַגאָגע. אויך אין איר איז געוואָרן ענג. האָט קהל באַשלאָסן אין 1838 אויסצובויען אַ נייע, אַ גרעסערע. אין 1877 איז דער דאָזיקער בנין, ווי עס דערציילן די דאָקומענטן, געוואָרן פאַרשענערט, אויסגעמאָלט און באַפּוצט.

אויך דעם בית־עולם, להבדיל מן החיים, וואָס איז געלעגן הינטער די הייזער, בשכנות מיטן יודענבורג (דורך די פענצטער קוקט מען צו אים אַרויס), האָט מען געדאַרפט כסדר פאַרגרעסערן. פאַרלייגט האָט מען אים אין יאָר 1784 (ביז דעמאָלט האָט מען די מתים געפירט קיין בוכאַו) און נאָכדעם האָט מען אים, אין די יאָרן 1858 און 1887, פאַרגרעסערט.

לאַופּהיים איז געווען דער צענטער פאַר די אַרומיקע יידישע ישובים. אַפילו די שפּעטערדיקע באַרימטע גרויסע יידישע קהילה אולם פלעגט קו־מען דאַווענען (בעיקר ימים־טובים און שבתים) קיין לאַופּהיים. אויך פלעגן די ניפטרים פון אולם געבראַכט ווערן צו קבורה אין לאַופּהיים.

מיט אַ נעץ פון די פאַרשידענסטע חברות און געזעלשאַפטן, רעלי־גיעזע און וועלטלעכע איז די קהילה געווען אַרומגעוואַקסן.

אויך אין אַלגעמיין־שטאָטישן לעבן האָבן יידן געגומען אַ זייער אַק־טיוון אָנטייל. אַזוי האָט לאַופּהיים געהערט צו די געציילטע שטעטלעך אין דייטשלאַנד, וווּ די יידן האָבן שוין מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק געהאַט זייערע פאַרשטייערס אין דער אָרטיקער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אין יאָר 1867 איז דער יידישער אַדוואָקאַט לעמעלע געווען מיטגליד פון דער ביר־גערלעכער קאָלעגיע. אין יאָר 1870 זענען עס שוין געווען צוויי, חוץ לע־מעלען, אויך דער קהילה־פאָרזיצער שמעון־יוסף שטיינער.

יידישע פאַראיינען פלעגן זיך באַטייליקן אין אַלגעמיינע אונטערנע־מונגען. זייער כאַראַקטעריסטיש איז די פאָלגנדיקע געשיכטע: אין לאַופּ־היים איז אין יאָר 1845 געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער געזאַנג־פאַראיין „פּראָהזין״. אַרכיוו־אַקטן שילדערן די פייערלעכע אַנטהילונג פון פאַראיין־פאָן, וואָס איז פאָרגעקומען מיט איבער 100 יאָר צוריק, אין 1851. דער

דאָזיקער פאַראיין פלעגט זיך באַטייליקן אין די אַלגעמיין־שוואַבישע קאָנ־קורסן פון די כאָרן און געזאַנג־פאַראיינען. ביי די דאָזיקע פאַרמעסטונגען האָט טאַקע דער לאַופהיימער געזאַנג־פאַראיין באַוויזן וואָס ער קען און האָט דריי מאָל, ביי לאַנד־קאָנקורסן, באַקומען די ערשטע פּרעמיעס, ווי דער בעסטער כאָר: אין יאָר 1855 אין ווענסבורג, אין יאָר 1866 אין עס־לינגען און אין יאָר 1874 אין רויטלינגען.

לאַופהיימער רבנים האָבן געהערט צו די אויטאָריטעטן אין דער רבני־שער וועלט. מיט זייער וועלטלעכער בילדונג זענען זיי געווען אַ שם־דבר.

די דאָרטיקע ייִדן האָבן אויך געגעבן זייער בלוט־שטייער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. עטלעכע צענדליק פראָנט־סאָלדאַטן, פון וועלכע זעקס זענען „געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד”, צווישן זיי איין אָפיציר.

אין דעם יאָר, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט נאָך לאַופהיים פאַרמאָגט אַן עדה מיט 280 ייִדן. עס האָבן נאָך עקסיסטירט אַ צענדליק חברות, צווישן זיי „חברה קדישא” (געגרינדעט אין יאָר 1748), „מתן בסתר” (געגרינדעט 1814), „פרויען־פאַראיין” (געגרינדעט 1837) און „עזרה בצרה” (פון יאָר 1906).

**
*

אָבער דאָס אַלץ איז שוין היינט... געשיכטע. אַמאָל איז געווען אַ מעשה.

גיי איך היינט איבער לאַופהיימער גאַסן; איך בין אויף דער יודענ־גאַסע; דריי זיך אַרום אויפן יודענבערג — די נעמען זענען געבליבן; די לעבעדיקע זענען פאַרשווונדן; עס זענען נאָר פאַראַן די „יורשים” פון דעם סאָרט „הרצחת וגם ירשת” — האָסט אויסגעקוילעט און אָפּגעירשנט!

טוליען זיך סאַלקעס איינע צו די צווייטע; אויבערשטיבלעך שמועסן זיך אַדורך צווישן זיך; זיי פאַרשטייען נישט וואָס דאָ טוט זיך; עס איז דאָך שוין, דוכט זיך, סוכות־צייט פאַרביי — פאַרוואָס־זשע האָט מען זיי הײַ־יאָר און פאַראַיאָרן און פאַר צוויי יאָרן אַזוי פאַרשעמט געלאָזן שטיין, פאַרגעסן?

פון די ביישטידלעך שרייען אַראָפּ די נישט־פאַרקאַלכטע ערטער פון די געוועזענע מזוזות. אין אַנדערע ערטער זענען געבליבן לעכער נאָך די מזוזות — אַ זכר לחורבן.

און אָט איז דער פּלאַץ, ווו די פּרעכטיקע סינאַגאָגע איז געשטאַנען. זי איז געווען באַרימט מיט אירע זעלטענע נדר־טאָוולען. אין די הונדער־

טער זענען זיי געווען; אויף זיי זענען געווען לדורות פאַרשריבן יענע, וועל־כע האָבן געגעבן אויף בדק־הבית, אויף פאַרריכטן דעם בית־התפילה, פאַר די זילבערנע און גילדענע תשמישי־קודש, פאַר די קרוינען, מנורות און בשמים־ביקסלעך, וועלכע די סינאַגאָגע האָט פאַרמאָגט. עס זענען אויך געווען יאָרצייט־זכרון־טאָוולען — ביז 400 עקזעמפּליאַרן.

וואָס איז געוואָרן מיט דעם פּרעכטיקן שמוק פון דער סינאַגאָגע וווהין איז אריינגעפאַלן די דאָזיקע צירונג, וואָס איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער סביבה? ווו איז דער וווּנדערבאַרער גלאָק־זייגער, וועלכער פלעגט יעדע פערטל־שעה אויסשפּילן אַ מעלאָדיע, וואָס איר געקלאַנג פלעגט געהערט ווערן גאַנץ ווייט? ווער וועט מיר דערציילן וועגן דעם? די לעבעדיקע האָט מען „אַרויסגעפירט" און קיינער איז פון „אומבאקאנטן וועג" נישט צוריקגעקומען.

**
*

מיין מי איז נישט געווען אומזיסט. איך האָב אויסגעפונען שיריים פון דעם פּרעכטיקן נעכטן. פאַרברענטע, פאַרשרפהטע רעשטלעך האָבן זיך אויפגעהיט.

אין דעם אָרטיקן שטאָטישן מוזיי האָב איך אויסגעפונען שיריים פון דעם פריערדיקן סינאַגאָגע־אוצר. צווישן אַלטע אויסגראָבונג־עקספּאָנאַטן, אַרכעאָלאָגישע זעלטנקייטן, אַלטע מכשירים פון יאָרהונדערטער צוריק ליגן אויך, פאַר די גויים, „אויסטערלישע" עקספּאָנאַטן. באַזוכערס באַטאַפּן זיי, באַקוקן זיי און דער מוזיי־אויפזעער, וועלכער איז, ווייזט אויס, אַ גרויסער „תלמיד־חכם" אין יידישע ענינים, קלערט אויף:

— דאָס איז אַ קאָפּ־באַדעקונג פאַר חתן־כלה. — געמיינט האָט ער איינע פון די צעקנייטשטע תורה־קרוינען; וועלכע זענען מגולגל געוואָרן אין מוזיי.

— און דאָס זענען צוויי שפּיצן, וועלכע די יידן באַנוצן בעת אַ חתונה, כדי צו באַצירן די „באַלדאַכינג־שטאַנגען" (חופה־שטאַנגען) — איז זיין אויפקלערונג פאַר די „רימונים" פון די עץ־החיימס.

איך האָב באַטראַכט דעם תורה־כתר. זעקס גרויסע בלויע איידלשטיי־נער באַצירן אים. איך רייב אָפּ דעם אָנגעוואַקסענעם שטויב, שייער אָפּ די גרינע מאָסע, וואָס דער בראַנד האָט גורם געווען, און לייען דורך „תרכ"ח לפ"ק", דאָס הייסט, די דאָזיקע קרוין איז איינגעשאַפן געוואָרן אינעם יאָר 1868. די צווייטע זייט דערציילט ווער עס האָט דאָס מנדב געווען: דעם נאָמען האָב איך נישט געקענט איבערלייענען.

אויף איינעם פון די רימונים האָב איך געקענט פונאַנדערשיפרירן דעם איינגעקריצטן זאַץ: „על פי פינקס הקהל, דף פ״ז, ביום א׳ כ״ז מרחשון תרכ״ח לפ״ק״. הייסט עס, אַז געמאַכט איז עס געוואָרן אינעם יאָר 1868, בהסכם מיט דער פאַרצייכענונג, וואָס געפינט זיך אין דעם קהל־פינקס אויף דער זייט פ״ז.

ווי אַזוי זענען דאָס די דאָזיקע צעקאַליעטשעטע תשמישי־קודש אַהער געקומען ?

— נאָך דער שריפה פון דער סינאַגאָגע, וועלכע איז חרוב געוואָרן בעת דער „קריסטאַל־נאַכט״, האָט מען זיי אונטערן אַש געפונען...

און דער מוזיי־פירער גיט צו: „מיר וויסן, ווי די דאָזיקע זאַכן זענען טייער ביי די יידן און מיר האָבן עס, בכן, אויפגעקליבן און היטן זיי אָפּ״...

אין זכרון איז מיר געקומען זכריה הנביא מיט זיין „הלא זה אוד מוצל מאש״ — דאָס איז דאָך אַ שייט, וואָס איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון פייער. וויפיל טמאדיקע הענט האָבן עס שוין אויסגעטאַפּט און „באַוווּנ־דערט״ די „זאָנדערבאַרע דינגע״? ביז ווי לאַנג וועלן זיי זיך אַרומבלאָנקען אָן אַ תיקון?

אויך אַ טייל פון שפּיל־זייגער האָב איך געפונען. ער איז נישט צע־שמאָלצן געוואָרן. ער איז „אָפּגעראַטעוועט״ געוואָרן און געפינט זיך אין דער קאַטוילישער פרידהאָף־קאַפּעלע. ער ווערט באַנוצט ווי אַ גאָנג, וועל־כער קלינגט בעתן אָפּריכטן די קבורה־צערעמאָניע.

***

און אַז מען איז שוין אין לאַופּהיים, שיקט עס זיך נישט אויסצומיידן דעם בית־עולם...

עס איז דאָרטן פאַראַן וואָס צו זען. אָבער דאָס מאָל וויל איך נישט שילדערן די „יאָרהונדערטער מצבות״. די מערקווירדיקייטן זענען גראָד דאָרטן די „נייעסן״.

דריי שורות מיט פרישע קברים פון נאָך 1945 געפינען זיך דאָרטן. קברים פון צונויפגעשלעפּטע יידן פון ארבע־פינות אייראָפּע — פוילן, רו־מעניע, אונגאַרן, טשעכיע. יעדע מצבה ווערט דאָ פאַרענדיקט מיטן שפּרוך: „שנהרג על ידי מלכות הרשעה גערמאַניע, ימח שמה וזכרה״ (ער איז אומ־געקומען פון דער רשעותדיקער גערמאַניע, אויסגעמעקט זאָל איר נאָמען ווערן).

עס געפינען זיך אויך מצבות אין פויליש. ייִדן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז זייערע נאָענטע וועלן דאָ רויִקער ליגן, ווען דער פוילישער נוסח: zginęła tragicznie w kwiecie wieku וועט זייער מצבה באַשיינען.

דאָס זענען מצבות נאָך די אומגעקומענע אין די ס״ס־לאַגערן, וואָס האָבן זיך געפונען בשכנות פון לאַופּהיים. די לעבנגעבליבענע קרובים האָבן עס געשטעלט.

לסוף אַ שוידער־מצבה פון דריי שוועסטערס, טערעזע, יעטטע און סאַלי קירשבוים, וועלכע זענען אַלע דריי, טאָג נאָך טאָג, דעם 11טן, 12טן און 13טן פעברואַר 1941, איינע נאָך דער צווייטער „געשטאָרבן״. וועגן זייער מיסטעריעזן „טויט״ ווערן דאָ דערציילט פאַרשידענע ווערסיעס.

דער האַנטפאַס ביים אַרויסגאַנג פון בית־עולם שטייט נאָך. פאַר וועמען? פון וועלכער טומאה זאָל מען די הענט וואַשן? אַז עס ליגן דאָ נאָר קדושים וטהורים...

די שוועסטער־מצבה נאָך סאַלי, יעטטע און טערעזע קירשבאַום, וועלכע זענען, טאָג נאָך טאָג, אַלע דריי געשטאָרבן אין פעברואַר 1941. זיי אַלע האָבן געוווינט (ווי אַלטע פרויען) אין אַ מושב־זקנים און דאָרטן זאָל מען זיי האָבן, איינציקווייז, אָפּגעסמט.

הילדעסהיימער מאַרטירער־דענקמעלער

...און אַרומבלאָנדזשען זאָלסטו צווישן חורבות,
דורך ווענט צעבראָכענע מיט אויסגעקרימטע טירן,
פאַרביי צעשטירצטע אויוונס, האַלבע קוימענס,
אַנטבלויזטע שוואַרצע שטיינער, האַלב פאַרברענטע ציגל
ווו פייער, האַק און אייזן האָבן נעכטן
אויף אַ בלוט־חתונה אַ ווילדן טאַנץ געשפּילט:
און קריך דורך בוידעמער, דורך לעכערדיקע דעכער.
און קוק זיך איין אין אַלע שוואַרצע לעכער —
דאָס זענען אָפענע, שוואַרצע, שטומע ווונדן,
וואָס וואַרטן מער אויף קיין רפואה אין דער וועלט...

ביט אַרויס פון געדאַנק זענען מיר די דאָזיקע ווערטער פון ביאַליקס „עיר ההריגה“, פון דער שחיטה־שטאָט, וואָס איז אָנגעשריבן מיט העכער 50 יאָר צוריק, נאָכן קישינעווער פּאָגראָם. זיי באַגלייטן מיך אומעטום וווהין איך קום: אין די אַלע ערטער ווו עס זענען ביז ימי היטלער געווען ייִדישע קהילות; די דאָזיקע שטאַרקע ווערטער פון דער נביאישער עלעגיע אויף ייִדישן חורבן און פּאָגראָם זעט מען באַשיינפּערלעך אומעטום, ווו עס האָבן נאָר דערגרייכט די נאַצישע רוצחישע הענט. נישט אומעטום זענען זיי אָבער שטומע ווונדן, זייער אָפט זענען זיי גאָר שרייענדיקע, וועלכע פאַר־הילכען מיט זייער שווייגן דעם גאַנצן אַרום.

באַזונדערס האָב איך עס געפילט בעת מיין באַזוך אין הילדעסהיים, האַנאָווער קרייז אין דער בריטישער זאָנע.

עס איז נישט סתם אַ ישוב פון די פּאָר טויזנט פּאַרשניטענע. הילדעסהיים איז איינער פון די עלטסטע און פאַרביקסטע ייִדישע קיבוצים וועלכע האָבן געשמט אין אַלע אונדזערע תפוצות. געווען איז עס בשעתו אַן עיר ואם בישראל. עדות דערפון זענען די ברייטפאַרצווייגטע משפחה־נעמען הילדעסהיימער, וועלכע פאַרנעמען אַזאַ בכבודיקן אָרט אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזער לעבן.

און ווען מען זאָגט אַן אַלטע און אָנגעזענע קהילה איז דייטשלאַנד, הייסט עס שוין אַז דער דאָזיקער ישוב האָט אַ בכבודיקע רשימה פון ענויים, נגישות, גזירות, גירושים, שחיטות, שריפות און אַלע מינים פורעניותן, וועלכע זענען אַפילו אין דער תוכחה נישט אויסגערעכנט.

עס איז דאָ נישט דאָס אָרט איבערצוגעבן די געשיכטע פון דער היל־דעסהיימער יידישער עדה, וועלכע ציט איר יחוסדיקייט פון 11טן יאָר־הונדערט. די ערשטע ידיעה וועגן די דאָרטיקע יידן שטאַמט פון יאָר 1038.

מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט אַ קורצער כראָנאָלאָגישער רשימה פון די מאַרטירער־עטאַפּן פון דער דאָזיקער קהילה־קדושה.

שוין אין יאָר 1258 האָט מען די יידן פון דאָרטן אַרויסגעטריבן און די סינאַגאָגע געשלאָסן.

יידן קומען ווידער אַהין און אין 1349 ווערט הילדעסהיים דערמאָנט צווישן די מאַרטירער־שטעט, ווו די יידן זענען אויסגעקוילעט געוואָרן.

אַ וויטערדיקע כראָניק דערציילט, אַז אין יאָר 1457 קומט פאָר אַ גירוש פון אַלע יידן, און די אויפגעבויטע, אין יאָר 1385, סינאַגאָגע ווערט אויפגעריסן. אויפן יידישן בית־עולם ווערט אויפגעבויט די קירכע סאַנט־אַננען.

און נאָך דעם דאָזיקן גירוש קומען די יידן צוריק, אָבער נישט אויף לאַנג. אין יאָר 1595 ווערן זיי נאָכאַמאָל פאַרטריבן.

דאָסמאָל משפטן זיך יידן מיט די שטאָט־באַלעבאַטים; זיי קלאָגן אָן דעם דאָזיקן גירוש פאַרן טריבונאַל אין פּראָג, וועלכער גיט די יידן גע־רעכט און זיי קומען צוריק אין שטאָט אין יאָר 1601. נישט לאַנג בלייבן זיי אָבער דאָרטן. אונטערן פאָרוואורף, אַז זיי זענען שולדיק אין דער מגיפה, וואָס איז דאַן אויסגעבראָכן, ווערן זיי ווידעראַמאָל אין יאָר 1609 פאַריאָגט.

אַ מערקווירדיקע עקשנות האָבן אַרויסגעוויזן די דייטשע יידן (דאָס האָט אַ שייכות נישט דווקא צו הילדעסהיים). זיי האָבן זיך מיט איינגע־שפּאַרטער להכעיסדיקייט געקלאַמערט אין די ישובים, ווו זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות — עפּעס האָט זיי געצויגן צוריק אין די צעשטערטע קהילות, ווו עס האָבן אויף זיי געוואַרט פרישע צרות.

און דערווייל איז די עדה הילדעסהיים געוואַקסן. אין יאָר 1634 איז דאָרטן געווען אַ מנין יידן; אין 1668 ווערט דאָרט געגרינדעט אַ „חברה קדישא", וועלכע האָט נאָך עקסיסטירט ביזן היטלער־חורבן; אין 1726 וווי־נען שוין דאָרטן מער ווי 40 משפחות; אין 1851 ציילט די קהילה 77 משפחות

און דערגרייכט צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט צו 500 נפשות. ערב דעם היטלער־אומקום זענען אין הילדעסהיים געווען 650 ייִדן.

און די דאָרטיקע עדה האָט פאַרמאָגט אַ היפּשע נעץ פון אינסטיטוציעס, פאַראיינען, חברות, וווילטעטיקע און בילדונגס־אינסטיטוציעס.

און היינט? — וועגן דעם דערציילן די שטיינער...

גייען מיר איבער די חורבות, מיר זוכן די שפּורן פון דעם געוועזענעם נעכטן, פון דעם פאַרשניטענעם עבר.

— ווער איז עס דער „מיר"? עס זענען אַהער מגולגל געוואָרן עטלעכע ייִדן, שרידים פון בערגען־בעלזענער פאַרניכטונגס־קאָמבינאַט. זענען זיי ציטערדיק געבליבן; געפונען אַ חיי־שעה־תיקון ביז מען וועט פון דאַנען פּטור ווערן. ייִדן פון קאַטאָוויץ, פון לאָדזש, פון גאַליציע און פון אַרום ווילנע. מען האָט פאַרלוירן די משפּחות, ווער די פרויען, ווער די מענער; האָבן זיך מתחתן געווען „ליטוואַקעס" מיט „גאַליציאַנער", געשאַפן איין משפּחה, זיך צוזאַמענגעשלאָסן, כדי צוזאַמען אָוועקצוגיין.

די דאָזיקע פּוילישע ייִדן, מיט זייער פּרעזעס זיגפריד גראָס, האָבן עס אויפגעקליבן די איבערגעבליבענע הילדעסהיימער ייִדן, די „יעקעס" און פון דאָזיקן „קיבוץ גלויות" איז עס געוואָרן די אָרטיקע געמיינדע.

און אַ מאָדנער ייִד איז עס דער דאָזיקער זאַגלעמביער גראָס. ער, דער „פּרעמדער", האָט זיך אַריינגעטון מיט לייב און לעבן נישט נאָר אין היינטיקן ייִדישן „לעבן", נאָר דווקא אין נעכטן, אין דעם גאָר ווייטן עבר.

אים עס צו פאַרדאַנקען דאָס אָפּהיטן פיל היסטאָרישע אוצרות. גענוג צו דערמאָנען, אַז ער, דער געוועזענער קאַצעטלער, האָט ראשית־כל געטראַכט, אַז מען זאָל פאַרייביקן אויף אַ פילם די דריי בית־עולמס, פון וועלכער איינער איז פון די עלטסטע אין דייטשלאַנד.

באַגלייט מיך טאַקע גראָס זון (אויך אַ קאַצעטלער פון בערגען־בעלזען) אויפן נייעם בית־עולם. הונדערט יאָר איז ער אַלט; בימי היטלער האָט מען איינגעלייגט די מצבות; איצט שטייען זיי אַלע מיט בלומען באַצירט; די אַלייען — ריין, עס זאָרגט פאַר דעם די שטאָט־פאַרוואַלטונג. איז דער בית־עולם ענלעך צו די אַנדערע הונדערטער פון דעם מין, אָבער עס געפינט זיך דאָרט אַ דענקמאָל, וועלכן מען דאַרף פאַרצייכענען און פאַראייביקן לדורות.

אויפן סאַמע אויבנאָן געפינט זיך אַ שוואַרצער מאַרמאָר־שטיין אַרומגערינגלט מיט ניין ליידיקע שוואַרצע שטומע שטיינער. אויפן דענקמאָל לייענען מיר:

מרדכי וו. בערנשטיין

יזכור אלהים את ט׳ הקדושים שנרצחו על־ידי הנצים הזדים
בשנת תש״ו בעיר הילדעסהיים השם ינקום דמם — ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳.

דאָס איז אַ מצבה פאַר 9 ייִדישע קאַצעטלער, אומבאַקאַנטע קדושים, וועלכע זענען פאַרפּייניקט געוואָרן אין דעם הילדעסהיימער נאַצי־לאַגער.

עס איז אויך אינטערעסאַנט די געשיכטע, ווי אַזוי די נײַן מאַרטירער זענען געקומען צו קבר־ישראל. ס׳ווייזט זיך אַרויס אַז שוין אין לאַגער גופא, שטייענדיק אַלײן בײַם ראַנד פון טויט, האָט דער דערמאָנטער גראָס געזאָרגט, אַז מען זאָל די קרבנות מקבר זײַן אויפן ייִדישן בית־עולם. נאָך דער באַפרײַונג איז טאַקע די ערשטע עובדא געווען צו שטעלן דעם דאָזיקן דענקמאָל מיט די נײַן שטומע שטיינער.

פונדאַנען האָט אונדזער וועג געפירט צום לאַפּענבערגער־פּלאַץ. דאָ איז עס געשטאַנען איינע פון די באַרימטסטע ייִדישע סינאַגאָגעס, וועלכע איז געבויט געוואָרן אין שטורעם־יאָר פון „פעלקער־פרילינג״ — אין יאָר 1848. עס איז געווען אַ צירונג מיט וועלכן נישט נאָר די הילדעסהיימער האָבן זיך געגרויסט. איך האָב אין די אַרכיוו־אַקטן געפונען די באַשרײַבונגען פון דער גרויסאַרטיקער פײַערונג, וועלכע איז געפּראַוועט געוואָרן אין יאָר 1899, צום 50סטן יובל פון אויפבוי פון דאָזיקן מקדש־מעט.

מיט 40 יאָר שפּעטער האָבן עס צום 90סטן יובל די נאַציס דאָ זייער בלוטיקן ספּעקטאַקל אָפּגעשפּילט. זיי האָבן דעם יובל „געפײַערט״ — אין דער בלוטיקער „קריסטאַל־נאַכט״, נאָוועמבער 1938 — איז חרוב געוואָרן דער דאָזיקער פּראַכט.

שטייען מיר אויפן לײַדיקן פּלאַץ; עס זענען שוין אָפּגעראַמט געוואָרן די ברוך־שטיקער פון דעם ריזן־בנין; דרײַ אַלטע דעמבעס זענען אָפּגעהיט לזכרון, דרײַ בוימער, וועלכע ווײַזן, אַז דאָ איז געווען דער אַרײַנגאַנג צום חרובן טעמפּל.

און אינמיטן ווידער אַ שטומער עדות — אַ דענקמאָל, אַ פּשוטער שטיין, אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט:

מקום בית הכנסת לעיר הילדעסהיים שנחרבה על־ידי הנצים
הזדים ביום ט״ו לחודש מרחשון תרצ״ט.
אוי לי שהחרבתי את ביתי והגלתי את בני...

(דאָס הייסט: דאָ איז דאָס אָרט, וווּ עס איז דאָ געשטאַנען די סינאַגאָגע פון דער שטאָט הילדעסהיים, וועלכע איז חרוב געוואָרן דורך די פאַר־

ברעכערישע נאַציס; ווי איז צו מיר, וואָס איך האָב חרוב געמאַכט מיין הויז און פאַרטריבן מיינע קינדער...).

אַ צווייטן זכר לחורבן האָב איך געפונען אין געוועזענעם געשטאַפּאָ־אַרכיוו, אַ פאָטאָגראַפיע, וועלכע ווייזט די סינאַגאָגע אַרומגעכאַפּט אין פלאַמען.

בשכנות פון דער לאַפּענבערגער־שטראַסע געפינט זיך די אַמאָליקע מיטלאַלטערלעכע יידן־גאַס, וועלכע הייסט היינט געלבער שטערן־שטראַ־

דער דענקמאָל אויפן לאַפּענבערג־פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען די סינאַגאָגע.

סע. מיר פאַרהאַלטן זיך ביי אַן איינגעהויקערט הויז, ביים נומער 21; שטיי־נערנע געזימסן מיט רעליפן, אין וועלכע עס זענען אויסגעהאַמערט וווּנ־דערבאַרע אָרנאַמענטן — יידישע קעפּ און פיגורן, אונטן אַ דאַטע — 1548. האָט זיך פאַרגעשטעלט דער שטיינקריצער, אַז מיט 400 יאָר שפּע־טער וועט מען אַהער עולה־רגל זיין און באַוווּנדערן די דאָזיקע רעליקוויע?

***

אונדזער עקסקורסיע אין וויטן עבר האַלט ביים סוף — אַלטע מצבות, מיטלאַלטערלעכע געביידעס און לסוף אַן אַלט, פאַרצייטיק פאַרצייכעניש אין אַן אַרכיוו־פערגאַמענט: „אויף יידן־גאַס איז געבויט אַ הויז, נומער 13, דאַטע 1543 און דאָרט איז איינגעקריצט אין העברעיש דער פסוק פון קאַפּיטל קכ״ז פון תהילים „אם אדני לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו, אם אדני לא ישמור עיר שוא שקד שומר״. (אויב גאָט בויט נישט אַ הויז, אומזיסט מיען זיך זיינע בויערס אויף אים; אַז גאָט היט נישט אַ שטאָט, אומזיסט וואַכט דער שומר).

משמעות, אַז גערעכט איז געווען יצחק קאַצענעלסאָן, אין זיין עלעגיע פון „אויסגעשאָכטענעם פאָלק״ — דער הימל האָט זיך אין די טעג פון אונדזער לעצטן חורבן פאַרשלאָסן און זיך נישט זעען געמאַכט ווי פייער און אייזן מאַכן חרוב שטעט און הייזער, ראשית־כל — זיינע הייזער!

און עס הילכט טאַקע פון די שטיינערנע דענקמעלער דער וויי־געשריי פון דער פאַרטרויערטער שכינה, דער קלאָגעדיקער בת־קול פונעם שטיין אין הילדעסהיים אויפן לאַפּענבערג־פּלאַץ: אוי לי שהחרבתי את ביתי.

אָבער טויב איז דער חלל פון דער עמלקישער ערד; עס דערגייט נישט צו קיינעם דער אָפּהילך פון דעם בת־קול.

איז דער הימל נאָך אַלץ פאַרשלאָסן? ער מוז דאָך אויפגעריסן ווערן פון טויזנטער מאָל טויזנט עכאָס פון דעם: אוי לי שהחרבתי...

די 13 שטיינער פון דער דיסעלדאָרפער סינאַגאָגע

גאָר אַ בכבודיק אָרט האָט פאַרנומען דיסעלדאָרף צווישן די ייִדישע געמיינדעס אין דייטשלאַנד ביזן היטלער־חורבן. די דאָרטיקע קהילה קאָן, וואָס אַן אמת, זיך נישט באַרימען מיט אַזאַ אַלטן יחוס ווי דאָס שכנות־דיקע קעלן, וועלכע שטעקט מיט אירע וואָרצלען אַזש ביזן 4טן יאָרהונדערט, אָבער זי איז אין משך פון עטלעכע יאָרהונדערטער געווען אַ צענטער פון ייִדישער איניציאַטיוו; ייִדי־שע ענערגיע און פּראַצע האָבן פאַרנומען דאָרט, אין דעם צענטער פון רור־געביט, אַ זייער אָנגעזעענעם אָרט.

אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָרהונדערט איז דער ייִדישער קיבוץ אין דיסעלדאָרף זייער שנעל געוואַקסן. די דאָרטיקע ייִדן האָבן אין דאָ־זיקן מיטלפּונקט פון דייטשן אינדוסטריעלן צענטער געשפּילט אַ פאַרהעלט־נישמעסיק גאָר וויכטיקע ראָל. מיר טרעפן ייִדן אין דער אינדוסטריע און פינאַנץ־וועלט; זיי זענען פאַרטראָטן אין דעם האַנדל, פאַרנעמען זייער גרויסע ערטער אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן; אין אַלע פרייע פּראָ־פעסיעס זענען ייִדן זייער שטאַרק אָנזעעוודיק געווען.

די ערשטע ידיעות פון דער קהילה קדושה דיסעלדאָרף זענען פון 15טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1438 ווערן די ייִדן, בעת די אַלגעמיינע גזירות אין דייטשלאַנד, אויך פון דאָרטן אַרויסגעטריבן. ווי גרויס די דאָזיקע קהילה איז געווען, וואָס פאַר אַן אָרט זי האָט דאַן פאַרנומען, איז נישט קלאָר. די ידיעה פון גירוש נעמען מיר נאָר פון די באַרימטע מעמאָר־ביכער, ווו עס זענען אויסגערעכנט די קהילות, וועלכע זענען אין יענער צייט חרוב געוואָרן — צווישן זיי איז אויך פאַראַן דיסעלדאָרף.

אומגעפער 150 יאָר איז די שטאָט געווען „ייִדן־ריין“. מיר ווייסן

דאָרט גאָרנישט וועגן יידישער אָנוועזנהייט. ערשט אין יאָר 1582 טרעפן מיר אין דאָקומענטן איין ייד, וועלכער וווינט אין דיסעלדאָרף. זיין נאָמען ווערט נישט דערמאָנט. אין יאָר 1640 פיגורירט שוין אין דיסעלדאָרף דער ייד ישראל יאַקאָבס, דער הויפט־פאַקטאָר פון דעם דאָרטיקן שררה.

אין משך פון אַ 200 יאָר איז דער יידישער ישוב אומגלויבלעך שנעל געוואַקסן. עס איז כדאי זיך מיטן דאָזיקן וווקס צו באַקענען:

אין יאָר 1677 זענען אין דיסעלדאָרף פאַרצייכנט צוויי יידישע משפחות.

אין יאָר 1750 זענען דאָס שוין 14 משפחות.

אין יאָר 1775 — 24 משפחות.

אין יאָר 1823 פאַרמאָגט שוין די קהילה העכער דריי הונדערט משפחות.

מיט הונדערט יאָר שפּעטער, אין יאָר 1925, איז שוין דיסעלדאָרף אַ קהילה מיט העכער פינף טויזנט נפשות (צוזאַמען מיטן ראַבינאַט־קרייז זיבן טויזנט!). די דאָזיקע צאָל האָט געהאַלטן אין איין אָנוואַקסן ביזן היטלער־אויפמאַרש, ביז 1933.

צווישן די ערשטע דיסעלדאָרפער תושבים איז געווען יוספא (יוסף־יעקב) פאַן גאָלדערן, דער עלטער־זיידע פון היינריך היינע. ער איז געווען דער קאַמער־אַגענט פון הערצאָג יאָהאַן ווילהעלם...

דער זעלבער יוספא פאַן געלדער האָט טאַקע מנדב געווען דעם בנין פאַר דער עלטסטער סינאַגאָגע אין דיסעלדאָרף, וועלכע איז אויפגעהיט געוואָרן אויף דער היינטיקער נויסער־שטראַסע און איז דאָרטן געשטאַנען אין די יאָרן 1712־1772.

און דאָ קום איך טאַקע צום ענין, וועגן וועלכן איך וויל היינט דער־ציילן.

פון דער דאָזיקער ערשטער סינאַגאָגע, פאַרן ערשטן מנין יידן אין דיסעלדאָרף ביז דער לעצטער, וועלכע איז חרוב געוואָרן אין דער פייער־דיקער „קריסטאַל־נאַכט", האָבן די אָרטיקע יידן געהאַט אַ רייע אַנדערע גע־בעט־הייזער און טעמפּלען. עס איז געוואַקסן דער ישוב, און יעדע עטלעכע יאָר פלעגט זיך אַרויסווייזן, אַז דער מקום־קדוש זייערער איז צו־קליין. אַלטע סינאַגאָגעס פלעגן איבערגעבויט ווערן, נייע פלעגן אויפגעשטעלט ווערן.

די לעצטע סינאַגאָגע, וועגן וועלכער עס איז דאָ די רייד, איז אויס־געבויט געוואָרן אין יאָר 1904, און איז געווען אַן אמתער פּראַכט־פּאַלאַץ.

מיט איר ראָמאַנישן סטיל איז זי געווען אַ שם־דבר אין גאַנצן אַרום; די קאַסערנע־שטראַסע, נישט ווייט פון דעם גראַף אַדאָלף־פּלאַץ איז געווען אַ צוציִונגס־אָרט פאַר די כל־המינים אויספלוגן און טוריסטן, וועלכע פלעגן אָפט קומען באַזוכן דעם „דייטשן פּאַריז", ווי דיסעלדאָרף ווערט גערופן. זיי



די דיסעלדאָרפער סינאַגאָגע איידער זי איז צעשטערט געוואָרן.

האָבן אין זייערע רשימות פון „זעענסמערקווירדיקייטן״ געהאַט נאָטירט דעם „יודענטעמפל״.

די דאָזיקע סינאַגאָגע, אַן אַרכיטעקטאָניש קונסטווערק, פלעגט מיט אירע וווּנדערבאַרע טורעמס און רעליעפן פון דרויסן און מיט די אינער־לעכע באַצירונגען און שמוק אַרויסרופן התפּעלות און באַוווּנדערונג ביי אַלע באַזוכער.

און ווייל זי איז געשטאַנען אין האַרץ פון דעם רוישיקן „פּאַריז״; ווייל יעדער, וועלכער פלעגט קומען צו די צאַלרייכע אינטערנאַציאָנאַלע מעססעס און קאָנפערענצן פלעגן זיך אָפּשטעלן און באַוווּנדערן דעם דאָזיקן יידישן פּראַכט, איז די סינאַגאָגע טאַקע געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון די שונאים. קנאה און שנאה האָבן אַרום איר געפירט אַ העצע, און די שפּעטערדיקע נאַצי־יונגען האָבן שוין פון לאַנג אויף דער סינאַגאָגע גע־שאַרפט די ציין. זיי האָבן זיך דערוואַרט ביז זיי האָבן דעם דאָזיקן מקדש־מעט מיט דינאַמיט צעשטערט אין נאָוועמבער פון 1938.

הגם פון דער אַלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג זענען יידן געווען נישט מער ווי אומגעפער אַנדערטהאַלבן פּראָצענט (די אַלגעמיינע צאָל איינוווי־נער איז געווען אַ האַלבער מיליאָן, און יידן צווישן זיי ביי 7.000), איז די העצע געווען אַ מוראדיקע. גענוג צו דערציילן, אַז אין דעם טרויעריק־באַרימטן אַנטיסעמיטישן לעקסיקאָן „סיגילא ווערי״ פאַרנעמט דיסעלדאָרף גאַנצע 26 עמודים(!). וואָס קאָן מען דאָרטן אַלץ נישט געפינען: אַלע יידישע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן; יידישע פאַבריקאַנטן און באַנקירן; ליטעראַטן, קינסטלער, אַקטיאָרן; פאַריינען, אינסטיטוציעס, געזעלשאַפטן, לאָזשעס — און אַלע מיט די גענויע אַדרעסן און מיט די נעמען פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער. און יעדע אינפאָרמאַציע איז געווען על־פּי־נוסח „שטירמער״, באַווירצט מיט יידן־האַס און ראַסן־גיפט, און אומעטום איז געווען דער ווונק, אַז מען וועט נאָך פון די דאָזיקע „פרעמדע״ פּטור ווערן. און די „פרעמדע״ זענען עס געווען די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט דעם גרעסטן פאַרדינסט ביים אויפבוי פון דאָזיקן אינדוסטריעלן צענטער, ביי דער אָנ־זאַמלונג פון דעם ריזיקן מאַטעריעלן און גייסטיקן פאַרמעגן אין דעם מיטל־פּונקט פון רור־געביט.

***

לכתחילה האָב איך נישט געהאַט בדעה צו זוכן דעם סינאַגאָגע־פּלאַץ, ווייל וואָס פאַראַ חידושים וואָלט איך דאָרטן געקענט געפינען? — ווידער

אַ חורבה אָדער אַ ליידיקן פּלאַץ. צופיל צייט האָב איך ביי מיין דעמאָלט־דיקן באַזוך נישט געהאַט. אַ צופאַל האָט מיך אָבער אַהין געבראַכט.

שפּעט אין אָוונט, ווען איך בין פּאַרטיק געוואָרן מיט מיינע דיסעל־דאָרפער ענינים, האָט מיר פריינט קאַרל מאַרקס (אַרויסגעבער פון דער דיסעלדאָרפער „אַלגעמיינע וואָכענצייטונג דער יודען אין דייטשלאַנד", ווו עס האָט זיך געדרוקט מיין שטודיע־ציקל „לעבעדיקע פאַרגאַנגענהייט") איבערגעגעבן, אַז עס איז שוין פאַר מיר צוגעגרייט אַ צימער אין דער... סינאַגאָגע.

פון אָנהייב האָב איך נישט באַנומען, וואָס ער מיינט מיט דעם. גע־פּרוווט אַריינטייטשן עפּעס אַלעגאָרישעס אין זיינע רייד. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס איז פּשוטו כמשמעו, טאַקע אין דער „סינאַגאָגע" ממש. דאָס מיינט אין די קעלערן פון דער געוועזענער סינאַגאָגע, ווו עס איז היינט דער שטאָטישער האָטעל, דער „האָטעל דער שטאָדט דיסעל־דאָרף"...

אויפן אָרט פון דער געוועזענער סינאַגאָגע איז אַ ליידיקער פּלאַץ; דער קעלער איז גאַנץ און דאָרטן איז אַ האָטעל איינגעאָרדנט געוואָרן. ביז הונדערט באַקוועמע איינצל־ און דאָפּל־צימערן, אַ לייען־זאַל און אַ קלוב, אַ פריזירער און אַ קאָסמעטיק־קאַבינעט; אַ רעסטאָראַן און אַ ברייטער קאָ־רידאָר פאַר אויסשטעלונגען — דאָס אַלץ פאַרמאָגט דער קעלער פון דער געוועזענער פּרעכטיקער סינאַגאָגע.

איך האָב די נאַכט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. אין דאָזיקן ממעמקים בין איך געלעגן וואָך און איין מחשבה האָט געיאָגט די אַנדערע.

— וואָס דערציילן זיך די איבערגעבליבענע פונדאַמענט־שטיינער פון דאָזיקן בנין?

— ווייסן זיי די שינויים, וועלכע זענען פאָרגעקומען פאַר די לעצטע קרוב 15 יאָר?

— וווּנדערן זיי זיך נישט, פאַרוואָס עס זענען פאַרשטומט געוואָרן די „לכה דודים" און די „אדון־עולמס"?

— ווי נעמען זיי אויף די נייע „אדונים" און „דודים", וועלכע פאַר־ברענגען אין זייערע ווענט?...

אָבער ווער קאָן עס פאַרשטיין וואָס ציגל און שטיינער פון אַזאַ פונ־דאַמענט רעדן? ווער קאָן דען פאַרנעמען זייער שטיינערנעם לשון?

איך האָב זיך קוים דערוואַרט דעם פרימאָרגן, כדי איך זאָל קענען

אָנקוקן דעם אויבן, דאָס אָרט, וואָס איז אויסגעטראָטן געוואָרן פון די טויזנטער; וואָס איז פאַראַן אויפן אָרט פון דעם „לפני מי אתה עומד"?

אומזיסט איז געווען מיין זוכן. קיין שום שפור איז נישט געבליבן פון מעכטיקן בנין. ריין גלאַט איז דאָס דאָזיקע אָרט. געבליבן זענען נאָר די דרייצן שטיגן, וועלכע האָבן געפירט צום סינאַגאָגע־אריינגאַנג, דרייצן פאַר־יתומטע, טיילווייז מיט גראָז באַוואַקסענע שטיגן, זכר־לחורבן טרעפּ, וועלכע ווערן פון קיינעם נישט באַטראָטן.

אין פונדאַמענט פון „האָטעל" איז איינגעמויערט אַ מאַרמאָרנער אָנ־דענק־טאָוול, וועלכער איז מיט גרויס זאָרג און קינסטלערישן געשמאַק אויסגעפּאַרטיקט. אויפן דאָזיקן טאָוול שטייען די ווערטער:

Hier stand die Sinagoge der jüdischen Gemeinde in Düsseldorf. Sie wurde am 9 November 1938 ein Opfer des Rassenwahns.

Von der stolzen Gemeinde leben von 3500 noch 55 jüdische Mittbürger.

Den Toten zum ehrenden Gedenken. Den Lebenden zur Mahnug.

Die Stadtgemiende.

Düsseldorf, 9 November 1946.

אויף יידיש מיינט עס: דאָ איז געשטאַנען די סינאַגאָגע פון דער יידישער קהילה אין דיסעלדאָרף, וועלכע איז אין 9טן נאָוועמבער 1938 געפאַלן אַ קרבן פון ראַסן־משוגעת. פון דער שטאָלצער געמיינדע פון 3.500 לעבן נאָר 55 מיטבירגער. די טויטע צום כבודיקן אָנדענק: די לע־בעדיקע אַ דערמאָנונג.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג, דיסעלדאָרף, 9טן נאָוועמבער 1946.

עס איז געווען איינער פון די ערשטע דענקמעלער פון דעם מין, וואָס איך האָב געזען; אַ דענקמאָל, געשטעלט נישט פון יידן, נאָר פאַר יידן. נישט־יידן האָבן עס געהאַלטן פאַר וויכטיק דעם זכרון אָוועקצושטעלן.

ווי לאַנג וועט אָבער דער דאָזיקער גל־עד שטיין? ווי לאַנג וועט ער זיין אַ זכרון פאַר די טויטע און אַ וואָרענונג פאַר די לעבעדיקע?...

די הילצערנע „שוינען סינאַגאָגע" אין בעכהאָפען

…אַ ווענד זיך און פרעג, דו פאַרברענטע אין פייער,
אויף דיינע אבלים, וואָס דו ביסט זיי טייער…

צי ביסטו אינגאַנצן שוין איבעריק געוואָרן
און גאָט האָט דערפאַר דיך פאַרברענט מיט גרויס צאָרן?…

ביט איינמאָל האָבן מיך די דאָזיקע שניידיקע פערזן פון דער טרויער־עלעגיע וואָס דער מהר"ם מרוטענבערג האָט אויסגעיאָמערט אין זיין „שאלי שרופה באש", באַגלייט בעת מיינע „שפּאַצירן" איבער דייטשע שטעט און שטעטלעך. און שטענדיק האָט זיך געדאַכט אַז אין זיינע צער־ און צאָרן־רייד מיט 600 יאָר צוריק האָט ער זיכער אָט טאַקע דער דאָזיקער בראַנדיקער ווונד געמיינט…

און די זעלבע מחשבותן זענען געקומען אין רעיון שטייענדיק אויפן לײדיקן פּלאַץ אינעם שטעטלע בעכהאָפען, אין מיטלפראַנקן, בייערן, ווו עס איז געשטאַנען די „שוינען־סינאַגאָגע".

ביז 2000 סינאַגאָגעס האָבן די דייטשע ייִדן פאַרמאָגט אײדער עס איז געקומען היטלער צו דער מאַכט. עס איז מיר אויסגעקומען צו אַ געוויסער אַרבעט צוזאַמענשטעלן אַ ליסטע פון געוועזענע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע הייזער אין דייטשלאַנד, ערב 1933. איז די פּאָזיציע ייִדישע געבעט־הייזער (שולן, סינאַגאָגעס, קלויזן או"ו) דאָרט פאַרטראָטן מיט 1426 פונקטן און עס איז זיכער, אַז די דאָזיקע רשימה איז ווייט נישט קיין פולע.

צווישן די דאָזיקע מקדשי־מעט האָבן זיך געפונען פיל זעלטענע, וווּנדערבאַרע אָביעקטן, טייל צוליב זייער היסטאָרישער באַדייטונג (ווי די רש"י־שול אין וואָרמס), אַנדערע צוליב זייער אַרכיטעקטאָניש־קינסטלערישן פּראַכט.

צווישן די דאָזיקע אַנדערטהאַלבן טויזנט בתי־תפילות האָט אַ ספּע־ציעלן אָרט פאַרנומען די סינאַגאָגע אין בעכהאָפען וואָס איז געווען וועלט־באַקאַנט אונטערן נאָמען „שוינען־סינאַגאָגע״, וואָס מיינט אין יידיש שייער־סינאַגאָגע, צוליב איר אויסזען ווי אַ דאָרפישער גרויסער שייער.

דער וווּנדער איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם וואָס איר אויסנווייניקס־טער אויסזען איז געווען פשוט און איינפאַך אָבער דער אינעווייניק האָט אין זיך באַהאַלטן איינעם פון די זעלטנסטע קונסט־ווערק וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט.

עס איז אַ כּפּעציעל קאַפּיטל די געמאָלענע האָלץ־סינאַגאָגעס און צווישן די וווּנדערבאַרסטע טיפּן פון דעם מין איז טאַקע געווען די סינאַגאָגע אין בעכהאָפען. ווייט איבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד איז זי געווען באַוווּסט. זי איז אויך געווען דער פּרנסה־מקור פון דאָזיקן שטעטל, וואָס ליגט ווייט פון אַ באַן־ליניע. טוריסטן און פאָרשער, קונסט־היסטאָריקער און אַרכיטעקטן זענען דאָרטן וואָכנלאַנג געזעסן און שטודירט דעם „בייזן ווונדער״, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט אין דאָזיקן מיטלפראַנקישן העק.



דער אויסערלעכער אויסזען פון דער „שוינען־סינאַגאָגע״ אין בעכהאָפען.

זייער קליין איז לעצטנס, ערב דעם היטלער־וויכער, געווען די ייִדישע עדה אין בעכהאָפען, בסך־הכל זענען דאָרטן געווען 28 ייִדישע נפשות פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער 1173. און די דאָזיקע איינגעשרומפּענע עדה, וואָס האָט קוים געהאַט אַ מנין האָט זיך געקלאַמערט מיט ציין און נעגל ביי איר אַמאָליקן גלאַנץ. געלעבט מיט דעם יחוס פון פאַרגאַנגענע דורות. 28 נפשות האָבן אויפגעהאַלטן די „חברה קדישא גמילות חסד" און דעם „איזראַעליטישען פרויען־פאַראיין". אויסגעהאַלטן אַ לערער פאַר דריי (!) קינדער. (געהייסן האָט ער אין 1933 ווילי גאָלדבערג). האָבן אָפּגעהיט זייער היסטאָרישן בית־עולם און דער עיקר האָבן זיך געגרויסט מיט זייער „שוינען־סינאַגאָגע" — די קרוין פון אַלע דייטשע סינאַגאָגעס.

און עס האָט די קהילה־קדושה בעכהאָפען געמעגט זיך גרויסן מיט איר יחוס.

ווען אין יאָר 1950 איז מיר געלונגען אין אַ קעלער פון נירענבערג, אין דעם דאָרטיקן פיליאַל פון דעם בייערישן מלוכהשן אַרכיוו, אויסגעפינען די העכער 50 אַרכיוון פון ייִדישע קהילות, וואָס די געשטאַפּאָ האָט צוגערויבט ווען זיי האָבן אומגעבראַכט די בייערישע ייִדן, האָב איך אויך די יחוס־בריוו פון בעכהאָפענער ייִדישן ישוב אויסגעפונען: קהילה־פּנקסים און חברה־קדישא־תקנות; רשימות פון די נפטרים און „אורקונדעס" פון די שררות פאַר די דאָרטיקע ייִדן אין משך פון יאָרהונדערטער.

און ווי אויף אַן עקראַן האָט אַ שוועב־געטון אַ שפּאַנענדער פילם — דער אויפשוווּנג, דער געראַנגל פאַר קיום און איינוואָרצלונג, באַגלייט מיט רציחה, רויב, גזירות ביז פאַרלענדונג.

שוין אין 13טן יאָרהונדערט ווערט דערמאָנט אַ ייִדישער ישוב אין בעכהאָפען. בעתן גירוש פון די ייִדן פון דעם שכנותדיקן גונצענהויזען אין יאָר 1270 ווערט שוין דערביי אויך באַמערקט די ייִדישע קהלה אין בעכהאָפען.

זייער פיל אַקטן וועגן בעכהאָפען און אירע ייִדן זענען דאָ אין די אַרכיוון פון נירנבערג און אַנסבאַך, די קרייז־שטאָט צו וועלכער דאָס שטעטעלע האָט געהערט.

איז מיר אויסגעקומען צו פאַרגלייכן די נישט־ייִדישע דאָקומענטן מיט די ייִדישע און די לעצטע ווייזן אויף אַ גאָר־גאָר עלטערן יחוס ווי די נישט־ייִדישע מקורים.

אַזוי איז ביז 1926 געווען אָנגענומען, אַז אויפן בעכהאָפענער ייִדישן בית־עולם געפינען זיך די עלטסטע מצבות פון יאָר 1607. אין יאָר 1926

האָט דער יידישער לערער יאַנקעלעוויטש (געשטאַמט פון מזרח־אייראָפּע) געפונען אַ מצבה, וואָס איז פון יאָר 1376 לערך.

דער דאָזיקער בית־עולם האָט זיין באַזונדערע געשיכטע — ער איז געווען אין משך פון יאָרהונדערטער דער מקום־קבורה פון גאַנצע זיבעצן יידישע קהילות, ווו עס איז נישט דערלויבט געווען צו מאַכן יידישע בית־עלמינס און מ'פלעגט די נפטרים פירן אַהער קיין בעכהאָפען. צווישן די דאָזיקע 17 זענען אויך געווען אַזעלכע גרויסע קהילות ווי אַנסבאַך, גונצענהויזן, טרויכטלינגען, וואָס האָבן שוין אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט געהאַט אייגענע „בית־החיימס״.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו באַמערקן, אַז דעם דאָזיקן היסטאָרישן „בית החיים״ איז אויסגעקומען מיט אַן עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, איידער עס איז געוואָרן פּאָפּולער דער טערמין „גראַבען־שענדונג״, דורכצומאַכן אַזאַ געשיכטע. אין יאָר 1923 האָבן פאַרברעכערישע הענט פאַרניכטעט אַ רייע מצבות פון אַלטן בית־עולם־קוואַרטאַל. אין די דאָקומענטן ווערט דערמאָנט, אַז צווישן די געשענדעטע מצבות איז געווען אויך די פונעם „באַרימטן ראַבינער עקיבא בער״. ערשט ווען איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט בעכהאָפענער „מעמאָר־בוך״, וועלכער איז געפירט געוואָרן פון יאָר 1720, האָב איך פעסטגעשטעלט אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם גונצענהויזער רב רבי עקיבא בער, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1724 און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן בעכהאָפענער בית עולם.

און נישט שטענדיק איז די יידישע באַפעלקערונג געווען אַזוי קליין אין שטעטל, אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער. עס דערציילן די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן פון יאָר 1700, אַז דאַן איז די יידישע באַפעלקערונג געווען צוויי־דריטל פון דעם דאָרף (דעמאָלט פיגורירט ווי אַ דאָרף). אין משך פון די 250 יאָר איז די צאָל יידן אַלץ געזונקען, די קהילה איז פאַרקלענערט געוואָרן. אין יאָר 1860 זענען נאָך דאָרטן געווען ביז 80 משפחות, אין אַ דרייסיק יאָר שפּעטער, אין 1892, זענען שוין געווען נישט מער ווי 70 משפחות און ווי מיר האָבן געזאָגט, זענען אין יאָר 1933 געווען נישט מער ווי 28 יידן, אַלטע און קינדער אַריינגערעכנט...

היינט רעדן מיר וועגן יענער צייט ווען די קהילה־קדושה בעכהופין (אַזוי שרייבט זי זיך אין די יידישע דאָקומענטן) איז געווען אין סאַמע

בלי׳ונג. דאָן איז עס אויפגעשטאַנען דער ווונדער, די באַרימטע „שוינען־סינאַגאָגע״.

מיר זאָגן אויפגעשטאַנען דער ווונדער, ווייל עס איז נישט באַוווסט וועז עס איז אויפגעבויט געוואָרן די דאָזיקע האָלץ־סינאַגאָגע. זיכער איז, אַז זי האָט שוין עקזיסטירט מיט העכער 400 יאָר צוריק, ווייל שוין אין יאָר 1546 ווערט זי דערמאָנט אין דאָקומענטן. עס איז פאַראַן אַ סברא, אַז אויף דעם פלאַץ וואָס איז אין די שטאָט־פּלענער פאַרצייכנט מיטן „נומער 106״, איז שוין אין 13טן יאָרהונדערט געווען אַ סינאַגאָגע.

אַן אַרטיקע לעגענדע דערציילט, אַז דאָס האָט אַ קינדערלאָז פּאָר־פאָלק פון גונצענהויזען מנדב געווען דעם פאָנד פאַרן בנין פון דעם דאָזיקן מקדש־מעט.

***

איז די סינאַגאָגע וואָס האָט מיט איר אויסערן אויסזען גאָרנישט פאַראַטן, געווען איינס פון די פּערל וואָס אונדזער סינאַגאָגע־קונסט האָט פאַרמאָגט.

געקומען בין איך אַהין, כדי דעם דאָזיקן ווונדער פון דער נאָענט צו באַקוקן. עס האָט זיך מיר נישט געלאָזט גלויבן, אַז די ברוינע באַרבאַרן ווועלן דעם דאָזיקן קונסט־אוניקום צעשטערן, בפרט, אַז פון יאָר 1913 איז די בעכהאָפענער סינאַגאָגע געשטאַנען אונטער דער ספּעציעלער דענקמאָל־שוץ פון דער בייערישער מלוכה און נאָכמער, ווען די דאָזיקע סינאַגאָגע איז געווען אַ פּרנסה־מקור פאַר דאָס שטעטל...

איך האָב זיך אָבער טועה געווען — אויפן „פּלאַץ נומער 106״ האָב איך דעם פּלאי־פּלאים פון בעכהאָפען נישט געטראָפן, צוזאַמען מיט די הונדערטער אַנדערע סינאַגאָגעס איז אין דער בלוטיקער נאַכט פון נאָוועמבער 1938, אין דער „קריסטאַל־נאַכט״ פון דם ואש ותמרות עשן, ווען פייער, בלוט און רויך האָבן צעשטערט יידישע דורות און תקופות, אויך אָפּגעווישט געוואָרן די וועלט־באַרימטע „שוינען־סינאַגאָגע״.

ביי אַן אָרטיקן פאָטאָגראַף (וועלכער האָט געמאַכט אַ פּרנסה דערפון) האָב איך איינגעשאַפט 12 אויפנאַמעס פון דעם געוועזענעם קונסט־ווערק. פון זיי זעט מען דאָס וואָס איז געווען דער אוניקום...

אַלע פיר ווענט, ווי דער סופיט, זענען געווען באַדעקט מיט די ווונדערבאַרסטע מאַלערייען וועלכע האָבן אין פאַרשידענע וואַריאַנטן און בילדער פאַרגעשטעלט אַ רייע חומש־געשיכטעס (אדם און חוה, דעם מבול,



לינקע זייט פון דער מערב־וואַנט פון דער בעכהאָפער „שוינען־סינאַגאָגע".

יעקב חלום, יוסף מיט זיינע ברידער, מתן־תורה אא״וו) און תלמודישע אַפאָריזמען (רץ כצבי גיבור כארי אא״וו) בילדער פון ארץ־ישראל — דעם בית־המקדש, דעם קבר־רחל, כותל־המערבי און אַנדערע און לסוף צענדליקער תפילות.

אַלץ איז געווען איינגעראַמט מיט וווּנדערבאַרע אָרנאַמענטן; בלומען, צווייטן און פיגורן; ווירקלעכע קווייטן זענען געווען געקייטלט מיט פאַנטאַס־טישע ברואים; חיות מיט צענדליקער פיס און אָן אַ שיעור קעפּ; און אַלץ פאַרפּוצט אין אַן אמתן רעגנבויגן־שפּיל פון קאָלירן, דערצו קומען נאָך צו די צויבער־שניצערייען פון ארון־קודש און בעלעמער, פון עמוד און פון דער בימה.

צענדליקער אָפּהאַנדלונגען האָבן שוין בשעתּם פאַרשידענע פאַכלייט, קונסט־קר־טיקער און קונסט־היסטאָריקער געשריבן וועגן דער דאָזיקער סינאַגאָגע. געזוכט אין די דאָזיקע הערלעכע מאָלערייען פאַרגלייכן מיט די אָנגענומענע קונסט־טיילן און זשאַנערן. געקומען זענען אַלע צום אויספיר, אַז מיר האָבן דאָ געהאַט צו טון מיט אַ קונסט־פענאָמען פון גאָר אַ באַזונדער מין, וועלכער לאָזט זיך גאָרנישט מעסטן מיט די אָנגענומענע כללים.

ווער איז געווען דער דאָזיקער קינסטלער־גאון און ווען איז דאָס דאָ־זיקע קונסט־ווערק געשאַפן געוואָרן? און ווי קומט אין בייעריש־פראַנקישן שטעטעלע אַזעלכע שול־מאָלערייען, וואָס מען פלעגט עס טרעפן אין מזרח־אייראָפּע?

דער מאָלער האָט זיין נאָמען פאַראייביקט אין אַ ווינקל פון דער סי־נאַגאָגע. אַ צושריפט דערציילט: „מלאכת שלמה בן אליעזר זוסמאַן כ״ץ״. פון דער דאָזיקער צושריפט ווייסן מיר אויך, אַז ער האָט די דאָזיקע אַרבעט אויסגעפירט אין משך פון אַ דרייסיק יאָר, צווישן 1699־1728.

מען האָט אויך אויסגעפונען דעם יחוס פון דאָזיקן פאָלקס־קינסטלער. זיין פאָטער אליעזר, האָט געשטאַמט פון בראָדי (גאַליציע) און איז דאָרט געווען חזן. משמעות די גזירות ת״ח ות״ט, די כמעלניצקי־שחיטות פון די יאָרן 1648־1649 האָבן אים פאַרטריבן קיין דייטשלאַנד, וווּהין אַ סך יידן זענען דאַן געקומען און האָבן אַהער, אין זייער נייעם מקום־מקלט אַריבער־געטראָגן די פירונגען און שטייגער פון זייערע, דורך די היידאַמאַקעס פאַר־שניטענע קהילות.

דער דאָזיקער שלמה בן אליעזר פלעגט אַרומפאָרן פון קהילה צו קהילה אין דרום־דייטשלאַנד, ווו ער פלעגט די אָרטיקע סינאַגאָגעס אויס־מאָלן לויט זיין נוסח, סטיל און שטייגער. ער פלעגט זיך באַזעצן אין אַ



רעכטע זייט פון דער מערב־וואַנט אין דער בעכהאָפענער סינאַגאָגע.
רעכטס: דער אויפשריפט שע״ל ז״ל, וואָס מיינט: שחור על לבן זכר לחורבן:
שוואַרץ אויף ווייס, אַן אָנדענק נאָכן חורבן.

קהילה אויף יאָרן און מחיה־מתים זיין דאָס וואָס איז שוין נישט געווען.

עס איז באַקאַנט אַז דער דאָזיקער זשעני־מאָלער האָט געמאָלן די סי־נאַגאָגעס פון די דייטשע קהילות אין קירכענהיים, באַד־האָרב און שוועביש־האל. עס האָט דער גורל געוואָלט, אַז איך זאָל זיך טרעפן מיט די שיריים פון די דאָזיקע סינאַגאָגעס און האַלטן אין די הענט די דאָזיקע מאָלערייען. וועגן דעם וועט טאַקע אויסקומען באַלד צו דערציילן.

***

וועט עמעצן צופעליק אויסקומען צו באַזוכן בעכהאָפען, זאָל ער נישט פאַרפעלן אויפצוזוכן דעם „פּלאַץ נומער 106", דאָס אָרט ווו עס איז גע־שטאַנען דער דאָזיקער מקדש־מעט; איינער פון אַנדערטהאַלבן טויזנט טעמפּלען, וואָס זענען דורך די ברוינע באַרבאַרן צעשטערט געוואָרן.

אפשר וועט ער נאָך קענען דערפילן דעם געפּליסטער פון די אותיות פורחות באויר, די שוועבנדיקע אותיות אין דער לופטן, וואָס זענען בעתן נאַצישן בראַנד אַראָפּגעפלויגן פון די ווענט און ווילן נישט פאַרלאָזן דאָס אָרט ווו זיי האָבן הונדערטער יאָרן געהויזט.

אפשר וועט עמעצער אויפן דאָרטיקן, פאַרוואָקסענעם, פאַרוואָרלאָזטן בית־החיים דערפילן דעם געמורמל פון דורות קדושים פון זיבעצן קהילות...

אפשר וואַרטן זיי טאַקע אויף אַ גרוס פון זייער „שוינען־סינאַגאָגע"? ווער וועט עס זיי אָבער ברענגען, אַז אויך די לעצטע 28 זענען אין 1938 אַוועק אין דעם „אומבאַוווסטן"...

די וואַנט־מאָלערייען אין די סינאַגאָגעס

זייענדיק מיט די רעיונות אין דער „וווּנדערבאַרער „שוינען־סינאַגאָגע“ פון בעכהאָפען, האָבן מיר דערמאָנט, אַז דער זעלבער גאונישער פאָלקס־קינסטלער וועלכער האָט געמאָלן די דאָזיקע סינאַגאָגע, האָט אויך באַפּוצט מיט זיין קונסט די ווענט פון אַנדערע סינאַגאָגעס. באַוווּסט זענען די סינאַגאָגעס אין קירכהיים, באַד־האָרב און אונטערלימבורג ביי שוועביש־האַלל. אפשר האָט ער אויך אַזאַ אופן געמאָלן נאָך אַנדערע סינאַגאָגעס, אָבער פון די דערמאָנטע זענען געבליבן זייער אַנזעעוודיקע שפּורן, וואָס ווערן עד־היום אָפּגעהיט.

אמת גערעדט האָב איך נישט געוווּסט ווי צו באַטיטלען די הייניטיקע באַשרייבונג, ווייל מען קאָן בשום אופן נישט אָנרופן די פאַראַנענע רעשטלעך „סינאַגאָגעס“. זייער לאַנג זענען זיי עס שוין נישט. און ווידער איז זייער גורל אַ מאָדנער. די דאָזיקע רעליקוויע־שיריים זענען אַריבער אין נישט־יידישע הענט. אויב די דאָזיקע אוניקומס זענען געבליבן, איז עס צו פאַרדאַנקען אויסטערלישע צופאַלן אָדער קאַפּריזן פון יחידים. יעדע פון די דאָזיקע דריי סינאַגאָגעס האָט איר באַזונדערע געשיכטע. אַלע דריי זענען פון קהילות, וואָס האָבן שוין לאַנג, נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, נישט עקזיסטירט. געבליבן איז נאָך דער אונטערגעגאַנגענער קהילה אַ סינאַגאָגע אָן אַ מנין, אָן אַ שומר און אָן אַ גואל, איז זי איבערגעגאַנגען אין... מוזעאומס און דאָרטן געפּרוווט איבערדויערן, כדי שפּעטערדיקע דורות זאָלן עס באַוווּנדערן. אָבער אויך אין די מוזעאומס איז זייער גורל געווען אַ פאַרשידענער. וועגן דעם וועלן מיר היינט דערציילן.

קירכענהיים

עס איז אַ שטעטל נישט ווייט פוןווירצבורג. אַ שטעטל, ווו עס האָבן יאָרהונדערטער ייִדן געפונען אַ מקלט, ווען זיי האָבן נאָך נישט געקענט וווינען אין דער גרויסער און שיינער ווירצבורג. און נאָכדעם, ווען ווירצבורג האָט אָנגעהויבן אויפנעמען ייִדן, איז דאָס שטעטל אויסגעליידיקט געוואָרן. געווען איז אָבער דאָרט אַן אַלטע סינאַגאָגע, אַ האָלץ־געביידע, וואָס איז אינעווייניק געווען באַדעקט מיט דער וווּנדערבאַרער קונסט פון דעם זון פון בראָדער חזן, פון אליעזר בן שלמה זוסמאַן כ״ץ. אין וועלכע יאָרן גענוי די דאָזיקע סינאַגאָגע איז געמאָלן געוואָרן איז נישט באַוווּסט, יעדנפאַלס אין סוף 17 און אָנהייב 18טן יאָרהונדערט.

איז דאָן (אַ 20 יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה) געקומען דער פאָרשלאַג, אַז מען זאָל די דאָזיקע סינאַגאָגע „אַריבערפירן" קיין ווירצבורג... אין מוזעאום אַריין. עס האָבן זיך די „היימאַט־פאָרשער" און „אַלטערטום־פלעגער" אָן דעם פאָרשלאַג אָנגעכאַפּט און מען האָט פאַר דער סינאַגאָגע אָפּגעגעבן אַ גאַנצן פּאַוויליאָן אין דעם מאַין־פרענקישן לאַנדפּאָלד־מוזעאום. די געבלימלטע ווענט מיט די תפילות, די סופיטן מיט די פּרעכטיקע באַצירונגען זענען „אָפּגעשונדן" געוואָרן פון דער קירכהיימער סינאַגאָגע און אַריינגעפּאַסט געוואָרן אין דעם ספּעציעלן פּאַוויליאָן אין ווירצבורגער מוזעאום, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען נאָך אַנדערע אָביעקטן פון ייִדישן ריטואַל און קולט־שטייגער. אַ באַראָק ארון־קודש פון אַ צווייטער, שוין נישט עקזיסטירנדיקער קהילה (פון דער סינאַגאָגע אין גערױדע, בייערן) און שטענדערס, מנורות, שבת־לאָמפּן, האַנט־פעסער, בשמים־ביקסלעך אאַ״וו — דער דאָזיקער „ייִדישער טייל" איז געווען די ראָזשינקע פון דעם מאַין־פרענקישן מוזעאום.

אין יאָר 1941 איז געקומען דער באַפעל פון דער דייטשער מאַכט צו „עוואַקויִרן" דעם מוזיי. די אָפּטע באָמבאַרדירונגען פון ווירצבורג (אַ וויכטיקער סטראַטעגישער באַן־ און טייך־קנופּ) האָבן צעשטערט זייער פיל פון די שיינע און אַלטערטימלעכע געביידעס פון דער שטאָט. און דער מוזיי מיט אַלע זיינע עקספּאָנאַטן זענען געוואָרן פאַרפּאַקט און אַרויסגעפירט אין זיכערע ערטער, אין זאַלץ־גרובן. מען האָט אָבער נישט געקענט אַראָפּרייסן די ווענט פון דער קירכהיימער סינאַגאָגע, מען האָט אויך נישט אַרויסגענומען דעם ארון־קודש פון דער קהילה־קדושה גערױדע, אין איינער פון די באָמבאַרדירונגען איז דער מוזיי צעשטערט געוואָרן און צוזאַמען מיט אים איז אָפּגעווישט געוואָרן ער זכר פון קירכהיימער סינאַגאָגע־ווענט.

מרדכי וו. בערנשטיין

באַד-האָרב

אַן ענלעכן וועג האָט דורכגעמאַכט די סינאַגאָגע פון באַד-האָרב, וואָס איז אויך געמאָלן געוואָרן פון דעם דערמאָנטן אליעזר בן שלמה זוסמאַן. אויך זי האָט איר „תיקון" געפונען אין אַ מוזעאום. נאָך דעם ווי די קהילה האָט אויסגעבויט אַן אַנדערע, אַ געמויערטע סינאַגאָגע, האָט מען די אַלטע הילצערנע איבערגעגעבן דעם היימאַט-מוזיי אין באַמבערג.

אין דעם דאָזיקן מוזיי, וווּ עס איז געווען איינע פון די רייכסטע קונסט-זאַמלונגען פון בייערן, אַ וועלט-באַרימטע בילדער-גאַלעריע, וואָס האָט געשמט ווייט איבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד, האָט זיך פאַרן פערל גערעכנט די האָרבער סינאַגאָגע.

איז געקומען די היטלער-ממשלה און די באַמבערגער נאַציס האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן, הלמאי אין זייער „היימאַט-מוזיי" פאַרנעמט דעם אויבנאָן אַזאַ מין עקספּאָנאַט און עס איז געקומען דער באַפעל „באַזייטיקן דעם יודען-מיסט".

ווען איך האָב זיך געקליבן קיין באמבערג, האָב איך זיך נישט פאַר-געשטעלט אַז איך וועל עפּעס פון דער דאָזיקער סינאַגאָגע געפינען. פון דער קירכהיימער האָב איך לכל-הפּחות ביי אַן אַלטן פאָטאָגראַף געפונען די קלישעען און געמאַכט נייע רעפּראָדוקציעס פון די ווענט, אָבער אין באַמ-בערג? איך האָב געוווּסט פון באַרבאַרישן באַפעל אָפּצווישן דעם „יידישן מיסט".

ווי גרויס איז אָבער געווען מיין פאַרווּנדערונג ווען איך האָב זיך דערוווּסט אַז די ווונדערבאַרע האָרבער רעליקוויע „לעבט" — זי איז אָפּ-געראַטעוועט געוואָרן.

די געשיכטע דערפון איז אַזאַ: ווען דער נאַצי-גאַולייטער איז איינמאָל אין יאָר 1934 געקומען מיט הויכע לייט פון דער פּאַרטיי-עליטע (שטרייכער זאָל זיין צווישן זיי) באַזוכן דעם מוזיי, איז זיי „פינצטער געוואָרן אין די אויגן"! איינער פון די סוואַסטיקע-לייט האָט זיך אויפן מוזיי-קוסטאָש צע-שריִען — און דאַן איז געקומען דער באַפעל: אויסרוימען!

באַפעל איז באַפעל, און מען האָט די האָרבער סינאַגאָגע-ווענט גענו-מען אָפּרייסן פון דעם פּלאַץ אין מוזיי וווּ זיי זענען געווען מאָנטירט. ווען די דאָזיקע ברעטער זענען שוין געלעגן אָפּצוטראַנספּאָרטירן צום פאַרניכטן, האָט זיך אַ גרופּע פון די מוזיי-מיטאַרבעטער באַראַטן וואָס צו טון און דאַן איז געקומען דער אַמטמאַן ראַו, דער ממונה פון דעם מאַגאַזין פון די דע-

קאָראַציעס פון די שטאָטישע טעאַטערן און דערקלערט, אַז מען קאָן דאָך אַמאָל דאַרפן צו אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אַ ייִדישע סינאַגאָגע, טאָ צו־וואָס זאָל מען אַזאַ וויכטיקן „טעאַטער רעקוויזיט” פאַרניכטן און די ברעטער זענען מגולגל געוואָרן אין דעם דעפּא פון די טעאַטער־דעקאָראַציעס.

זענען זיי דאָרטן געלעגן ביז איך בין אין יאָר 1951 אַהין געקומען. דער הײנט שוין 90 יאָריקער אַמטמאַן ראַו האָט מיר געפירט און געוויזן דעם מקום־מנוחה.

אויף דער שאלה פאַרוואָס ברענגט מען נישט צוריק די דאָזיקע באַזייטיקטע רעליקוויעס אויף זייער פריִערדיקן פּלאַץ, איז געקומען אַ זייער כאַראַקטעריסטישע אויפקלערונג.

דער וונדערבאַרער זקן ראַו האָט מיר דערציילט אַז שוין אין 1945, נאָך היטלערס מפּלה איז ער געקומען צו די נייע הערשער, די „דענאַציפיצירטע” און דערציילט די געשיכטע ווי אַזוי ער האָט אויסבאַהאַלטן דעם דאָזיקן עקספּאָנאַט און געראָטן אַז מען זאָל עס צוריק אַריינשטעלן אין מוזיי. זענען געקומען צוויי תשובות:

ערשטנס — עס איז נאָך נישט געקומען די געהעריקע אַטמאָספערע אַריינצוברענגען צוריק ייִדישע קעגנשטאַנדן.

צווייטנס (האָבן אַנדערע געראָטן) דאַרף מען אָפּוואַרטן, ווייל... די ייִדן אין זייער געיעג נאָך „ווידערגוטמאַכונג” און „ריקערשטאַטונג” וועלן די דאָזיקע זייער ווערטפולע רעשטן פון פאָלקס־קונסט וועלן צונעמען „פאַר זיך” און דאָס טאָר מען נישט דערלאָזן; עס „מוז בלייבן אין אונדזערע (דייטשע) הענט”...

זענען מיר געשטאַנען איבער די בערג סינאַגאָגע־ברעטער ווי איבער אַ גרופּע געפאַנגענע, ווי איבער אַ בילד פון אַנוסים, וועלכע ליגן אויפגעקנוילטע אין קאַטאַקאָמבעס און וואַרטן אויף זייער דערלייזונג.

עד היום ליגן זיי נאָך דאָרטן, אין באַמבערגער דעפּא פון די טעאַטער־דעקאָראַציעס אויף דער היין־שטראַסע... זיי וואַרטן אויף אַ גואל!

אונטערלימבורג

די דערמאָנטע פריִער דריי סינאַגאָגעס, וואָס אליעזר בן שלמה זוסמאַן האָט געמאָלן (בעכהאָפען, קירכהיים, באַד־האָרב) זענען אַלע דריי געלעגן אין דעם בייערישן הערשאַפט־געביט. די פערטע, וועגן וועלכער מיר קומען איצט דערציילן איז געווען אין ווירטעמבערג. משמעות, אַז דער נאָמען

פון דאָזיקן וווּנדערבאַרן קינסטלער איז געוואָרן ווייט באַקאַנט און מען האָט אים פון ווייטן פרענקישן טייל פון בייערן אַראָפּגעבראַכט קיין ווירטעמבערג.

דאָס שטעטעלע אונטערלימבורג ליגט נישט ווייט פון שוועביש־האַלל, אַ פונקט אין דייטשלאַנד מיט וועלכן ס׳איז פאַרבונדן די גאַר־עלטסטע געשיכטע פון די ייִדן אין דייטשלאַנד, אָבער ווען אין אונטערלימבורג איז געווען די ייִדישע קהילה, וואָס האָט געלאָזט מאָלן די סינאַגאָגע, איז שוין האַלל געווען „ייִדן־ריין". יאָרן שפּעטער אפילו, ווען ייִדן האָבן שוין צוריק געקענט זיך באַזעצן אין האלל איז זייער סינאַגאָגע געווען אין אונטערלימבורג און זייער בית־הקברות האָט זיך געפונען אין שטעטל שטיינבאַך. ערשט אין יאָר 1862 האָבן זיך ייִדן געקענט אַריינצי̇ען אין שוועביש האלל. פון דאַן אָן ווערן איינגעשרומפּן די דאָזיקע קהילות.

זענען די ייִדן פון די קליינע שטעטלעך אַוועק און פוסט איז געוואָרן זייער סינאַגאָגע און ווי די פּרי̇ערדיקע האָבן די ברעטער פון דעם פאַרלאָזטן מקדש־מעט אַוועקגעוואַנדערט אין דעם היימאַט־מוזיי פון שוועביש האלל.

אָבער די דאָזיקע סינאַגאָגע האָט געהאַט אַ בעסערן מזל ווי די דריי פרי̇ערדיקע.

זי איז פאַראַן אין דעם מוזיי, ווו עס זענען גאַנץ געבליבן אַלע ווענט פון דער פּראַכטפולער אונטערלימבורגער סינאַגאָגע.

ווי אַנדערש זעט אויס די נאַטירלעכע מאָלערישע פּראַכט, ווי די פאָטאָגראַפיעס וואָס מיר איז אויסגעקומען צו קאָלעקציאָנירן פון דער בעכהאָפענער און קירכהיימער סינאַגאָגעס! ערשט דאָ, אין מוזיי, ביי די ברעטער פון דער „פאַרשוווּנדענער וועלט" קאָן מען ערשט באַגרייפן דעם זשעני, דעם פאָלקס־קינסטלער.

וואָס פרי̇ער דערציילן, וואָס פרי̇ער באַשרייבן? די פאַרבן אָדער די אָרנאַמענטן? די ראַם פון דער באַפּוצונג אָדער דעם אינהאַלט? די קווייטן, בליטן און בלומען־קרענץ אָדער די בילדער? די אותיות מיט די טעקסטן אָדער די באַצירונגען זייערע? אָדער גאָר אפשר די קאָמבינירטע ראשי־תיבות, די אַבֿרעוויאַטורן, מיט וועלכע דער קינסטלער אליעזר בן שלמה האָט זיך באַנוצט אין זיין אַרבעט?

עס איז אַ באַזונדער אַרבעט, מען וועט וועגן דעם נאָך מוזן אַמאָל שרייבן. איך וועל איצט נעמען איין ווינקל פון די פיר ווענט, וואָס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

עס איז אַ ווינקל פון דער מזרח־וואַנט. אויפן סאַמע אויבנאָן פון דעכטן זייט — אַ פאַרביק בילד פון ירושלים. עס איז אַ ירושלים מיט טורעמס און שויץ־ווענט, מיט טויערן און פאַרפעסטונגען (אין גאָטישן סטיל!) און אַלץ מיט די שרייענדיקסטע און איינצייטיק טיף־האַרמאָנירנ־דיקע פאַרבן און אונטער דעם הערלעכן ירושלים געפינט זיך אַ שוואַרץ פעלד, אומגערוימט מיט קווייטן און וויינטרויבן, אינמיטן פון דאָזיקן שוואַרצן גרונט די גרויסע אותיות:

ש׳ ע׳ ל׳ ז׳ ל׳

נאָר זעלטענע ווייסן, אַז דאָס מיינט: „שחור על לבן זכר לחורבן״. — שוואַרץ אויף ווייס, דערמאָנונג נאָכן חורבן...

און דערבײַ קומט אויף דער גאַנצער הויך פון דעם שוואַרצפעלד אַן אַפאָריזם:

אדם דואג על איבוד דמיו
ואינו דואג על איבוד ימיו
דמיו אינן עוזרים
ימיו אינן חוזרים



אַ ווינקל פון דער אונטערלימבורגער סינאַגאָגע, וואָס געפינט זיך
אין דעם מוזעאום פון שוועביש־האַלל.

עס הייסט: עס זאָרגט דער מענטש וואָס ער פאַרלירט זיין געלט און זאָרגט נישט, אַז זיינע טעג גייען פאַרלוירן; זיין געלט וועט אים נישט העלפן — זיינע טעג וועלן זיך אָבער נישט אומקערן...

דער דאָזיקער אַפאָריזם דאַרף עס זיין אַן אַריינפיר צו דער דערנעבן שטייענדיקער פינפפאַכיקער געמאָלענער דיאַגראַם, אין וועלכער עס זענען איינגעראַמט פיר ווערטער:

מביא; כסף; זהב; נחשת.

און איבער זיי דער זאָץ: טוב שלא תדר משתדר ולא תשלם — בעסער זאָג נישט צו, איידער זאָלסט צוזאָגן און נישט האַלטן וואָרט.

אָבער וואָס מיינען די ווערטער? אויף זיי גיט דער קינסטלער אַן ענטפער, מיט קלענערע אותיות, אונטער די גרויסע.

מ׳ ב׳ י׳ א׳ — מיינט: „מתן בסתר יכפה אף״ — אַז גיסט צדקה אין געהיים וועט עס לעשן דעם צאָרן;

כ׳ ס׳ ף׳ — מיינט: „כשיש סכנה פזר״ — אויב געפינסט זיך אין אַ סכנה טייל צדקה.

ז׳ ה׳ ב׳ — מיינט: „זה המתן בריא״ — די דאָזיקע מתנה וועט געזונט מאַכן.

נ׳ ח׳ ש׳ ת׳ — מיינט: „נתינת חולה שיאמר תנו״ — גיט אַ קראַנקן ווען ער בעט.

זיכער איז דאָ אויסצושטעלן קעגן דער שפּראַך, קעגן דער גראַמאַ־טיק און אויך קעגן דעם אויסלייג, אָבער דער מיין, דער זין, פון די דאָזיקע נוטריקין איז קלאָר. בפרט, אַז אונטער דער דאָזיקער קאָמבינירטער מאָ־לערײַ געפינט זיך דער פסוק: צדקה תציל ממות. איך פאַרשפּאָר דאָך צוצוגעבן אַז דערביי זענען געווען די צדקה־פּושקעס פון די כל־המינים חברות וואָס האָבן עקסיסטירט דאַן אין שטעטל.

ווען איז עס געווען דער „דאַן״? — פון אַ ווינקל פון דער דאָזיקער „סינאַגאָגע״ איז קלאָר: עס האָט עס פאַרייביקט דער קינסטלער אַליין — אַז ער האָט די דאָזיקע מלאכה פאַרענדיקט אין די יאָרן 1738—1739. דאָס הייסט, אַז ער האָט די דאָזיקע סינאַגאָגע געמאָלן מיט אַ צען יאָר שפּעטער ווי די בעכהאָפענער.

עס איז אויסגעקומען פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים פון דעם היימאַט־מוזיי, אַז זיי זאָלן עס איבערגעבן אין יידישע הענט. אין יאָר 1949 האָט עס געפרווט טון נאַרקיס, דער דירעקטאָר פון דעם „בצלאל־מוזיי״ אין ירושלים. די מוזיי־לייטער ווילן זיך אָבער דערמיט נישט געזע־גענען. פאַר קיין פּרייז ווילן זיי עס נישט אַוועקגעבן.

„איך וויל מער נישט זען דעם פּרעכן שאַנד־פלעק“

לאָמיר פון די קליינע שטעטלעך פון דער דייטשער מדינה, זיך אַריינכאַפּן אין מינכען. עס איז כדאי, אַז אויך פון דעם אָרט, פון וואַנען דער נאַצישער נגע־צרעת האָט אַרויסגעשפּראָצט, זאָל בלייבן אַ פאַרצייכנטער שפּור פון דעם אַמאָל.

די פּראַזע מיט וועלכער אונדזער היינטיקער באַריכט איז באַטיטלט, האָט טאַקע אַ שייכות צו מינכען און אַרויסגעשריִען האָט עס נישט קיין אַנדערער ווי „ער“ אַליין, דער „פירער“ בכבודו ובעצמו. מיטן „שאַנד־פלעק“ האָט ער געמיינט די פּרעכטיקע סינאַגאָגע, וועלכע איז געשטאַנען אויף דער הערצאָג־מאַקס־שטראַסע, דאָרט ווו עס איז היינט אַ ליידיקער פּלאַץ, אַן אָרט, ווו אויטאָס שטייען, אַן אָרט ווו פּאַר ניטל און אַנדערע „פעסטן“ ווערן אויסגעשטעלט טישלעך מיט כל־המינים סחורות, יום־טובדיקע שפּילצייג און זיסקייטן.

עס ווערט איבערגעגעבן, אַז ביי איינעם פון זיינע באַזוכן האָט היטלער, וועלכער איז געווען אין מינכענער קינסטלער־הויז אויף אַ בילדער־אויסשטעלונג, דערזען דורכן פענצטער דעם דאָזיקן „שאַנד־פלעק“ און איז געוואָרן מלא־רציחה. ער האָט אַרויסגעריטשעט צו זיין גוואַרדיע:

— „אָט דער שאַנד־פלעק פאַר מינכען פיגורירט נאָך אַזוי פּרעך?... איך וויל עס מער נישט זען!“.

און אַז דער פירער „וויל עס מער נישט זען“, פאַרשטייט מען שוין וואָס מען דאַרף דערמיט טון. די דאָזיקע רוגזה איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ באַפעל און נאָך מיט חדשים פריִער, פאַר דער בלוטיקער „קריסטאַל־נאַכט“ פון נאָוועמבער 1938, ווען עס זענען מיט פייער אַוועק ביי די טויזנט סינאַגאָגעס, איז שוין דער מינכענער פּראַכט־בנין פאַרשווונדן געוואָרן.

און צוריק געשמועסט, ווי קען מען עס טאַקע דולדן אַזאַ מין בילד, וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו זען אין אַן אַלטן יובל אַלבום, פון דער סינאַגאָגע, וואָס פאַרשוועכט דער „הויפּט־שטאָט פון דער באַוועגונג" (אַזוי האָט מינכען געהייסן אין דער היטלער־צייט). עס איז באמת געווען „יידישע חוצפּה" זיך לאָזן רעפּרעזענטירן מיט אַזאַ פּרעכטיקן בנין און טאַקע אינמיטן האַרץ פון דער בייערישער הויפּט־שטאָט: נישט ווייט פון באַרימטן שטאַכוס און קאַרל־פּלאַץ. עס איז ממש אַ „סקאַנדאַל", וואָס די סינאַגאָגע האָט זיך געפונען צווישן דעם באַרימטן ראָטהויז מיט די גאָטישע טורעמס און דער פרויען־קירכע. מיט אירע קופּאָלן און קאַרניזן האָט די סינאַגאָגע ממש „פאַרשוועכט" די דאָזיקע סימבאָלן פון מינכען.

למען האמת מוז מען אויך צוגעבן, אַז די צעשטערונג פון דער מינכענער סינאַגאָגע איז פאָרגעקומען אַביסל אַנדערש ווי בשעת דער ווילדער וואַקכאַנאַליע פון דער פּאָגראָם־נאַכט אין נאָוועמבער. אין מינכען האָט מען דער יידישער געמיינדע אָנגעזאָגט, אַז מען גייט דער סינאַגאָגע „אָפּ־רוימען" און, אַז די יידן קענען זיך מיט איר געזעגענען און דורכפירן אַן „אָפּשיד־געבעט"....

די געמיינדע האָט טאַקע איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע, לעצטע תפילה, אין דער סינאַגאָגע. די תפילה איז אָבער נאָך נישט געווען פאַרענדיקט



די מינכענער סינאַגאָגע ערב דער צעשטערונג. לינקס אין הינטערגרונט: די „פרויען־קירכע", דער סימבאָל פון מינכען.

און די צוגעגרייטע צעשטער־בריגאַדע פון דער בוי־פירמע לעאָנאַרד מאָל האָט שוין אָנגעהויבן אויפרייסן די טורעמס פון דער סינאַגאָגע און דעם דאַך. אינמיטן דעם לעצטן קדיש האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן ברוך־שטיקער אין דער סינאַגאָגע און דורך ניסים זענען די מתפללים אַרויס גאַנץ.

משמעות, אַז די ברוינע „קולטור־טרעגער״ האָבן דעם דאַזיקן אַקט, פון אויפרייסן מיט דינאַמיט די סינאַגאָגע, געהאַלטן פאַר זייער אַ וויכטיקן, ווייל זיי האָבן די גאַנצע פאַרניכטונג־צערעמאָניע פילמירט. ווייזט אויך אויס, אַז כדי די דאָזיקע העסלעכע סצענעס זאָלן זיין מיט מער „עמאָציעס״, האָט מען דערלויבט די ייִדן צו קומען צו דער לעצטער תפילה, כדי דער רעזשיסער זאָל האָבן נאָך אַ „פיינעם״ פראַגמענט, מען זאָל זען, ווי די ייִדן לויפן אַרויס פון דער איינברעכנדיקער סינאַגאָגע.

**
*

אַזוי זעט אויס גאָר בקיצור דער סוף פון דער מינכענער פראַכט־סינאַגאָגע.

איז מיר אויסגעקומען זיך צו גריבלען אין אַלטע מינכענער אַקטן. זוכנדיק מעשה־שהיהס, בין איך צופעליק געקומען אויף אַ פעקל מאַטער־יאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון דער דאָזיקער סינאַגאָגע. עס לוינט אַרויסברענגען און פאַרצייכענען אַ פאָר פרטים פון אַרכיוו־שטויב וועגן דעם.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אומגעפער אַ יאָר איידער די סינאַגאָגע איז צעשטערט געוואָרן האָט די מינכענער געמיינדע, אויף אַ באַשיידענעם אופן געפייערט דעם 50טן יובל פון איר אויפבוי. די פייערונג איז פאָרגעקומען דעם 5טן אויגוסט 1937 (29 טעג אין אלול). דאָס איז שוין געווען בעת דער היטלער־ממשלה. עס איז מיר געלונגען צו געפינען די פראָגראַם פון דער דאָזיקער פייערונג.

עס האָט זיכער זיך נישט פאַרגעשטעלט דער חזן, וועלכער האָט אָנ־געהויבן די פייערונג מיט דעם קאַפּיטל פ״ד פון תהילים, מיט די ווערטער „מה ידידות משכנתיך...״, ווי ליבלעך זענען דיינע וווינונגען... אַז צום דאָזיקן מינכענער משכן וועט מיט אַ יאָר שפּעטער זיך גאָר צופּאַסן די ווערטער פון „חללו משכן שמך...״, זיי האָבן פאַרשוועכט די וווינונג פון דיין נאָמען...

און אָט ליגן פאַר מיר די דאָקומענטן, וואָס דערציילן ווי אַזוי די דאָזיקע סינאַגאָגע איז אויפגעבויט געוואָרן:

עס האָט דעם בנין־בוי פּראָיעקטירט איינער פון די גרעסטע אַרכי־טעקטן פון יענער צייט, פּראָפעסאָר אַלבערט שמידט. דער בנין האָט אָפּ־געקאָסט קרוב 800 טויזנט מאַרק (זיבן הונדערט טויזנט דער בנין, 90 טויזנט די אינעווייניקסטע אויסשטאַטונג). אַכצן הונדערט זיץ־פּלעצער האָט געהאַט די סינאַגאָגע — טויזנט פאַר מענער און אַכט הונדערט פאַר פרויען. זי איז געווען איינע פון די שענסטע און גרעסטע אין דייטשלאַנד.

מיש איך אַלטע נישט־ייִדישע ציַיטונגען, ווו עס ווערדט געשילדערט דער דאָזיקער „שאַנד־פלעק". עס ברענגט דער „מינכענער באָטע" פון 29טן סעפּטעמבער 1887 אַ באַריכט פון דער חנוכת־הבית פון דער סינאַגאָגע. די צייטונג האָט נישט גענוג ווערטער אויסצודריקן איר התפעלות און באַוווּנדערונג, סיי פאַרן בנין, סיי פאַר די פייערלעכקייטן.

אָט זענען אַ פּאָר אויסצוגן:

„די נייע סינאַגאָגע וואָס איז נאָך דער מיינונג פון מבינים פון בוי־־שטאַנדפּונקט אַ צירונג פאַר דער שטאָט, איז פּרייטיק אָוונט מיט אַ פייערונג געעפנט געוואָרן. דער דאָזיקער אָקט איז אַריין אין דער געשיכטע פון מינכען פון אויסערגעוויינלעכער קולטורעלער באַדיי־טונג... עס פלאַטערן פון דרויסן די פענער מיט זייערע בייערישע און מינכענער קאָלירן..."

עס קומט נאָכדעם אַ לאַנגע רשימה פון די געסט, פון די פאַרשידענע אָפיציעלע פאָרשטייער און שררות:

...„קעניגלעכע מיניסטאָרן: ד"ר פאָן לוטץ און פאָן פייליטש, רעגירונגס־פּרעזידענט פאָן פייפער; הויף־מאַרשאַל פאָן הוטען; פאָן שפּרונער; אַ סך לאַנדטאַג־דעפּוטאַטן, דעלעגאַטן אאַ"וו, אאַ"וו..."

עס ווערט באַשריבן די צערעמאָניע, וועגן די וויַיס־בלויע (נאַציאָנאַלע פאַרב פון בייערן), קאָסטיומען פון די מיידלעך, וועלכע האָבן באַשיינט די פייערונג, וועגן די פויקן, טראָמפּייטן און פאַנפאַרן, וועלכע האָבן באַ־גלייט די 12 ספרי־תורהס, באַצירטע מיט גאָלד און זילבער, וואָס מען האָט געטראָגן אונטער חופּות פון זייד און סאַמעט...

די צייטונג קען זיך נישט אָפּרייסן פון פּראַכט און פייערלעכקייט און פירט אויס: „די סינאַגאָגע שטייט אין איין שורה מיט די (באַרימטע) מינ־כענער קונסט־ווערק..."

אַזוי האָט מען גערעדט וועגן דאָזיקן „שאַנד־פלעק", וואָס איז מיט 50 יאָר שפּעטער אָפּגעווישט געוואָרן, אָפּגעווישט געוואָרן אכזריותדיק.

מישן מיר צוריק די בלעטער פון דער כראָניק פון די מינכענער ייִדן און מיר דערוויסן זיך, אַז אויך אין דער פריִערדיקער געשיכטע פון די מינכענער ייִדן האָבן זייערע סינאַגאָגעס נישט געהאַט קיין בעסערן גורל. די דאָזיקע סינאַגאָגע פון מאַקס־הערצאָג־פּלאַץ איז נישט די ערשטע סי־נאַגאָגע, וועלכע איז אין דער בייערישער הויפּטשטאָט פאַרברענט געוואָרן...

עס דערציילן אונדזערע כראָניקער:

— אין יאָר 1285 איז די מינכענער קהילה אויסגעשאָכטן געוואָרן; אַ גרויסער טייל פון דער עדה האָט זיך געפּרוווט ראַטעווען אין דער סינאַ־גאָגע, אָבער די עלטער־זיידעס פון די שפּעטערדיקע ברוינע באַנדיטן האָבן שוין מיט 700 יאָר צוריק געקענט די מלאכה פון שריפה און האָבן די סינאַגאָגע צוזאַמען מיט די פאַרזאַמלטע אונטערגעצונדן און עס זענען דאַן פאַרברענט געוואָרן 180 נפשות.

די דאָזיקע געשעעניש איז פאַרייביקט געוואָרן אין באַרימטן נירענ־בערגער „מעמאָר־בוך", דאָרטן זענען אויסגערעכנט אַלע נעמען פון די קדושים. די רשימה הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „יזכור אלוהים מ"ז שרופי מונכן י"ב במרחשון מ"ו לאלף השישי..." געדענק גאָט די מינכענער פאַרברענטע פון 12טן חשון 46 אין זעקסטן טויזנט (1285)...

אינטערעסאַנט: די „קריסטאַל־נאַכט" פון 1938 איז אויך אויסגעפאַלן אין חשוון.

נאָכדעם איז ווידער אין יאָר 1345 (ווען די קהילה איז צוריק אויפ־געבויט געוואָרן) בעת אַ בלוט־בלבול, די ניי־אויפגעבויטע סינאַגאָגע חרוב געוואָרן.

און ווידער מיט 68 יאָר שפּעטער, אין 1413, איז ביי אַ נייעם בילבול וועגן „האָסטיע־שענדונג", אַז די ייִדן האָבן פאַרשוועכט דעם קריסטלעכן „קרבן", ווידעראַמאָל געפאַלן די סינאַגאָגע פאַר אַ קרבן...

און אין יאָר 1440 ווערן די מינכענער ייִדן דורך דעם הערצאָג אַל־בערט דעם 3טן (גערופן אויך דער „פרומער") אַרויסגעטריבן און זייער סינאַגאָגע איז איבערגעמאַכט געוואָרן אויף אַ קירכע. (שפּעטער איז דאָרטן געווען דאָס מינכענער פּאָליציי־פּרעזידיום).

ביי דער פייערונג פון 50 יאָר מינכענער סינאַגאָגע, אין סעפּטעמבער 1937, האָבן, ווייזט אויס, די פירער פון דער געמיינדע שוין געשפּירט דעם אָנקומענדיקן שטורעם. אין אַן אַרטיקל צו דער דאָזיקער פייערונג האָט דאַן דער לעצטער געמיינדע־פאַרזיצער ד"ר אַלפרעד נוימייער געשריבן:

...„דער אומבאַוווּסטער גורל קלאַפּט אין אונדזערע טויערן;
ווי וועט אונדזער עדה ווייטער עקסיסטירן? זי ווערט קלענער, די
יוגנט פאַרלאָזט אונדז (צווישן 1933־1938 איז פון דייטשלאַנד גע־
גאַנגען אַ גרויסער עמיגראַציע־שטראָם). עס מאַטערט אונדז די
פראַגע: צי איז טאַקע פאַרלוירן אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָ געשאַפן?...״

מיט אַ יאָר שפּעטער איז געקומען די ברוטאַלע תשובה אויף דעם דאָזיקן ווײ־געשריי־פראַגעצייכן!!!

און זוכנדיק מאַטעריאַלן צו דער סינאַגאָגע האָט מיר איינער פון די מינכענער ייִדן פון דער שארית־הפליטה איבערגעגעבן אַ זילבערנעם מע־דאַל, וואָס די קהילה האָט אַרויסגעגעבן בעת דעם חנוכת־הבית, אין יאָר 1887. אַ מעדאַל מיט דעם בילד פון פּראַכט־בנין און מיט דער געהעריקער אויפשריפט.

65 יאָר איז דער זילבערנער מעדאַל געגאַנגען מיד־ליד, דורכגעמאַכט פאַרשידענע גילגולים. איך האָב די דאָזיקע רעליקוויע געוואָלט איבערגעבן דעם וווּנדערבאַרן מענטש, וועלכן איך האָב פריִער דערמאָנט, דעם לעצטן ראש־הקהל פון מינכען, דעם יוסטיץ־ראַט ד״ר נוימייער. איך האָב גע־ווּסט, אַז ער איז אַוועק קיין אַרגענטינע.

איך האָב אים שוין נישט געטראָפן, ווען איך בין געווען אין דער קאָלאָניע „אביגדור״, אַ קאָלאָניע, וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן מיט 17 יאָר צוריק פון דייטשע ייִדן, האָב איך שוין אויפן דאָרטיקן בית־עולם געטראָפן זיין קבר...



דער חנוכת־הבית־מעדאַל פון דער מינכענער סינאַגאָגע אין יאָר 1887.

וואָס מיינען די צוויי טורעמס אין לאַנגען?

טאָמער קומט אייך אויס צו זיין אין שטעטל לאַנגען, אין העסען, נישט ווייט פון פראַנקפורט, און איר וועט צופעליק פאַרבייגיין אויף דער דיבורגער שטראַסע, וועט איר ביים נומער 25 פון דער דאָזי־קער גאַס זיך אָפּשטעלן. פּונקט ווי איך האָב זיך פאַרהאַלטן; און איר וועט זיך שטעלן די פראַגע:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלאַץ? וואָס זענען דאָס פאַר אַ צוויי טורעמס מיט מגן־דודס? יאָ־יידיש און נישט־יידיש — עפּעס אַ געמיש פון היינטצייַ־טיקייט מיט ביזאַנט? ווער האָט עס אינמיטן אָט דער גאַס געשטעלט די אָריגינעלע דענקמעלער און צוליב וואָס זענען זיי דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן?

וועט איר, פּונקט ווי איך, ארויפגיין אויף די טרעפּ וואָס פירן צו די „טורעמס“, איר וועט זוכן אַ טאָוול, אַ שילד, אַן אויפשריפט, אַ צייכן וואָס זאָל אויפקלערן וואָס דאָס מיינט — און איר וועט דאָ, אויפן אָרט, נישט געפינען קיין תשובה.

***

מיין באַזוך אין לאַנגען האָט נישט געהאַט צו טון מיט די שפּורן־קאָלעקציעס פון אונדזערע יאָרהונדערטער. עס האָט מיר אַהין געבראַכט אַ ספּעציעלע שליחות פון דער גאָר לעצטער צייט. עס זענען דערגאַנגען קלאַנ־גען, אַז ביי איינעם עפּעס אַ פרעמדן, אַ „נייבירגער“, ווי זיי הייסן אין דייטש־לאַנד, אַ געקומענעם ערגעץ פון שלעזיע, האָט מען אין הויז געזען אַ רייכע קאָלעקציע פון יידישע קולט־קעגנשטאַנדן. מען האָט געדאַרפט פעסט־שטעלן צי דאָס איז אמת, וואָס פאַראַ קעגנשטאַנדן זענען עס און פון וואַ־

נען קומט עס צום בעל־דבר. אויף דער דיבורגער שטראַסע בין איך, בכן, צופעליק געווען.

אַנטרעפנדיק זיך אָבער מיט די דאָזיקע „טורעמס", האָב איך זיך מיט זיי פאַראינטערעסירט. ראשית האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אויף דעם־אָ פּלאַץ איז געשטאַנען די סינאַגאָגע, איינע פון די שענסטע געביידעס פון לאַנגען; אַז זי איז חרוב געוואָרן אין דער „קריסטאַל־נאַכט" פון נאָוועמבער 1938; אַז די דאָזיקע אָריגינעלע טורעמס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון דעם בירגערמייסטער־אַמט און אויף זיינע הוצאות.

איך האָב אָנגעהויבן זוכן עמעצן פון די געוועזענע יידישע איינוווינער פון שטעטל. קיין איין נפש פון די 80 יידן וואָס די קהילה האָט געציילט אין יאָר 1933 האָב איך נישט געפונען. איך האָב דעריבער אויסגענוצט די פריינטלעכקייט פון דעם בירגערמייסטער און זיך באַקענט מיט די יידישע מאַטעריאַלן וואָס עס געפינען זיך אין דעם דאָרטיקן אַרכיוו. אַ גאַר שיינע קאָלעקציע מיט דאָקומענטן און פאַקטן האָב איך געפונען. אָבער נישט וועגן דער געשיכטע פון דער קהילה־קדושה לאַנגען, אויך נישט וועגן דעם ווי אַזוי עס האָבן די פלאַמען פאַרלענדט זייער שיינע סינאַגאָגע וועל איך דערציילן — אייגנטלעך וואָלט אויסגעקומען זיך איבערצוחזרן, וויל כמעט אויטענטיש זענען די דאָזיקע געשיכטעס אין הונדערטער און הונדערטער שטעט און שטעטלעך — אויף דעם זעלביקן אופן זענען כמעט אומעטום אויפגעקומען די קהילות און כמעט מיט דער זעלביקער סיטעמאַטישקייט און אכזריות זענען זיי פאַרשניטן געוואָרן.

איין איינציקן דאָקומענט וועלן מיר דאָ ברענגען (פאַרשטייט זיך, איבערגעזעצט אין אונדזער יידיש־לשון). עס איז אַ זעלטענער קולטור־היסטאָרישער פאַקט, וואָס דערציילט הן וועגן דער געשיכטע פון דער קהילה און דער עיקר וועגן דער סינאַגאָגע וואָס אויף איר אָרט האָט דער שטאָטראַט אויפגעשטעלט דעם דאָזיקן אָריגינעלן, אַביסל קוריאָזן, דענקמאָל.

דער דאָזיקער דאָקומענט איז אַ געדרוקטער בריוו־צירקולאַר פון 28טן מאַי 1901, וואָס עס האָט פאַנאַנדערגעשיקט דער „פאַרשטאַנד" פון דער איזראַעליטישער געמיינדע אין לאַנגען און איז געחתמעט פון צוויי פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, יאָנאַס שלאָס און זיגפריד מעטצגער. דער בריוו איז אַדרעסירט „זייער געערטער הער!" און איך האָב געקענט פעסטשטעלן, אַז ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו ווייטע און נאָענטע קהילות. וואָס

שרייבט דער „פאַרשטאַנד" פון דער ק"ק לאַנגען? וואָס פאַרלאַנגט ער פון די שוועסטער־געמיינדעס פון דייטשלאַנד?

עס האַנדלט זיך וועגן דעם אויפבוי פון זייער סינאַגאָגע. לאָמיר טאַקע ברענגען דעם בריוו ווי ער שטייט און גייט:

„די היגע איזראַעליטישע געמיינדע, וואָס האָט זיך ביז אַ געוויסע צייט געמוזט באַנוגענען מיט אַ באַשיידענעם, געדונגענעם געבעטזאַל, האָט אין יאָר 1852 דורך דער אָפּפערווויליקייט פון אירע אמונה־חברים, איינגעקויפט אַן אייגן הויז פאַר אַ מקום תפילה.

דער דאָזיקער בנין איז געווען גענוג אַ יאָר 30, נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז אין אים צו ענג. די קהילה האָט דאַן אַלץ געטון, כדי דעם בנין אויסברייטערן, פאַרגרעסערן.

אָבער נאָך אַ פּאָר יאָר, איז עס ווידער ענג געוואָרן אין אונדזער געבעטהויז. ער איז צו קליין און אַנטשפּרעכט אויך נישט די פאַרלאַנגטע היגיענישע פאָדערונגען. עס האָט זיך אַרויסגערוקט אַ וויכטיקע אויפגאַבע אויסצובויען אַ גרעסערן גאָטעסהויז, צו דעם צוועק זענען מיר צוגעטראָטן איינצוקויפן אַ פּאַסיקן פּלאַץ.

איינצוצאָלן פאַרן דאָזיקן פּלאַץ זענען אויסגענוצט געוואָרן די מזומנים וואָס די קהילה האָט פאַרמאָגט. די קהילה פאַרמאָגט איצט נאָר איר אַלטן געבעטהויז, פאַר וועלכן זי וועט קענען אָפּנעמען אַ 5000 מאַרק. די גאָר קליינע צאָל פון אונדזערע מיטגלידער וועלן פון זייער זייט נאָך אַזאַ סומע צונויפקלייבן. דאָס איז אָבער צו־ווייניק כדי צו שאַפן דעם נויטיקן פאָנד אויף אויפצובויען דעם נייעם בנין, ווי באַשיידן די נייע געביידע זאָל נישט זיין. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אין פאַרשטענדעניש פאַר דער אַקציע פון אירע פאָנדן באַוויליקט 300 מאַרק פאַר דעם צוועק.

מיר זענען בכן געצוווּנגען זיך צו ווענדן צו אַלעמעס פאַר־שטענדעניש און באַוווּסטזיין, צו אַלע אונדזערע פריינד אין די קהי־לות, אַז זיי זאָלן אין זייערע געמיינדעס דורכפירן אַן אַקציע פון אַ שאַפן אַ געוויסן פאָנד פאַר דעם הילפפאָנד פון אויפבוי פון אונדזער סינאַגאָגע.

מיר דאַנקען אין פאָרויס..."

אין דער דאָזיקער ווענדונג האָבן מיר אייגנטלעך אַ שטיק געשיכטע פון קהילה:

ביז 1852 — איז געניג געווען פאַר דער עדה לאַנגען אַ געדונגענער צימער;

דאַן, אין 1852, ווערט געבויט אַן אייגן הויז;

מיט 30 יאָר שפּעטער, מ׳דאַרף אָננעמען אין יאָר 1882, האָט מען געמוזט אויסברייטערן דעם דאָזיקן בנין;

אין יאָר 1901 ווערט באַשטימט צו שאַפן אַ פאָנד פאַר אויפבויען אַ נייע, גערוימערע סינאַגאָגע. עס גיט צושטייער דערויף דער שטאָטראַט אַ געוויסע סומע.

די דאָזיקע סינאַגאָגע איז עס דורך די נאַציס אין יאָר 1938 אָפּגע־ווישט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך.

אינטערעסאַנט, אַז צו דעם דאָזיקן בריוו, וואָס איז בייגעלייגט אַ זאַמל־רשימה פאַר באַשטייערונגען, איז אויך פאַראַן אַ „באַשייניקונג״ פון דער „גראָסהערצאָגליך העסישע בירגערמייסטעריי״, אַז די ווענדונג אַנט־שפּרעכט דער ווירקלעכקייט, אַז מען גייט טאַקע בויען אַ נייע סינאַגאָגע און אַז די בירגערמייסטעריי האָט אויף דעם באַשלאָסן אַ סובווענץ פון 300 מאַרק.

אויך דער דאַרמשטאַטער לאַנדעסראַבינער ד״ר מאַרקס, באַשטעטיקט די ווענדונג.

**
*

מיר זענען נאָכדעם געזעסן אין דעם קאַבינעט פון דעם בירגער־מייסטער, דעם נייעם, נישט יענעם פון דער נאַצישער צייט. ער האָט אי־בערגעגעבן פּרטים ווי אַזוי דער דאָזיקער דענקמאָל איז אויפגעבויט געוואָרן.

— שוין אין דער נאַצי־צייט איז דער סינאַגאָגע־פּלאַץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „דענקמאָל״. עס האָט זיך נישט געפונען קיינער וואָס זאָל וועלן צונעמען דעם רויטן שטיין־מאַטעריאַל וואָס עס איז געבליבן אויפן אָרט פון דער חורבה. דער נאַצישער גאַולייטער האָט עטלעכע מאָל גערופן עפנטלעכע „פאַרשטייגערונגען״ און קיינער האָט עס נישט געקויפט. אַלע „באַפעלן״ אָפּצורוימען דעם פּלאַץ זענען סאַבאָטירט געוואָרן — זיבן יאָר איז אויפן סינאַגאָגע־פּלאַץ געלעגן אַ באַרג פון די שטיינערווענט. עס איז געווען אַ מין פּראָטעסט־מאָנומענט.

אין יאָר 1945, נאָכן צוזאַמענברוך פון נאַציזם האָט מען געזוכט אַן אופן פון „גוטמאַכן״ די עוולה און עס איז איבערגעגעבן געוואָרן אַן אַרכי־

טעקט, אַז ער זאָל אויסבויען אַ דענקמאָל וואָס זאָל זיין פּאַסיק פּאַר אַזאַ אָרט.

דער פּראָיעקט האָט פאָרויסגעזען, אַז אויסגעבויט זאָל ער ווערן פון די זעלביקע שטיינער פון דער סינאַגאָגע, וואָס קיין איין לאַנגענער האָט עס נישט געוואָלט אָפּקויפן, באַטראַכטנדיק דאָס פּאַר אַ הייליקייט...

ביים מאַכן אָרדענונג צווישן דער ברוכוואַרג האָט מען געפונען צוויי צעקנייטשטע מגן־דודס און עס איז אין דעם פּראָיעקט אַריינגענומען געוואָרן, אַז מען זאָל אויך דאָס אויסנוצן צום דענקמאָל. און אויפן אָרט פון דער סינאַגאָגע, איינהאַלטנדיק איר פריערדיקן פונדאַמענט, נישט צעשטערנדיק אירע פריערדיקע טרעפּ האָט מען פון די פריערדיקע שטיינער אויפגעבויט דעם דאָזיקן צוויי־טורעם־דענקמאָל. איין טורעם ביים אַריינגאַנג פון דער סינאַגאָגע און דעם צווייטן אויפן אָרט ווו עס האָט זיך גע־

די אויפגעשטעלטע אָנדענק־טורעמס אויפן פּלאַץ פון דער צעשטערטער סינאַגאָגע אין לאַנגען.

פונעם דער ארון־קודש, אָדער ווי ער זאָגט, עס איז געווען די „הייליקע לאדע" מיט די „צען געבאָט".

מען האָט אונטער דער חורבה געפונען אַ „צען געבאָט", (לוחות גע־מיינט), אָבער זיי זענען געווען אַזוי צעטרימערט, אַז מען האָט זיי נישט געקענט אויסנוצן, אַנדערש וואָלט אויף איינעם פון די טורעמס אויפגע־שטעלט געוואָרן די דאָזיקע „צען־געבאָט"...

נאָך אַ פּרט האָב איך זיך דערוווּסט — אין פּראָגראַם פון די „ווידער־גוטמאַכונגען" און „ריקערשטאַטונג" פּלעגט טרעפן, אַז יחידים, אָדער די שטאָט פּלעגן אָפּקויפן ביי די דערצו באַפולמעכטיקטע אָרגאַניזאַציע די יורשימלאָזע פּלעצער, געביידעס — סינאַגאָגעס אַריינגערעכנט. ווען עס איז געקומען צום „פאַרקויפן" פון דעם סינאַגאָגע־פּלאַץ אין לאַנגען, האָט זיך נישט געפונען קיין קונה — נישט געווען ווער עס זאָל וועלן איינ־האַנדלען דעם דאָזיקן פּלאַץ, וואָס שטייט אויף אַ פּרינציפּיעלע גאַס. עס וואָלט דאָך געמיינט, אַז מען וועט דאַרפן אַראָפּטראָגן די אויפגעבויטע טור־רעמס, באַזייטיקן די דענקמעלער פאַר דער חרובער סינאַגאָגע. דאָס האָט קיינער נישט געוואָלט, אָדער נישט געוואַגט.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט דאַן עס פאַר זיך דעראָבערט מיטן באַ־שלוס, אַז קיינמאָל וועט דער דאָזיקער פּלאַץ נישט פאַרקויפט ווערן, אַז קיינמאָל וועט דער דענקמאָל נישט אַראָפּגענומען ווערן. סיידן — — — עס וועט צוריק ווערן אַ ידישע קהילה און דעמאָלט וועט זי באַשליסן וואָס דערמיט צו טון.

און ביז דאַן? ביז דאַן שטייען אויף דיבורגער גאַס נומער 25, צוויי אייגנאַרטיקע טורעמס, שווייגנדיקע דענקמעלער, ווו עס זענען צוזאַמענ־געפלאָכטן: חיהשע, טייוולאָנישע רשעות מיט אַ טראָפּן, מיט אַ שמץ מענטשלעכקייט.

דער אָטטאָ וואָלפסטהאַל־פּלאַץ אין אַשאַפּענבורג

...„ויהודית אחת נתפסה באשפנבורק, מרת גוטהלדא זכורה לטובה, ולא אבתה להיצחן במים המרים המאררים וקידשה שם הקדוש ונטבעה בנהר. יזכרה אלוהים לטובה כרחל וכלאה...״

דער אויבנדערמאָנטער אָפּזאַץ איז פון דער כראָניק פון רב אפרים בר יעקבס מבונאָ, וואָס דערציילט פון די פּיינען און קידוש־השם אין דער צייט פון די קרייצ־צוגן. אין דעם געבראַכטן אָפּזאַץ דערציילט ער, אַז צווישן אַנדערע איז:

אויך איז איין יידישקע פון אַשאַפּענבורג, גוטהאַלדאַ געכאַפּט געוואָרן, דערמאָנט זאָל זי ווערן צום גוטן; זי האָט נישט געוואָלט פאַראומרייניקט ווערן מיט דעם ביטערן וואַסער (זיך נישט געוואָלט שמדן) און זי האָט מקדש־השם געווען און איז דערטרונקען געוואָרן אין טייך. זאָל עס איר גאָט געדענקען צום גוטן ווי רחלען און לאהן...

אין אַנדערע ערטער ווערט דערציילט, אַז ווען מ׳האָט איר געפירט איבער אַ בריק האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון אירע באַגלייטער און אַריינגעשפּרונגען אין טייך אַריין.

די דאָזיקע קידוש־השם־געשיכטע פון אַשאַפּענבורג פון פאַר אַכט הונדערט יאָר צוריק (1147) האָט זיך, מיט אַנדערע ניואַנסן, איבערגעחזרט אין יאָר 1942 אין דעם זעלביקן אַשאַפּענבורג.

ווען איך בין געזעסן אין אַשאַפּענבורג און אויסגעהערט די געשיכטע פון 1942, דעם גרויל אין דער צייט פון די האַקנקרייצלער, איז אין זכרון אויפגעקומען די געשיכטע פון זעלביקן מקום אין דער צייט פון די אור־אור־זיידעס זייערע, די קרייצצוגלער.

אָבער איידער מיר קומען צו דער היינטיקער געשיכטע פאָדערט זיך אַן אריינפיר.

נישט וועגן דער געשיכטע פון דעם ייִדישן אַשאַפּענבורג, אָדער אוש־פינבוק, אסטנבורג, אשתרן בורק און אַנדערע צען נעמען, וואָס די דאָזיקע שטאָט האָט געטראָגן אין אונדזערע אַלטע כראָניקעס אין משך פון די 800 יאָר זינט מיר ווייסן, אַז דאָרטן זענען שוין געווען ייִדן, וועל איך דאָ דערציילן;

נישט וועגן איר קהילה האַרט פאַרן חורבן, וועגן די העכער 600 ייִדישע נפשות און צען חברות וואָס עס זענען דאָרטן געווען אין יאָר 1933;

און אוודאי און אוודאי נישט וועגן די שיינקייטן פון דער שטאָט, וועגן אירע פּאַרקן, פּלעצער, שלעסער, פּאַלאַצן און אַלעען.

דאָס מאָל וועגן איין איינציקע געשיכטע; וועגן איין איינציקן טאָג; וועגן איין איינציקן טאַט; וועגן איין איינציקן קידוש־השם.

* * *

נאָכדעם ווי איך האָב דערליידיקט אַלע מיינע ענינים אין אַשאַפּענ־בורגער אַרכיוו האָב איך מיר געלאָזט אויסזוכן די „אַדרעסן״ וואָס איך האָב געהאַט נאָטירט. צווישן זיי איז אויך געווען ענטענגאַסע 11 א. דאָ איז געשטאַנען די סינאַגאָגע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1893. איך האָב ביי זיך געהאַט די פאָטאָגראַפיע פון דער סינאַגאָגע, פון אויסנ־ווייניק און אינעווייניק.

דער ענטענגאַסע האָב איך טאַקע לייכט געפונען, דער נומער 11 אָ, האָט אָבער נישט עקזיסטירט. אויף דעם אָרט האָב איך געטראָפן אַ וווּנ־דערבאַרן סקווער, מיט ביימער און בלומען און גראָז־אַלעען, מיט באַקוועמע בענק צום אָפּרוען, אַ שפּיל־פּלאַץ פאַר קינדער. מיט אַ ווייסן מאַרמאָר־דענקמאָל אינמיטן און אויף אים אַן אויפשריפט, וואָס דערציילט אין דייטש:

HIER STAND DIE SYNAGOGE DER ISRAELITISCHEN KULTUSGEMEINDE DIE AM 9 NOVEMBER 1938 VON VERBRECHER HAND ZERSTÖRT WURDE.

און אויבן אַ ציטאַטע פון דעם דייטשן דיכטער העלדערליין, וואָס זאָגט:

ACH. TÖTEN KÖNNT
IHR. ABER NICHT
LEBENDIG MACHEN
WENN ES DIE
LIEBE NICH TUT

פון די צוויי אויפשריפטן ווערט מען, הייסט עס, געוואָר:

1. אַז דאָ איז עס געשטאַנען די סינאַגאָגע פון דער איזראַעליטישער געמיינדע וואָס איז דעם 9טן נאָוועמבער 1938 פון פאַרברעכער־הענט צעשטערט געוואָרן;

2. די וואָס האָבן אויפגעשטעלט דעם דענקמאָל, דער שטאָטראַט, האָט עס באַגלייט מיט אַ „תשובה פסוק" — אַז די דאָזיקע פאַרברעכער האָבן נאָר געקענט טויטן, אָבער נישט לעבעדיק מאַכן! ווייל עס האָט זיי געפעלט די „ליבע"...

דער דענקמאָל אויפן פּלאַץ פון דער צעשטערטער סינאַגאָגע אין אַשאַפענבורג.

אין מיין קאַרטאָטעקע איז שוין פאַראַן אַ היפּש ביסל מיט אַזעלכע „דענקמעלער" פון „בעל־תשובהניקעס". גאָר אָפט איז מיר אויסגעקומען פעסטצושטעלן, אַז די זעלביקע וואָס האָבן אין דער „קריסטאַל־נאַכט" אונטערגעלייגט דאָס פייער אָדער דינאַמיט אונטער די סינאַגאָגעס, האָבן עס שפּעטער אויפגעשטעלט די „דענקמעלער", וואָס דאַרפן פאַרגיטיקן...

איך האָב מיר אָפּגערוט אויף איינע פון די בענק; הנאה געהאַט פון דעם שאָטן פון די בוימער וואָס זענען דאָ נאָך געוואַקסן ווען די סינאַגאָגע איז געווען אויף איר אָרט; קינדער האָבן זיך געשפּילט אין די זאַמד־קעסט־לעך וואָס מען האָט פאַר זיי צוגעגרייט; אַ שטאָטישער גערטנער האָט באַ־גאָסן די רויזן, אַרומגעשניטן די ווילדגראָזן, אויפגעקליבן דעם אָפּפאַל...

אַנטקעגן, אויפן ראָג פון דעם אָפּגעליידיקטן פּלאַץ, האָב איך באַ־מערקט, אַ נייעם גאַסנשילד: — אָטטאָ וואָלפּסטהאַל פּלאַץ...

אויף מיין פראַגע ביים גערטנער ווען איז דער דאָזיקער נאָמען „איינ־געוויייט" געוואָרן, ווער איז עס דער דאָזיקער אָטטאָ וואָלפּסטהאַל, וועלכער האָט זוכה געווען, אַז מען זאָל אַ נאָמען געבן נאָך אים דעם פּלאַץ פון דער געוועזענער סינאַגאָגע, האָט ער מיר נישט געקענט ענטפערן. ער ווייס גאָר־נישט, ער איז פון די „נויבירגער" ער איז דאָ אַ פרעמדער, אַ פּליכט־לינג פון אָסטן, אַליין איז ער פון שווידניץ, פון נידערשלעזיע.

עס האָט מיר אויף מיינע שאלות נישט געקענט ענטפערן נישט דער שווידניצער גערטנער, נישט די פאָטאָגראַפין גייסעלאַ פּלאָסס, וואָס האָט פאַר מיר צוגעגרייט אַ סעריע מיט אויפנאַמעס פון דעם דאָזיקן אָרט. אויך דער ד"ר וו. פישער, דער דירעקטאָר פון דעם אַרכיוו פון אַשאַפענבורג האָט „גאָרנישט געוווסט" ווער דאָס איז דער אָטטאָ וואָלפּסטהאַל. ד"ר פי־שער האָט מיך אָבער אָפּגעשיקט צום ייִדן פּאַול לעווי, אויף דער ד"ר ראָבערט קאָך שטראַסע נומער 17.

און דאָ הייבט זיך אָן דער צווייטער טייל, דער עיקרדיקער פון דער געשיכטע.

דער אַלטער פּאַול לעווי, איינער פון די אַלטע תושבים פון אַשאַפענ־בורג, פון די געציילטע וואָס זענען געקומען פון „יענער וועלט" האָט אויפגעהויבן דעם שלייער פון דער געשיכטע, ער האָט עס מיר אַריינגע־בראַכט אין יענער מיסטעריעזער און איינציייטיק טראַגישער געשעעניש.

וואָלט מען געדאַרפט וועגן דעם לעווי אויך עפּעס דערציילן. אָבער דאָס מאָל וועלן מיר אים לאָזן דערציילן:

— ווער עס איז געווען אָטטאָ וואָלפּסטהאַל, פאַרוואָס מען האָט

אָנגערופן דעם סינאַגאָגע־פּלאַץ אויף זיין נאָמען?... איך מוז זיך אומקערן צו יענע פינצטערע טעג וואָס שוידערן אויף יעדעס מאָל ווען זיי קומען אין דער געדעכעניש... אַזוי הייבט אָן פּ. לעווי און דערציילט ווייטער:

— אָטטאָ וואָלפסטהאַל איז געבוירן געוואָרן אין באַמבערג. זיין פאָטער איז געווען אַ יוסטיץ־באַראַטער, ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַרנומען אַזאַ אַמט אין דער בייערישער רעגירונג. פון דער מוטערס

דער גאַסנטאָוול אויפן נאָמען פון אָטטאָ וואָלפסטהאַל, דעם מאַרטירער פון אַשאַפענבורג.

צד שטאַמט ער פון דער פאַמיליע דילסענהיימער, איינע פון די חשובסטע ייִדישע משפחות אין אַשאַפענבורג, וואָס ציט איר יחוס ביז אין מיטל־אַלטער אַריין.

— אָטטאָ האָט אַרויסגעוויזן גאָר גרויסע פעיִקייטן. נאָכן פאַרענדיקן דעם שטודיום איז ער אַריין ווי אַן אַקציאָנער און גרינדער פון דעם באַנק־הויז מ. וואָלפסטהאַל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די פיליאַלע פון דער מינ־כענער האַנדלס־באַנק, פון וועלכער אָטטאָ וואָלפסטהאַל איז געווען דער דירעקטאָר...

— אָטטאָ איז געווען פון די גרעסטע מנדבים אין שטאָט און אין דער געגנט. ער האָט צוזאַמען מיט זיין פרוי געשאַפן אַ „שטיפטונג“ פון הונדערט טויזנט מאַרק פאַר אַ געזעלשאַפט פון שטיצע פאַר קראַנקע...

— די משפחה דיסלהיימער, פון אָטטאָס מאַמעס צד, איז אויך געווען באַקאַנט מיט אירע גרויסע נדבות פאַר דער שטאָט. די שטאָט האָט טאַקע

געהאַלטן פאַר איר חוב אָנצורופן אַ גאַס אויפן נאָמען פון דער דאָזיקער משפחה. אַ שאָד, איר האָט געדאַרפט זען די דאָזיקע „דיסלהיימער שטראַסע״. אמת, אין דער צייט פון די נאַציס האָט מען דעם דאָזיקן נאָמען באַזייטיקט, אָבער איצט איז דער נאָמען ווידער דאָ...

— יאָ, וועגן אָטטאָן... געווען איז עס אין האַרבסט פון 1942. די מערהייט פון די ייִדן זענען שוין געווען „אויסגעזידלט״, אָפּגעשיקט צום „אָסטן״ — אָטטאָ און זיין משפחה האָבן אויסגעמיטן אַלע, ביז־דעמאָלטיקע, טראַנספּאָרטן. איצט, ביים לעצטן טראַנספּאָרט האָט אים שוין קיינער פון זיינע צאָלרייכע פריינט נישט געקענט העלפן. מען האָט אים, דעם באַקאַנטן און דורך אַלעמען געאַכטעטען קאָמערציען־ראַט געשאַנעוועט, אָבער דער באַפעל איז געקומען, אַז מיט דעם לעצטן טראַנספּאָרט זאָל מען אים מיטנעמען...

— ...ווען מען איז אים געקומען נעמען, האָט מען אים מיט זיין פרוי שוין געפונען טויט, זיי זענען פרייוויליק אַוועק אין דער אייביקייט...

— איך קאָן נישט דערציילן וואָס עס איז דאַן געשען. אָטטאָ איז מיינער אַ קרוב, אַ נאָענטער פריינט געווען... דעם זעלביקן טאָג האָבן נאָך אַנדערע 5 פּערזאָן אויף אַזאַ אופן אויסגעמיטן די „אויסזידלונג״...

— זיי אַלע זענען דאַן באַערדיקט געוואָרן אין אַ ברודער־קבר.

— יאָ, נאָכן צוזאַמענבראָך פון היטלערס ממשלה, נאָך דעם מלחמה־סוף האָט די אַשאַפענבורגער שטאָט־פאַרוואַלטונג פיר אַקטן פון סימבאָלישער „ווידערגוטמאַכונג״ געטון:

1. אויף דעם חרובן סינאַגאָגע־פּלאַץ פאַרזעצט אַ פּאַרק מיט אַ דענקמאָל;

2. דעם פּלאַץ אַ נאָמען געגעבן „אָטטאָ וואָלפסטהאַל פּלאַץ״;

3. אַ שיינעם דענקמאָל אַוועקגעשטעלט אויפן קבר פון די 7 אויפן ייִדישן בית־עולם;

4. צוריק באַנייט די גאַס אויפן נאָמען פון דער ייִדישער משפחה דילסהיימער.

***

איך האָב אויסגעהערט די געשיכטע און אין זכרון האָט זיך מיר ווידער אַ מיש־אויף־געטון רבי אפרים בן יעקבס כראָניק פון די קרייצטרעגערס, וועגן דער אַשאַפענבורגער פּדוי גוטהולדא, וואָס איז אין טייך געשפּרונגען...

800 יאָר זענען אַוועק פון איין געשיכטע ביז דער צווייטער און ווי ענלעך זיי זענען ביידע, פונקט ווי מען וואָלט עס קאָפּירט...

ג. די פאַרשווונדענע לאַנדשאַפט...

...„עס וועט אַ ייד נישט מער באַשיינען די יאַרידן ווייט אַרום,
נישט מער באַלעבן זיי, נישט מער אַריינבלאָזן אין זיי אַ גייסט.
און ס׳וועט נישט מער צעפּאָכען זיך אַ יידישע קאַפּאָטע איבער מערק
מיט זעק קאַרטאָפל, מעל און קאַשעס, און אַ האַנט אַ יידישע
וועט נישט אַ הייב־טון און אַ טאַפּ־טון ווייך אַ הון,
אַ קעלבל נישט קיין גלעט טון... דאָס פּויערל אַ שיכורער,
ער שמייסט זיין פערדעלע אין צער, ער שלעפּט די פולע פור צוריק
אין דאָרף אַריין... נישטאָ! נישטאָ קיין יידן מער אין לאַנד!

(יצחק קאַצענעלסאָן)

**
*

די בענטש־ליכט פאַרלאָשן פון אונדזערע שטעטלעך
די אַלטע ישובים צעטריבן, פאַרמאַכט...
געווען איז עס יידישלעך, מענטשלעך און געטלעך,
געווען איז געזאַלבט אונדזער פרייטאָג־צו־נאַכט.

געווען זענען שולן מיט פאַרמעט, מיט ספרים.
צוזאַמען מיט זיי, מיט די דאַוונער פאַרברענט...
געווען זענען לעבנס... פאַרשווונדן אין קברים —
און וואָס זאָלן טון מיינע הילפלאָזע הענט?

(ז. סעגאַלאָוויטש)

די עוואַנגעלישע „סינאַגאָגע" אין טאַנהאַוזען

קיין טעות האָט זיך נישט אַריינגעכאַפּט אין קעפּל פון איצטיקן קאַפּיטל, עס האַנדלט זיך טאַקע וועגן אַ סינאַגאָגע, וועלכע איז אָבער אין גענזנפיסלעך, אַ געוועזענער מקום־קדוש, ווו עס באַלעבאַטעוועט היינט די עוואַנגעלישע פּאַראַפיע. איינער פון די זעלטענע שפּורן, וואָס פאַרדינען אַריינגענומען צו ווערן אין אונדזער קאַלעקציע.

די „פאַרשוווּנדענע לאַנדשאַפט", וואָס מיר הויבן אָן פאָרצו־שטעלן; דער שפּרודלדיקער „אַמאָל", דער יחוס פון נוסח אשכנז, וועל־כער איז געלייטערט געוואָרן ביי ענויים פון תתקנ"ו (ביים ערשטן קרייץ־צוג) ביי די ווייטערדיקע שחיטות און רדיפות, וועלכע האָבן געפירט צו זייער לעצטן פינאַל פון חורבן תרצ"ח־תש"ה, — האָט איבערגעלאָזט סימנים אין פאַרשידענע חורבות און שטיינער, סימנים פאַר די ווייטערדיקע דורות, למען ידעו.

אַ רעגנבויגן־קאַליידאסקאָפּ זענען די דאָזיקע סימנים, וואָס דערציילן פון דעם מה־שהיה; טייל לעבן צוזאַמען מיט לעגענדעס, וועלכע זענען איבערגעאַנגען מדור־לדור; אַנדערע פלעכטן זיך נאָך אַריין אין אונדזער היינטיקן לעבן, אין אונדזערע מנהגים און זיטן.

אויסער די שטיינערנע שיריים געפינט מען אויך סימנים, וועלכע הענ־גען אין דער לופטן; וועלכע שוועבן איבער שטעט און דערפער; וויגן זיך איבער פעלדער און וועלדער — איך וואָלט זיי אָנגערופן שפּורן שבעל־פה. מען זעט זיי נישט, מען קאָן זיי נישט באַטאַפּן, אָנרירן און טאָפּאָגראַפיש באַשרייבן. דאָס זענען נעמען באַצייכענונגען, וועלכע כמעט קיינער קאָן שוין איצט נישט אויסטייטשן, פאַרוואָס זיי הייסן אַזוי. די דאָזיקע אומ־

זעבאַרע שפּורן דערציילן אָבער, אַז מיר זענען דאָרטן געווען — אַ פּאַר־שווונדענע לאַנדשאַפט.

אַמאָל זענען באַקאַנט דער „רש״י־טויער" אין וואָרמס; דער „יודענקעלער" אין פּאַסאַו; דער „יודענברונעם" אין לאַודאַ; דער „יודענשטיין" אין רעגענסבורג; דער „יודענטאָר" אין ווייל־דער־שטאַט; דער „יודענטאַנצהאַוז" אין ראָטענבורג; דער „יודענבערג" אין לאַופּהיים און אַזוי ווייטער. אין די הונדערטער זענען אויך פאַראַן די „יודענגאַסען" און „סינאַגאָגען־שטראַסעס". די דאָזיקע האָבן נאָך וועלכע נישט איז אויסטייטשונג, דערקלערונג, פאַרוואָס זיי טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען. זיי זענען באַקאַנט אונדזער ליטעראַטור, פאַרשידענע פאָרשערס האָבן זיך שוין דערמיט פאַרנומען.

אָבער איין געביט איז ביז היינט געבליבן נישט באַרירט: דאָס זענען די אַזוי־גערופענע פלורנעמען, די כל־המינים געאָגראַפישע באַצייכענונגען פאַר פעלדפלאַכן, פליינען, לאָנקעס, וועלדער, טאָלן, בערגלעך, פעלדוועגן, טייכלעך, קוואַלן וכדומה.

ביי די אומות־העולם איז דער דאָזיקער געביט, די פאָרשונג פון די פלורנעמען אַ זייער וויכטיקן ענין; עס איז אַ ספּעציעלער פאָרשונג־רעסאָרט אין דער היימאַט־געשיכטע; אַ זייער רייכע ליטעראַטור און וויסנשאַפטלעכע ווערק פאַרנעמען זיך מיט דעם. אָפטמאָל דעקט אויף אַן אומשולדיקער פלורנאָמען אַ זייער וויכטיקע היסטאָרישע געשעעניש, עס ווערן פאַרענטפערט געשיכטלעכע רעטענישן. ביי אונדז ייִדן איז עס נאָך עד היום אַ קרקע־בתולה, אַ נישט באַרירט פעלד, מען האָט זיך מיט דעם נישט פאַרנומען.

די לעצטע חדשים פון מיין זיין אין דייטשלאַנד האָב איך אָנגעהויבן זיך באַשעפטיקן אויך מיט פאַרצייכענען די יעניקע פלורנעמען, וועלכע האָבן אַ שייכות צו ייִדן און איך בין ממש איבערראַשט געוואָרן — זיי גרייכן אין די טויזנטער! די פאַרשידענע אָרטיקע היימאַט־פאָרשער און דענקמאָל־פלעגער האָבן מיך ממש פאַרשאָטן מיט צאָלרייכע רשימות. אין איין איינציקן קרייז אין בייערן, אין שווינפורט, געפינען זיך ביז 40 ייִדישע פלורנעמען. צווישן זיי זענען פאַראַן: „יודענוועג", „יודענוויזע", „יודענבוש", „יודענאַקער", „יודענבאַום", „יודענהיגעל", „יודענקוועלע", „יודענבערג", „יודענהיידע", „יודענווינבערג" אאַ״וו.

אין פאַרשידענע ערטער, קליינע שטעטלעך און דערפער, זענען פאַראַן פלעצער מחוץ דעם געגעבענעם ישוב, וועלכע טראָגן דעם נאָמען „יודענקירכהאָף", „יודענפרידהאָף", „יודענבעגרעבעניש" אאַ״וו. וואָס עס גיט צו

טראַכטן, אַז דאָרטן זענען ווען עס איז געווען ייִדישע קהילות. קיין שום דאָקומענטן זענען וועגן דעם נישטאָ. הענגט אַזוי אין דער לופט דער ייִדי־שער זכר, איז געוואָרן אַ בעל־פּה־מסורה פון דור צו דור.

פון די טויזנטער דענקמעלער מיט און אָן נעמען, וועל איך ביים אָנ־הייב פון דער „פאַרשווונדענער לאַנדשאַפט“, אַרויסהויבן איינעם וואָס איך ווייס אייגנטלעך נישט, צו וועלכער קאַטעגאָריע מען דאַרף אים פאַררעכע־נען: אָבער דער פּרט איז אין דעם פאַל גאָרנישט וויכטיק.

*****

אָנצוקומען אין דעם שטעטעלע טאַנהאַוזען, וואָס ליגט אין בורגאַו, ווו עס גרענעצט זיך דאָס שוואַבענלאַנד מיטן אַלגאַו, איז אַ שווערע הלכה. מיט דער באַן איז עס קאָמפּליצירט. פון אויגסבורגער הויפּטבאַנהאָף גייט אין דאָזיקן מקום אַן אָמניבוס מיט וועלכן עס דויערט די נסיעה בסך־הכל אַ קאַרגע שעה.

געצויגן האָט מיך אין דאָזיקע שטעטל די ידיעה, אַז דאָרטן געפינט זיך אַ קירכע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען... סינאַגאָגע. אַזאַ מין זאַך דאַרף, מוז מען אָנקוקן.

געקומען אין שטעטל פּרוּוו איך, אַזוי צו זאָגן, קאָנטראָלירן אויף ווי־פּיל די דאָזיקע, פון דערוויילטנס געהערטע מעשה, איז ריכטיק, און דער עיקר, צי „לעבט“ נאָך דער דאָזיקער נאָמען עד־היום. און הגם איך האָב געוווּסט, ווו די דאָזיקע קירכע דאַרף זיך געפינען, האָב איך דאָך פאַרהאַלטן אַ צופעליקן פאַרבייגייער, אַ דייטש, קיין אַנדערע זענען דאָרטן נישטאָ, און ביי אים געפרעגט, ווי אַזוי איך דאַרף גיין צו דער סינאַגאָגע.

דעם דייטש האָט מיין שאלה גאָרנישט פאַרחידושט, ער האָט מיר גע־נוי אויפגעקלערט, אַז איך דאַרף גיין ביזן ראָטהויז, נאָכדעם לינקס און אַ פּאָר הייזער ווייטער וועל איך שוין די סינאַגאָגע באַמערקן.

שוין שטייענדיק ביי דער דאָזיקער „סינאַגאָגע“ (מיט אַ צלם פון אויבן), פרעג איך, ווידער אויף טשעקאַוועסט, ביי אַ קליין דייטש מיידל, וואָס איז דאָס פאַר אַ געביידע.

— דאָס איזט דאָך די סינאַגאָגע, — האָט זי תמימותדיק געענטפערט.

אַלזאָ, אַלט און יונג ווייסן, אַז דאָס איז די „סינאַגאָגע“. נאָך מער, טייל איינוווינער רופן די דאָזיקע קירכע יודענשול.

און ווייסט איר ווי לאַנג אַ ייִדישער פוס האָט נישט באַטראָטן טאַנ־האַוזען?

שוין העכער צוויי הונדערט יאָר! **אין יאָר 1718 זענען זיי פון דאַנען פאַרטריבן געוואָרן און מער זיך נישט צוריקגעקערט.**

לאַנגע שעהן האָב איך זיך נאָכדעם געגריבלט אין אָרטיקן ראַטהויז־אַרכיוו און שפּעטער אין דער פּריוואַטער וווינונג פון בירגערמייסטער, וועלכער איז אויך אַ היימאַט־פאָרשער. הונדערטער אַקטן און מאַטעריאַלן האָב איך דורכגעשנישטערט און דאָס געוועזענע בילד פון דער אַמאָליקער קהילה־קדושה טאַנהאַוזען איז אין מיינע רעיונות צוריק לעבעדיק געוואָרן.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז יידן האָבן דאָ געשפּילט בשעתּם אַ גאָר אָנגעזעענע ראָלע. די קהילה איז געווען איינע פון די חשובסטע אין גאַנצן געגנט. עס ליגן פאַר מיר די שטייער־ביכער פון 15טן און 16טן יאָרהונדערט, אין וועלכע עס זענען דאָ זייער אַ סך יידישע שטייער־צאָלער, צווישן זיי אויך אַ יידישער דאָקטאָר. איין שטייער־תקנה דערציילט, אַז פאַר יעדן יידן־סטודענט דאַרף געצאָלט ווערן אַ יערלעכער שטייער פון 30 גילדן, אַז דער ראַבינער גינזבורגער דאַרף דעם דאָזיקן שטייער אויפמאָנען און אין דער שטאָט־קאַסע איינצאָלן.

עס ווערט דאָ געמיינט די ישיבה, וועלכע האָט דאַן דאָרטן עקסיסטירט, וווהין עס האָבן זיך געצויגן בחורים פון נאָענט און ווייט. פאַרן רעכט צו וווינען אין שטאָט „אָן אַ צוזאָג״ ווי דאָס הייסט היינט, האָבן זיי געמוזט צאָלן דעם קאָפּשטייער פון 30 גילדן.

אויך איז דאָרט געווען אַ העברעיִשע דרוקעריי. די אין טאַנהאַוזען געדרוקטע ספרים געהערן צו די יקר־המציאותן, צו די אוניקומס פון יידישן בוכוועזן. איין איינציקער עקזעמפּלאַר פון אַ „מחזור מכל השנה״ כמנהג אשכנזים, איז אויפגעהיט אין דער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק אין אָקספאָרד. ליגט פאַר מיר נאָר די הילע, ווו עס שטייט: נדפס בק״ק טנהויזן, אין יאָר 1 5 9 2.

בעת מיין לעצטן באַזוך אין אַנסבאַך, האָב איך אין דער דאָרטיקער רעגירונגס־ביבליאָטעק געפונען אַ צווייט ספר, וועלכער איז געדרוקט געוואָרן אין טאַנהאַוזען, אין דער זעלבער צייט — „זולתות״. ווי כ׳האָב נאָכדעם פעסטגעשטעלט, געפינט זיך דער דאָזיקער „זולתות״ אויך אין דער באַרימטער „שאָקען־ביבליאָטעק״ אין ירושלים („ספרית שוקן״).

אין דער צייט פון 30־יאָריקן קריג (1618—1648) האָט די קהילה געציילט ביז 300 נפשות. די אַלגעמיינע צאָל זאָל דאַן געווען נישט קיין גאַנצע 1000.

די געשיכטע פון דעם גירוש פון די דאָרטיקע יידן האָב איך אויך געפונען. געווען איז עס דעם 24טן אויגוסט 1718.

בכלל, האָט דאָס שטעטל געלעבט מיט די יידן פאַרהעלטניסמעסיק בשלום. געהאַנדלט, געוואַנדלט און נישט געוווּסט פון שנאה. אָבער אָט איז טאַנהאַוזען אַריבער צו אַן אַנדער האַר, צו אַ בייזע שררה, צום גראַף פאָן סטאַדיאָן. די גרעפין, איז, משמעות, געווען יענע מרשעת. עס זענען איר נישט געפעלן געוואָרן די טאַנהאַוזער יידן. זי איז געווען אַן עקרה און האָט געגלויבט, אַז די יידן האָבן איר אָנגעטון אַ כישוף. זי האָט בכן געפאָדערט פון איר מאַן ער זאָל די יידן אַרויסטרייבן. ער איז, ווייזט אויס, געלעגן אונטער דער דאָזיקער קסאַנטיפּעס פּאַנטאָפל און האָט איר פאַרלאַנג נאָכגעגעבן.

עטלעכע טעג זענען די יידן געלעגן אונטערן פרייען הימל אין אַ טאָל, נישט ווייט פון שטעטל. זיי האָבן געשיקט תחנונים־בריוו צום בייערישן קעניג, קייזער קאַרל דעם 4טן, ער זאָל אָפּרופן די גזירה, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער קייזער האָט זיך נישט געקענט אַריינמישן אין די „אינערלעכע ענינים" פון דער הערשאַפט סטאַדיאָן. די יידן האָבן זיך אַריינגעצויגן אין די שכנותדיקע בורגאַוער שטעטלעך הירבען, איכענהויזען און אַלטענשטאַט.

וועלנדיק פאַרפעסטיקן איר „נצחון" איבער די יידן, האָט זי נאָך געהייסן, די פריצה, אַז די יידישע סינאַגאָגע זאָל מען איבערמאַכן פאַר אַ קירכע. דאָס זאָל אויך זיין במקום אַ דור, וואָס גאָט האָט איר, צוליב דעם כישוף פון די יידן, נישט געגעבן.

אויף דער מזרח־וואַנט, דאָרטן וווּ עס איז געווען דער ארון־הקודש, הענגט אַ גרויסער משפחה־עמבלעם פון דעם גראַפן־שטאַם סטאַדיאָן.

נאָכמער, מען האָט אין דער נייער קירכע איבערגעלאָזן אַ „טראָפּיי" פון דער געוועזענער יידישער סינאַגאָגע — די צדקה־פּושקע. עס איז איינער פון די מערקווירדיקסטע עקספּאָנאַטן פון דאָזיקן מין. די דאָזיקע צדקה־פּושקע איז געמאַכט פון אַ בוים־שטאַם און איז מיט אייזנס אַרומגעשמידט. די דאָזיקע אָריגענעלע צדקה־פּושקע (אויף דייטש: „אָפּפערשטאָק") געפינט זיך אין דער קירכע רעכטס פון אַריינגאַנג.

אויף דעם דאָזיקן „טראָפּיי" איז פאַרייביקט זיין געשיכטע. עס געפינט זיך אויף אים אַ טאָפל, וווּ אויבן איז משה רבינו מיט די לוחות און אונטן דער קריסטלעכער צייכן, דער מאָנסטראַנץ. אויפן אויבערשטן בילד געפינט זיך דער לאַטיינישער שפּרוך: "Antiquum Dokumentum"

וואָס מיינט: דער אַלטער טעסטאַמענט. אויפן אונטערשטן צייכן זענען פאַ־
ראַן די לאַטייניש וועטער: "Novo cedat ritui"

דער דאָזיקער טאָוול דאַרף עס זיין די דאָקומענטירונג ווי אַזוי דער
„נייער" טעסטאַמענט האָט באַזיגט דעם „אַלטן".

נישט ווייט פון שטעטל ליגט אַ וועלדל, וואָס ווערט פון די איינוווינער
פון דער גאַנצער סביבה, פון דאַרפסמענטשן און שטאָט־איינוווינער, אָנגע־
רופן דאָס יודענבאַגרעבעניש. דאָ זאָל האָבן געווען דער בית־עולם פון
די טאַנהאַוזער יידן ביז זייער גירוש.



דער „אָפּפערשטאָק" (צדקה־פושקע) פון דער עוואַנגע־לישער „סינאַגאָגע" אין טאַנהאַוזען.

עס געפינען זיך אויף אים משה רבינו מיט די לוחות און דער „מאָנסטראַנץ" — דאָס „אַלע היילקסטע" פון די קריסטן.

שוין מער ווי צוויי הונדערט יאָר האָט מען אויסגעוואָרצלט די יידן
פון דאָזיקן מקום, אָבער אַ מעמענטאָ שוועבט אין דער לופטן, עס טראָגן
זיך פון דור צו דור נאָר די ווערטער, וועלכע האָבן נישט קיין מאַטעריעלע
אחיזה, סינאַגאָגע און באַגרעבעניש...

אויב טייל ווילן פאַרגעסן פון דעם לעבן פון די יידן דאָרטן, דערמאָנט
עס זיי טאָקע די באַגרעבעניש.

אַ געוועזענע קירכע — אַ סינאַגאָגע

אין פריִערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר דערציילט וועגן דער טאַנהאַוזער ייִדישער סינאַגאָגע, וואָס איז איבערגע־מאַכט געוואָרן אויף אַ קירכע. דאָס מאָל וועלן מיר ברענגען אַ פאַרקערטן פאַל, אפשר דער איינציקער אויף דער דייטשער ערד. אויך די געשיכטע געהערט צו דער „פאַרשוווּנדענער לאַנדשאַפט", ווייל אין דאָ־זיקן אָרט, ווו דאָס איז געשען, אין קאָבורג, אין בייערישן אָבערפראַנקען, איז שוין נישטאָ קיין איין נפש פון די 316 ייִדן וואָס זענען דאָרטן געווען איידער עס איז געקומען די הערשאַפט פון „טויזנטיאָריקן רייך".

געקומען בין איך אין דאָזיקן פּונקט, וואָס ליגט גאָר נאָענט ביי דער טירינגער גרענעץ, וואָס געפינט זיך אונטער דער סאָוויעטישער קאָנטראָל, צוליב אַ סעריע ייִדישע דאָקומענטן, וואָס זענען פאַראַן אין דעם דאָרטיקן פיליאַל פון דעם בייערישן מלוכהשן אַרכיוו. גראָד האָב איך נישט געהאַט גענוג צייט זיך צו פאַרנעמען מיט דער „טאָפּאָגראַפיע" פון דער שטאָט. ווייניק חשק האָט אויך צוגעגעבן דער האַרבער ווינטער, וואָס איז דאַן געשטאַנען.

אָבער דער אַרכיוואַר, וועלכער האָט מיך באַדינט, האָט אין מיר אַריינגעטענהט:

— זי מוסען עס אַנשאַוען, הער בערנשטיין; דאָס איזט איין און איינ־ציק...

איך מוז, זאָגט ער, אָנקוקן די (געוועזענע) ייִדישע סינאַגאָגע; דאָס איז, פאַרזיכערט ער, דער איינציקער אָביעקט פון דעם מין אויף דער וועלט. בין איך מיטגעגאַנגען.

געטראָטן טיף אין שניי, אַזוי טיף ווי עס קאָן זיין אין אָבערפראַנקען,

אינמיטן פעברואַר. מיר זענען אַרויס כמעט אויסער דער שטאָט. מיר האָבן אויסגעמיטן די אַלטע שטאָטישע מויער און מיר גייען ווייטער.

עס איז מיר נישט געפעלן געוואָרן דער דאָזיקער „אויספלוג" — ווי קומט עפּעס אַ סינאַגאָגע מחוץ דעם ישוב. און נישט ווילנדיק האָב איך מיר אָנגעהויבן טראַכטן פאַרשידענע, טאַקע גאָר נאַרישע, געדאַנקען.

— נון, זינד וויר היר...

מיר זענען געשטאַנען אויף דער קעטשכענדאָרפער שטראַסע נומער 17. דאָס איז זי, די ייִדישע סינאַגאָגע? אויף אַלץ וואָלט איך זיך גערעכנט אָבער, אַז דאָס זאָל זיין אַ ייִדישער מקום־קדוש, וואָלט איך קיינמאָל נישט געזאָגט.

אַ טיפּישע קליינשטעטלדיקע קירכע — עס האָט נאָר געפעלט דער צלם...

— יאָ, דאָס איזט זי, די יודען־סינאַגאָגע.

און משמעות, אַז דער קאָבורגער אַרכיוואַר איז טאַקע גערעכט, אַזאַ מין סינאַגאָגע, און אַזאַ געשיכטע איז מן־הסתם פון די זעלטנסטע, אויב נישט די איינציקע.

און בקיצור איז די געשיכטע פון דעם דאָזיקן פּונקט פון דער „פּאַר־שוווּנדענער לאַנדשאַפט" אַזאַ:

געוועזן איז עס אַ קירכע, די סאַנט ניקאָלאַוס־קירכע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1473. דער ווירצבורגער בישאָף רודאָלף האָט איר געהייליקט.

— צום ערשטן מאָל, קלערט מיר אויף דער אַרכיוואַר, האָט מען דאָ די עוואַנגעליע געלייענט מיט העכער 400 יאָר צוריק — אין יאָר 1529.

קאָבורג איז געווען פּראָטעסטאַנטיש. ערשט אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט זענען אַהער געקומען די ערשטע קאַטאָליקן. האָבן זיי נישט געהאַט ווו אָפּצוריכטן זייערע תפילות. האָט מען זיי אָפּגעגעבן די סאַנט־ניקאָלאַוס־קירכע, ווו זיי האָבן אָפּגעריכט זייערע תפילות און אַנדערע צערעמאָניעס אין די יאָרן 1806־1860.

איז אויסגעוואַקסן די קאַטוילישע געמיינדע און זיי האָבן אויסגעבויט אַן אייגענעם גרויסן טעמפּל. ווידער איז ליידיק־געבליבן די סאַנט־ניקאָ־לאַוס־קירכע.

— נאָך 300 יאָר זענען אין די זיבעציקער יאָרן פון די פריִערדיקן יאָרהונדערט צוריק געקומען ייִדן אין קאָבורג, פון וואַנען זיי זענען בשעתו אַרויסגעטריבן געוואָרן. דאַן האָט די שטאָט, די אייגנטימערין פון דער דאָ־

זיקער קירכע, אָפּגעגעבן דעם בנין די ניי־געקומענע ייִדן. די ייִדן האָבן דאָרטן איינגעאָרדנט זייער בית־תפילה, ביז... ביז מען האָט זיי „אויס־געזידלט״.

אַ קוריאָזע געשיכטע, אָבער אַן אמתע.

דער שניי האָט הויך באַדעקט דעם אַריינגאַנג צו דער געוועזענער פּראָטעסטאַנטישער און שפּעטער קאַטוילישער קירכע און לסוף ייִדישער סינאַגאָגע. דער אייזערנער טויער איז געוועזן פאַרהאַקט מיט קייטן און אַ שלאָס. שוין לאַנג ווי קיינער האָט נישט באַטראָטן די טרעפּ צו דעם דאָזיקן אויסטערלישן מקום־קדוש.

די סינאַגאָגע אין קאָבורג אין דער געביידע פון אַ געוועזענער קירכע.

— דער בנין געהערט צו דער שטאָט, די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט עס געגעבן במתנה דער ייִדישער געמיינדע. דער בנין שטייט אויך אונטער „דענקמאלשוץ״. דאָס דאַרף אויסטייטשן פאַרוואָס ער איז אַרויס גאַנץ אין דער „קריסטאַל־נאַכט״.

אין שטאָט־מוזאעום האָט מען מיר געוויזן אַ בילד פון דעם ווי די שול האָט אויסגעזען אינעווייניק. צען רייען מיט בענק; אַ פרויען־גאַלעריע פון ביידע זייטן; דער ארון־קודש אַ באַפּוצטער מיט שניצערייען און מאַלערייען און אויבן די לוחות און איבער זיי דער פסוק „דע לפני מי אתה עומד״ — זיי וויסן פאַר וועמען דו שטייסט!

אויף מיין פראַגע, וואָס רעכנט די שטאָט־פאַרוואַלטונג צו טון מיטן דאָזיקן בנין, האָט מיר דער לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר אַלטערטומשוץ און דענקמאַל־פלעגע, געענטפערט:

— גאָרנישט... מיר האָבן צייט. שוין געווען אַ צייט ווען קאָבורג איז געווען 300 יאָר ייִדנריין; קאָן מען ניט וויסן ווען זיי וועלן ווידער קומען.

איך האָב נישט געוווּסט, צי דאָס איז חניפה, צי איז עס מיט ערנסטער אויפריכטיקייט געזאָגט געוואָרן. איך האָב זיך נאָכדעם, ביים פריינט העלפגאָט פון רעגענסבורג דערוווּסט, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אין יאָר 1947, ווען עס זענען אין בייערן געווען אַ פּאָר הונדערט די־פּי־לאַגערן, זיך געוואָנדן צום ייִדישן קאָמיטעט פון די פּליטים אין רעגענסבורג, אַז זיי זענען גרייט איינצואָרדענען ביי זיי אין שטאָט 316 ייִדישע פּליטים — אַזויפיל, וויפל די שטאָט האָט פאַרמאָגט ייִדן אין יאָר 1933, איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט; אַז די שטאָט וועט שטעלן צו זייער דיספּאָזיציע די דאָזיקע סינאַגאָגע; זיי וועלן קענען אָן געצאָלט מקבר זיין זייערע טויטע אויפן ייִדישן בית־עולם (אגב, געפינט זיך דער ייִדישער בית־עולם אויפן קריסטלעכן און ביידע האָבן אַ געמיינזאַמע טהרה־שטוב)

ווי איך האָב זיך דערוווּסט האָבן זיך נישט געפונען קיין בעלנים צו פאָרן קיין קאָבורג. ערשטנס, איז עס די פּליטים נישט געפעלן געוואָרן די דאָזיקע „גאַסטפריינטלעכקייט״, והשנית, דער עיקר, קאָבורג ליגט גאָר נאָענט צו דער סאָוועטישער זאָנע און דער עולם האָט נישט געוואָלט אַזאַ שכנהשאַפט.

אין טאַנהאַוזען אַ קריסטלעכע קאַפּעלע אין אַ געוועזענער סינאַגאָגע;

אין קאָבורג אַ פאַרקערטער פאַל — פון אַ געוועזענער קירכע איז געוואָרן אַ ייִדישע סינאַגאָגע. ביידע געהערן טאַקע צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע, צו דער פאַרשווּנדענער לאַנדשאַפט...

דער גלאָק האָט גערופן צום דאַוונען

האָט איר שוין געהערט פון אַ שטעטל בוכאַו? איך צווייפל, צי עס וועלן זיין אַ סך, וועלכע האָבן גע־הערט. עס איז אַ שטעטל וואָס ליגט אין ווירטעמ־בערג ביי דער פעדערזעע. אויך צווישן דייטשע יידן איז דאָס דאָזיקע שטעטעלע, וועלכעס ליגט אָן אַ זייט פון צענטראַלע טראַקטן, צווישן טאָרף־פעל־דער, ווייניק באַקאַנט. און דאָך לוינט, אַז מען זאָל וועגן דער דאָזיקער „פאַרשווונדענער לאַנדשאַפט" דערציילן.

געקומען בין איך אַהין אין אַ ספּעציעלער שליחות. ביז היטלער איז געקומען צו דער מאַכט איז דאָרטן געווען אַ יידישער מוזיי. עס איז דאָרטן געווען איינע פון די זעלטענע זאַמלונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט ביי טייל פון די יידישע געמיינדעס אין דייטשלאַנד. צווישן אַנדערע אוניקומס איז דאָרט אויפגעהיט געוואָרן אַ קאָלעקציע הילצערנע מצבות פון 17טן יאָר־הונדערט. אויסצוגעפינען דעם דאָזיקן אוצר איז געווען מיין אויפגאַבע.

דעם מוזעאום מיט די זעלטענע עקספּאָנאַטן האָב איך טאַקע נישט געפונען. ווי איך האָב נאָכדעם, נאָך אַ חקירה ודרישה, פעסטגעשטעלט זע־נען זיי נאָך פאַראַן; זיי זענען איינגעפּאַקט אין קאַסטנס און ליגן אין אַ שלאָס. די דייטשן יאָגן זיך נישט צו עפענען די קאַסטנס, ווייל זיי ווילן נישט דעם דאָזיקן אוצר צוריק איבערגעבן אין יידישע הענט.

זיך לאָזנדיק קיין בוכאַו האָב איך געמאַכט די נויטיקע נאָטיצן וועגן דעם דאָזיקן פּונקט. דאָרטן האָבן אין 1933 געוווינט 247 יידן. זיי האָבן געהאַט (אויסער דעם מוזיי) אַ רייע חברות, שולן פאַר די געציילטע קינ־דער, אַ סינאַגאָגע, אַ בית־עולם און אַ פאַריין „שומרי שבת".

כ'האָב אויך געוווסט אַז דאָס איז אַ יחוסדיק שטעטל. פון דאַנען זע־

נען אַרויסגעקומען זייער אַ סך רבנישע אויטאָריטעטן און דאָ איז אויך דאָס שטאַם־אָרט פון דער משפחה איינשטיין. פּראָפעסאָר איינשטיינס על־טערן זענען טאַקע בוכאַוער. ווען זיין מוטער איז מיט אים געווען שוואַנגער, איז די משפחה אַריבערגעפאָרן אין שכנותדיקן אולם, ווו דער שפּעטער־דיקער וועלט־גאון איז געבוירן געוואָרן.

די געשיכטע פון דער קהילה, וועלכע ציט אירע בראשית־פּעדים פון 14טן יאָרהונדערט (איך האָב געזען אַ דאָקומענט, ווו עס רעדט זיך וועגן בוכאַוער ייִדן אין יאָר 1382), איז זייער אינטערעסאַנט. וווּנדערבאַרע גע־שיכטעס פון אירע שוץ־ייִדן און הויף־ליפעראַנטן; די געשיכטעס וועגן די באַציִונגען מיט די שררות, מיט די פירשטן, די הערשערס פון דער געגנט, גייען אַרום עד־היום אין פאָלקסמויל פון דער געגנט.

בוכאַו איז געווען פון די אויסנאַם־שטעטלעך, ווו ייִדן האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער געלעבט רויִקער ווי אין אַנדערע דייטשע ערטער. די דאָרטיקע עדה פלעגט אויפנעמען די קרבנות פון פאַרשידענע גירושים און רדיפות. אַהער האָט זיך געראַטעוועט די קהילה פון אולענדאָרף, וועל־כע איז ליקווידירט געוואָרן אין יאָר 1603. דאָ איז אויך געווען דער מקום־מקלט פאַר די ייִדן פון דער שכנותדיקער קהילה קאַפּעל.

קומענדיק אין בוכאַו, האָב איך געפונען איין־איינציקן ייִד: זיגבערט איינשטיין, אַ קוזין פון פּראָפ׳ איינשטיין. ער איז דער לעצטער שומר פון 600 יאָר ייִדישקייט־רעשטלעך אין שטאָט און אומגעגנט. ער האָט מיר באַגלייטביים זוכן די שפּורן פון די דאָזיקע יאָרהונדערטער און אים טאַקע איז עס צו פאַרדאַנקען מיין געפינען דעם אויסטערלישן גלאָק, וואָס האָט גערופן די ייִדן אין שול אַריין.

איידער איך וועל קומען צום סינאַגאָגע־גלאָק דאַרף מען דערציילן קורץ די געשיכטע פון די בוכאַוער בתי־תפילות.

דאָס ערשטע בוכאַוער געבעט־הויז פון 15טן יאָרהונדערט האָט אי־בערגעלעבט אַלע תקופה־שטורעמס, וואָס זענען אַריבער איבער דעם שטעטל און דער סביבה, און שטייט עד־היום, אויפהיטנדיק דעם אַלטן אָריגינעלן בוי.

ייִדן האָבן זיך געמערט און אין דאָזיקן בית־התפילה איז געוואָרן צו־ענג. איז אין יאָר 1755 אויסגעבויט געוואָרן אַ מער־רחבותדיקע סינאַגאָגע.

אין יאָר 1835, לייענען מיר אין פּראָטאָקאָל־בוך פון דער קהילה, איז ווידעראַמאָל, צוליב דער ענגשאַפט אין דער סינאַגאָגע, „וואָס האָט גע־

בראַכט דערצו אַז מען מוז די חופּות שטעלן אויפן שול־הויף״, באַשלאָסן געוואָרן אויסצובויען אַ נייע סינאַגאָגע.

אין צענדליקער דאָקומענטן ווערט דערציילט, ווי אַזוי די בוכאַוער ייִדן האָבן יאָרן געקליבן אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה, כדי צו שאַפן אַ פאָנד פאַרן נייעם בוי. איינע פון די תקנות זאָגט:

„יעדער וואָס וועט שבת און יום־טוב עולה לתורה זיין דאַרף מנדב זיין פאַרן בנין־הבית 3 קרייצער, דער כהן אַנדערהאַלבן, דער לוי דאָס גלייכן...״

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די לכתחילהדיקע סומע, וואָס מען האָט געמיינט, אַז די סינאַגאָגע וועט קאָסטן (צען טויזנט פלאָרענצן), איז ווייט איבערגעשטיגן און דערגאַנגען ביז 24 טויזנט. אינטערעסאַנט איז אויך דאָס, וואָס איך האָב געפונען אין באַלאַנס פון דעם סינאַגאָגע־בוי. צווישן די מנדבים, אויפן בנין־הבית, געפינט זיך דער קעניג ווילהעלם דער ערשטער, פון ווירטעמבערג, מיט 800 פלאָרענצן, און דער פירשט מאַקסימיליאַן פאָן טהורן און טאַקסיס מיט 300 פלאָר.

די ניי־אויסגעבויטע סינאַגאָגע איז, משמעות, געווען אַ פּראַכט־בנין, ווייל אַ רייע קהילות אין דייטשלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן ווענדן צו דער בוכאַוער, אַז זי זאָל זיי צושיקן דעם פּלאַן פון דער סינאַגאָגע. אַזעלכע ווענדונגען זענען דאָ אין אַרכיוו פון דער פלאַומלאַכער קהילה (פון 8טן אָקטאָבער 1841) און פון דער לענגלאַוער (13טן אויגוסט 1843).

די בוכאַוער ייִדן האָבן זיך, ווייזט אויס, גרויס געהאַלטן מיט זייער מקדש מעט און עס איז כדאי איבערצוגעבן (אין אונדזער היינטיקן ייִדיש) וואָרט ביי וואָרט אַ טייל פון דער פאַרצייכענונג אין בוכאַוער קהילה־פנקס, ווי אַזוי זיי האָבן באַשלאָסן אויסערלעך פאַרשענערן זייער סי־נאַגאָגע.

מיט דער דאַטע פון 13טן יאַנואַר 1839, איז פאַרשריבן אין דעם פּנקס:

„...נאָכדעם ווי דער בנין פון אונדזער סינאַגאָגע איז שוין אויס־געענדיקט, איז דער אַלגעמיינער ווילן און פאַרלאַנג, אַז אויך אוי־סערלעך זאָל זיך דער דאָזיקער הערלעכער טעמפּל אויסטיילן פון די אַרומיקע פשוטע הייזער; עס זאָל זיך גאָטס הויז אונטערשיידן פון די איינפאַכע בשר־ודמס. עס איז שוין ביז איצט ישׂראלס טרויע־ריקער גורל, וואָס בשעת די געבעט־הייזער פון דער הערשנדיקער

קריסטלעכער אמונה פלעגן זיך מאַיעסטעטיש אויפהויבן אין די וואָל־קנס, פלעגט אונדזער סינאַגאָגע שטיין איינגעבויגן צו דער ערד ווי אַ פאַרטרויערטע אלמנה צווישן אירע פאַריתומטע קינדער. איצט אָבער, ברוך־השם, האָבן מיר באַקומען אָנערקענונג ביי אונדזער רעגירונג, וועלכע האָט דערלויבט, אַז מען זאָל אָפּגעבן כבוד דעם גאָט פון ישראל. באַשליסן מיר, אַז מיר וועלן אויף אונדזער סינאַ־גאָגע אויפבויען אַ טורעם...״

און אַז דער טורעם איז שוין געווען פאַרטיק, האָט קהל אָנגעהויבן זוכן נייע אופנים, ווי אַזוי נאָך מער זייער סינאַגאָגע אויסצופוצן. אַ באַרג מיט דאָקומענטן דערציילן טאָקע פון כל־המינים פראָיעקטן, ביז מען האָט באַשלאָסן איינמאָנטירן אין טורעם אַ שפּיל־זייגער; אַ זייגער וואָס זאָל אין געוויסע שעהן קלינגען און שפּילן, ער זאָל האָבן אַזאַ מעכאַניזם, וואָס זאָל קענען אויסשפּילן אַ רייע מעלאָדיעס. נאָך די מעלאָדיעס האָט שוין קהל געוווסט, וואָס דאָס מיינט. דער דאָזיקער שפּיל־מעכאַניזם, וועלכער איז אויסגעמייסטרעוועט געוואָרן פון דעם אולמער מייסטער וואַלענטין שטאַהם, האָט געדינט צו רופן אין שולן אַריין.

אין דעם קהל־פּנקס געפינט זיך אַ פאַרצייכענונג פון 18טן מאַי 1847, אַז:

„עס ווערט געמאַכט אַ שאַרפער פאַרוואורף דעם שמש, וועל־כער האָט קעגן דעם אָנזאָג פון רב, שבועות געקלונגען אין שול אַריין, פּריִער ווי 7 אַ זייגער״.

ווייזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיקער קלינגענדיקער און שפּילענדיקער זייגער האָט נאָך אַלץ נישט באַפרידיקט די בוכאַוער ייִדן און זיי האָבן באַשלאָסן אין סינאַגאָגע־טורעם אויפצוהענגען אַ גלאָק. ממש אַ גלאָק, ווי אין די קירכעס.

דער פּראָטאָקאָל זאָגט טאַקע:

„קהל באַשליסט... היות עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז עס איז פאַראַן אַ געלעגנהייט איינצוקויפן דעם גלאָק פון דער נישט מער טעטיקער קירכע אין זימען, זאָל מען פּרוּוון דעם דאָזיקן גלאָק פאַר אַ נישט־טייערן פּרייז איינצוקויפן״.

פון דער קניה איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. דער גלח האָט משמעות געהאַלטן, אַז עס וועט זיין אַ פּראָפאַנאַציע, ווען זיין גלאָק וועט מגולגל ווערן צום ייִדישן גאָט.

בוכאַוער קהל איז אָבער נישט געבליבן שטיין אינמיטן וועג. זיי האָבן געלאָזט אויסגיסן אין אַ גלאָקן־גיסעריי אַ גלאָק און אים אויפגעהאנגען ביי זיך אין סינאַגאָגע־טורעם.

דער גלאָק האָט גערופן אין שול אַריין; מיטן גלאָק האָט מען מודיע געווען די צייט פון ליכטצינדן; בעת אַ שריפה פלעגט דער יידישער גלאָק צוזאַמען מיט די קירכן־גלעקער אַלאַרמירן די באַפעלקערונג; אַ צייט לאַנג האָט אויך דער סינאַגאָגע־גלאָק צוגעקלונגען בעת יידישע לוויות.

דאָס קלינגען צו לוויות איז, משמעות, נאָכדעם בטל געוואָרן, ווייל אָט האָב איך אין די קהילה־ביכער געפונען אַזאַ מין פאַרצייכענונג:

„נאָכדעם ווי די ראשי־הקהל האָבן באַשלאָסן, אַז מען זאָל בעת אַ לויה מער נישט קלינגען, האָבן געוויסע לייט דאָך אויסגעדריקט זייער לעצטן ווילן, אַז ביי זייער לויה זאָל מען קלינגען אין גלאָק...״

קהל איז געווען אין אַ שווערער לאַגע. וואָס איז וויכטיקער: די תקנה פון קהל אָדער דער לעצטער ווילן פון נפטר? שאלות זענען געשיקט געוואָרן אין די תפוצות: יאָ קלינגען אָדער נישט קלינגען?

די רעטעניש פון דעם בוכאַוער גלאָק ווערט פאַרענטפערט נישט נאָר דורך דעם ווילן פון בוכאַוער קהל, זייער סינאַגאָגע וואָס שענער און פרעכטיקער צו מאַכן. עס איז אויך געווען אַ פּראַקטישער זין דערביי. אַרום בוכאַו זענען געווען צענדליקער קליינע ישובים, דערפער, וווּ עס האָבן געוווינט איינצלנע יידישע משפחות, פאַר וועלכע דער גלאָק איז געווען דער איינציקער יידישקייט־דערמאָנער, דער „שולקלאַפּער״ אאַ״וו. נאָך אין 1933, ווען עס זענען שוין אין דייטשלאַנד כמעט נישט געווען קיין דאָרף־יידן, האָבן זיך אין דער בוכאַוער סביבה געפונען יידן און דאָרפישע געמיינדעס, אין זאַלגאַו, לויטקירך, רידלינגען א״אַ.

פון דעם דאָזיקן אוניקום האָב איך ביי מיין באַזוך אין בוכאַו געפונען אַ פאָטאָגראַפיע און אַ שטיק צעשמאָלצענע קופּער־מאַסע.

אויפן גלאָק זענען פון דער אויסנווייניקסטער זייט אויסגעגאָסן די העברעיִשע ווערטער פון תהלים קכ״ב, פון שיר המעלות:

„שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך״ תרי״ד לפ״ק.

(איך פריי זיך, ווען מען זאָגט מיר, אַז מיר וועלן אין גאָטס הויז גיין, 1854).

אויף דער צווייטער זייט איז געווען אין דייטש: „געגאָסן פון ווענצעסלאַוס בעקער, ביבעראַך 1854״.

עד כאן, די פשוטע כראָניק־פאַרצייכענונגען. בלייבט אָבער דאָך נאָך אַלץ די גלאָק־געשיכטע אַ נישט־פאַרענטפערטע, אַן אויסטערלישע דער־שיינונג, וואָס רופט אַרויס ביי אונדז, מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, פאַרשידענע מחשבותן.

דער גלאָק פון בוכאַווער סינאַגאָגע.

ביי אונדז איז דאָך דער גלאָקן־געקלאַנג פון קדמונים אַן געווען אַ שרעק־וואָרט:

„אָ, וואָס קלינגט איר קירכען־גלאָקן
הערט שוין אויף, גענוג געשראָקן,
האָבן אייערע ווילדע טענער
אונדזער אָרעמע וועלט...״

זאָגט זיך אין איינעם פון אברהם רייזענס לידער, וועלכעס איז אין די אויפברויז־יאָרן פון 1905 אויפגעקומען אין צאַרישן „תחום המושב״ און צעטראָגן געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט.

און אין אַ פאָלקס־ליד וועגן דער שמד־צערעמאָניע פון אַ ייִדישער אַפּטריניקער טאָכטער, זינגט זיך:

„און דער קלויסטער וועט זיך צעקלינגען,
און דער גלח וועט זיך צעזינגען,
און אַלע יידן וועלן ברומען —
אַ כפרה איינגענומען...״

און דאָ, איז בוכאַו, באַצירט דער גלאָק די סינאַגאָגע. זקנים פאַר־דריסט, פאַרוואָס עס וועט דער גלאָק נישט קלינגען בעת זייער לויה. אַ געשיכטלעכער אוניקום, אַן אויסטערלישער קוריאָז פון דער לאַנדשאַפט וואָס איז שוין נישטאָ.

***

די בוכאַוער סינאַגאָגע איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1839. ערב איר 100סטן יובילײ איז זי דורך די ברוינע באַרבאַרן חרוב געוואָרן, צו־זאַמען מיט אַנדערע טויזנטער איז זי געפאַלן אַ קרבן בעת דער פּאָגראָם־אָרגיע אין די נאָוועמבער־טעג פון 1938, אין דער „קריסטאַל־נאַכט״. די סינאַגאָגע האָט זיך „געווערט״. צוויי מאָל האָט מען אונטערגעלייגט פייער און זי האָט נישט געוואָלט ברענען, ביז מען האָט זי אַ טאָג שפּעטער אויפ־געריסן מיט דינאַמיט. ביי דעם דאָזיקן „יובילײ־פייער״ איז פון גלאָק געוואָרן אַ שטיק קופּער־גוס, אַ זכר־לחורבן פון אַ קוריאָזן יידישן שפּור.

חנוכת־הבית פון אַ סינאַגאָגע מיט אַ סאַלוט פון קאַנאָנען־סאַלוועס

בוכאַוער סינאַגאָגע, ווו מען האָט מיט אַ גלאָק גערופן אין שול אַריין, צו ליכט־בענטשן און אויף לוויות, איז אָבער נישט דער איינציקער קוריאָז וואָס איז געווען אין דער דאָזיקער קהילה בכלל און אין איר סינאַגאָגע בפרט.

עס איז מיר געלונגען צו באַקומען די פּראָגראַם פון דער חנוכת־הבית־צערעמאָניע פון דער דערמאָנטער בוכאַוער סינאַגאָגע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1839 (מיט 116 יאָר צוריק). די פּראָגראַם וואָס איז דאַן אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון דעם פירשט טהורן און טאַקסיס, צו וועמען בוכאַו האָט געהערט, איז ממש אַן אוניקום, עס איז איינער פון די זעלטנסטע דאָקומענטן פון יענער צייט־געשיכטע, פון דעם שטייגער און זיטן אין די ייִדישע קהילות אין דייטשלאַנד דאַן.

דער צערעמאָניאַל, וועלכער ווערט געשילדערט אין דער דאָזיקער פּראָגראַם, צו וועלכן מיר זענען גאָרנישט געוווינט אין אונדזערע ערטער, דערמאָנט גיכער אין דעם קריסטלעכן פּראָצעסיע־נוסח און איז ממש אויסטערליש. פּונקט ווי מיט דעם סינאַגאָגע־גלאָק האָבן מיר דאָ אַ ווייטערדיקע נאָכמאַכונג פון די אומות־העולם־מנהגים.

טאַקע צוליב דער מערקווירדיקייט און זעלטנהייט פון דאָזיקן פאַל וועל איך איבערגעבן גרעסערע טיילן פון דאָזיקן צערעמאָניאַל, ווי ער געפינט זיך אין דער דערמאָנטער פּראָגראַם.

די פייערונג האָט זיך אָנגעהויבן 3 נאָכמיטאָג, נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעדאַוונט מנחה.

דריי אַזייגער האָט אויפגעשפּילט מוזיק און אָט זענען די פאַראָרדענונגען:

אויפן דאַזיקן סיגנאַל (די מוזיק) פאַרזאַמלען זיך אַלע אין דער אַלטער סינאַגאָגע. די געמיינדע־מיטגלידער שטעלן זיך אויס ביים ארון־קודש אין אַזאַ סדר, אַז רעכטס דאַרפן זיין די געמיינדע־פירער און לינקס די אייגנ־טימער פון די ספר־תורהס; אינמיטן די כלי־קודש און די חשובי־העיר. לענגאויס די ווענט שטעלן זיך אויס, רעכטס — די פאַרשידענע חברות, נאָכן סדר פון עלטער פון דער גרינדונג; לינקס — די איבעריקע קהילה־מיטגלידער.

דער כאָר געפינט זיך אויף דער גאַלעריע פון דער מענערשול, דער אָרקעסטער — ביים אַריינגאַנג. פאָרויס, פאַרן אָרקעסטער שטעלן זיך אויס די תלמידות פון דער זונטיק־שול אין 2 שורות (ווייס געקליידעט) און אויך נאָכדעם די תלמידים לויט זייער עלטער; דאַן שטעלן זיך אויס אַלע איבע־ריקע קינדער, צווישן זיי די לערער. דעם קינדער־צוג שליסן אָפּ צוויי „פעסט־אָרדנער״.

אויף דער בימה ווערט אָוועקגעלייגט דאָס קישעלע, אויף וועלכן עס געפינען זיך די שליסלען פון דער נייער סינאַגאָגע. דערנעבן שטייט דאָס מיידל אין ווייסן געקליידעט, וועלכע איז באַשטימט צו טראָגן דאָס דאָזיקע קישעלע מיט די שליסלען.

די פרויען פאַרזאַמלען זיך אין דער וויבער־שול.

אין פּראָגראַם געפינען מיר דעם סדר פון די תפילות, וועלכע קאַ־פּיטלעך תהילים מען זאָגט, וועלכע תפילות דער כאָר זינגט, ביז מען קומט צום „ויהי בנסוע הארון״, וועלכן דער כאָר זינגט אויף און דער חזן מאַכט די ברכה „ברוך שנתן תורה לעמו ישראל״.

עס ווערן אַרויסגענומען די ספר־תורהס פון ארון־קודש — פריער נעמען אַרויס די פאַרשידענע חברות זייערע ספרים און נאָכדעם די פּרי־וואַטע אייגנטימער. זיי ווערן אַרויסגענומען לויטן סדר ווי זיי זענען גע־שריבן געוואָרן. אַלע שטעלן זיך אויס אין אַ שורה און די לעצטע ספר־תורה, וואָס איז באַפּוצט מיט זילבערנע באַצירונגען באַקומט דער רב.

ביים אויסהייבן די ספר־תורהס גייט דערווייל דער כאָר אַראָפּ פון דער גאַלעריע און זינגט דערביי פאַרשידענע תפילות. דער כאָר שטעלט זיך אַוועק פאַר דעם אָרקעסטער.

עס ווערט אויפגעזונגען „לך אדני הממלכה״ און דאָ ווערט געגעבן אַ צייכן און די קאַנאָנען הייבן אָן צו שיסן — דאָס איז דער סיגנאַל, אַז די פייערונג הייבט זיך אָן — אַז דער מאַניפעסטאַציע־צוג רירט פון אָרט.

אין פּראָגראַם ווערט אָנגעגעבן דער ווייטערדיקער סדר פון צוג:

דער רב, מיט זיין באַצירטער ספר־תורה, גייט דורך דעם שפּאַליער פון די איבעריקע ספר־תורהס און שטעלט זיך אונטער דער צוגעגרייטער חופּה, וואָס שטייט אין שפּיץ פון צוג. די חופּה ווערט געטראָגן דורך פאָר־שטייער פון פיר חברות.

נאָך די ספר־תורהס גייען די חשובי־העיר, די כלי־קודש און די ערן־געסט, די קהילה־פאַרוואַלטונג, דער מאַגיסטראַט פון בוכאַו און דער מאַ־גיסטראַט פון קאַפּעל (אַ שכנותדיק שטעטל וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט בוכאַו), דער בוימייסטער און אַרכיטעקט פון דער סינאַגאָגע. נאָך זיי גייען די פאַרשידענע חברות און אינסטיטוציעס מיט זייערע פענער, נאָכן סדר פון זייער עלטער. דאַן דער איבעריקער עולם און לסוף די פרויען, וועלכע דאַרפן גיין נאָכן סדר ווי זיי האָבן די שטעט אין דער ווייבערשול — רעכטס און לינקס. דעם צוג שליסן צוויי „פעסט־אָרדנער".



די בוכאַוער סינאַגאָגע וואָס איז צעשטערט געוואָרן.

ביים סיגנאַל, אַז דער צוג רירט, באַוויזט זיך אונטער דער חופה דאָס ווייס־געקליידעטע מיידל, וועלכע טראָגט אויף דעם קישעלע די שליסלען פון דער נייער סינאַגאָגע.

אונטער די קלאַנגען פון מאַרשן, געשפּילט פון אָרקעסטער, מאַרשירט דער גאַנצער צוג דורך די שטאָטגאַסן — פריִער אין דער הויפּטשטראַסע און נאָכדעם דורך דער מאַקסימיליאַן־שטראַסע צו דער סינאַגאָגע. ווען דער אָרקעסטער שפּילט נישט דאַרפן די שילער און דער כאָר זינגען.

קומענדיק צו דער סינאַגאָגע, וועלכע איז שוין באַצייטנס באַוואַכט מיט אַ געניוגנדע צאָל „לאַנדיעגער" (פּאָליציי) ווערט דער גאַנצער צוג אויסגעשטעלט אין 2 רייען און אינמיטן, ביי די אַריינגענג, שטעלט זיך אויס פון איין זייט דער כאָר, פון דער צווייטער — דער אָרקעסטער.

דאָס מיידל מיט דעם קישעלע שטעלט זיך ביי דער מיטלסטער טיר. עס קומען נענטער די דעלעגאַציעס. צוויי פאָרשטייער פון צווישן זיי נעמען אונטער די הענט דאָס מיידל און פירן זי, ראשית, צום „הערן אַמטמאַן" און גיבן אים איבער דעם שליסל פון דער מיטלסטער טיר. נאָכדעם באַ־קומט דער „הער אַמטסריכטער" דעם שליסל פון דער רעכטער טיר. דעם שליסל פון דער לינקער טיר באַקומט דער „הער רענטבאַאַמטער". זיי ווערן מכובד צו עפענען די טירן (אַלע דריי נישט־יידן!).

ווען די מיטלסטע טיר איז געעפנט ווערט ווידער געגעבן אַ סימן און די קאַנאָנען אין שלאָס־גאָרטן שיסן צום סאַלוט.

נאָך דער סאַלוט־סאַלווע פאַרנעמט דער עולם די פּלעצער אין דער נייער סינאַגאָגע — מענער אונטן, פרויען און אונטערוואַקסנדיקע מיידלעך אויבן.. עס גייען ווידער תפילות, מזמורים, מוזיק, ביז עס קומט די צע־רעמאָניע פון אַריינשטעלן די ספר־תורהס אין דעם נייעם ארון־קודש. לויט דער פּראָגראַם האָט עס אויסגעזען אַזוי:

צוויי פאָרשטייער גייען צו צום ארון־קודש, איינער ציט אַוועק דעם פרוכת, דער צווייטער עפנט די טירלעך. ווען עס ווערט אַריינגעשטעלט דער ערשטער ספר ווערט דורכן כאָר געזונגען „ובנוחו יאמר", נאָכדעם קומט אַ ברכה „שהחיינו", אַ דרשה, הללויה־געזאַנג, מוזיק און ווידער אַ קאַנאָנען־סאַלווע, אַז די פייערונג איז געשלאָסן.

**
*

עד כאן בקיצור דער צערעמאָניאַל פון דער דאָזיקער אָריגינעלער חנוכת־הבית, ביי וועלכע עס נעמען אָנטייל מאַגיסטראַטן, ריכטער און נאָ־

טאָרן, פּאָליציי און באַגלייט מיט קאַנאָנען־שיסעריי. אַ ווייס־געקליידעט מיידל מיט אַ קישעלע אונטער אַ חופּה — פֿאַר אונדז, מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, זעט עס אויס ווי אַ מעשה פֿון טויזנט און איין נאַכט. וואָלט עמעצער געקומען און געמאַכט אַן אינסצעניזירונג פֿון דער דאָזיקער פֿייערונג, וואָלט נישט איינער געקומען מיט קריטיק, אַז עס איז אַזוינס נישט געווען, אַז עפּעס האָט דער רעזשיסאָר דאָ אַריינגעפּלאָנטערט גויִישן שעטנז.

אָבער עס איז פּאָרט אַזוי געווען. אדרבא, דאָס וואָס איך האָב געלייענט אין אַ צייטונג, פֿון יענע טעג, ווו עס איז געווען אַ באַריכט פֿון דער דאָזי־קער פֿייערונג, ווייזט, אַז נישט נאָר איז דאָס פּראָגראַם אויסגעפֿירט גע־וואָרן, נאָר איז ווייט איבערגעשטיגן געוואָרן.

דער „שוועבישער מערקורס״ נומ׳ 247, פֿון 9טן סעפּטעמבער 1839, דערציילט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון בוכאַו וועגן דער סינאַגאָגע־חנוכת־הבית, אַז בעת דער פֿייערונג איז גראָד אין בוכאַו געווען „זיין מאַיעסטעט אונדזער געליבטער קעניג״, וועלכער האָט אויך באַזוכט די סינאַגאָגע, אַז ביי זיין אַריינגיין אין דער סינאַגאָגע האָבן די גלאָקן געקלונגען און קאַ־נאָנען האָבן געשאָסן (דער קעניג איז געווען פּאַרמיטאָג און ערשט 3 אַזײ־גער האָט זיך אָנגעהויבן די אייגנטלעכע פֿייערונג).

פֿון דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ דערוויסן מיר זיך, אַז די אָרקעס־טערס זענען געווען פֿון דעם שטאָטישן מיליטער און פֿון דער קעניגלע־כער בריגאַדע־מוזיק אין אולם.

די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ דערציילט אויך, אַז עס איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַקל־צוג פֿון דער ייִדישער יוגנט, וועלכער איז באַגלייט געוואָרן פֿון דער אולמער קעניגלעכער בריגאַדע־מוזיק, אַז די הייזער אַרום דער סינאַ־גאָגע זענען געווען שטאַרק אילומינירט.

פֿאַר די הערשנדיקע אין בוכאַו באַציִונגען איז אויך כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס עס ווערט ווייטער דערציילט אין דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ, אַז די ייִדישע געמיינדע־פֿאַרוואַלטונג האָט איינגעאָרדנט פֿאַר די ייִדישע און קריסטלעכע לערער פֿון בוכאַו און קאַפּעל ווי אויך פֿאַרן זענגער־כאָר (ייִדישן? קריסטלעכן?) אַ מאָלצייט „ביי וועלכן מען האָט געהאַלטן טאָסטן לכבוד אונדזער קעניג, דעם קרוינפּרינץ, דער קעניגלעכער פֿאַמיליע און די פֿירשטן פֿאָן טהורן און טאַקסיס...״. נאָכן מאָלצייט זענען אין צוויי גאַסטהייזער פֿאָרגעקומען געשלאָסענע בעלער.

דאָס אַלץ איז געשען אין אויגוסט 1839.

מיט 100 יאָר שפּעטער, אין נאָוועמבער 1938, איז די דאָזיקע סינאַ־

גאַגע, צוגלייך מיט פיל הונדערטער אַנדערע, געפאַלן אַ קרבן פון די נאַ־צישע באַנדעס, וועלכע האָבן זי אונטערגעצונדן און ווען זי האָט נישט געוואָלט ברענען איז זי אויפצומאָרגנס אויפגעריסן געוואָרן מיט דינאַמיט.

***

די בוכאַוער קוריאָזן זענען אַן און פאַר זיך, אינטערעסאַנט. נישט נאָר דער גלאָק; נישט נאָר דער אופן פון דער סינאַגאָגע־פייערונג, נאָר די גאַנצע אָרטיקע באַציִונגען זענען אַן ענין פאַר אונדזערע פאָרשער. בוכאַו איז אין ווירטעמבערג געווען אַ מין אָאַזיס, וועלכער האָט אויסגעמיטן זייער פיל עינויים־שטורעמס, וואָס פלעגן אַזוי אָפט ווילדעווען אין די שכנות־דיקע ישובים. דאָ האָבן ייִדן געהאַט אַ ביסל מער מנוחה.

אויך דער אָרטיקער ייִדישער בית־עולם האָט זיינע קוריאָזן. אַריינ־גייענדיק אין אים, האָב איך שוין אויפן טויער געטראָפן דעם אויפשריפט: „צו לביתך כי מחר אתה מת" (לאָז איבער אַ צוואה דיין משפחה, ווייל מאָרגן קאָנסטו שטאַרבן). אריינקומענדיק האָב איך באַמערקט, אַז דער בית־עולם האָט מאָדנע שיכטן, אַרויפגעלייגט איינע אויף די צווייטע. מיין באַגלייטער, דער אויבנדערמאָנטער איינשטיין, דערציילט מיר טאַקע, אַז דער בית־החיים האָט שוין דריי שטאָק, אַז שוין דריי מאָל האָט מען אים פאַרגרעסערט אין דער הויך, אַרויפשיטנדיק אַ נייעם ערד־שיכט. אונטער די היינטיקע קברים ליגן שוין צוויי אַלטע קברים־שיכטן.

אָן אַ זייט זענען נאָך פאַראַן אין איין שורה אויפגעשטעלט, די אַלטע (פון די אונטערשטע שיכטן אַרויסגענומענע) מצבות פון די רבנים, וועלכע האָבן געפירט די דאָזיקע אַלטע קהילה. זיבן שטיינער זענען עס, זיבן מיילן־שטיינער, וועלכער דער ערשטער גרייכט אין 17טן יאָרהונדערט, זיבן מינים פון נוסחאות, זיבן טיפּן פון אַרכיטעקטאָנישער קונסט.

אַ „דריי־גאָרנדיקער" בית־עולם, מיט 7 אַלטע מצבות — דאָס איז גע־בליבן פון דער אַמאָליקער שפּערישער, רירעוודיקער און אָריגינעלער קהילה־קדושה בוכאַו. אָט טאַקע ווי עס זאָגט זיך אויפן טויער פון דעם אָרטיקן בית־החיים: צו לביתך, פאַרזאָג דיין הויזגעזינט, כי מחר אתה מת — מאָרגן ביסטו נישט צווישן די לעבעדיקע.

דער לעצטער ייִדישער איינוווינער

דאָס קאָן מען געפינען אין אַדעלעבסען, דאָס שטעטל וואָס ליגט אין נאָרטהיימער קרייז, נישט ווייט פון דער אוניווערסיטעט־שטאָט געטינגען, אין דער בריטישער זאָנע, וווהין איך האָב אין מיינע נסיעות פאַרבלאָנדזשעט?

וואָס זוכט מען און וואָס קען מען געפינען אין אַזאַ אַדעלעבסען?

שיריים פון אַ פאַרברענטער סינאַגאָגע און זיכער אַ ייִדישן בית־עולם, אַ פאַרוואָרלאָזטן, פאַריתומטן. קיין שום אויסטערלישעס וואָלט מען דאָרטן אפשר נישט געקענט געפינען, אַ געוועזן ייִדיש שטעטל ווי אַ סך אַנדערע.

מיט אַזעלכע געדאַנקען בין איך אַראָפּ פון צוג, וועלכער האָט מיך געפירט צווישן די פעלדער און וועלדער, פליינען און לאָנקעס פון דעם באַראָן פאָן אַדעלעבסען.

און דאָך פאַרדינט דאָס שטעטעלע, אַז זי זאָל אין אונדזער „פאַרשוווּנדענער לאַנדשאַפט" אַריינגענומען ווערן: מען דאַרף פון דאָרט אַ בלוטיקן שפּור פאַרייביקן, פאַרצייכענען לדורות.

געווען דאָ אַמאָל אַ ייִדישער ישוב, אַ לעבעדיקער, שפּרודלדיקער. העכער דריי הונדערט יאָר האָבן דאָ ייִדן פאַרהעלטנישמעסיק רויִק געלעבט.

זיץ איך אין דעם רחבותדיקן מיטלאַלטערלעכן שלאָס פון באַראָן פאָן אַדעלעבסען און מיש די פאַרגעלבטע בלעטער פון פאַמיליען־אַרכיוו. ער אַליין, דער באַראָן, איז שוין אַ טיפער זקן, אַריבער די ניינציק, העלפט מיר דערביי זיין איניקל, די באַראָנעסין בעהר. שלעפּט אַרויס פון דעם שלאָס־קעלער דער אַרכיוויסט בראַנדט איין אַקטן־באַנד נאָכן צווייטן. ער שטויבט אָפּ די דאָקומענטן פון פאַר דריי הונדערט יאָר און לייגט זיי פאַר

אונדז אויף דעם, מיט רויטן פּליוש באַדעקטן, שרייבטיש פון „זיין דורכ־לויכט".

זיצן מיר זאַלבעצווייט, איך דער אור־אייניקל פון די ערשטע „איינ־זידלער" און זי, די מיט „בלויע בלוט" אין די אָדערן, יחוסדיקע באַראָנעסין, וועמענס עלטער־זיידעס האָבן געגעבן „שוץ און געלייט" די יידן.

עפענען זיך ביכער, בילדער פון פאַרגאַנגענע גלאָרייכע צייטן. דער־ציילן די דאָקומענטן, טייל אויף פּאַרמעט, וועגן יידישער פּראַצע און ענער־גיע; עקשנותדיקער אויפבוי־אַרבעט און איינגעפונדעוועטער איינגעזעסנ־קייט. יעדער אָקטן־באַנד איז אַ נייער קאַפּיטל פון יידישער איניציאַטיוו און אונטערנעמערישקייט.

עס גייט פאַרביי אַ געשיכטע פון אַן עדה יידן, וועלכע האָבן זיך דאָ אַראָפּגענידערט, איינגעוואַקסן געוואָרן אין די פעטע פעלדער און גע־דיכטע וועלדער, זיך אַנטוויקלט און פונאַנדערגעוואַקסן.

מיינע ידיעות דערגענצן די יעניקע, וועלכע איך באַקום ביים אָרטיקן פּאַסטאָר פּאָול מייער.

און אַ צופאַל האָט מיר אויך געבראַכט צום געראַטעוועטן אַרכיוו פון דער געוועזענער יידישער קהילה (אגב איז ער טאַקע איבערגעשיקט גע־וואָרן צום יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק).

פון אָנהייב 17טן יאָרהונדערט ציט דער יידישער ישוב אין אַדעלעב־סען זיין יחוס. די ערשטע קהילה האָט פאַרשפּרייט איר שוץ אויף אַ ריי שכנותדיקע קלענערע ישובים און דערפער, ווו עס האָבן געוווינט איינצלנע יידישע משפּחות. עס האָבן געהערט צו דער קהילה־קדושה אַדעלעבסען די דערפער און שטעטלעך, לעדינגזען, אפּפענזען, באַרטראָדע און וויבערקע.

ערשט אין 1808, ווען די יידן פון דער האַנאָווערישער מלוכה באַקו־מען זייערע פאַמיליע־נעמען, קומען אויף די, נאָכדעם אַזוי באַרימטע משפּחות: יאַקאָבי, ראָטשילד, שטעהבערג, גרעפּנבערג א"אַ.

און פּונקט ווי אומעטום בויט אַדעלעבסען איר סינאַגאָגע, אַ מיקווה; פאַרלייגט אַ בית־עולם, פאַרמאָגט אַ חברה־קדישא, אַ לעזע־פאַראיין, לע־רער, וועלכער איז אויך חזן און שוחט. הכלל, אַ יידיש שטעטל ווי טויזנטער אַנדערע.

און פּונקט ווי פיל אַנדערע הונדערטער שטעטלעך פון דעם מין, הייבט אויך אָן אַדעלעבסען, אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט, צו צאַנקען. די יוגנט פאָרט אין דער גרויסער שטאָט שטודירן, טייל עלטערן גייען נאָך זיי. פון די אַמאָליקע דאָרף־יידן איז שוין מער קיין זכר נישטאָ.

געוועזענע אַדעלעבסענער תושבים זענען אַוועק אין די גרויסע שטעט, ווו זיי פאַרנעמען אָנגעזעענע עפנטלעכע פּאָזיציעס — פּראָפעסאָרן (גרעפנבערג אין אוניווערזיטעט געטינגען), יוריסטן, באַנקירן, פּאַרלאַמענט־פּאַרשטייער, געזעלשאַפטלעכע טוער אאַ״וו.

פון די געוועזענע פאַר הונדערט יידן איז שוין אין יאָר 1882 אין אַדעלעבסען געווען נישט מער ווי 79 נפשות און ערב דעם היטלער־אויפמאַרש אין יאָר 1933, זענען שוין געווען נישט מער ווי 40. די קהילה האָט נישט קיין רב, זי איז אָנגעשלאָסן אָן דעם ראַבינאַט־באַצירק הילדעסהיים.

עס קומט דער ביטערער סוף — אין נאָוועמבער 1938, אין דער פייערדיקער „קריסטאַל־נאַכט״ ווערט די סינאַגאָגע צעשטערט, אונטערגעצונדן און צערויבט. אין 1942 ווערן די נאָך פאַראַנענע צענדליק יידן דעפּאָרטירט אין די פאַרניכטונג־לאַגערן.

אַן איבערבלייבעניש פון אַמאָליקן פּראַכט פון דער אַדעלעבסענער קהילה האָב איך געפונען אין דעם היימאַטס־מוזעאום אין געטינגען. דאָרטן זענען פאַראַן ביז 30 תורה־ווימפּלען (וויקל־בענדער), אויסגעניייטע, אויסגעהאָפטענע און געמאָלטע, טייל פון זיי זענען פון 17טן יאָרהונדערט (1646), די דאָזיקע ווימפּלען שטאַמען פון אַדעלעבסען.

ווי אַ זכר לחורבן, אייגנטלעך ווי אַ מזכיר לחורבן, איז אין אַדעלעבסען פאַרוואָגלט געוואָרן אַ יידישע משפחה ענגוויכט, וועלכע שטאַמט פון בערלין. יעדער פון דער דאָזיקער משפחה — דער מאַן, די פרוי און דער זון — איז אַ באַזונדערע פיין־געשיכטע פאַר זיך.

שפּאַצירן מיר טאַקע מיטן הער ענגוויכט איבער אַדעלעבסען און זוכן אויף די איבערבלייבענישן פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבן, באַטראַכטן דעם שארית־החורבן.

אָט איז דער ליידיקער פּלאַץ פון דער סינאַגאָגע און די 12 שטיגן, 12 ברייטע שטיינערנע שטיגן, וועלכע האָבן געפירט צום דאָזיקן מקדש־מעט. אויך שטייט נאָך דער אייזערנער פאַרענטש און אַ טייל פון דער אַרומצוימונג. אויבן, ווו די סינאַגאָגע איז געשטאַנען איז אָנגעפירט געוואָרן זאַמד און עס איז פאַראַן אַ גרינס־גאָרטן. אויף די דאָזיקע טרעפּ, אויף וועלכע ס'האָבן יאָרהונדערטער געטראָטן מתפּללים, דרייען זיך אַרום די נייע באַלעבאַטים, די „יורשים״ מיט זייערע קינדער.

נישט ווייט פון דער סינאַגאָגע איז דאָס הויז פון די ראָטשילדס, איינע פון די חשובסטע משפחות פון דער קהילה, קיינער פון זיי איז שוין איצט נישטאָ. אַלע ווייזן, אַז מ'פרעגט זיי, ווו דאָס ראָטשילד־הויז איז. אויפן

בוידעם דאָרטן האָב איך געפונען באַהאַלטן דעם אַרכיוו פון דער דאָרטי־קער געמיינדע. גייענדיק אויף די שטיגן האָב איך באַמערקט, אַז עס זענען נאָך פאַראַן די מזוזות אויף טייל פון די טירן. אויף אַנדערע זענען געבליבן סימנים נאָך זיי. אויפן בוידעם גופא זענען אויסער די אַרכיוו־מאַטעריאַלן געווען אַלטע זולצבאַכער קרבן־מנחהס, פיורטער און רעדלסהיימער מחזורים.

זענען די דאָזיקע רעליקוויעס געלעגן און געוואַרט ביז אַ גואל זאָל קומען, ביז זיי וועלן באַקומען אַ תיקון.

די לעצטע סטאַנציע מיינע איז געווען אויפן בית־עולם. דער דאָר־טיקער ייִדישער בית־החיים איז אין פּאַרהעלטנישמעסיקער אָרדענונג אויפגעהיט. עס דערציילט מיר מיין באַגלייטער, הער ענגוויכט, אַז דער בית־עולם איז געווען פּאַרוואָרלאָזט, די מצבות אומגעוואָרפן, די אַלייען פֿאַרוואָקסן מיט ווילד־גראָז, ערשט נאָך דער היטלעריסטישער מפּלה איז ער צוריק אויפגעריכט געוואָרן.

דער טויער איז ניי, די מצבות — ווי אומעטום, מיט כל־המינים באַ־פּוצונגען: דוכן־פינגער ביי כוהנים, אַ קריגעלע ביי לויים, פּאַר שוחטים און מוהלים — חלפים און ווי אומעטום — אַלט־באַקאַנטע פּה־נ־טמנס און ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳.

אָבער פּלוצים האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קבר, אַ פרישער קבר, מיט אַ נייער מצבה און אַ נייער שפּור, אַ נייער בלוטיקער צייט־סימן, איז אין מיין קאָלעקציע צוגעקומען. אַ מצבה וואָס נאָר אין אונדזער בלוט־אָפּגייענדיקער, חורבן־תקופה, האָט געקענט אַנטשטיין.

רעכטס פון בית־עולם־טויער שטייט זי, די דאָזיקע מצבה, שוואַרצער מאַרמאָר מיט גילדערנע אותיות, און אַרום פרישע בלומען. און מיר לייענען אַן אויפשריפט אין דייטש:

Aus dem K.-Z. Theresienstadt befreit, starb in der
Heimat der letzte jüdische Einwohner von Adelebsen
N O A   R O T H S C H I L D
geb. 4. Sept. 1869
gest. 24. Mai 1948

דער דאָזיקער טרוקענער נוסח מיינט אין אונדזער ייִדיש:

„פון דעם קאַצעט טערעזיענשטאַט באַפרייט, איז געשטאָרבן אין זיין היימשטאָט דער לעצטער ייִדישער תושב פון אַדעלעבסען.

נח ראָטשילד — געבוירן 4טן סעפּטעמבער 1869; געשטאָרבן 24טן מײַ 1948“.

דער לעצטער ייִד... האָט זיך אין דעם חלל אַרייַנגעשניטן ווי טויזנטער געהערטע און געלייענטע פּייַן־ און מאָרד־געשיכטעס. עס האָט אַ שוידער געטון דער גאַנצער בית־עולם. און וואָלט איך געקענט פאַרשטיין די מצבות־שפּראַך, וואָלט איך אפשר געהערט זייער מצבהדיקן, פּה־נטמנדיקן, יזכור פאַר זייער לעצטער חברטע מצבה.

דער לעצטער... קינדווייז, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געלייענט די באַרימטע דערציילונג פון דזשיימס קופּער „דער לעצטער מאָהיקאַנער״ איז עס פאַר מיר געווען אַ פאַרכאַפּנדיקע מעשה. אָבער אין די עלטערע יאָרן האָב איך, לייענענדיק נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל די דאָזיקע געשיכטע, אָנגעהויבן אַרויספילן די טיפע טראַגעדיע פון „די לעצטע״ און נאָך מער פון „דעם לעצטן״, פון דעם יחיד וועלכער האָט סימבאָליזירט אַ שטאַם, אַ דור, אַ וועלט אַ גאַנצע, וועלכער ווייסט, אַז ער איז דער לעצטער און

די מצבה נאָכן „לעצטן יידן״ אין אַדעלעבסען.

זעט ווי ער ווערט פאַרשניטן. ער ווייסט, אַז ער שליסט אָפּ אַ תקופה אַ העלדישע, און מער וועט קיינער נאָך אים נישט קומען.

דער אַדעלעבסענער לעצטער איז געקומען פון יענער וועלט, פון טערעזיענשטאָט, דער טרויער־טאָל פון צענדליקער טויזנטער, כדי צו פאַראייביקן לדורות, אַז ער האָט אָפּגעשלאָסן אַ קאַפּיטל.

און גראָד האָט דער גורל געוואָלט, אַז דער „לעצטער" זאָל טראָגן דעם סימבאָלישן נאָמען ראָטשילד — דער לעצטער ייִד, דער לעצטער ראָטשילד... און געהייסן האָט ער, ווידער אַמאָל, ווי עמעץ וואָלט עס ספּעציעל צוגעטראַכט, נח, אַ נח, וואָס איז אַרויס גאַנץ פון אַ מבול, פון אַ פייערדיקן מבול.

דערוויס איך זיך דורך דעם הער ענגוויכט אַביסל ביאָגראַפישע פּרטים פון דעם דאָזיקן לעצטן ייִד פון אַדעלעבסען, דעם נח ראָטשילד. ער איז געווען דער איינציקער, וועלכער איז געקומען אַ לעבעדיקער פון די 40 ייִדן אין שטעטל, וועלכע מען האָט אין 1942 „דעפּאָרטירט". דאָרטן זענען אַלע אומגעקומען אין דעם פאַרניכטונג־קאָמבינאַט, צווישן זיי אויך די פרוי פון נח ראָטשילדן.

נח ראָטשילד איז געווען אַ רויִקער, באַשיידענער און אַרבעטסזאַמער מענטש. געצויגן אַ בכבודיקע חיונה פון אַ שניט־געוועלב, און דערבײַ זייער שטאַרק זיך פאַרנומען מיט די קהל־ענינים פון זיין יחיסדיקער קהילה פון קאַרגע צוויי מנינים מאַנסביל. ער איז געווען סיי דער ראָש־הקהל, סיי דער בעל־תפילה, סיי דער בעל־קריאה, סיי דער מסדר־קידושין, סיי דער חברה־קדישא־גבאי.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון דעם טערעזיענשטאָט־גיהנום האָט ער די ערשטע זאַך געגומען ברענגען אין אָרדענונג דעם חרובן בית־החיים און טאַקע אָנגעהויבן גרייטן אַ בכבודיקן אָרט פאַר זיך, פאַרן לעצטן.

און שטייענדיק אַזוי דערמאָנט מען זיך די עלעגיע פון אייגהאָרנען:

„...געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה,
נישטאָ ווער עס זאָל צום עמוד גיין..."

דאָ איז דער לעצטער בעל־תפילה אַוועקגעגאַנגען צוזאַמען מיט זיין גאַנצער עדה, מיט דעם לעצטן מנין...

און ביי דער דאָזיקער אויסטערלישער מצבה — נישט פון איין נח, נאָר פון אַ גאַנצן דור־המבול — קומט אויפן רעיון מרדכי יאָפּעס לידער־

מרדכי וו. בערנשטײן

סעריע: „לידער פון דער צייט״, וואָס ער האָט געשריבן מיט העכער אַ צענדליק יאָר צוריק, ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די איוב־גרוסן פון די ייִדישע לײדן אונטער דער נאַצי־ממשלה. איינס פון די דאָזיקע לידער הייסט:

„אַ תפילה

„מיר שטייען פאַר דיר אויסגעשפּעטע,
אַזוי פיל פאַר דיר שוין געליטן!
באַוויליק שוין גאָט אונדזער קרבן
און טו אונדזער זכר פאַרהיטן.
— — — — — — — — — — — — — —
מיר שטייען פאַר דיר און מיר בעטן:
אָ, לאָז נישט פאַרגיין אונדזער נאָמען!
ס'וועט באַלד שוין נישט בלייבן דאָ קיינער,
אַפילו צו דערמאָנען דיין נאָמען״.

די דאָזיקע תפילה איז, משמעות, צום כסא־הכבוד נישט דערגאַנגען. פאַרשניטן זענען זיי געוואָרן די ייִדישע ישובים. פאַרלאָרן איז געבליבן דער זכר פון זיי, פאַרגעסן פון גאָט און מענטש, נישטאָ ווער עס זאָל קומען אויף קבר־אבות.

⁂

אַ פאַרשווונדענע, אַן אויסגעוואָרצלטע לאַנדשאַפט...

דער פֿאַרשניטענער ראַבינאַט־באַצירק זינסהיים

ווײ מיר, נישטאָ קיינער שוין... געווען אַ פֿאָלק געווען,
און שוין נישטאָ... געווען אַ פֿאָלק, געווען און שוין... שוין אויס!
אַ מעשהלע אַזאַ, עס הייבט פֿון חומשל זיך אָן און ביז,
ביז איצט... אַ מעשהלע גאָר טרויעריק, ווער זאָגט אַז שוין?
אַ מעשה פֿון עמלקן און ביז אַן ערגערן פֿון אים, דעם דייטש...

גייסט איבער שטעט און שטעטלעך און עס באַגלייטן דיך די דאָזיקע טרויער־ווערטער, וועלכע עס האָט אויסגעיאָמערט דער דיכטער־מקונן פֿון לעצטן חורבן, דער קדוש יצחק קאַצענעלסאָן אין „דאָס ליד פֿון אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק“.

עס איז געוואָרן אַ בלוטיקע נבואה נישט נאָר פֿאַר די פּוילישע ייִדן, וועמען ער האָט אַזוי ביטער באַקלאָגט, עס איז צוגעפּאַסט פֿאַר אַלע ייִדישע ישובים, וועלכע האָבן „געלעבט“ אין דעם תחום ווו עס האָט געהערשט דער עמלק, דער נאָך ערגערער פֿון אים; די ברוינע בעסטיעס.

אָט האָב איך אַ וואָך צייט אַרומגעבלאָנדזשעט אין אַ צענדליק שטעטלעך אין באַדען, נישט ווייט פֿון היידלבערג, וועלכע זענען ביז 1933 געווען אָרגאַניזירט אין דעם באַצירקס־ראַבינאַט זינסהיים.

בין איך טאַקע געגאַנגען צווישן געשפּענסטער, געיאָגט זיך צווישן שאָטנס פֿון אַמאָל, אויפֿגעכאַפּט אָפּקלאַנגען פֿון יענער וועלט, באַטאַפּט די שפּורן פֿון געוועזענע לעבנס, אָנגעטראָפֿן די סימנים פֿון ייִדישער ענערגיע, פֿון פּראַצע און געזען דעם ביטערן סוף — געווען און נישטאָ!

געהייסן האָט דער ראַבינאַט־באַצירק זינסהיימער, הגם דער ראַבינער פֿון דאָזיקן באַצירק, ד״ר פֿר. פּינקוס האָט געוווינט אין היידלבערג. דאָ, אין זינסהיים איז נאָר געווען אַן „עלטעסטער פֿאָרשטייער“. דער לעצטער פֿאַרן חורבן איז דאָס געווען מאָריץ לעדערמאַן.

דעם דאָזיקן כבוד האָט זינסהיים פֿאַרדינט נישט צוליב דעם, וואָס זי

האָט פאַרמאָגט אַ גרעסערע קהילה, נאָר צוליב איר יחוס — זי איז געווען איינע פון די עלטסטע קהילות אין דאָזיקן געגנט. עלטער פון די שכנות־דיקע גרויסע געמיינדעס מאַנהיים, קאַרלסרוהע און היידלבערג.

שוין אין דער צווייטער העלפט פון 13טן יאָרהונדערט זענען דאָרט געווען יידן. צווישן די תלמידים פון קדוש מהר״ם מרוטענבערג ווערט דערמאָנט איינער, רבי אברהם חזן בן משה מזינסהיים. אין די אַרכיוון פון די רהייניש־פאַלצגראַפן געפינט מען שוין דאָקומענטן פון יאָר 1349, וועלכע האָבן אַ שייכות צו די יידן אין זינסהיים.

דער מבול פון גזירות און שחיטות פון מיטלאַלטער האָט נישט אויס־געמיטן זינסהיים. אין דעם מעמאָר־בוך פון דער דויצער קהילה געפינען מיר אין דעם יזכור פאַר די קדושים פון די אויסגעקוילעטע און פאַרברענ־טע קהילות אויך זינסהיים.

אין יאָר 1933 האָבן צום דאָזיקן באַצירק געהערט די קהילות: זינסהיים מיט 79 נפשות, גראָמבאַך (28 נפשות), האָפענהיים (51), היפענ־האַרד (21), נעקערבישאָפסהיים (40), ניידינשטיין (75), אָבערגימפּערן (23), ראַפּפּענאַו (11), זיגעלבאַך (20), ווייבשטאַט (25), וואַלענבערג (19), צוזאַ־מען: 12 קהילות מיט 328 נפשות.

און די דאָזיקע 328 יידן (שוין צוזאַמען קינדער אַריינגערעכנט), האָבן עס אויסגעהאַלטן עלף סינאַגאָגעס און איין מנין. 5 שוחטים און מקוואות זענען אויך געווען. אין די דריי קהילות, ווייבשטאַט, זינסהיים און ראַפּענאַו זענען אויך געווען בית־עלמינס.

ווי אַזוי עס האָבן געקענט קהילות מיט 11, 19, 20 נפשות אויסהאַלטן סינאַגאָגעס איז פאַר אונדזערע באַגריפן פרעמד. מען דאַרף אָבער וויסן, אַז די דאָזיקע ישובים זענען שוין געווען רעשטלעך פון אַן אַמאָליקן גלאַנץ. אין משך פון די לעצטע 50 יאָר (פאַר 1933) זענען דאָס רוב שטעטלעך אויסגעליידיקט געוואָרן, ראשית־כל איז די יידישע יוגנט אַוועק אין גרויסע שטעט. פון דאַנען האָבן זיך טאַקע געגומען די גרויסע קהילות. אין 1933 האָט מאַנהיים געהאַט קרוב 7000 יידן, קאַרלסרוהע בערך 4000 און היידל־בערג אומגעפער 1500.

דאָס בילד ווערט נאָך קלאָרער ווען מען ווייסט, אַז בסך־הכל מיט 40 יאָר פאַרן חורבן, אין 1892, זענען אין דאָזיקן ראַבינאַט־באַצירק געווען נישט צוועלף נאָר זיבעצן קהילות מיט 1166 נפשות. דאָס הייסט, אַז פאַר דער דאָזיקער צייט זענען אָפּגעקומען כמעט דריי־פערטל פון די יידן.

שפּאָן איך איבער די דאָזיקע שטעטלעך, שפּאַציר פּשוט צופוס, ווייל טייל פון זיי ליגן אַ פּאָר קילאָמעטער אָפּגערוקט איינע פון די צווייטע. עס לוינט נישט צו וואַרטן אויף אַ מער באַקוועמערע קאָמוניקאַציע.

פון די דאָזיקע 12 שטעטלעך בין איך געווען אין 10. די אָרטיקע דייטשן האָבן זיך שטאַרק געחידושט, וואָס זוכט דער „אויסוואַרטיקער", ווייל אויב איך בין געקומען אויף קבר־אבות דאַרף איך גאָר גיין קיין ווייבשטאָט, קיין ראַפּפּענאַו אָדער אין זינסהיים, דאָרטן זענען דאָך די בית־עולמס. זיי ווייסן גאָרנישט, אָדער מאַכן זיך נישט וויסן, אַז נישט קיין קלענערע, אפשר טאַקע גרעסערע, בית־עולמס געפינען זיך אינמיטן זייערע שטעטלעך — אויך די „נויעשטראַסע" (האָפּענהיים), „שולגאַסע" (נעקער־בישאָפּסהיים), „האַופּטשטראַסע" (זיגעלבאַך און וואַלענבערג), „סינאַגאָגען־שטראַסע" (שטיינפורט), „בערגשטראַסע" (ווייבשטאָט), ווו עס זענען גע־שטאַנען די סינאַגאָגעס, וועלכע זענען חרוב געוואָרן — אָפּגעווישט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך, אָדער זייערע רעשטלעך ווערן טאָג־טעגלעך גע־שענדעט.

וואָס קאָן וויסן דעם גרינסהענדלער פון שטיינפורט, וואָס האָט זיך געמאַכט זיין קרויט־ און קאַרטאָפל־סקלאַד אונטערן „שויתי", אָדער דער פּויער פון ווייבשטאָט, וועלכער האָט אונטערן „דע לפני מי אתה עומד" געמאַכט אַן אָרט פאַר זיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים און פּראָ־דוקטן.

פאַר זיי איז עס שוין אַ לאַנג פאַרגעסענער ענין, אַן ענין וואָס איז פולשטענדיק אין אָרדענונג. וואָס קאָנען זיי וויסן פון דעם מין „קבר־אבות"?...

אין ערגעץ האָב איך נישט געפונען קיין איין לעבעדיקן נפש פון די יעניקע, וועלכע האָבן דאָ אין משך פון יאָרהונדערטער געהאַנדלט און געוואַנדלט, אויסגעבויט און באַרייכערט די שטעטלעך, וועמענס פּראַצע עס האָבן אָפּגעירשנט רוצחים.

אין צוויי ערטער לעבט נאָך דער זכרון נאָך די פאַרשניטענע דורות — אין ווייבשטאָט און אין זינסהיים. — ער „לעבט" אין די פעלד־שטיי־נער, אין די מצבות און אונטערן שטויב פון אַרכיוון־אַקטן.

הגם זינסהיים ציט איר יחוס פון 13טן יאָרהונדערט איז אָבער ווייב־שטאָט געווען דער וויכטיקסטער צענטער, נאָכדעם ווי די יידן זענען אין 16־17טן יאָרהונדערט צוריקגעקומען אין דאָזיקן געגנט. דאָ איז געווען

דער מיטלפונקט... דער בית־עולם פאַר די ייִדישע ישובים אין דער סביבה.

דער דאָזיקער בית־עולם מיט זיין גרויסן שטח, מיט זיינע וווּנדער־באַרע מצבות, מיט דעם מאַוזאָלעאום (אַזוינס וואָס איך האָב צום ערשטן מאָל דאָ געטראָפֿן) איז טאַקע דאָס אָרט, וועלכעס מאָנט און דערמאָנט, אַז יאָרהונדערטער זענען דאָ באַגראָבן.

דעם עיקר אָבער האָב איך געפֿונען אין זינסהיים, אין דאָרטיקן היי־מאַטס־מוזעאום.

איך וואָלט געקענט דערציילן וועגן האַלב־צעבערענטן ספֿר־תּורה־טאַס פֿון דער חרוב־געוואָרענער סינאַגאָגע; וועגן אַן אָריגינעלן רעכנונג־בוך אין ייִדיש, וואָס דער ייִדישער סוחר לייב אָפּענהיים פֿון העפּענהיים האָט געפֿירט פֿון יאָר תקמ״א (1780) אָן; וועגן רעגיסטער פֿון די נפֿטרים (אין ייִדיש און העברעיִש) וואָס ליגן אויפֿן דאָרטיקן בית־עולם אָדער גאָר וועגן ערשטן פּראָטאָקאָל פֿון דער אסיפֿה אין יאָר 1808 (געשריבן אין ייִדיש און דייטש) וועגן דעם, אַז מען דאַרף בויען אַ סינאַגאָגע.

סיי דאָס רעכנונג־בוך סיי דער דאָזיקער פּראָטאָקאָל זענען אמתע „בריליאַנטן" פֿאַר אונדזערע פֿאָלקלאָריסטן און שפּראַכפֿאָרשער. נישט דאָ איז דאָס אָרט וועגן דעם ברייטער זיך צו פֿאַרהאַלטן.

איך וויל זיך נאָר אָפּשטעלן אויפֿן פּראָטאָקאָל־בוך פֿון דער געמיינ־דע פֿאַר די יאָרן 1917־1939, וואָס איך האָב געפֿונען אין דערמאָנטן היימאַט־מוזעאום.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס בוך אין 1917, מיט פּראָטאָקאָלן פֿון זיצונגען פֿון פֿאַרזאַמלונגען. די לעצטע בלעטלעך, די יאָרן 1938, 1939 זענען עס שוין נאָך פֿאַרצייכענונגען, קורצע אין טעלעגראַפֿישן נוסח. שוין נישטאָ קיין „פֿאָרשטאַנד", עס איז געבליבן דער „עלטעסטער" און ער פֿאַר־שרייבט לזכּרון די „געשעענישן". עס איז אַ טאָג־בוך פֿון אַ גוסס; לעצטע לעבנס־סימנים; אַגאָניע־קראַמפֿן פֿון איינעם, וואָס שטייט שוין מיט איין פֿוס אויף יענער וועלט.

און וואָס פֿאַרצייכנט דער עלטעסטער מאַריץ לעדערמאַן? — גע־שטאָרבענע און אויסגעוואַנדערטע.

— 1טן אַפּריל, אין קרייז־פֿלעגעאַמט געשטאָרבן שמואל פּומפּיאַנ־סקי, ער איז אָרעם, ער באַקומט אַ קרקע, אַ פּלאַץ אויפֿן בית־עולם, אומזיסט.

— 12טן פעברואַר: סאַלאַ לעדערמאַן, אויסגעוואַנדערט קיין אַמע־ריקע.

— 31טן מאַי: סאַלאַ וואָלף — אַוועק קיין אַמעריקע.

— 15טן יוני: עס איז אַוועק די פאַמיליע מאַקס שערער.

— 31טן אויגוסט — לודוויג ווערטהיימער אָפּגעפאָרן.

— נאָוועמבער — מאָריץ שערער האָט אויסגעוואַנדערט קיין ארץ.

אויך אין 1939 זענען די פאַרצייכענונגען פון זעלביקן מין. די לעצ־טע פאַרצייכענונג איז פון 27טן יוני 1939. דער „עלטעסטער" שרייבט זיך שוין אונטער מאָריץ ישראל לעדערמאַן. יעדער ייִד האָט שוין געהאַט די באַצייכענונג „ישראל".

איך נאָטיץ וועל איך איבערגעבן ווי זי שטייט און גייט. זי איז פון אָקטאָבער 1938 (ימים־נוראים):

„פון דער באַגרעבעניש־קאַסע אויסגעצאָלט יוסף קרעלן פאַר יום־טובים (משמעות געווען חזן) 25 מאַרק. אויסער דעם באַצאָלט פורגעלט יוסף שערערן און אַנדערע מנין־לייט (ווייזט אויס עס איז שוין נישט געווען קיין מנין אויפן אָרט און מען האָט געבראַכט ייִדן פון דער פרעמד) 25 מאַרק, צוזאַמען פופציק מאַרק".

דאָס איז געווען אין די לעצטע מינוטן פון זינסהיימער קהילה. עס איז געווען דער לעצטער מנין — אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז די סינאַ־גאָגע פאַרברענט געוואָרן. אויף אַ גאַס־ראָג איז נאָר געבליבן דאָס שילדל „סינאַגאָגענגאַסע".



די איבערגעבליבענע אויפשריפט „סינאַגאָגענגאַסע" — די סינאַגאָגע גופא איז צעשטערט געוואָרן.

**
*

אויפן בית־עולם בין איך געשטאַנען ביים קבר פון לעצטן נפטר, ער האָט אַ מצבה אין העברעיש — שמואל פּומפּיאַנסקי. ווי קומט אַהער אַזאַ ביאַליסטאָקער נאָמען. איך האָב נאָר געקענט פעסטשטעלן, אַז ער איז געווען אַ נע־ונדניק, אַ מדינה־גייער, אָן קרובים, אָן פריינט און ער איז געלעגן אַ קראַנקער אין דעם קהלשן קרייזהויז. פון וואַנען איז ער געקומען? ווער ווייס, אפשר זוכט עמעצער אַרום אין דער גרויסער וועלט דעם שמואל פּומפּיאַנסקי.

איך האָב זיך געזעגנט מיט די קרוב הונדערט מצבות, וועלכע די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט צוריק־אויפגעשטעלט און אַ ספּעציעלער וועכטער היט זיי אָפּ.

מחשבותן האָבן מיר נאָכגעיאָגט:

— וינוחו בשלום על משכבם, זיי זאָלן רוען אין פרידן אויף זייער געלעגער. ווי לאַנג וועלן זיי אַזוי „רויק" ליגן?

— ווי לאַנג וועט זיך האַלטן דער זכר פון דעם פאַרשניטענעם ראַבינאָט־באַצירק זינסהיים?

JAHWES PLEITE IM BREMKE

זאָלן אונדז מוחל זיין די לייענער פאַרן ברענגען דעם דאָזיקן ממש ניבול־פה־טיטל — ער געהערט נישט אונדז, נאָר דער נאַציִשער צייטונג „געטינגער טאַגעבלאַט“, וואָס איז דערשינען אין דער אוניווערסיטעט־שטאָט געטינגען. די צייטונג איז פון נאָוועמבער 1938.

דער דאָזיקער ווולגאַרער און איינציייטיק ייִדנפרעסערישער טיטל איז געשטאַנען איבער אַ גרעסערן רעפּאָרטאַזש, ווו עס איז מיט אַלע פּיטשעווקעס באַשריבן געוואָרן דער גרויסער אויפטו און די ריזיקע „גבורות“ פון די פאָלקס־גענאָסן, די ברוינע היטלער־באַנדיטן פון דעם שטעטל ברעמקע, ווי אַזוי זיי האָבן דאָרטן פאַרברענט „יעהאָוואַס“ הויז און פאַרטריבן די דאָרטיקע ייִדן.

**
*

דער דאָזיקער רעפּאָרטאַזש איז מיר געקומען אויפן זינען אין די טעג ווען איך האָב בייגעווינט די געריכט־פאַרהאַנדלונגען אין דער בייערישער שטאָט שוויינפורט, ווו עס זענען געמשפּט געוואָרן אַ רייע ס. ס.־לייט מיט זייער רעדל־פירער, דעם קרייז־לייטער פון דער ס. ס. פון יענעם ראַיאָן. זיי זענען אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר דער פאַרניכטונג פון אַ רייע סינאַגאָגעס אין שוויינפורטער קרייז.

ביי דעם דאָזיקן משפּט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר וואָס ער, דער קרייז־לייטער, האָט פאַרלוירן דעם זכרון, אַז ער געדענקט גאָרנישט פון די דאָזיקע טרויעריקע נאָוועמבער־טעג און די העלדישע מעשׂים פון דער „קריסטאַל־נאַכט“, נאָר אויך די באַשולדיקונג־עדות, וועלכע האָבן

בשעתו, אין 1945 אַלץ איבערגעגעבן און געשילדערט ווי די דאָזיקע היט־לער־יונגען האָבן געברענט אין סינאַגאָגע נאָך דער צווייטער, ווי אַזוי דער דאָזיקער „ספּעקטאַקל״ איז פֿאָרגעקומען האָבן אויך „פֿאַרגעסן״ זייערע דערקלערונגען און האָבן אָנגעהויבן „צווייפֿלען״ אין דער ריכטיקייט פֿון זייערע גבית־עדותן, וואָס מען האָט דאָן ביי זיי אויפֿגענומען און וואָס זענען דורך זיי געחתמעט געוואָרן.

משמעות, אַז וואָס לענגער מיר דערווייטערן זיך פֿון דער נאַצישער מפּלה, באַקומט אַלץ מער מאַכט דער שר־של־שיכחה, דער הימלישער קאָמיסאַר פֿון פֿאַרגעסנקייט און די מוחות פֿון די נעכטיקע (און אפשר מאָרגנדיקע) תליונים ווערן אַלץ שטומפּיקער און דער שר־של־סליחה הייבט אָן מוחל זיין...

***

איז טאָקע די מעשה־ברעמקע, צו וועמען עס געהערט דאָס אויבנ־דערמאָנטע עקלהאַפֿטע רעפּאָרטאַזש־קאַפּל, זייער טשעקאַווע, אַז עס איז כדאי אַרויסצוהויבן אויף דער ליכטיקער שיין אַ רייע פּרטים, וואָס זענען שוין פֿאַרדעקט געוואָרן מיט געשיכטע־שטויב און פֿאַר וועלכע עס אַרבעט זייער שטאַרק דער מלאך פֿון שיכחה.

נאָך מער איז עס נויטיק פֿאַר אונדז גופא אַ ביסל דורכצולופֿטערן דער נישט לאַנגער פֿאַרגאַנגענהייט, ווייל (זאָל עס אונדז צו קיין חרפה נישט זיין) עס הויבן זיך אָן צו מערן צווישן אחינו בני ישראל אַזעלכע, וועלכע מיינען, אַז עס איז שוין געקומען די געהעריקע צייט אָפּצולאָזן אַ ביסל מיט דעם מידת־הדין לגבי אַלע דייטשן און אַז מען דאַרף אָנהויבן אָפּערירן מיטן מידת הרחמים...

איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו גריבלען אין די אַרכיוו־מאַטעריאַלן פֿון שטעטעלע ברעמקע, אַ כמעט דאָרף, וואָס געפֿינט זיך אויף דער גרענעץ פֿון מזרח־ און מערב־דייטשלאַנד, אין דער בריטישער אָקו־פּאַציע־זאָנע, נישט ווייט פֿון געטינגען.

דער ערשטער דאָקומענט, ווו עס ווערן דערמאָנט יידן אין דאָזיקן פּונקט איז פֿון יאָר 1770 פֿון די איבעריקע דאָקומענטן וועלן מיר דאָס מאָל אַרויסהויבן נאָר געציילטע פּרטים און דער עיקר אַזעלכע, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צו דער דאָרטיקער סינאַגאָגע, וואָס איז פֿאַרברענט געוואָרן דורך די נאַציס אין נאָוועמבער 1938 (וועגן וואָס עס דערציילט

דער ווילינוגערישער רעפּאָרטאַזש) און דער עיקר ווען עמעס שריפה־איני־ציאַטאָרן עס דרייען זיך אַרום עד־היום פראַנק און פריי.

עס ליגט פאַר מיר דער אָפּמאַך, וואָס עס איז אין יאָר 1828 (מיט העכער 125 יאָר צוריק) אונטערגעשריבן געוואָרן פון איין זייט פון די קהלה־פאָרשטייער און פון דער צווייטער זייט פון דעם דייטש העקע וועגן אויפבוי פון דעם יידישן געבעט־הויז.

אייגנטלעך איז דער דאָזיקער קאָנטראַקט פון די זעלטנסטע קולטור־היסטאָרישע דאָקומענטן. עס איז אין דאָזיקן אָפּמאַך געגעבן אָנגעגעבן, מיט די קלענסטע אַרכיטעקטאָנישע פּרטים, ווי אַזוי די סינאַגאָגע האָט געדאַרפט אויסזען; ווי זאָל זיין איר אויסזען אינעווייניק און דרויסן; די צאָל פענצ־טער, וווּ זיי דאַרפן זיך געפינען און זייער פאָרם; דער אופן ווי עס דאַרף געבויט ווערן די ווייבערשול און די מענערשול; וועגן ארון־קודש און בימה; וועגן דער מנורה און איר אָרט; וועגן כיור — דעם האַנטפאַס אאַ״וו.

געשלאָסן געוואָרן איז דער אָפּמאַך דעם 18טן פעברואַר 1828.

און בלעטערנדיק איין דאָקומענט נאָך צווייטן גייען פאַרביי — ווי אַ קאַליידאָסקאָפּ — אַלע פריידן און ליידן פון דער קהילה־קדושה ברעמקע; אָט זענען די יידן אין די פעדערן און אָט ווידער אַ צרה; אָט גייט די קהילה באַרג־אַרויף און אָט ווידער באַרג־אַראָפּ — זיי ווערן אָבער, די ברעמקער יידן, נישט געבראָכן. די דאָרטיקע עדה גייט פאָרויס.

אַ סעריע דאָקומענטן דערציילן די צרות, וואָס די ברעמקער יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין ווען זיי האָבן אין יאָר 1844 געגרינדעט זייער בית־עולם.

שוין אין יענע יאָרן זענען די יידן געווען גרויס אין די אויגן פון די אָרטיקע שטאָטישע טאַטעס. אין איינעם פון די פּראָטאָקאָלן פון דער אָר־טיקער געמיינדע־פאַרוואַלטונג פון 5טן פעברואַר 1854, געפינען מיר אַ רייע באַשלוסן, וועמענס ציל עס איז געווען צו פאַרקלענערן די צו „גרויסע צאָל און ווירקונג״ פון די יידן אין ברעמקע.

שוין מיט 100 יאָר צוריק האָבן די ברעמקער פאָרלויפער פון די שפּע־טערדיקע נאַציס איינגעפירט אויסנאַם־געזעצן פאַר די יידן. אָט איז דער נוסח פון איינעם פון די פיל באַשלוסן פון דעם געמיינדע־ראַט:

„די ביטע פון יידן הערץ־לייזער לעווי וועגן אַ קאָנצעסיע אויף צו עפענען אַ געוועלב פון שפּיל־ און גאַלאַנטעריע־אַרטיקלען דערליידיקן מיט אַן אָפּזאָג...״ (באַשלוס פון 20טן אַפּריל 1856).

ברעמקער יידן האָבן אָבער באַוויזן אַז עס איז זיי נישט לייכט צו

ברעכן, אַז זיי זענען אַ טייל פון דעם עם־קשה־עורף. וועגן דעם זאָגן עדות אַ סעריע אַנדערע דאָקומענטן.

אָט איז אַ פּעקל ראַפּאָרטן (פּאַקטיש מסירות!), וואָס שטאַמען פון די לעצטע פאַר צענדליק יאָרן און זענען צוגעשיקט געוואָרן צו די נאַצישע פּאַרטיי־אינסטאַנצן. די דאָזיקע דענונציאַציעס שטעלן פּאַקטיש אויס די בעסטע אַטעסטאַטן פאַר די פּשוטע דאָרף־ייִדן פון ברעמקע.

די דאָזיקע דאָקומענטן שטאַמען פון די צייטן, ווען די היטלער־מגיפה האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבער דייטשלאַנד און אויך נישט אויסגעמיטן ברעמקע.

שטעלט אייך פאָר אַזאַ מין „חוצפה" (לייענען מיר אין איינעם פון די ראַפּאָרטן פון יאָר 1932):

דער דרעקישער יודע הערמאַן מאירשטיין האָט זיין הונט אַ נאָמען געגעבן היטלער".

ווייטער גייען אַ רייע מסירות וועגן די ייִדן, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דער פּאַרטיי און דעם „פירער". אין איינעם פון די דאָזיקע מסירה־ראַפּאָרטן ווערט דערציילט אַז איינמאָל ווען די „פּאָלקס־גענאָסען" האָבן געמאַרשירט (דאָס איז שוין געווען נאָך דעם היטלער־נצחון בעת די וואַלן פון 1933), האָט איינער פון די ייִדן, ווידער מאירשטיין, זיי נאָכגעשריִען בזה הלשון:

„נישט געזאָרגט, די קנעכטשאַפט דויערט נאָר אַ קורצע צייט".

די דאָזיקע „געפערלעכע רייד" זענען פאַרפּיקסירט געוואָרן און באַשטעטיקט מיט עדות.

ווייטער ווערט אין אַנדערע רעלאַציעס איבערגעגעבן, אַז די ייִדן קלויבן זיך לעצטנס צונויף און האָבן אָנגעהויבן פלוצים זינגען אַלט־דייטשע פאָלקס־לידער און דער עיקר, דאָס ליד:

...„אָרגאַנערוואַלד, אָרגאַנערוואַלד,
אַ שטילער בית־עולם ווערסטו באַלד"...

און דער מסור שטרייכט אונטער, אַז די ייִדן מיינען דערמיט גאָר־נישט דעם אָרגאַנערוואַלד, אַז דאָס האָבן זיי אין זינען דאָס ליבע „פּאַטער־לאַנד" — דייטשלאַנד, פאַר וועלכער זיי בעטן אַן אומגליק...

און צווישן דעם באַרג מסירות, וואָס יעדע פון זיי איז פּאַקטיש אַ שיינער בלומער־קראַנץ אויפן אומבאַוווסטן קבר פון די לעצטע „דעפּאָר־טירטע" ברעמקער ייִדן, טיילט זיך אויס די מסירה אויפן ייִד לעאָן מאיר־שטיין, וועלכער האָט דעם „באַליבטן פאָלקס־גענאָסע" איידענהיימער (איי־

נער פון די גרעסטע נאַצי־באַנדיטן) אָנגערופן מיט די נעמען: „דו לומפּ, דו פאַרברעכער" — דאָס איז שוין געווען אין יאָר 1938!!!

אין נאָוועמבער 1938 האָבן די ברעמקער „פאָלקס־גענאָסן" זיך נוקם געווען פאַר אַלע „עוולות" וואָס די יידישע אונטערמענטשן, די נידעריקע ראַסע, האָט זיי, דעם דייטשן הערשער־פאָלק, נעבעך אָנגעטון.

זיי האָבן די שול אונטערגעצונדן, די יידישע וווינונגען אויסגערויבט און די לעצטע 15 יידן — אַלע פון איין שטאַם, פון די מאירשטיינס, זע־נען אָפּגעשיקט געוואָרן צו פאַרניכטונג.

און דאָס איז געווען דער פריידיקער ראַפּאָרט וואָס אַ נאַצישער מטורף (ווי איך האָב פעסטגעשטעלט איז ער געווען אַ „פאָלקסלערער" און היינט פאַרנעמט ער אַן אַמט אין דערציִונגס־וועזן), האָט דאַן צוגעשיקט צו דער „געטינגער טאָגעבלאַט" וועגן דעם סוף פון דער ברעמקער יידישער עדה. עס שרייבט דאָרט דער דאָזיקער סאַדיסט אין זיין „יאָהוועס פליטה":

> „...מיט דער צעשטערונג פון דער היגער (ברעמקער) סינאַ־גאָגע איז באַזייטיקט געוואָרן אַ שאַנדפלעק פון אונדזער דאָרף... ...110 יאָר האָט זי אונדזער דאָרף פאַרומרייניקט... מיר זענען צו־פרידן, וואָס מיר זענען פון דעם פטור געוואָרן. אַלץ איז דורך פייער צעפרעסן געוואָרן — די סינאַגאָגע מיט אירע תלמוד־שריפטן, די ספר־תורהס, די שופרות און אַזוי ווייטער... פון די לעצטע מאיר־שטיינס זענען מיר אויך פטור געוואָרן. דאָס קאַפּיטל „יידן אין ברעמקע" איז אויס. אויסגעלייזט און פריידיק שטייט אונדזער דאָרף־געמיינשאַפט ביי די חורבות פון דער אַמאָליקער יידישער הער־לעכקייט"...

מיט ווידערווילן האָב איך איבערגעשריבן די דאָזיקע עקלהאַפטע, נאַצישע מעגאַלאָמאַניע.

אויב איך האָב די דאָזיקע ניבול־פּה געבראַכט מיט יידישע אותיות איז נאָר כדי צו באַווייזן וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבן די דערקלערונגען, אַז „מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט", וואָס עס טענהן די יעניקע, וועלכע האָבן צוגעלייגט זייערע הענט צו דעם חורבן פון יידיש לעבן, פריִער אין דייטשלאַנד און נאָכדעם אין אַלע לענדער, וווּהין דער נאַצישער מבול איז דערגאַנגען.

און עס ווערט אויך קלאָר וואָס מען דאַרף טראַכטן פון די „גערעכטע" אורטיילן, וואָס עס ווערן אַרויסגעטראָגן לגבי די דאָזיקע אונטערצינדער, שענדער און מערדער.

דער שטיינער־באַרג וואָס מאָנט...

ייטאַ — די יידישע טעלעגראַפן־אַגענטור האָט גע־בראַכט אַ ידיעה, אַז ערגעץ־ווו אין דייטשלאַנד, אין נידערזאַקסן, אין קרייז פון דער אוניווערסיטעט־שטאָט געטינגען, איז געשטאַנען פאַרן געריכט אַ בירגערמייסטער פון אַ שטעטל, וועלכער האָט אויס־געבויט אַ הויז פון מצבות פון שטעטלדיקן יידישן בית־עולם און, אַז דאָס געריכט האָט אים נישט געפונען פאַר שולדיק.

די דאָזיקע געשיכטע איז פאַר מיר נישט ניי. עס איז מיר אויסגע־קומען זיך צו פאַרנעמען בשעתו מיטן דאָזיקן ענין און היות איך האָב די מאַטעריאַלן פון דער דאָזיקער געשיכטע, לוינט וועגן דעם צו איבערגעבן מער פּרטים, ביז דעם ענין, וואָס מיר דערציילן אין איצטיקן קאַפּיטל.

***

די ייטאַ־ידיעה האָט צו טון מיטן שטעטל אימבסהיים און דער, וואָס איז געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, איז דער וויצטיקסטער איינ־ווינער פונעם שטעטל, דער בירגערמייסטער פּאַול עקשטיין. און ער איז באַשולדיקט געוואָרן: אַז אין יאָר 1951 (זעקס יאָר נאָך דער מפּלה פון היטלעריזם) האָט ער אָפּגעטראַנספּאָרטירט פון דעם יידישן בית־עולם שטיין־ און מאַרמאָר־מצבות און פון זיי — אויפגעבויט זיין הויז.

די געטינגער פּראָקוראַטור האָט דעם ענין באַטראַכט און געקומען צום אויספיר, אַז עס איז נישטאָ פאַרוואָס אָנצוהויבן אַ משפט, אַז עס איז נישטאָ קיין פּאַראַגראַפן אינעם דייטשן שטראָף־קאָדעקס, וואָס מען זאָל אָנווענדן צו דער דאָזיקער טאַט און אַז זי זעט נישט אין דעם קיין פאַר־ברעכן. פאַרוואָס? — גייען אַ רייע מאָטיוון:

— ערשטנס, דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז דער בית־עולם איז שוין

נישט קיין „אַנדענק־אָרט", ווייל... שוין פון יאָר 1908 זענען דאָרט מער קיין ייִדן נישט געבראַכט געוואָרן צו קבורה;

— צווייטנס, דער פּלאַץ איז אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָרן אַזוי פאַרוואָרלאָזט געוואָרן, אַז קיינער ווייסט שוין גאָרנישט, אַז דאָ איז געווען „געווייטעס ערד" (הייליקער באָדן);

— דריטנס, האָט דער באַשולדיקטער מיט גוטן גלויבן געהאַנדלט, ווייל ער האָט גאָרנישט באַטראַכט דעם פּלאַץ פאַר „ייִדישן אייגנטום", ווייל... אין יאָר 1944 האָט די געמיינדע פאַרוואַלטונג דעם פּלאַץ פון בית־עולם אָפּגעקויפט ביים... פינאַנץ־אַמט פון נאָרטהיים און דער אָבערפינאַנץ־אַמט פון האַנאָווער, דער „טרויהענדלער" (מצד די נאַציס) איבער דעם ייִדישן פאַרמעגן האָט עס איבערגעגעבן צו „פאַרפיגונג" דער אָרטיקער געמיינדע.

פערטנס, פינפטנס... — צו וואָס נאָך אויסרעכענען אַנדערע טעמים?

— די פּראָקוראַטור האָט נישט געפונען קיין שמץ פון שטראָפבאַרקייט.

דער פאַרבאַנד פון די ייִדישע געמיינדעס פון נידער־זאַקסן האָט קעגן דעם דאָזיקן, ממש סקאַנדאַליעזן באַשלוס פון דעם געטינגער פּראָקוראָר, אַפּעלירט און געזוכט יושר און גערעכטיקייט אין די העכערע געריכט־אינסטאַנצן.

די דאָזיקע צוגאַבן זענען נויטיק צו דער קורצער ייִטאַ־טעלעגראַמע, כדי צו באַגרייפן ביז ווי ווייט עס גרייכט די דייטשע „גערעכטיקייט", ביז ווי ווייט פּרעציז עס איז די דייטשע יורידישע מאַשין.

און, אַז מיר האָבן דעם ביישפּיל פון אימבסהיים, קומען מיר צו אַ צווייטער געשיכטע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַ צווייט אָרט פון דעם דערמאָנטן געטינגען קרייז.

מיר האָבן שוין אין פריִערדיקן קאַפּיטל דערציילט וועגן דעם עקל־האַפטן נאַצישן באַריכט פון שטעטעלע ברעמקע, ווי אַזוי די ברוינע יונגען האָבן „פאַרטריבן יעהאָוואַן" פון זייער שטעטל. דאָס ווייטערדיקע האָט טאַקע צו טון מיט דעם דאָזיקן שטעטל, אייגנטלעך מיטן בית־עולם פון די דאָרטיקע ייִדן.

פון פריִערדיקן קאַפּיטל ווייסן מיר שוין די ראשי־פּרקים פון דער געשיכטע פון די דאָרטיקע ייִדן, די פאַרשידענע גילגולים פון דער דאָזיקער מוטיקער עדה אין משך פון יאָרהונדערטער און דעם גורל פון די לעצטע 15 נפשות, פון די מאירשטיינס, וועלכע האָבן, צוזאַמען מיט די

פלאַמען פון זייער סינאַגאָגע, ערגעץ־ווו אויסגעהויכט זייערע פאַרפּייניקטע נשמות.

דעם מקום־קדוש האָט מען טאַקע פאַרברענט, איז אָבער לזכרון פון די יידן געבליבן דער בית־עולם. אַ בית־עולם וואָס איז געווען דער קבורה־אָרט נישט נאָר פאַר די אָרטיקע יידן, עס האָבן דאָ געפונען זייער אייביקע רו די יידן פון די קלענערע ישובים, ווערמעסהויזען און געליעכהויזען.

האָבן די אָרטיקע „פאָלקס־גענאָסען" זיך מישב געווען, אַז מען טאָר נישט אין זייער, פון יידן אויסגערייניקטער געמיינדע איבערלאָזן אַזאַ מין „געדעכעניש" פון דער נידעריקער ראַסע און באַשלאָסן אויך דעם דאָזיקן „שאַנד־פלעק" אָפּווישן.

זענען אָבער די ברעמקער (פונקט ווי די אימבסהיימער) נאַציס אויך פּראַקטיש און פאַר איינוועגס געוואָלט האָבן מאַטעריעלן נוצן פאַר דער געמיינדע־קאַסע און דעם בית־עולם פלאַץ מיט זיינע שטיינער „פאַרקויפט". און געקויפט האָט עס אַן אייגענער — דער פירער פון די אָרטיקע נאַציס: בירמאַן.

דער דאָזיקער בירמאַן איז נישט אַבי־ווער, ער איז עס געווען דער הויפּט־איניציאַטאָר פון אונטערצינדן די סינאַגאָגע אין דער „קריסטאַל־נאַכט" פון נאָוועמבער 1938; ער איז געווען דער דורכפירער פון די גע־שטאַפּאָ־אַקציעס, דער באַגלייטער בעת די דעפּאָרטאַציעס פון די לעצטע ברעמקער יידן צו די פאַרניכטונגס־ערטער.

דער דאָזיקער „יורש" פון יידישן בית־עולם האָט אָבער באַוויזן נאָר אומוואַרפן די הונדערטער מצבות פון בית־עולם און אַ טייל פון זיי אַרי־בערפירן צו זיך אויפן הויף. דאָס איבעריקע איז געווען אויף זיין „גרונד־שטיק" (דעם בית־עולם געמיינט) און געוואַרט אויפן טראַנספּאָרט. ער האָט עס נישט באַוויזן צו טון, ווייל ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי און זיין פלוניתטע, זייער אַן ענערגישע, האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט פון אַריבערפירן די שטיינער צו זיך, כדי פון זיי אויסצובויען אַ הויז.

אויך זי האָט נישט דערפירט די אַרבעט ביזן סוף, ווייל אין מיטן זענען די נאַציס צעשמעטערט געוואָרן דורך די אַליאירטע אַרמייען. דייטש־לאַנד איז באַזעצט געוואָרן און ברעמקע איז אַריינגעפאַלן אין דער בריטישער אָקופּאַציע־זאָנע.

ווען די ענגלישע און אַמעריקאַנער טרופּן האָבן פאַרנומען ברעמקע און דעם געגנט זענען גראָד די מצבות געפירט געוואָרן פון בירמאַנס „גרונדשטיק" אין שטעטל אַריין. זיי זענען ביז בירמאַנס הויף נישט דער־

פירט געוואָרן. אינמיטן וועג זענען די מצבות אַרויסגעוואָרפן געוואָרן און אויפגעשליידערט געוואָרן אין איין באַרג אויף אַ פרשת־דרכים צווישן פעלדער.

געווען איז עס אין מאַי 1945.

אין סוף 1945 איז דער נאַצי־פירער בירמאַן (אין דער אַרמיי געווען אַ פעלדפעבל) געקומען אַ גאַנצער צוריק. פון 1945 ביז 1949 האָט ער אויף זיך געהאַט דריי פּראָצעסן:

— פאַר אונטערצינדן די ברעמקער סינאַגאָגע;

— פאַר שענדן און צעשטערן דעם ייִדישן בית־עולם;

— פאַר באַטייליקן זיך אין דער ליקווידאַציע פון דער ראַדאָמער געטאָ, ווו ער איז געווען איינער פון די אַקטיווע מיטגלידער פון די „איינזאַץ־גרופּן פון ס. ס.".

פון די אַלע פּראָצעסן איז ער אַרויס ריין, אומשולדיק. די דייטשע יוסטיץ האָט נישט געפונען די געהעריקע „פּאַראַגראַפן", וואָס פּאַסן זיך צו די דאָזיקע מעשים...

די מצבות אָבער זענען געבליבן ווי שטומע עדות, טייל זענען שוין געוואָרן איינגעמויערט אין זייַן, בירמאַנס, הויף אין פאַרשידענע בנינים און די איבעריקע זענען געבליבן ליגן, אויפגעשליידערט איינע אויף די צווייטע, אין פרייען פעלד.

***

מיט דעם דאָזיקן ענין איז מיר אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען. נאָכן דורכבלעטערן די מאַטעריאַלן אין דער פּראָקוראַטור פון געטינגען און זיך באַקענען מיט די דאָקומענטן פון דעם קרייז־ראַט פון די ייִדישע געמיינדעס, האָב איך געמאַכט אַ נסיעה אינעם דאָזיקן שטעטל, וואָס ליגט ביים ראַנד פון דער סאָוועטישער זאָנע. באַגלייט האָט מיך דער פריינט צבי האָראָוויץ, וועלכער איז בשעתו געווען דער לייטער פון דער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין נידערזאַקסן.

אין משך פון פיר יאָר האָט זיך געפירט וועגן דעם אַ קאָרעספּאָנדענץ.

וועגן דער מעשה האָט זיך די ערשטע דערוווּסט די דערמאָנטע היסטאָרישע קאָמיסיע און ראַפּאָרטירט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין דער בריטישער זאָנע, וואָס האָט זיך געפונען אין בערגען־בעלזען.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן און עס איז געקומען אַ זייער אויפטרייסלענדיקער ענטפער, אַז עס איז אַ חילול־

השם, אַ סקאַנדאַל אאַ״וו. און אַנגעוויזן, אַז אין דעם דאָזיקן, זייער ערנסטן ענין זאָל מען זיך תיכף שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן לייטער פאַר רעליגיעזע ענינים, הרב גאָטהעלף (היינט אין ישראל, רב אין דער אַרמיי).

הרב גאָטהעלף האָט אויך מסכים געווען (און דערצו געבראַכט זייער פיל ראיות פון מפרשים און פוסקים), אַז עס איז אַ חרפה און אַ שאַנדע און מען מוז וואָס שנעלער מאַכן אַ סוף צו דעם חילול־השם און חילול־המת. ער מיינט, אַז די געטינגער געמיינדע דאַרף נעמען אויף זיך די מצוה (נאָכן דין פון עגלה הערופה) און דעם ענין אין די הענט. ווידער איז דאָס דאָך אַ בית־עולם פון די דייטשע יידישע געמיינדעס און נישט פון די פליטים.

די געטינגער יידישע געמיינדע, דערוויסנדיק זיך פון דער מעשה נבלה, האָט אויך געזאָגט, אַז עס איז אַ גרויסע שאַנדע, אָבער זי, די געמיינדע, וועט די שטיינער נישט ברענגען אין אָרדענונג, דאָס דאַרף מאַכן דער נאַצי־יונג בירמאַן. ער, וועלכער האָט די דאָזיקע אומווירדיקייט געמאַכט. היות ער וויל עס נישט טון מיטן גוטן ווילן, וועט מען אים צווינגען און עס איז אַרויס אַ שאַרפער בריוו צו דעם בירגערמייסטער פון ברעמקע.

דער בירגערמייסטער איז זייער שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן פון דער מעשה־נבלה ביי אים אין שטעטל (אַזוי ענטפערט ער) און ער איז „איינפאַרשטאַנדען" אַז די דאָזיקע „שמאַך" זאָל ווי אַמשנעלסטן אָפּגעווישט ווערן, אָבער... דאָס אַלץ איז געשען נישט אין דער צייט פון זיין אַמטירונג, אַז מען וואָלט געדאַרפט מיט דעם זיך ווענדן צו דעם געוועזענעם בירגערמייסטער, — דעם נאַצי — דעם אַדרעס האָט ער בייגעלייגט...

די קולטוס־געמיינדע האָט זיך נישט געלאָזט באַפרידיקן מיטן ענטפער און אַוועקגעשיקט אַ מעמאָראַנדום צום קולטוס־מיניסטעריום פון ניי־דערזאַקסן.

דער קולטוס־מיניסטעריום האָט דעם מעמאָראַנדום איבערגעשיקט צום... לאַנד־ראַט מיט אַנדערע „אנלאגעס", אַז דאָס זאָל ווייטער „געלייטעט" ווערן.

אַ פּאָר צענדליק אינסטיטוציעס, אַמטן און פערזענלעכקייטן שיקן איינע צו די אַנדערע די געשיכטע און אַזוי ציט זיך די דאָזיקע חד־גדיא שוין קנאַפּע צען יאָר!

***

— אין ברעמקע האָב איך זיך געטראָפן מיטן נאַצי (אַנטשולדיקט — דעם „דענאַצי") בירמאַן. איך האָב אים געטראָפן אין זיינע שטאַלן ביים ריייניקן די פערד.

ער האָט נעבעך פּאַר מיר אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ, אַז מען פאַרשוואַרצט אים נעבעך דאָס פּנים. וואָס וויל מען אייגנטלעך פון אים? ער איז אַ טרייער דייטש און האָט נאָר „אויסגעפירט באַפעלע". האָט ער דען די „שטיינער" (מצבות) געראַוּבט? האָט ער דען נישט באַצאָלט אַזויפיל, וויפיל מען האָט אָפּגעשאַצט? און ער האָט דאָך איינגעמויערט נאָר די יעניקע, וואָס האָבן נישט קיין „אינשריפטן", די „ריכטיקע גראַבשטיינער" ליגן אין פעלד, און פאַרוואָס זאָל ער די דאָזיקע שטיינער פון פעלד אַראָפּנעמען, איז ער דען דער איינציקער? און בכלל איז ער „אומשולדיק" — והראיה, די פּראָצעסן, וועלכע האָבן אים באַפרייט...

און ער פרעגט — וווּ איז יושר? — — —

איך בין, צוזאַמען מיט מיין פריינט האַראָוויץ, געווען אויפן אָרט, ווּ עס ליגט דער אָנגעוואָרפענער באַרג פון מצבות, געטראָטן איבער דער „פאַרשווונדענער לאַנדשאַפט".

זעענדיק דעם דאָזיקן באַרג, האָט זיך געוואָלט אויסשרייען — אוי לעינים שכך רואות — וויי צו די אויגן, וואָס זעען דאָס! עס איז געוואָרן



דער מצבות־באַרג פון ברעמקע וואָס וואַלגערט זיך צווישן פעלדער

אַ מקום־מקלט פאַר יעדן מין אָפּפאַל און מיסט פון שטעטל; פאַרוואַקסן מיט דערנער און ווילדגראָז. טייל פון זיי האָבן געפונען אַן אייגנאַרטיקן „תיקון". פאַסטוכער, וואָס פיטערן ביינאַכט די פערד, האָבן פון טייל גע־מאַכט אַן „אויוון", ווו זיי קאָכן, באַקן קאַרטאָפל און פון טייל שטיינער געמאַכט אַ באַהעלטעניש פאַר זייערע כלים און קליידער.

סטאַרטשען אַרויס פון די דאָזיקע שטיינער די פאַרשידענע „פה נטמנס" און „פה נקברס", ווי זיי וואָלטן שרייען צו דער וועלט אַריין, צום חלל: ווען און ווער וועט מתקן זיין דעם ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳? ווער וועט דעם תהא נשמתם צרורה בצרור החיים מקיים זיין? — — —

ווייט נאָך האָב איך געהערט דעם נאָכרוף פון די שטומע שטיינערנע קרבנות:

— ביז וואַנען וועלן מיר דאָ אַזוי ליגן צו שאַנד און צו שפּאָט? — עד מתי? — ביז וואַנען? — — —

דאָרט וווּ עס איז געווען די זולצבאַכער דרוקעריי

טייטש-חומשים, סידורים און סליחות; הגדות און צאינה־וראינהס; זוהר און ש״ס — אַלע האָבן געטראָגן אויף זיך דעם חותם, דעם שטעמפּל: נדפס בזולצבאך, געדרוקט געוואָרן אין זולצבאַך.

דער נאָמען זולצבאַך איז צעטראָגן געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, איבער אַלע יידישע תפוצות. דער דאָזיקער מקום איז שטאַרק באַקאַנט און מפורסם געווען. אַט אין ענינים פון אַ גט, ווו מען איז זייער שטאַרק מדקדק וועגן נאָמען פון דער שטאָט עס זאָל שטיין ריכטיק געשריבן, איז געקומען אַ שאלה צום פיורטער רב משולם-זלמן קאָהן (געבוירן 1739 און געשטאָרבן 1891, געווען אויך רב אין ראַוויטש, קראָטאָשין, קעמפּען, זילץ און באַוווסט פון זיין פאַרביסענעם קאַמף קעגן די פראַנקיסטן) וועגן דעם אויסלייג פון דער שטאָט זולצבאַך, האָט ער אין זיינע שאלות ותשובות „בגדי כהונה״ (אבן העזר סימן כ״ח, געדרוקט אין פיורט 1807) געענטפערט בזה הלשון:

„כי זולצבאך אין ספק בעיר כלל כי מפורסם מימים ימימה״ — ס׳מיינט, וועגן זולצבאַך קען גאָר קיין ספק נישט זיין, ווייל פון קדמונים איז די שטאָט שוין באַקאַנט.

**
*

געקומען בין איך קיין זולצבאַך נישט צוליב דער דרוקעריי; שוין מער ווי הונדערט יאָר ווי די דאָזיקע פּאָפּולערע בשעתה יידישע דרוקעריי עקסיסטירט נישט. געדאַרפט האָב איך דאָרטן געפינען די שיריים פון דעם קהילה־אַרכיוו, וואָס די געשטאַפּאָ האָט קאָנפיסקירט און איך בין, זייענדיק אין בייערישן אַרכיוו אין אַמבערג, געקומען אויף די שפּורן, אַז אין זולצבאַך זאָלן זיין טיילן פון דאָזיקן אַרכיוו.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין נישט גאָר קיין לייכטער עובדא, אויסצו־געפינען דאָס, וואָס די נאַצישע באַנדיטן האָבן צוגענומען אין 1938. נאָכ־מער איז עס געווען קאָמפּליצירט צוליב דעם וואָס איך האָב געוווּסט, אַז דער היינטיקער „היימאַט־פאָרשער" און „אַלטערטום־פּלעגער" איז אַ גע־וועזענער „פּאַרטיי־גענאָסע", אַ נאַצי. פונדעסטוועגן האָב איך מיט גרויס חשק די דאָזיקע שליחות אָנגענומען. דער יצר־הרע אַריינצובליקן אין דער „פאַרשווּנדענער וועלט" האָט געלאָקט — אַ קלייניקייט, זולצבאַך!

איך האָב זיך ווי געהעריק צוגעגרייט. דורכגעבלעטערט די גענוג רייכע ליטעראַטור וועגן דער דאָזיקער דרוקעריי, וועגן דער דאָרטיקער קהילה און אויך גוט אויסגעגענישטערט דעם פריִער־דערמאָנטן מלוכהשן אַר־כיוו אין אַמבערג, ווו עס געפינען זיך אוצרות מיט מאַטעריאַלן וועגן זולצ־באַך.

איך האָב געוווּסט, אַז מן הסתם וועל איך גאָרנישט מחדש זיין. ד"ר מאַגנוס וויינבערג (דער היסטאָריקער פון בייערישן ייִדנטום, אומגעקומען אין טערעזיענשטאַט) האָט מיט זיינע געשיכטלעכע אַרבעטן בכלל און ספּע־ציעל וועגן דער דאָזיקער דרוקעריי געגעבן איבערגעגעבן וועגן דעם פּאַר־נעם און טעטיקייט פון דער דרוקעריי, וועלכע האָט אין משך פון אומ־געפער 200 יאָר (פון יאָר 1669 ביז 1851) געגעבן דער וועלט ביז 700 ספרים.

ביי וויינבערגן (אין די גרונט־ווערק, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1904 און נאָכדעם צוויי הוספות אין די יאָרן 1923 און 1930), איז גענוי גע־שילדערט דער אויפקום פון דער דרוקעריי, וועגן די אייגנטימער, פון וואַנען זיי זענען געקומען, וועגן דעם פּערסאָנאַל (זעצער און קאָרעקטאָרן) און אַ פּרטימדיקע ביבליאָגראַפיע פון דער פּראָדוקציע.

אַ פּאָר פּרטים איז אָבער כדאַי צו דערמאָנען:

1) פרעמדע דרוקערייען האָבן זיך באַמיט אָפּצונאַרן דעם עולם און אויף די ספרים, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן, אָפּגעדרוקט דאָס וואָרט זולצ־באַך, כדי מען זאָל צוגעבן חשיבות דעם בוך. אַ געוויסער איציק בן לייב בוכבינדער, האָט אין משך פון פערציק יאָר (!) אויף די ביכער, וועלכע ער פלעגן דרוקן אין פיורטה, אָנגעגעבן, אַז זיי זענען געדרוקט „באותיות כמו בזולצבאַך", דאָס הייסט, מיט די זעלבע אותיות ווי אין זולצבאַך. דערביי פלעגט ער די ווערטער „באותיות כמו" געבן מיט גאָר קליינעם רש"י־שריפט און דעם „בזולצבאַך" מיט ריזיקע אותיות. אַזוי האָט ער געדרוקט פון 1760 ביז 1800.

די זולצבאַכער האָבן קעגן דעם זיך געווערט און אין איין אויסגאַבע זייערע, אַ קאַלענדאַר פון יאָר תק״ס — 1800, גיבן זיי צו אַזאַ מין באַמער־קונג, וועלכע מיר ברענגען אין זעלבן לשון און אָרטאָגראַפיע ווי עס איז דאָרטן:

„אויך איז מען דען עולם מודיע דש וועלכע בעלי מדפיסים פרהנדין זענען וועלכע דרוקין אויף דען שער פון ספר בזולצבאך מיט הין ווען ניט שטעה בבית ודפוס ר׳ זעקיל כמו בשער הלוח הזה איז ניט בדפוס שלי״.

דער זולצבאַכער דרוקער איז מיט דעם מודיע, אַז אויב עס וועט אפילו שטיין בזולצבאַך, איז עס נאָך נישט קיין סימן, אַז דאָס איז אַ זולצ־


Dis ist der Erste Hebraische Druck so in der Fürstl:
Residenz Stadt Sulzbach gedrucket worden
Unter der Regierung
Des Durchleuchtigsten Fürsten und Herrn, Herrn
Christiani Augusti
Abraham Lichtentalern
Anno
1670.

די „אורקונדע״ פון ערשטן געדרוקטן בוך אין זולצבאַך אין יאָר 1670. געפינט זיך אין דער מלוכהשער ביבליאָטעק אין מינכען.

באַכער ספר, עס דאַרף נאָך זיין, אַז עס איז געדרוקט אין זיין, זעקילס בית־הדפוס.

2) אַ באַזונדער גרויסן פאַרדינסט האָט די זולצבאַכער דרוקעריי אין דער פאַרשפּרייטונג פון יידיש־לשון; דאָס אַריינברענגען דעם יידישן ספר צו די פרויען. שוין די ערשטע צוויי געדרוקטע ספרים אין זולצבאַך זענען געווען אין יידיש־דייטש. דאָס זענען דער „לב טוב" פון יוסף בן אליקום מפויזן און דער באַרימטער „שבט יהודה". אין דער דאָזיקער דרו־קעריי זענען אין אַ גרויסער צאָל אויפלאַגעס געדרוקט געוואָרן די ווייבע־רישע סידורים, די „קרבן מנחהס", מחזורים, סליחות און הגדות מיט עברי־טייטש. דער צאינה־וראינה איז אין זולצבאַך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צוועלף (!) פאַרשידענע אויפלאַגעס; 19 מינים תחינות און 10 פאַרשידענע סאָרטן „מענה לשונס".

דער דאָזיקער פּרט איז אין ד"ר וויינבערגס אַרבעט לחלוטין נישט באַרירט געוואָרן.

חוץ יידיש־דייטשע ספרים פון רעליגיעז־ליטורגישן כאַראַקטער, זע־נען אויך אין זולצבאַך דערשינען וועלטלעכע ביכער אין יידיש־דייטש און טייל אויפקלערערישע, נישט בולט־רעליגיעזע ביכער, ווי „מאָראַלישע דערציילונגען" (1832); „דער לעפּיט פון אפרים" (1829) א"אַ.

פאַרשטייט זיך, אַז אויסער די דאָזיקע אויסגאַבעס פאַרן ברייטן פּשוטן עולם, האָבן די זעלבע דרוקערייען באַזאָרגט דער לומדישער וועלט, ראשית כל די ישיבות, מיט ש"ס, פּוסקים, מפרשים און שאלות־ותשובות.

מיט העכער 100 יאָר צוריק, אין יאָר 1851, איז די דרוקעריי גע־שלאָסן געוואָרן. דער לעצטער ספר וואָס איז דאָרט אָפּגעדרוקט געוואָרן איז געווען „סידור תפילה".

עד היום איז געבליבן אַ רעטעניש און איז נישט אויפגעקלערט גע־וואָרן, ווי אַזוי עס איז געקומען צו דער גרינדונג פון דער ערשטער יידישער דרוקעריי אין זולצבאַך.

ווייל — דער ערשטער ייד האָט זיך באַזעצט אין שטעטל אין יאָר 1666. דאָס איז געווען אַ „שוץ־יודע" פון הערצאָג כריסטיאַן אויגוסט, וועלכער האָט זייט 1651 געוווינט אין הערצאָגס גוט אין נויהאַוז. דער דאָזיקער ייד, פייסטל בלאָך, איז געווען זיין נאָמען, האָט דעם 10טן יוני 1666 געפּועלט ביי דעם שררה, אַז מען זאָל אים דערלויבן אַריינצי־ען זיך קיין זולצבאַך, וואָס איז געווען די רעזידענץ פון דעם הערצאָג.

אין זעלביקן יאָר איז געקומען קיין זולצבאַך אויך פייסטלס זון, משה

בלאָך און אין אַ יאָר שפּעטער, ווי עס דערציילן די אַרכיוון פון הערצאָג, האָט באַקומען אַ דערלויבעניש פּייסטלס אײדעם, יוסף הירש, זיך צו באַזעצן אין הערצאָגס רעזידענץ. געווען איז עס דעם 12טן דעצעמבער 1667.

עס איז אַלזאָ געווען כמעט אַ האַלבער מנין ייִדן ווען די דרוקעריי האָט אָנגעהויבן עקסיסטירן; פאַרשידענע השערות ווערן אַרויסגעזאָגט, אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אויך אין די דייטשע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער דאָזיקער דרוקעריי. מען פּרוווט די דאָזיקע רעטעניש אויפקלערן דערמיט, וואָס דער אייגנטימער פון זולצבאַך איז געווען פאַרקאָכט אין טעאָלאָגישע ענינים און בעיקר זיך פאַרנומען מיט ייִדישער קבלה. ער האָט טאַקע אין יאָר 1664 אַראָפּגעבראַכט דעם לוטעראַנער אַבראַהאַם ליכטענהאַלטער, וועלכער האָט אין דעם רעזידענץ־פּאַלאַץ געשאַפן אַ דרוקעריי, אין וועלכער עס איז דערשינען אַ סעריע קריסטלעך־טעאָלאָגישע ווערק און אויך אָפּהאַנדלונגען וועגן קבלה. דאָס האָט משמעות צוגעצויגן אַ געוויסן יצחק כהן, אַ זון פון דעם פּראַגער זעצער יהודה־לייב יודלס, קיין זולצבאַך, און דאָרטן, אין יאָר 1666, פאַרלייגט די ערשטע דרוקעריי.

די ערשטע ביכער זענען נאָר געזעצט געוואָרן אין דער ייִדישער דרוקעריי, געדרוקט זענען זיי געוואָרן אין דער קריסטלעכער דרוקעריי פון הערצאָג.

פאַרשידענע גילגולים האָבן די זולצבאַכער דרוקערייען דורכגעמאַכט. זיי האָבן דער וועלט געגעבן 700 ספרים, באַרימט געמאַכט די שטאָט אין אַלע ווינקעלעך פון ייִדישן לעבן און היינט איז דאָס געוואָרן איינער פון פיל טויזנטער געוועזענע פּונקטן פון אונדזער לאַנדקאַרטע אויף דער אשכנזישער ערד.

קומען מיר טאַקע צו דער געשיכטע פון דער דאָזיקער עדה.

איך בין געזעסן און געבלעטערט זולצבאַכער אַרכיוואַליען; אין פיר ערטער זענען זיי פאַראַן: אין הויפּט־מלוכהשן בייערישן אַרכיוו, אין אַמבערג; אין דעם פירשטלעכן אַרכיוו, אין שלאָס ראָזנבערג־זולצבאַך און לסוף אין דעם טייל פון דעם קהילה־אַרכיוו.

ווילט זיך אַרויסכאַפּן נאָך קליינע פּרטים, פּרטים וועלכע ווייזן ווי אַזוי אַ ישוב איז אויפגעקומען און זיין סוף, זיין ביטערן סוף.

מיט וואָס הייבט זיך אָן אַ ייִדישער ישוב?... מיט אַ בית־עולם. שוין אין 1666, ווען עס זענען אין זולצבאַך געווען נישט מער ווי צוויי ייִדישע משפחות האָט שוין דער ערשטער ייִד, פּייסטל בלאָך, זיך איינגעשאַפט, ווי דער ערשטער ייִד אברהם אבינו, אַן אחוזת קבר, אַ פּלאַץ פאַר אַ בית־

עולם. צי האָט ער זיך טאַקע פאַרגעשטעלט, אַז בקרוב וועט דאָרטן זיין אַ קהילה? ווער קאָן אויף דעם ענטפערן.

ווייטער דערציילט אַ דאָקומענט, אַז מיט 2 יאָר שפּעטער איז אויף דעם איינגעקויפטן פּלאַץ געבראַכט געוואָרן צו קבורה דער ערשטער נפטר און געוועזן איז עס ער אַליין, פייסטל בלאָך.

דער דאָקומענט וועגן דעם, וועלכער ליגט אין אַמבערגער אַרכיוו דערציילט, אַז די משפחה איז געשטאַנען פאַר אַ זייער שווערע אויפגאַבע; בכדי דורכצופירן די באַערדיקונג נאָכן ייִדישן דין, שרייבט זיך אין גוי־אישן באַריכט — דאַרף מען האָבן אַ מנין, צען ייִדן. טאָ ווו נעמט מען אַזויפיל, אַז אין זולצבאַך זענען זיי נישטאָ און די שטאָט איז אַ „רעזי־דענץ" און נאָר די „שוץ־ייִדן" פון הערצאָג מעגן דאָרטן וווינען און „פרעמ־דע" טאָרן דאָרטן נישט אַריינקומען.

זאָגט זיך טאַקע אין דער „הויכגנעדיקער ביטע" פון דער משפחה, אַז מען זאָל דערלויבן ברענגען ייִדן פון דער פרעמד, כדי „דען ליבען פאַטער נאָך דען יודישען ריטואַל בעערדיגען צו לאַסען". אויף דער ביטע איז פאַראַן אַ נאָטע פון דער שררה — דערלויבן אַריינפאָרן צו דער „צערע־מאָניע" אַכט ייִדן פון שנייטאַך אין דעם אַ רב, אַ חזן און אַ קברן...

נאָך אַזעלכע צוויי פירשטלעכע „גנאַדע דערלויבענישן" געפינען זיך אין דאָזיקן אַרכיוו:

1. דעם 4טן סעפּטעמבער 1668 האָט זיך משה בלאָך געוואָנדן צום פירשט, ירום־הודו, ער זאָל דערלויבן אַריינצולאָזן אַ מנין ייִדן קיין זולצ־באַך, כדי דורכצופירן די ברית־מילה פון זיין זון.

2. דעם 1טן אויגוסט 1671, האָט די אלמנה נאָכן ערשטן זולצבאַכער תושב, פייסטל ברײנדעל, געבעטן דעם פּריץ אַז ער זאָל גנעדיקסט דער־לויבן אַריינצולאָזן ייִדן צו דער חתונה פון איר זון דוד.

דערציילן ווייטער די פאַרשטויבטע בלעטער און פאַרגעלבטע פּאַר־מעטן וועגן ווקס, פאַנאַנדערבלי פון דער קהילה. אָט זענען שוין אין יאָר 1737 אין זולצבאַך פאַראַן 23 משפחות מיט 139 נפשות (דורכשניט 6 נפשות אין אַ פאַמיליע!). אין יאָר 1825 זענען ביי די זולצבאַכער ייִדן געווען אַכציק שול־פליכטיקע קינדער.

עס קומט אָן איבערברוך אין לעבן פון דער קהילה. פונקט ווי אין גאַנץ בייערן הייבט זיך אָן אַ פאַרקלענערונג פון די קהילות אין די קלע־נערע מקומות, ווער עס גייט אין די גרויסע שטעט און ווער אין די לענ־דער מעבר לים. אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט זענען דאָרט דאָ נישט מער

ווי 60 נפשות. אין דעם שטורעם־יאָר פון היטלערס אַרויפגיין צו דער מאַכט זענען אין זולצבאַך געווען נישט מער ווי אַכט יידישע נפשות אויף 6000 איינוווינער.

די לעצטע אַכט האָבן עס געהאַט די השגחה אויף דער סינאַגאָגע, וואָס איז געשטאַנען אויף דער סינאַגאָגע־שטראָסע נומער 23 און אויפן בית־עולם.

די דאָזיקע צוויי אָביעקטן האָבן אויסגעהאַלטן דעם וויכער פון דער צייט, זיי זענען געבליבן גאַנץ. כמעט נישט צעשטערט איז דער בית־עולם און די ריזיקע געביידע פון דער סינאַגאָגע איז איבערגעאַרבעט געוואָרן אויף אַ היימאַט־מוזעאום. די גאַס טראָגט טאַקע אַ נייעם נאָמען, אַנשטאט סינאַגאָגע־שטראָסע, רופט זי זיך היינט מוזעאום־שטראָסע.

די זולצבאַכער סינאַגאָגע, ווו עס איז היינט דער „היימאַט־מוזעאום".

וועגן דער דאָזיקער מאַיעסטעטישער קאָלאָסאַלער געביידע געפינט מען זייער אַ סך אינטערעסאַנטע אַרכיוואַליען. עס דערציילן די דאָזיקע שטומע געשיכטע־עדות, אַז אויסגעבויט איז זי געוואָרן אין יאָר 1824, נאָך דער גרויסער זולצבאַכער שריפה, ווען עס זענען פאַרברענט געוואָרן 12 יידישע הייזער, 2 קהל־בנינים, די סינאַגאָגע מיט 12 ספר־תורהס און אויך די דרוקעריי.

אין דער קרייז־ביבליאָטעק פון רעגענסבורג געפינט זיך די פּראָגראַם פון דער חנוכת־הבית פון דער דאָזיקער סינאַגאָגע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 31טן אויגוסט 1824.

אַנדערע אַרכיוו־אַקטן דערציילן וועגן דעם בית־עולם. צווישן זיי איז פאַראַן אַ געשיכטע פון אַ סכסוך צווישן קהל און דער שטאָט צוליב אַ מצבות־שענדונג אין יאָר 1752, (מיט העכער 200 יאָר צוריק!) אין די אַקטן הייסט עס: „די פרידהאָף־רעוואָלטע״!.

די אַרכיוו־מאַטעריאַלן וועלכע די געשטאַפּאָ האָט צוגענומען האָב איך געפונען; זיי זענען באַזאָרגט געוואָרן אין יידישע הענט. די שפּורן פון די לעצטע אַכט לעבעדיקע נפשות האָב איך געזוכט, געזוכט און נישט געפונען.

אַ לעצטן „גרוס״ פון זיי האָט געבראַכט אַ... נאַצישער היסטאָריקער. מען דאַרף עס אָבער פאַרצייכענען לדורות.

אין דער „צייטשריפט פיר בייערישער לאַנדעסגעשיכטע״ (בענדער 12־13 פון 1939־1942) געפינט זיך אַ שטודיום־אַרבעט וועגן די יידן אין אָבערפּאַלץ פון דעם נאַצישן היימאַט־פאָרשער פערדינאַנד קאַפּעל. עס איז אַן אַרבעט אין נוסח פון בלוטדורשטיקן „שטירמער״. זיין „שטודיום״ פאַרענדיקט ער, ביים קאַפּיטל זולצבאַך, בזה הלשון:

„...איניקע יאָר נאָך דער מאַכט־איבערנעמונג (פון די נאַצים — מ. ב.) האָבן אויך די לעצטע, איינציקע און איבערגעבליבענע יידישע משפּחות פאַרלאָזן זולצבאַך. עס זענען נאָר געבליבן די, מיט גראָז פאַרוואַקסענע קברים, וועלכע קוקן פונדערווייטנס אויף דער נאַטירלעך צוריק בלוטמעסיק־איינהייטלעכער אויפגעריכטעטער שטאָט״.

דאָס איז געווען דער לעצטער יידישע עכאָ פון דער קהילה־קדושה זולצבאַך, וואָס מיט איר נאָמען האָט אין משך פון יאָרהונדערטער געקלונגען אין אַלע תפוצות ישראל.

האָב איך געטראַכט, מען דאַרף דעם דאָזיקן אָפּהילך אויפכאַפּן און אים אַריינעמען אין אונדזער קאָלעקציע פון „פאַרשוואונדענער לאַנדשאַפט״, אַן עכאָ פון די לעצטע אַכט, וועלכע האָבן „פאַרלאָזן״ זולצבאַך, כדי ערגעץ ווו פאַרקאַלכט, פאַרגאַזט, צעמאָלן ווערן.

מזוזות וואָס האָבן איבערגעלעבט די נאַציס

יאָרטויזנטער, אין דעם לאַנגן געשיכטלעכן גאַנג פון די ייִדן צווישן די פעלקער, האָט צווישן די אַנדערע סימנים, וועלכע האָבן אונדז, דעם עם לבדד ישכון, געשאַפן די דאָזיקע באַזונדערקייט און אָפּגעזונדערט־קייט, אַ נישט־קליינעם חלק די מזוזה.

אַ מזוזה אויפן טיר־ביישטידל האָט דערציילט, אַז דאָ וווינט אַ ייִד, אַ גליד פון דעם ישראל־שטאַם.

אָנגעשפּאַרט אויף אַ פּסוק אין דער תורה: „וכתבתם על מזוזות ביתך ושעריך" (דברים ו׳, פּסוק 9), איז דער דאָזיקער סימן, אין משך פון יאָר־טויזנטער פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע אונדזערע תפוצות.

אַרום דער מזוזה איז שוין אויסגעוואַקסן אַ גאַר גרויסע רעליגיעזע ליטעראַטור: דינים, מנהגים און תקנות. חוץ די פאַרשידענע תלמוד־שטעלן איז פאַראַן אַ ספּעציעלע מסכתא מזוזה (פון די מסכתות קטנות, וועלכע זע־נען נישט אַריינגענומען אין ש״ס).

אין לויף פון דורות איז די דאָזיקע מצוה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סגולה. מען האָט אָנגעהויבן צוגעבן דער מזוזה דעם כוח פון אַ מין שמירה קעגן שדים און רוחות. זי איז געוואָרן אַ פאַרהיטונג קעגן פאַרשידענע צרות, חולאתן און אַלע מינים אומגליקן. נישט זעלטן פלעגט מען ביי געשעענע אומגליקן אין אַ ייִדישן הויז דורכקוקן, צי איז נישט אַמאָל אַ פּסולע מזוזה געווען די סיבה פון דער צרה.

עס האָט זיך ביים פאָלק איינגעבירגערט דער מנהג צו קושן די מזוזה איידער מען גייט אין וועג אַריין; דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ סגולה צו הצלחה.

אַמעריקאַנער ייִדן, למשל, האָבן איינגעפירט קליינע מיקראָ־מזוזהלעך, וועלכע מ׳טראָגט אויפן האַלדז ווי אַ קמיע, אַ טאַליזמאַן — אַ באַשיצער קעגן געפאַרן (ספּעציעל פאַר ייִדישע סאָלדאַטן).

אין רמב״מס צייטן איז, משמעות, די מזוזה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קמיע, ווו מען האָט אָנגעהויבן אַריינשרייבן, חוץ די געהעריקע פרשיות פון חומש, אויך פאַרשידענע קבלה־שמות פון מלאכים און שרפים.

דער רמב״ם איז טאַקע זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער דאָזי־קער אָבערגלויבערישער אָנווענדונג פון דער מזוזה. אין זיין „יד חזקה״ (הלכות מזוזה, סימן ה׳) וואָרנט ער קעגן דעם.

דער יידישער פאָלקלאָר איז שטאַרק באַרייכערט געוואָרן מיט כל־המינים געשיכטעס, ווערטלעך און וויצן וועגן דער מזוזה. חסידישע מעשיות דערציילן אָן אַ שיעור ווונדער און מופתים, וואָס זענען אַ דאַנק דער מזוזה געשען.

די מזוזה איז אויך געוואָרן אַ „וועגווייזער״ פאַר פאַרשידענע נע־ונדניקעס; משולחים, מחברים אָדער סתם יידישע אָרעמעלייט, וועלכע פלעגן אַרומוואָגלען פון שטאָט צו שטאָט קלייבן נדבות. די מזוזה האָט זיי, ביים „גיין איבער די הייזער״, געצייגט אָנגעוויזן, ווו זיי קענען קריגן אַ נדבה און ווו מען קאָן זיי מיט קלעפּ אַרויסוואַרפן...

און בעת פּאָגראָמען פלעגן די מזוזות „אָפּמסרן״, ווו עס וווינען די קרבנות. די צעיושעטע כוליגאַנעס, די פּאָגראָמטשיקעס, פלעגן טאַקע בעת זייערע רויב־ און מאָרד־אַקציעס בודק זיין די טירן, וווהין זיי רייסן זיך אַריין, זיי זאָלן, חס־וחלילה, נישט פאַרבלאָנדזשען צו „אייגענע״.

**
*

ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז געוואָרן דער ענין מזוזה ביי די דייטשע יידן. די דאָזיקע יידן, וועלכע האָבן זיך שוין אויסערלעך, מיט זייער אויסזען און הלבשה, מיט גאָרנישט זיך אויסגעטיילט פון זייער אַרום, האָבן איבערגעלאָזן ביי זייערע טירן די מזוזה. אין די הייזער איז שוין אָפּט געווען אַ ניט־כשרע קיך; מען האָט שוין דאָרט נישט געוווסט פון שבת — די מזוזה איז אָבער געבליבן!

בעת מיין וואַנדערונג איבער די דייטשע שטעטלעך האָב איך זיך שוין אויסגעלערנט, אָן זייטיקער הילף, אויסצוגעפינען די ערטער, די קוואַר־טאַלן, ווו עס האָבן געוווינט יידן. אַ קליינער שפּאַציר איבערן שטעטל און מען האָט שוין, נאָך די טיר־ביישטידלען, געקענט וויסן, ווו עס זענען געווען יידישע דירות.

שוין העכער 20 יאָר, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די גזילה און רציחה, די „אַריעזירונג״ פון יידישע הייזער; דאָך לעבן נאָך אַלץ די שפּורן פון די

געוועזענע באַלעבאַטים. ווי אַ זכר־לחורבן שרייען־אַראָפּ פון די טירן די נישט־פאַרשוווּנדענע שמאָלע פּאַסן, די ערטער, וווּ די מזוזה איז געווען צוגעקלאַפּט. אין טייל ערטער זענען עס לענגערע שמאָלע איינטיפונגעןביים רעכטןביישטידל.

לרוב זענען נאָר געבליבן די שפּורן. אין טייל ערטער האָב איך אָבער געפונען די מזוזה גופא. קרוב 20 יאָר האָבן זיי זיך ביי די טירן געהאַלטן און איבערגעלעבט. פון דער דאָזיקער שפּורן־קאָלעקציע איז כדאי וועגן צוויי צו דערציילן.

בייסינגען

עס איז אַ דערפל אין ווירטעמבערג, אין האַרבער קרייז. אין 1933 זענען דאָרטן געווען בסך־הכל אַ הונדערט יידישע נפשות, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט קרוב 15 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. די דאָרטיקע יידן האָבן געוווינט אויף דער הויפּט־גאַס. געווען זענען עס פּשוטע פּאָלקס־מענטשן, פּי־הענדלער. חוץ זייערע מסחרים האָבן זיי, אויף זייער שטייגער, געפירט אַ יידיש לעבן; פאַרמאָגט אַ גרויסע געמויערטע סינאַגאָגע (פון וועלכער עס זענען געבליבן גאַנץ נאָר פיר ווענט). זיי האָבן פאַרמאָגט אַ בית־עולם (אויף וועלכן עס געפינט זיך אַ גרויסער דענקמאָל נאָך די פאַרפייניקטע בעת 1933—1945), און געהאַט אַ מקווה. פאַרשטייט זיך, אַז זייערע טירן זענען געווען באַפּוצט מיט מזוזות, מיטן יידישן סימן, מיט וועלכן זיי האָבן זיך נישט נאָר נישט געשעמט, נאָר טאַקע זיך געגרויסט.

גיי איך איבער דער הויפּט־שטראַסע און זע די דאָזיקע אָפענע וווּנדן פון דער געוועזענער שחיטה.. און ווייל די ביישטידלעך אין בייסינגען זענען שטיינערנע, איז אויפן אָרט פון דער מזוזה אַ לאָך, אַ לענגלעכער חלל. שטאַרצען אַזוי אַרויס די דאָזיקע אויפגעריסענע לעכער, ווי סקעלעט־אויגן, פון יעדער טיר.

פון די „אַרויסגעפירטע” זענען צוריקגעקומען נאָר לעבעדיקע 2 משפחות — קאהן און האַרבורגער, ביידע קינדער פון דור־דורותדיקע פּי־הענדלער.

קאהן איז אַ יונגער מאַן, האָט שוין אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר 5. ער האָט זיין ברית־מילה געפראַוועט דווקא דאָ, אין דאָרף, טאַקע אין דער חורבה פון דער סינאַגאָגע, וועלכע זיין זיידע האָט אויפגעבויט. אַ מנין האָט מען צונויפגעשלעפּט פון אַרומיקע ישובים און אַ מוהל געבראַכט פון דער הויפּטשטאָט פון דעם לאַנד, פון שטוטגאַרט.

האַרבורגער איז אַן אַלט פּאַרפּאַלק. דורכגעגאַנגען דעם גיהנום אין טערעזיענשטאַט, זענען זיי צוריקגעקומען און שטייען שוין מיט איין פוס מעבר לים. זיי קלייבן זיך צו זייער טאָכטער קיין אויסטראַליע.

זיץ איך ביי די אַלטע האַרבורגער און הער זיך אָן די פּיין־געשיכטעס, וועלכע די פרוי דערציילט אויף איר וווּנדערבאַרן יידיש־דייטש. זי זאָגט:

— אונד אַלס די מחבלים געקאָמען זינד אונדז צו ממיתן, איז אונדז איינע גראָסע מורא באַפאַלן. נון געשאַ איין נס: די רשעים האַטטען קיין לב אונדז צו רצחענען און האַבען אונדז דען נפש איבערלאַססען...

דערווייל באַמערק איך, אַז אויף די טירן געפינען זיך מזוזות און זעען אויס, אַז זיי זענען נישט אַראָפּגענומען געוואָרן. ווידער זענען עס נישט קליינינקע „סימבאָלישע" מזוזהלעך, נאָר טאַקע אַזעלכע ווי מען פלעגט טרעפן אין די פּוילישע חסידישע הייזער. ווי אַזוי האָבן די דאָזיקע מזוזות אויסגעהאַלטן?

ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זענען טאַקע די גאַנצע צייט דאָ געהאַנגען, אויסגעהאַלטן די נאַצי־ממשלה און געוווינט האָט דאָ דער ס"ס־קאָמענדאַנט פון שטעטל, נישט קיין פּשוטער נאַצי, נאָר דער סאַמאָראַדנער גדול.

פרוי האַרבורגער דערציילט מיר די דאָזיקע טראַגי־קאָמישע גע־שיכטע.

נאָכדעם ווי מען האָט זיי דערפּאַרטירט קיין טערעזיענשטאַט, האָט זיך אין זייער הויז, איינס פון די שענסטע אין שטעטל, אַריינגעצויגן דער דאָזיקער נאַצי־גדול.

ביים „אַריינזירן" די וווינונג האָט ער, פאַרשטייט זיך, אויך, גענומען אַראָפּרייסן די מזוזות, דעם זכר פון די געוועזענע יידישע באַלעבאַטים. דעמאָלט איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל מיט זיין אשה, אַ פרומע קאַטאָ־ליקין. זי האָט געטענהט, אַז זי וועט נישט לאָזן אַראָפּנעמען „דיזע יידישע דינגע"; זי ווייסט, אַז די דאָזיקע „צען געבאָט" זענען אַ סגולה פאַר שוואַנ־גערדיקע פרויען (משמעות זיך אויפגעהאָדעוועט אָדער געדינט צווישן יידן) און, אויב מען נעמט דאָס אַראָפּ, וועט ער, דער מאַן אירער, דער נאַצי־גדול, בלייבן אָן אַ יורש. עס „איסט פאָן דער ביבל", זאָגט זי, און זי וועט נישט דערלאָזן דערצו. דאָס, וואָס מען האָט אויסגערויבט די יידישע הייזער, אַרויסגעטריבן די יידן — דאָס איז אין אָרדענונג (דער „פירער" האָט באַפוילן און אַ באַפעל איז הייליק...). אָבער די „ביבל" איז אומבאַ־רירלעך. אויב ער וועט עס טון, גייט זי אַוועק צוריק צו טאַטע־מאַמע און זי וועט דאָ נישט וווינען...

דער נאַצי־גדול האָט, משמעות, נישט געוואָלט צוליב דעם פאַרלירן די אשה און האָט נאָכגעגעבן. זענען די מזוזות געבליבן און זיך דערוואַרט, ביז די פריַערדיקע באַלעבאַטים, זענען צוריקגעקומען פון יענער וועלט.

יאָ, דער ס״ס־מאַן האָט אָבער נישט געקענט ביי זיך אין דער וווינונג מאַכן אויפנאַמעס פאַר זיינע „פאָלקס־גענאָסען״... ווי וואָלט ער זיי גע־בראַכט אין דער דירה, וועלכע איז געווען באַפּוצט מיט פּאָרטרעטן פון „פירער״ און... מזוזות. ער האָט אין זיין (אין דער יידישער) שטוב, נעבעך, זיך געפילט ווי, להבדיל, די מאַראַנען אין שפּאַניע...

גיילינגען

עס איז אַ שטעטל האַרט ביי דער שווייצאַרישער גרענעץ. עס איז נישט סתם אַ שטעטל. עס איז אַ יידיש שטעטל (געווען אַמאָל). הגם די יידן זענען דאָרטן געווען אַ מינדערהייט (400 נפשות פון 1500), איז דאָרטן יאָרנלאַנג געווען אַ יידישער בירגערמייסטער. די סינאַגאָגע, די מקווה און די יידישע שול זענען געווען אין מיטלפּונקט און אַרום זיי די יידישע הייזער.

עס איז געווען אַ בכבודיקע קהילה, ווו יידן האָבן זיך געלעבט אין רחבות. אין 1933 זענען נאָך דאָרטן געווען ביז אַ צענדליק יידישע חברות, צווישן זיי מיט אונדז באַקאַנטע נעמען, ווי: „הכנסת כלה״, „ביקור חולים״, „דבר טוב״, „צדקה״ אאַ״וו. דאָרטן איז אויך געווען איינע פון די גרעסטע און מאָדערנסטע יידישע מושב־זקנים אין דייטשלאַנד.

היינט איז פון דעם קיין זכר נישטאָ. די סינאַגאָגע פאַרברענט; די מקווה פאַרקויפט; די 400 נפשות פאַרטריבן; קיינער פון זיי איז נישט צוריקגעקומען.

גיי איך איבער די געסלעך פון „יידישן״ גיילינגען און עס ווינקען צו מיר פון יעדער טיר די מזוזה־ערטער. זיי רופן און זאָגן:

— זע, דאָ האָט געוווינט משה, חיים, ישראל — היינט זיצט דאָ פריץ, האַנס, הערבערט...

פלוצלינג בין איך שטיין געבליבן ביי אַן איינגעהויקערטער הייזקע, אַ יידישע קליינשטעטלדיקע כאַטקע פון אונדזערע מלך־אביונס שטעטלעך ביי דער ווייסל. אויף דער טיר פון דער דאָזיקער הייזקע פינקלט אַ מזוזה; דער „שדי״ גלאַנצט פון דערווייטנס.

איך בין געווען זיכער, אַז דאָ וווינט אַ ייד — פון די אַלטע תושבים

אָדער עמעץ פון די פּליטים. מיין השערה האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק. עס וווינט דאָרטן אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אַריער, אַ דייטש מיטן סלאַווישן נאָמען וולאַדאַרסקי, אַ שוסטער פון פאַך.

די מזוזה הענגט דאָרטן נישט צופעליק. ער, וולאַדאַרסקי, איז בשעת דער נאַצי־הערשאַפט געווען אין היטלערס אַ קאַצעט, עלף יאָר, פון 1933 ביז 1944. צוריקקומענדיק, האָט ער זיך אַהער אַריינגעצויגן. דאָ, אין דער וווינונג פון געוועזענעם שמש, האָט ער איינגעאָרדנט זיין שוסטער־טישל (אַ לאַטוטניק־וואַרשטאַטל).

ביים באַטראַכטן זיין דירה האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף די דאָזיקע „בלעכלעך" פון די טירן. האָט מען אים דערציילט, אַז דאָס זענען „יידישע דינגע", פאַר וועלכע מען האָט די באַלעבאַטים ערגעץ־ווו פאַרשיקט. טענהט ער, דער געוועזענער „קאַצעטלער", אַז ער וועט דעריבער דאָס דאָזיקע „דינג" האַלטן מיט דעם כבוד, וואָס עס פאַרדינט. זיין פרוי, די שוסטערקע, האָט באַקומען אַ באַפעל (אָן באַפעלן גייט עס נישט), אַז יעדן זונטיק מוז דאָס „דינג" געפּוצט ווערן, אַזש עס זאָל בלאַנקען. אמת, שכנים לאַכן אים אויס, וויצלען זיך, אָבער עס אַרט אים נישט — ער איז מלא שמחה, וואָס עמעץ פון דער פרעמד האָט באַמערקט דאָס דאָזיקע פינקלענדיקע „קולט־געגעט דער יודען"...

**
*

צוויי פאַרשידענע געשיכטעס, — צוויי באַזונדערע אופנים, איינע אין ווירטעמבערג, די צווייטע אין באַדען. ביידע אָבער דערציילן וועגן מזוזות, וואָס האָבן איבערגעלעבט... ווער וויס, אפשר זענען דאָס שוין היינט נאָר ליידיקע שיידלעך; אפשר זענען שוין די פרשיות פסולע; אָבער דעם צייכן דעם סימן פון געוועזענעם לעבן האָט די צייט און די רשעות נישט אָפּגעמעקט און דערמאָנט אָן דער „פאַרשווונדענער לאַנדשאַפט".

דער כותל־מערבי אין פלאַניג

פאַראַן אַ פאָפּולערער אַנעקדאָט: איינעם וואָס איז געקומען פון אַ באַזוך אין ארץ־ישראל האָט מען געפרעגט — ווי זעט עס אויס דער כותל־מערבי? יענער האָט געענטפערט: — אָט, ווי אַלע כותל־מערבים.

דער דאָזיקער, אין גרונט גענומען וויץ איז גאָר קיין וויץ נישט — עס זענען פאַראַן אַ סך כותל־מערבים. זיי זענען נישט דווקא קיין מערב־ווענט און אָפּטמאָל נישט איין חרובע וואַנט פון אַ געוועזענעם טעמפּל, נאָר אַלע פיר ווענט, וואָס פאַרדינען דעם דאָזיקן נאָמען: כותל־מערבי.

וועגן איינעם פון די דאָזיקע סך „כותל־מערבים" וועל איך דאָ דערציילן.

דאָס דערפל פלאַניג האָט נישט פיגורירט אויף מיין לאַנדקאַרטע פון דער פאַרשווּונדענער יידישער לאַנדשאַפט אין מדינת אשכנז. איך האָב אַפילו נישט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ מקום בפרט, אַז דאָרטן זאָל זיין אַ יידישער ישוב, וואָס נאָך אים איז עפּעס איבערגעבליבן.

ערשט מאַקס איינשטיין, דער געשעפט־פירער פון דער יידישער געמיינדע אין מאַינץ, וואָס האָט די השגחה אויף אַלע יידישע הפקרלאָזע און יורשימלאָזע גיטער (הן פון יחידים, הן געזעלשאַפטלעכע) אין דעם גאַנצן געגנט, האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס וואָלט פאַר מיינע פאַרשונגען געווען גאָר וויכטיק זיך צו באַקענען מיט דער וווּנדער־סינאַגאָגע וואָס געפינט זיך אין פלאַניג.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערהערט דעם נאָמען פון אַזאַ מקום. איך האָב אָנגעהויבן קאָנטראָלירן אַלע מינים רשימות פון די געוועזענע יידישע קהילות און האָב דאָרטן נישט געפונען אַזאַ פונקט. ערשט אין די פאַר־

עפנטלעכונגען פון דער ביוראָ פאַר סטאַטיסטיק פון די ייִדן אין דייטש־לאַנד האָב איך געפונען אַ נאָטיץ, אַז אין פלאַניג זענען געווען אין יאָר 1895 — 12 ייִדן און אין יאָר 1905 — 14 ייִדן. אָנהויבנדיק ציִען ווייטער־דיקע פעדים פון דער געשיכטע פון די ייִדן אין דאָזיקן אָרט, האָב איך געפונען אַ דאָקומענט ווו עס ווערט איבערגעגעבן די צאָל ייִדן אין די שטעט פון לינקרהייניִשן דעפּאַרטאַמענט אין די יאָרן 1806—1808 און דאָרטן האָב איך געפונען, אַז דאַן איז אין פלאַניג געווען אַ ייִדישע קהילה מיט 12 משפחות.

דאָס אַלץ האָב איך זיך געקענט דערוויסן וועגן דעם מקום, ווו עס זאָל זיך געפינען, נאָך די רייד פון מאַקס איינשטיינען, אַ וווּנדער־סינאַגאָגע.

מאַקס איינשטיין אַליין איז דאָרטן נישט געווען, ער האָט עס נאָר געהערט איבערדערציילן. דער דאָזיקער פונקט איז אַזאַ פאַרוואָרפענער, אַז מען האָט מיר אַפילו נישט געקענט גענוי אויפקלערן ווי אַזוי מען דער־שלאָגט זיך אַהין.

ערשט ביי מיין באַזוך אין באַד־קרויצענאַך (וואָס הייסט ביי די דייטשע ייִדן צלם־מקום און די אָרטיקע דייטשן רופן עס אויך „ציילנמוקען") האָב איך זיך דערשלאָגן צו פלאַניג. דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז די פירער פון דער באַד־קרויצענאַכער געמיינדע האָבן נישט געוווּסט, אַז אין פלאַניג, וואָס ליגט אינגאַנצן אַ 7 קילאָמעטער פון זיי, זאָל זיין אַ „וווּנדער־סינאַ־גאָגע". זיי האָבן געצווייפלט אין דער גאַנצער געשיכטע און עס געהאַלטן פאַר אַ מיספאַרשטייעניש.

פונדעסטוועגן האָט זיך דער פאַרזיצער פון דער באַד־קרויצענאַכער קהילה, אַנטאָן מילער, נישט אָפּגעזאָגט און מיר האָבן געמאַכט אַ נסיעה אין פלאַניג.

פון דעם דאָזיקן באַזוך זענען אַריבער יאָרן. איך האָב שוין געהאַט הינטער זיך הונדערטער און הונדערטער אַנדערע באַזוכן; זיך אָנגעזען מיט אָן אַ שיעור שוידער־ און קוריאָז־בילדער און פונדעסטוועגן קאָן איך נישט פאַרגעסן פלאַניג און איר באמת גרויסן וווּנדער — די חורבה פון דער דאָרטיקער סינאַגאָגע. דער אויפשוידער וואָס מען לעבט איבער שטייענ־דיק אין דער דאָזיקער חורבה איז נישט צום שילדערן — טאָקע כותל־מערבים אין מערצאָל.

אין דער שפּראַך פון פאָלק, אויפן אָרט, הייסט טאָקע די דאָזיקע געביידע, די דאָזיקע פאַרוואָרלאָזטע חורבה, „די קלאָגע וואַנט" — די יאָמערוואַנט.

איצט, ווען איך פּרוּוו שטעלן אַ דענקמאָל דער פאַרשווּנדענער לאַנד־

שאַפּט, פֿאַדערט זיך דאָ אַריינצונעמען דעם פּלאַניגער „כותל־מערבֿי״. און דערציילן מיט אַ סדר, מיט אַ טאַלק, די יעניקע פּרטים וואָס מען קען באַשרייבן.

**
*

ווען מיר זענען געקומען אין אַ זומער פֿאַרנאַכט אין פּלאַניג האָבן מיר לאַנג נישט געדאַרפֿט זוכן דעם פּלאַץ. מיר האָבן געפֿרעגט דעם ערשטן בעסטן דורכגייער, ווו עס געפֿינט זיך די געוועזענע יידישע סי־נאַגאָגע. ער האָט אונדז, מיט אַ מאָדנער איינגעהאַלטנקייט, ווו עס איז געווען סיי נייגיר, סיי שרעק, אָנגעוויזן ווהין מיר זאָלן אַריינפֿאָרן — אין דער וויקטאָריאַ־שטראַסע וועט שוין אונדז יעדער וויזן די... קלאַגע מויער.

ווייבאַלד די „קלאַגע מויער״ איז דאָ אַזוי פּאָפּולער זענען מיר געוועזן זיכער, אַז לאַנג זוכן וועלן מיר עס נישט דאַרפֿן. זענען מיר עטלעכע מאָל דורכגעפֿאָרן די קורצע וויקטאָריאַ־שטראַסע און נישט באַמערקט קיין שום „קלאַגע וואַנט״ — קיין שום געביידע האָט נישט פֿאַראַטן, אַז דאָ זאָל עס זיין אַ געוועזענע יידישע סינאַגאָגע.

מיר האָבן אָנגעפֿרעגט אַ פֿאַרבייגייער. דער האָט מיט נאָך מער מורא אונדז אָנגעקוקט אָבער האָט אונדז צוגעפֿירט צו אַ פֿאַרשלאָסענעם הויף. דער שליסל האָט זיך געפֿונען ביי אַ שכן. יענער האָט געעפֿנט די טיר פֿון הויף און איז אינעווייניק נישט אַריין. אַרום אונדז האָט זיך אויפֿ־געקליבן אַ געזעמל, וואָס האָט מיט פֿאַרוווּנדערונג געקוקט ווי אַזוי מיר גייען אַריין אין הויף. קיינער פֿון זיי איז נישט מיטגעגאַנגען. די סיבה האָבן מיר זיך שפּעטער דערוווּסט.

דאָס וואָס מיר האָבן געטראָפֿן אינעווייניק האָט ממש איבערראַשט, אַזוינס האָבן מיר זיך נישט געריכט צו זען. איך האָב שוין געזען חורבֿות פֿון געביידעס, צעשטערטע סינאַגאָגעס, האַלב־צעפֿאַלענע טעמפּלען — דאָ איז עס גאָר אַנדערש.

אַ געביידע מיט אַרויסגעריסענע טירן און פֿענצטער, פֿאַר דער אַריינ־גאַנג־טיר אַ באַרג מיט שטיינער, נישט אַרויסגעריסענע נאָר אַראָפּגע־קרישלטע פֿון די ווענט. דער דאַך אַ צעלעכערטער און האַלב־איינגעבראָ־כענער. מיר זענען אַריין אין דער חורבה.

עס האָט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ בילד נישט צום פֿאַרגעסן. האַלב חרובֿ זענען שוין די ווענט, עס פֿאַלן אָפּ שטיקער טינק און פֿונ־דעסטוועגן איז נאָך אַלץ געבליבן די וווּנדער־מאַלעריי מיט וואָס זיי זענען באַצירט.

אויף וואָס פריִער צו קוקן? אויף די פאַרבן, אויף די קווייטן, אויף די אָרנאַמענטן? אָדער אויף די אויפשריפטן, אויף די נוסחאות פון די תפילות מיט די כל־המינים ראשי־תיבות וואָס זענען דאָרט אַריינגעפלאָכטן?

אַנטאָן מילער, דער פאָרזיצער פון דער באַד־קרויצנאַכער קהילה, דער יעניקער וואָס איז אַדורך די שוידערלעכסטע גיהנומס פון די נאַציס האָט זיך איינגעבראָכן ער האָט זיך אויסגעצויגן ביים אָפענעם לאָך פון דער מזרח־וואַנט, ווו עס איז אַמאָל געווען דער ארון־קודש, האָט אַרומגענומען די ברוכשטיקער און האָט זיך צעיאָמערט...



די מזרח־וואַנט פון דער סינאַגאָגע־חורבה אין פלאַניג. אינמיטן דער פלאַץ ווו עס איז געווען דער ארון־קודש.

וואָס איז אַלץ נישט געווען אויף די ווענט פון דער דאָזיקער חורבה וואָס האָט געהאַט נאָר 2 פענצטער, אין דער דרום־זייט. יעדעס ווינקל פון די ווענט איז געווען באַצירט, באַצייכנט, באַמאָלט, באַפוצט.

איך האָב אָנגעהויבן אָפשרייבן די זעלטענע אויפשריפטן וואָס מען טרעפט זיי נישט אין ערגעץ. מיר באַשליסן, אַז מיר מוזן מאַכן גענויע פאָטאָגראַפיעס פון דעם אַלעמען.

מיר גייען אַרויס פון הויף, כדי זיך נאָכצופרעגן, צי איז דאָ אין פלאַניג פאַראַן אַ פאָטאָגראַף. דאָס געזעמל איז אויסגעוואַקסן. אַלע קוקן אויף אונדז ווי אויף עפּעס אויסטערלישע ברואים.

— יאָ, אַ פאָטאָגראַף איז דאָ פאַראַן, אָבער ער וועט עס נישט פאָטאָגראַפירן, קיינער וועט אין דעם דאָזיקן געוועזענעם טעמפּל נישט אַריינגיין...

***

מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין פלאַניג און אין דעם גאַנצן אַרום ווערן דערציילט אָן אַ שיעור שווידער־לעגענדעס אַרום דער דאָזיקער סינאַגאָגע.

קיינער ווייס נישט ווען זי איז געבויט געוואָרן. אפשר טאַקע יענע ייִדן פון פאַר 150 יאָר צוריק, די יעניקע משפּחות וואָס ווערן דערמאָנט אין דער ציילונג פון 1806. שוין גאָר לאַנג וווינען דאָ נישט קיין ייִדן. ייִדן האָבן דאָ קיינמאָל נישט געהאַט קיין בית־עולם, מען האָט געפירט די טויטע קיין באַד־קרויצענאַך. מיט אַן ערך 50 יאָר צוריק האָט מען דאָס לעצטע מאָל געדאַוונט אין דער סינאַגאָגע. פאַקטיש געפינט זי זיך אין אַ הינטער־שטיבל, פון פאָרנט האָט דאָ געוווינט דער „שולדינער" — דער שמש.

דאַן, מיט אַ 50 יאָר צוריק איז ער אַוועקגעפאָרן און עס איז געוואָרן אויס מיט די לעצטע ייִדן. איינער האָט אָפּגעקויפט דאָס הויז מיט דער סינאַגאָגע.

און דאַן, מיט 50 יאָר צוריק איז עס געשען — ווען דער זון פון דעם נייעם דייטשן בעל־הבית האָט געוואָלט באַזייטיקן דעם הענגלאָמפּ, וואָס עס איז געוועזן אין דער סינאַגאָגע, איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיק פון סופיט און אים דערהרגעט. ווען מען איז אויף זיינע קולות געקומען אים אַרויסשלעפּן פון אונטערן ברוך האָט אַ צווייט שטיק פון דעם סופיט צעשפּאָלטן דעם קאָפּ ביי זיין מוטער.

מען האָט איבערגעבויט די פאָדערשטע געביידע און צו דער סינאַגאָגע האָט מען זיך נישט צוגערירט.

אין נאָוועמבער 1938, בעת דער „קריסטאַל־נאַכט" האָבן די אָרטיקע נאַציס געפּרוווט מאַכן אַ סוף צו דער „סינאַגאָגע", וואָס איז נאָך דאָ געוועזן — צו דער חורבה וואָס האָט אַלעמען געשראָקן. און דאַן איז געשען דאָס אומגלויבלעכסטע: ווען דער שטורעם־פירער האָט מיט אַ לאָם אָנגעהויבן

ברעכן די וואַנט פון דער סינאַגאָגע (פאַרברענען האָט מען נישט געקענט, ווייל אין דער נאָענטער שכנות אַרום און אַרום האָבן געוווינט דייטשן) האָט זיך אָפּגעקרישלט אַ שטיין פון דער טיר, דער אויבערשטער, וואָס פאַר־אייניקט ביידע ביישטידלען און אויפן אָרט אים צוגעקוועטשט אויף טויט. די יעניקע וואָס זענען אים געקומען העלפן זענען צעדריקט געוואָרן פון די דאָך־קראָקוועס וואָס האָבן זיך אויף זיי אַ שאָט־געטון...

פון דאַן אָן גייט קיינער נישט אַריין אין דאָזיקן הויף וואָס זייט שרעק און טויט...

„פרומע" דייטשקעס קומען אַמאָל אַהער און קניִען ביים טיר, בעטן רחמים...

אָט פאַרוואָס מען האָט אונדז אַזוי אויסטערליש אָנגעקוקט, פאַרוואָס זיי האָבן עס מיט אַזעלכע פאַרוואונדערטע אויגן געקוקט ווי מיר גייען אַריין אַהין, און מיר גייען אַרויס צוריק גאַנץ...

דער אָרטיקער פאָטאָגראַף האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מאַכן אויפנאַמעס וואָס זאָלן פאַראייביקן די רעשטן פון אַ קונסט־ווונדער, וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג צעשאָטן. מיר האָבן געבראַכט אַ פאָטאָגראַף פון באַד־קרוי־צענאַך — דעם קונסט־פאָטאָגראַף סאוואַצקי פון דער קרויצנשטראַסע אין „צלם־מקום". ער האָט יעדעס ווינקעלע אַרויפגעכאַפּט אויף די קליי־שעען. אַרויסגעכאַפּט פון פאַרניכטונג און פאַרגעסנקייט די דאָזיקע איבער־בלייבעכצן פון אַ פאַרשווונדענער לאַנדשאַפט וואָס ווערט אויך אָפּגעווישט.

אַ פּאָר ווינקלען פון דעם דאָזיקן כותל־מערבי אין פלאַניג ברענג איך דאָ. וועגן דעם — אַ פּאָר ווערטער.

נישט וועגן די אָרנאַמענטן און זייערע קאָלירן — עס איז אַ טעמע פאַר קונסט־פאָרשער, פאַר אַ קינסטלערישער מאָנאָגראַפיע. עפּעס נאָר וועגן די ראשי־תיבות וואָס זענען דאָרטן אַריינגעוועבט.

אין דער ערשטן דרום־פענצטער, גאָר אויבן געפינט זיך דאָס וואָרט שמע און אונטן ווערט אויסגעטייטשט, אַז דאָס מיינט שחרית, מנחה ערבית!

אין דער צווייטער וואַנט פון אויבן, איז דאָ דאָס וואָרט דמשק און אונטן די פאַרטייטשונג: דע מי שהוא קונך.

ביים אַריינגאַנג רעכטס איז אין וואַנט איינגעמויערט אַ צדקה־פושקע. איבער איר מיט גרויסע אותיות גאלה מביא און אונטן אויך פאַרטיי־טשונגען. גאלה מיינט:גיבט אָרעמע לייט הײמלעך (גיט נדבות מיט אַ ברייטער האַנט) מביא מיינט: מתן בסתר יכפה אף (נדבות אין דער שטיל שטילט דעם כעס).

ביים אַריינגאַנג, לינקס אין דרויסן איז נאָך פאַראַן איינגעמויערט דער „חתונה־שטיין״, ביי וועלכן מען פלעגט געבן חופה־וקידושין; אויף אים זענען אויסגעקריצט די ראשי־תיבות פון קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה...



די צוויי פענצטער פון דער מזרח־וואַנט אין דער פלאַניגער סינאַגאָגע־חורבה מיט די ראשי־תיבותן.

דאָ האָט געוווינט דער מיכעלשטאַטער בעל־שם

מיכעלשטאַט, אַ שטעטל ווי אַנדערע. דאָ איז געווען אַ קהילה ווי אין אַנדערע טויזנטער שטעט אין דייטשלאַנד און אויך ווי פון אומעטום זענען ייִדן פון דאָזיקן שטעטל אין געגנט אָבענוואַלד (העסען) „פאַרשוווּנדן" — „זי זינד וועק", וואָס דאָס מיינט, דאַרף מען דאָך נישט דערציילן.

באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, אַ קייט פון ראַנגלענישן פאַרן ייִדישן קיום, פאַרן אויפהאַלטן דעם גוף און פאַרן פאַרפעסטיקן די נשמה. מיט 300 יאָר צוריק, אין יאָר 1650 זענען דאָרט בסך־הכל געווען 2 ייִדישע משפחות; מיט 100 יאָר שפּעטער, אין 1750, זענען עס שוין געווען זיבן; מיט שפּעטערע 100 יאָר — שוין עטלעכע צענדליק.

ווען די ברוינע בעסטיע איז געקומען צו דער מאַכט, האָט מיכעלשטאַטער קהילה געהאַט נײַנציק נפשות, אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג־צאָל פון קרוב 4000.

היינט — קיין איינציקער ייִד!

טאָ וואָס איז פאַראַן צו זוכן אין אַזאַ מקום? וואָס קאָן מען דאָרט געפינען? ווידער אַ פאַרוואָרלאָזטן בית־עולם און נאָכאַמאָל אַ פאַריתומטע סינאַגאָגע.

אָבער עס לוינט אַהין זיך אַראָפּצוכאַפּן; עס איז די שטאָט פון מיכעלשטאַטער בעל־שם. שוין העכער 100 יאָר ווי ער לעבט נישט, אָבער זיין שם איז נאָך אַלץ אין דער גאַנצער געגנט פאַרשפּרייט. עס זענען אָנגעזאַפּט מיט זיין נאָמען די דערפער און שטעטלעך; עד־היום ווערן פון מויל צו מויל, צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג, איבערגעגעבן די וווּנדער־געשיכטעס וואָס ער האָט אויפגעטון.

זיכער האָט דער רוב פון אונדזערע ייִדן, בפרט פון די ייִנגערע דורות, וועגן אַזאַ בעל־שם נישט געהערט. ער איז אָבער בשעתו, בעת זיין לעבן און נאָך זיין טויט, ווייט און ברייט געווען באַקאַנט נישט נאָר צווישן די ייִדן אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין די שכנותדיקע לענדער; ער האָט אויך געהאַט אַ סך פאַרערער צווישן די נישט־ייִדן.

דער מיכעלשטאַטער
בעל־שם
ז ע ק ל ־ ל י י ב
ו ו אָ ר מ ס ע ר

דער מיכעלשטאַטער בעל־שם, זיין נאָמען איז געווען זעקל־לייב (יצחק) וואָרמסער, איז געבוירן אין יאָר 1768 אין מיכעלשטאַט, אין אַן אביונישער משפחה, וואָס האָט געצויגן איר יחוס פון רש״י. זיין זיידע איז געווען דער בשעתו באַרימטער בעל־מקובל רבי אליהו לאָאַנץ, וועל־כער איז געווען באַקאַנט ווי רבי אליהו בעל־שם. (געבוירן אין 1555 אין פראַנקפורט, און געשטאָרבן אין 1636 אין וואָרמס, וווּ עס איז עד־היום פאַראַן די מצבה אויף זיין קבר; מחבר פון קבלה־ספרים און פירושים אויפן זוהר און רבינו בחייס „חובת הלבבות״).

וועגן געבורט פון דעם מיכעלשטאַטער בעל־שם האָב איך, בעת מיין באַזוך אין מיכעלשטאַט, ביים דאָרטיקן אַרכיוו־ראַט בוקעסנבוים, געלייענט אַ דייטשן כתב־יד, וווּ עס ווערט דערציילט אַ וווּנדערבאַרע געשיכטע.

— אין 1767 זענען אין בית־המדרש פון מיכעלשטאַט פאָרגעקומען וואַלן פון אַ גבאי. דער דאָזיקער אַמט איז, ווי עס איז דאָרטן געווען דער שטייגער, פאַרקויפט געוואָרן און די קהל־מיטגלידער האָבן צווישן זיך

דעם פרייז פאַרשטייגערט. אַן אָרעמער ייִד, זיין נאָמען איז געווען מתתיהו, האָט דווקא געוואָלט איינהאַנדלען פאַר זיך דעם דאָזיקן כיבוד. זיין „קאָנ־קורענט" איז געווען אַ צווייטער קבצן קאַפּל. די סומע פון מתתיהו איז דערגאַנגען ביז אַכט גילדן און עס האָט געהאַלטן, אַז ער זאָל טאַקע ווערן גבאי. דאָס האָט פאַרדראָסן דעם אָרטיקן פּרנס שפּייער, וועלכער האָט אויסגערופן, אַז ער קויפט אָפּ דעם דאָזיקן כיבוד און ער באַצאָלט דערפאַר מיט איין גילדן מער וויפיל עס באַטרעפט דער גאַנצער פאַרמעגן פון מתתיהון.

אַ קהל־קאָמיסיע האָט אויפצומאַרגנס אָפּגעשאַצט מתתיהוס פאַרמעגן, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין האַלב הויז, צוזאַמען מיטן מעבל מיט די מלבושים, קיך־געשיר און אַנדערע מטלטלים האָבן די ווערט פון 350 גילדן. דער פּרנס שפּייער האָט, ווי ער האָט אויסגערופן, באַצאָלט 351 גילדן און געוואָרן דער גבאי.

דערציילט ווייטער די געשיכטע, אַז מתתיהוס צער און בזיון איז פאַרגיטיקט געוואָרן. מיט אַ יאָר שפּעטער, 1768, איז ער אויף דער עלטער געבענטשט געוואָרן מיט אַ בן־זקונים (עס איז געווען דאָס ניינטע קינד). דער דאָזיקער ייִנגל איז נאָכדעם טאַקע באַרימט געוואָרן ווי דער מיכעל־שטאַטער בעל־שם.

עד כאן די דאָזיקע פאַרצייכעניש. הונדערטער אַנדערע מעשיות, איי־נע שענער פון דער אַנדערער, ווערן דערציילט וועגן זיין חכמה און גוטס־קייט; וועגן זיינע מופתים און וווּנדער; וועגן זיין געלערנטקייט און דערביי זיין גרויס עניוות, זיין פּשוטקייט.

שוין ווי אַ קינד ווערט ער באַרימט מיט זיין שאַרפזיניקייט. איינע פון די פּאָפּולערסטע געשיכטעס, וועלכע ווערט איבערגעגעבן אין פאַרשי־דענע נוסחאות, איז די יעניקע, וואָס דערציילט, ווי זעקל־לייב, אַ 10־יאָרי־קער ייִנגל, האָט געפירט וויכוחים וועגן אמונה־ענינים און וועלטלעכע וויסנשאַפטן מיטן גראַף פון ערבאַך־פירשטענאַו. די שררה צו וועמען מי־כעלשטאַט האָט געהערט.

אין דער ישיבה (פראַנקפורט) איז ער געווען פון די עילויים; חוץ מיט נגלה האָט ער זיך אויך באַשעפטיקט מיט נסתר, מיט קבלה. דערביי איז ער געווען זייער באַהאַוונט אין וועלטלעכע ענינים (מאַטעמאַטיק, נאַ־טורוויסנשאַפט און אַפילו מוזיק).

ער וואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד; ער פאַרנעמט זיך מיט מלמדות ביז ער קומט אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט אין זיין

היימשטעטל, מיכעלשטאָט, און גרינדעט דאָרט אַ ישיבה. עס איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע פאַר אַ קהילה, וואָס האָט דאַן געציילט ביז 20 משפחות, אויסצוהאַלטן די 70 ישיבה־בחורים, וועלכע זענען געקומען לערנען צום באַרימטן זעקל־לייב. ז. ל. וואָרמסער פלעגט אַרומפאָרן איבער דער מדינה און קלייבן געלט און פּראָדוקטן פאַר די בני־תורה.

אין 1810 מוז ער ליקווידירן די ישיבה און באַזעצט זיך אין מאַנהיים (באַדען). דאָ וואַקסט אויס זיין פּאָפּולאַריטעט ווי אַ וווּנדערמאַן, וועלכער העלפט נישט נאָר חולי־הנפש, נאָר אויך די חולי־הגוף. כל־המינים קריפּלען, עקרות, בלינדע, פּאַראַליזירטע ציִען זיך פוןביידע זייטן רהיין און מאַין קיין מאַנהיים. ער טרייבט אַרויס דיבוקים; ער באַפרייט אומגליקלעכע, וועלכע זענען געפּענטעט געוואָרן אין דער נעץ פון שדים, רוחות און מזיקים. אַדטיקע דייטשע פאָלקלאָריסטן האָבן הונדערטער פאַרשריבענע מופתים, וועלכע ווערן אין דאָרף און דערפל דערציילט וועגן זעקל־לייבן.

דערביי האָט ער נישט געהאַט קיין הנאה פון די שיינע מתנות וועלכע מען פלעגט אים מיט אַ ברייטער האַנט ברענגען. ער איז דעריבער שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה קבצנים און אָרעמעלייט; אַרומוואַנדערנדיקע בעטלער, וועלכע פלעגן קומען נהנה זיין פון די געשאַנקען, וועלכע ער פלעגט עס נישט אָננעמען. די דאָזיקע נע־ונדניקעס פלעגן נאָך מער דעם רום פון בעל־שם פאַרגרעסערן, פאַנאַנדערפירן זיינע וווּנדער איבער דער גאַנצער וועלט.

ער איז געווען אַ צער־בעלי־חיימניק. ער האָט צו 18 יאָר אויף זיך גענומען אַ נדר נישט צו עסן קיין פלייש, ביז זיין טויט האָט ער עס אָפּגעהיט.

אין יאָר 1822 קומט ער צוריק קיין מיכעלשטאָט, ווו ער ווערט אויפגענומען פאַר אַ רב. פון דאַן איז דאָס געוואָרן דער צוציִונגס־אָרט פאַר טויזנטער פּילגרימען, יידן ווי ניט־יידן. צעבראָכענע גופים און צעווייטיקטע נשמות פלעגן אונטערטראָגן זייערע פיינען דעם דאָרטיקן בעל־שם.

יעדער, ווער עס פלעגט צו אים קומען, איז אַרויס אַ געטרייסטער. ער אַליין האָט אָבער געהאַט אַ פינצטער און ביטער לעבן. שטענדיק אין דחקות. זיין פאַרמעגן, בעיקר אַ ריזיקע ביבליאָטעק, איז פאַרברענט געוואָרן. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין מזל צו קינדער. ער, וועמענס ברכות עס האָבן געהאָלפן עקרות, האָט פאַר זיין לעבן געבראַכט צו קבורה זיינע אייגענע פערצן קינדער.

געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1847.

בין איך געקומען, העכער 100 יאָר נאָך זיין טויט, אין מיכעלשטאָט. אָט איז די מאָוערשטראַסע. דאָ האָט געדאַרפט זיין די שול, אין וועלכער דער בעל־שם האָט געדאַוונט. צי וועל איך זי נאָך טרעפן? יאָ, זי איז דאָ. אַן אָפּגעלאָזטע, אויסגעהאַקטע שויבן, אָבער ריין, אַרומגעקערט אַרום און אַרום; אַ פאַרוויינטע, פאַרצוקטע אלמנה, וועלכע האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן יום־טובדיקע טרויער־מלבושים; ס׳בלאַנקען די האַלב־אָפּגעריבענע באַגלידעטע אותיות איבערן אַריינגאַנג פון דער שול: „מה טובו אוהליך יעקב״, ווי וויל זענען דיינע געצעלטע יעקב...

גייען פאַרביי קליינע דייטשלעך, יינגלעך מיט מיידלעך, לויפן אין פאָלקסשול אַריין, טו איך אַ פרעג:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געביידע?

— וואָס הייסט, איך וויים נישט? דאָס איז דאָך די סינאַגאָגע „דעס באַלשעמס״. און זיי פאַרשטייען, אַז איך בין אַ פרעמדער, און עס שיט זיך אַרויס אַ קרענצל מיט געשיכטעס און מופתים. „אַפּאַ״ (דער זיידע) און „אָמאַ״ (די באָבע) האָבן דערציילט, און „פאַטי״ און „מוטי״: בלינדע האָט ער זעעוודיק געמאַכט, אויך זיין באָבע איז געווען בלינד...

אַ פּאָליציאַנט פירט מיך צום הויז, ווו דער בעל־שם האָט געוווינט אויף ערבאַכער שטראַסע. היינט וווינט דאָרט אַ נאָטאַר, אַ דייטש זיסס (נישט אויסמישן מיט דער משפחה פון „ייד זיס״). אויפן פראָנט פון הויז געפינט זיך אַ רויטער שטיינערנער טאָוול, אויף וועלכן עס זענען אויסגעקריצט די ווערטער:

In diesem Haus wohnte der Menschenfreund
S. L. WORMSER
vom Jahre 1826 bis zu seinem Tode 1847
Gewidmet von seiner Vaterstadt Michelstadt.

דער דאָזיקער טאָוול איז אין יאָר 1910 איינגעמויערט געוואָרן. אין 1936 איז ער, פאַרשטייט זיך, געוואָרן טריף, מען האָט דעם באַלעבאָס פון הויז געעצהט, אַז ער זאָל דאָס דאָזיקע „יודענדינג״ אַראָפּנעמען. האָט ער עס נישט זייער שנעל געמאַכט, האָט מען דעם טאָוול באַוואָרפן מיט שטיינער. ער האָט עס אַראָפּגענומען און באַהאַלטן אין קעלער פון הויז.

אין 1945 האָט מען דעם שטיין פון דער באַהעלטעניש אַרויסגענומען, און היות ער איז געווען אַ צעניזוקטער, האָט מען נאָך זיין מוסטער געמאַכט אַ צווייטן און אים אין יאָר 1947, צו דער הונדערטסטער יאָרצייט פון בעל־שם, אויפן פייערדיקן אַרט אויפגעהאַנגען.

בין איך נאָך דעם געווען אויף דעם ייִדישן בית־עולם: אַ דיקער שניי האָט דאַן פאַרדעקט די אַלטע קברים און אויסגעקרומטע מצבות. אויף דעם בעל־שמס קבר האָב איך באַמערקט פרישע בלומען. פון קדמונים איז דאָ איינגעפירט, דערציילט מיר דער דייטשער וועכטער פון בית־עולם, אַז מען לייגט בלומען אויפן „גראַב דעס וווּנדערמאַנס". די דייטשן, (בעיקר זייערע פרויען), האַלטן עס פאַר אַ סגולה. זייער אָפט טרעפט, ווען אַזאַ דייטשקע קומט אַהער מתפלל זיין. נישט זעלטן ברענגט מען אַהער ליכט־לעך, וועלכע מען שטעלט אַוועק אויף דער מצבה. סימנים פון פאַרטריפטן חלב און סטערין איז צו באַמערקן.

נישט געקוקט אויף דעם, איז פונדעסטוועגן דער דאָזיקער קבר דורך „שפּילענדיקע קינדער" אַ פּאָר מאָל געשענדעט געוואָרן.

ביים סוף האָט מיך נאָך דערוואַרט אַ סיורפּריז. מען האָט מיך מכבד געווען מיט... זעקל־לייב באַרנעס...

דער טאָוול אין הויז וווּ ס'האָט געוווינט דער בעל־שם.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דער דאָזיקער געגנט ווערט דורך די אויבסט־הענדלער קולטיווירט אַ ספּעציעלער סאָרט באַרנעס, וועלכער הייסט „זעקל־לייב באַרנעס", אויפן נאָמען פון בעל־שם. דער דאָזיקער סאָרט ווערט פאַרצייכנט אין פּרייז־קוראַנטן, איז באַקאַנט אין דער טערמינאָלאָגיע פון די פרוכט־הענדלער.

דער אַרכיוו־ראַט, וועמען איך האָב צו פאַרדאַנקען סיי די מעגלעכ־

קייט פון אַרייַנבליקן אין די אַקטן פון 300 יאָר ייִדיש לעבן אין מיכעל־שטאָט האָט מיר דערציילט וועגן די דאָזיקע באַרנעס אָט־וואָס: עס איז בקבלה, אַז דער בעל־שם האָט זיך גענערט נאָר מיט גרינס און פרוכט. זיין ליבלינג־שפּייז איז אָבער געווען באַרנעס. ער האָט געהאָט אַ באַרנע־בוים ביי זיך אין הויף וואָס שטייט נאָך עד־היום. עס איז געווען אַן אַנדער סאָרט באַרנעס, ווי אַלע אַנדערע מינים, וועלכע זענען באַקאַנט. די דאָזיקע באַרנעס האָבן די אייגנשאַפט צו היילן אַלע מינים חולאתן. פויערים האָבן גענומען צווייגלעך פון דאָזיקן בוים און עס ביי זיך אַנטוויקלט.

איך בין געווען אין אַ רייע דייטשע הייזער און אומעטום געטראָפן די בילדער פון בעל־שם. ער הענגט אויפן בכבודיקסטן אָרט אין שטוב.

— יאָ, דער בעל־שם איז עפּעס אַנדערש; אים האָט מען עס צו פאַר־דאַנקען, וואָס די שטאָט איז אויסגעהיט געוואָרן פון שריפות און דעריבער האָט מען גאַנץ געלאָזן די סינאַגאָגע; זיין פאַרדינסט איז עס, וואָס די שטאָט האָט אויסגעמיטן מגיפות — דערפאַר ווערט זיין קבר אָפּגעהיט. עלעהיי די ייִדן? — „דאָס וואַר דאָך העהערע קראַפט, באַפעל!״...

דאָס הויז ווו ס'האָט געוווינט דער בעל־שם פון מיכעלשטאָט.

איכה ישבה בדד עהינגען ביים דאַנאַו

בעת מיינעם אַ באַזוך אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער ביוראָ וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויפזוכן און אָפּנעמען ביי די דייטשן די צוגעגזלטע ייִדישע אוצרות, האָט זיך צו מיר געוואָנדן איינער פון די ייִדישע אַמעריקאַנער אָפיצירן, צי וואָלט איך נישט געוואָלט זיך מיטכאַפּן מיט אַ מיליטערישן „מאַרש“ לענגאויס דעם דאָנאַו.

עס איז געווען בעת איינע פון די געוויינלעכע מאַנעוורעס פון די אַליאירטע אַרמייען אין מערב־דייטשלאַנד. איך האָב זיך געלאָזט צורעדן, בפרט איך האָב געהאַט מיינע אויסרעכענונגען, אַז איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט צו זיין אין אַ ריי פונקטן, וואָס איך האָב געהאַט אין מיינע רשימות.

די פּאָרמאַציע צו וועלכע מייקל נעלסאָן (אַזוי האָט געהייסן דער דאָזיקער ייִדיש־אַמעריקאַנער אָפיציר, אַ זון פון איינער פון די טוער פון דעם אַרבעטער־רינג אין פילעדעלפיע), האָט געהערט איז געווען פון דער „בלויער“ אַרמיי און האָט אָפּערירט אין ווירטעמבערג; די דאָזיקע „בלויע“ האָבן עס געדאַרפט פאַרנעמען די טעריטאָריע פון די „געלע“, וואָס זענען געווען אין בייערן.

אונדזער „בלויע“ דיוויזיע האָט זיך באַוועגט מיטן לויף פון דאָנאַו. זיך דערנענטערט צום „שונא“ אין דער ריכטונג פון אולם.

די גאַנצע „סטראַטעגיע“ האָט מיך נישט אינטערעסירט, אגב האָב איך גאָר ווייניק פאַרשטאַנען פון דער דאָזיקער „בלוי־געלער“ מלחמה־שפּיל, הגם איינמאָל בין איך אַפילו אַריינגעפאַלן צו די „געלע“ אין „געפאַנגענשאַפט“.

אָנגעהויבן האָט זיך דער „אַרויסמאַרש" פון דאָנאַוּעשינגען, איינע פון די שענסטע פונקטן אין באַדען. עס איז דער זיצאָרט פון דעם אַדלשטאַם פירשטענבערג. דאָ הייבט זיך אָן דער דאַנאַו, און דערפאַר הייסט טאַקע אַזוי די דאָזיקע שטאָט.

דער מעכטיקער בלויער דאַנאַו, וואָס שניידט דורך אַ ריי אייראָפּעיִשע לענדער, ביי וועמענס ברעגן עס זענען אויפגעבויט געוואָרן גרויסע רעזידענצן פון מלוכות הייבט זיך דאָ אָן ווי אַ קליינער שטראָם, וואָס פליסט אַרויס פון אַ קוואַל, וואָס געפינט זיך אין פּאַרק פון דעם פּאַלאַץ פון די פירשטענבערגס.

נישט דאָ איז דאָס פּלאַץ צו שילדערן דעם דאָזיקן וואונדער; די עמאָציעס וואָס מען לעבט דורך נאָכגייענדיק דעם דאָזיקן שמאָלן, קוים־באַמערקבאַרן פליסנדיקן שטראָמעלע, וואָס ווערט שפּעטער אַ טייכל און נאָכדעם צעוואַקסט עס זיך אין דעם ברייטן, בלויען דאַנאַו.

באַוועגנדיק זיך אין „מיליטערישער אָרדענונג" מיטן לויף פון טייך האָבן מיר דורכגעשניטן אַ גאַנצן שאָק מקומות וואָס פאַרענדיקן זיך מיט דעם כאַראַקטעריסטישן פאַר ווירטעמבערג און האָהענצאָלערן „אינגען".

„אַרויסגעמאַרשירט" (אויף גאַנץ באַקוועמע דזשיפּן) פון דאָנאַוּעשינגען איז דער „בלויער" שטאַב פאַרבייגעגאַנגען: מעהרינגען, גייסינגען, טוטלינגען, פרולינגען, זיגמאַרינגען, דירלינגען, מונדערקינגען, ביז עהינגען.

די גאַנצע „מלחמה" האָט מיך געלאַנגווייליקט און איך האָב דאָ „דעזערטירט". ביז דאַנען האָבן די „בלויע" נישט געהאַט קיין שום שטערונגען. אין עהינגען האָט מען זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צו דער „שלאַכט", צום אָנטרעפן דעם „שונא", וואָס איז שוין געווען (ווי די „אויספירער" האָבן איבערגעגעבן) אין דעם נאָענטן אולם, וואָס ליגט אויף דער גרענעץ פון בייערן — די טעריטאָריע פון די „געלע".

איך האָב נישט געהאַט וואָס צו טון אין דער דאָזיקער „ענדגילטיקער שלאַכט" און זיך אָפּגעשטעלט אין עהינגען — אין דעם וועלטבאַרימטן עהינגען ביים דאָנאַו — איינעם פון די גרעסטע פּראָדוקציע־צענטערן אין דער וועלט פון צעלאָלויס.

מיט עהינגען האָב איך אָבער געהאַט אויך אַנדערע חשבונות — נישט „סטראַטעגישע" און און אוודאי און אוודאי נישט קאָמערציעלע — דאָס איז געווען איינער פון די זעלטענע פונקטן פון אונדזער פאַרשוווּנדענער לאַנדשאַפט... און דאָס טאַקע האָט מיר אַהער געצויגן.

פאַרשוווּנדן פון אונדזער יידישער לאַנדקאַרטע איז עהינגען שוין שיינע עטלעכע הונדערט יאָר, אָבער אויף אַ מערקווירדיקן אופן זענען דאָרטן געבליבן אַ ריי ביז גאָר אינטערעסאַנטע איבערבלייבעכצן פון יענער צייט. שוין עטלעכע הונדערט יאָר ווי לעבעדיקע יידן האָבן נישט באַטראָטן די עהינגער ערד — דער זכר אָבער נאָך זיי איז געבליבן.

זייער קאַרגע אַרכיוו־דאָקומענטן האָבן זיך אויפגעהיט וועגן דעם בראשית פון דער דאָרטיקער יידישער קהילה. אַ סעריע מיט פאַקטן, מיט דאַטן, מיט נאָטיצן געפינען זיך אין די אַרכיוון פון שטוטגאַרט און לודוויגסבורג. איך האָב זיי געהאַט ביי זיך, נאָטירט:

אין יאָר 1347 ווערט דערמאָנט אין אַ דאָקומענט, אַז דאָרט איז געווען אַ יידישער קהילה;

אין יאָר 1349 קומט דאָרט פאָר אַ גירוש, אין די הזכרות נאָך די קדושים פון יענע שחיטות, איז מען אויך מזכיר די קדושים פון עהינגען;

אין די יאָרן 1371 און 1386 — ווערט דערציילט וועגן די נייע איינוואַנדערונגען פון יידן אין עהינגען;

אין דער רשימה פון די שטייערן וואָס די יידן האָבן געצאָלט אין יאָר 1418 פיגורירט אויך די עהינגער קהילה;

ביז צום סוף — אין יאָר 1457 ווערן די יידן אַרויסגעטריבן. פון דאַן אָן איז דאָס דאָזיקע שיינע דאָנאַו־שטאָט געבליבן „יידנרייז״.

פונדעסטוועגן איז עד היום דאָרטן פאַראַן אַ „יודענשולע״ און אַ „ראַבינערהאַוז״... 500 יאָר „לעבן״ די דאָזיקע נעמען אין דער דאָזיקער פאַרשווונדענער לאַנדשאַפט.

בין איך געגאַנגען אויף די עהינגער גאַסן און געסלעך. און אָט טרעט איך אויף אַ גאָר שמאָל געסל וואָס הייסט יודענגאַסע — גאָר שמאָל און גאָר קורץ, קוים עטלעכע הייזער האָט די דאָזיקע „יודענגאַסע״... מיט 500 יאָר צוריק, מיט 600 יאָר צוריק, מיט 700 יאָר צוריק זענען אויף דער דאָזיקער געסל געגאַנגען יידן אין זייער „יודענשול״, די סינאַגאָגע, וואָס שטייט טאַקע דאָ, ביים עק פון דער „יודענגאַסע״ און דער לעדעראַקער־שטראַסע.

די דאָזיקע געביידע, וואָס שטאַמט פון 14־15טן יאָרהונדערט טיילט זיך טאַקע אויס פון די אַרומיקע מיט איר אויסזען, מיט איר בוי — דאָס איז די געוועזענע סינאַגאָגע פון די יידן מיט 500־600 יאָר צוריק...

איך בין געווען אין דער דאָזיקער שטוב: אינעווייניק זענען פאַראַן די סימנים פון אַ גאַלעריע — פון דער ווייבערשול: דאָרט, ווו עס גייט

אַרויס איין פענצטער איז געווען — זאָגט מיר דער איצטיקער אייגנטימער, די „הייליקע לאדע״ — דער ארון־קודש. עס איז טאַקע די מזרח־זייט פון דער געביידע.

די סינאַגאָגע אין עהינגען פון 14—15טן יאָרהונדערט.

פון דאָרטן האָט מיך דער אָבער־לערער האַנעקע געפירט צום פּימאַרק — דאָרטן איז דאָס „ראַבינערהאַוז״ — — דאָ זאָל עס געווען זיין די ישיבה מיט אַ 500 יאָר צוריק. עס ווייסן די אָרטיקע געשיכטע־דערציילערס, אַז דאָ האָבן געלערנט אַ פּאָר הונדערט „תלמוד־סטודענטן״, אַז פון דער דאָזיקער „תלמוד־שולע״ זענען אַרויס די ראַבינערס פאַר גאַנץ דייטשלאַנד. אין יידישע מקורים האָבן זיך נישט אויפגעהיט קיין שום ידיעות וועגן אַ ישיבה אין עהינגען.

איך בין געווען אין דעם דאָזיקן „ראַבינערהאַוז״; היינט איז עס באַוווינט מיט שמידן, וואָס האָבן זייער קוזשניע דערנעבן. אַנטקעגן געפינט זיך די „געווערבע־שולע״ — אַ שולע פאַר האַנטווערקער־יוגנט. און מען

האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אין דער נאַצי־צייט פלעגט מען גאָר אָפּט אויסהאַקן די שויבן אין דעם „ראַבינערהאַוז“. מען האָט נישט געהאַט קיין „לעבעדיקע“ ייִדן האָט מען זיך גענומען צו די שויבן פון זייער געדעכע־ניש...

די לעצטע סטאַנציע אין עהינגען איז געווען אין דעם הײמאַטס־מוזעאום. דאָ געפינען זיך 2 אָריגינעלע מצבות:

איינע פאַר „הבחור הנעים ר' משה בן הקדוש רב אברהם“ פון יאָר ק"ל (1370); די צווייטע פאַר „אשה הגונה, הצנועה מרת מינא בת רב יעקב“ פון יאָר רמ"ג (1482).

געפונען האָט מען די מצבות בעת דעם איבערבויען פון אַ וואַנט אין אַן אָרטיקער קירכע. עס גייט אָן אַ דיסקוסיע ביי די אָרטיקע הײמאַט־פאָרשערס וועגן דעם יחוס פון די דאָזיקע ייִדישע איבערבלייבעכצן פון דער פאַרשווונדענער לאַנדשאַפט — צי זענען עס פון אַ ייִדישן בית־עולם וואָס איז דאָ, אין עהינגען, אַמאָל געווען, אָדער דאָס האָט מען אַהער גע־בראַכט פון אולם, פון דעם דאָרטיקן צעשטערטן בית־עולם.

די דאָזיקע שטיינערנע עדות פון פאַר 500־600 יאָר זענען שטום, זיי קענען נישט זאָגן זייער אויטאָריטעטן וואָרט. און אפשר דערציילן זיי עס יאָ אויף זייער שטיינערנער שפּראַך, וואָס מיר בשר־ודמס פאַרשטייען נישט.

איך בין אין דער דאָזיקער פאַרשווונדענער לאַנדשאַפט באַרייכערט געוואָרן מיט אַ ריי נייע פאַקטן, דאָקומענטן און בעל־פה־איבערליפערונ־גען. אויך אַ פאָטאָגראַפיע פון דער אָריגינעלער סינאַגאָגע, וואָס שטייט אַן איינזאַמע שוין 500 יאָר אָן אירע מתפללים האָב איך מיטגענומען. זאָל זי אַריינגעפלאָכטן ווערן אין אונדזערע תקופות־לאַבירינטן.

„דער שטומער דענקמאָל" אין טיענגען

טיענגען איז אַ שטעטל אין אָבערהייק, האַרט ביי דער שווייצאַרישער גרענעץ און געהערט צו וואַלדהוטער קרייז.

סיי די דייטשן, סיי די שווייצער וועלכע האָבן זיך געשלאָגן וועגן דער געגנט, יחוסן זיך מיט דעם דאָזיקן שטעטל: מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט דער נאַטור־שיינקייט, מיט די מיטלאַלטערלעכע וווּנדערבאַרע אַלטע בנינים, געמויערטע און הילצערנע, וואָס זענען באַצירט מיט געמעלן, פרעסקעס, שניצערייען, קאַרניזן און רעליעפן; מיט ווענט באַזעצטע מיט מאָזאַיק, מיט טרעפּ באַשטעלטע מיט כל המינים פיגורן און סטאַטועס.

אויסער דעם האָט נאָך טיענגען אַ גרויסע צאָל היסטאָרישע פונקטן און אָביעקטן, אַן אַלטער קלויסטער, אויף וועלכן עס געפינט זיך אַ טאָוול, אַז פונדאַנען זענען אַרויס די „הייליקע ברידער" בעת דעם צווייטן קרייצצוג. אַ גאַר אָנזעעוודיקע צאָל דענקמעלער פון גאַר אַלטע צייטן און אויך פון די לעצטע יאָרן.

עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס דאָס שטעטל איז איינער פון די פּאָפּולערסטע טוריסטן־פּונקטן ביי דער שווייצאַרישער גרענעץ. דאָס זאָגן עדות די צאָלרייכע האָטעלן און רעסטאָראַנען, די „ביר־שטובעס" און ווײַנקעלערס וואָס זענען דאָ פאַראַן לרוב.

ניט צוליב די אַלע אויסגערעכנטע טעמים בין איך אָבער געקומען קיין טיענגען. דאָס דאָזיקע שטעטל האָט זיין בלעטל אין אונדזער מאַרטירערגעשיכטע פון דער תקופה אשכנז. און שפּאַנענדיק אויף די שטיגן פון דער דאָזיקער געוועזענער וועלט בין איך אויך מגולגל געוואָרן אין דאָזיקן שטעטל. איך זאָג „מגולגל", ווייל עס איז גאָרנישט קיין לייכטע, הגם זייער

עמאָציאָנעלע, נסיעה. דערקלייבן זיך קיין טיענגען. פון קאָנסטאַנץ איז עס אַ פּאָרעניש מיט איבערשטייגונגען, מיט אַרומרייזעס אויף אַ באַן, וואָס קלעטערט איבער פעלדזן, שלייכט זיך איבער אָפּגרונטן מיט נאָדלדיקן גרינוואַלד. מען קאָן אויך אַהין קומען דורך פרייבורג, דאָס מיינט אָבער, אַז מען מוז דורכשניידן שווייץ און דורכפאָרן דאָס באַרימטע (נישט נאָר פון אירע זייגערס) שאַפהויזען.

די שפּורן, וואָס איך האָב געזוכט אין טיענגען האָבן אַ שייכות צו דער ייִדישער דרוקעריי, וואָס האָט דאָ (אמת, זייער קורץ) אינמיטן דעם 16טן יאָרהונדערט עקזיסטירט. די געשיכטע פון דער דאָזיקער דרוקעריי איז אַן און פאַר זיך זייער אינטערעסאַנט. מיר רעדן אָבער וועגן די לעצטע, בעסער געזאָגט, דעם לעצטן שפּור פון די ייִדישע יאָרהונדערטער אין דאָזיקן שטעטל.

**
*

וועגן די ערשטע וואָרצלען פון די ייִדן אין טיענגען געפינען זיך אָנ־דייטונגען אין די „מעמאָר־ביכער", אין די אזכרות נאָך די פאַרשניטענע שטעט און געמאַטערטע קדושים, וועלכע זענען אומגעקומען בעת די צאָל־רייכע שחיטות אויף דער גערמאַנישער ערד. עס לעבט אויך עד־היום אינעם פאָלקסמויל אַ פלור־נאָמען „יודענקירכהאָף", געמיינט אַן אַלטן ייִדישן בית־עולם, וואָס זאָל האָבן עקזיסטירט אין די צייטן פון די קרייצ־צוגן. ביז דער היטלער־הערשאַפט האָט אויך עקזיסטירט אַ „יודענגאַססע", אַ געסל ביים ראַנד פון די עלטסטע טיילן פון שטאָט. דאָס געסל האָט דעם נאָמען געטראָגן לאַנגע יאָרהונדערטער און איז בעת דער נאַצי־הערשאַפט „געטויפט געוואָרן" אויף „טורמגאַססע".

אָנהייבנדיק פון דעם 15טן יאָרהונדערט האָבן מיר שוין דאָקומענטן, וואָס דערציילן פון דעם ייִדישן זיין, פון זייער קאַמף פאַר עקזיסטענץ און די שטערענישן אין טיענגען.

שוין אין יאָר 1544 ווערן ייִדן דערמאָנט ווי געלט־מלוים.

כאַראַקטעריסטיש און וויכטיק איז דאָס וואָס דער ערשטער דאָקומענט איז אַ נישט־ייִדישער מקור, ווו עס ווערט דערציילט וועגן ייִדישער גבורה און מאַרטירער־טויט בעת דער פאַרטיידיקונג פון דעם שטעטל אין דער צייט פון „שוואַבענקריג", ווען די געגנט האָט געפירט מלחמה מיט די פרייבורגער הערן, דעמאָלט שווייצאַרישע ריטער. עס דערציילט די כראָניק:

ביי דער פּאַרטיידיקונג פון טיענגען, ביי וואַלדסהוט, אין יאָר 1499, איז באַרימט געוואָרן אַ יידישער קעמפער. ער האָט בעתן שוואַבענקריג מיט די שווייצער שונאים זייער פיל קענגערישע זעל־נער דערשטאָכן און האָט אַפילו דערשאָסן דעם פירער פאַן פרייבורג, וועלכער איז געווען באַרימט ווי איינער פון די גרעסטע ריטער־העלדן".

דער זעלבער מקור גיט ווייטער צו:

„...די פרייבורגער האָבן נישט געקענט מוחל זוין די טיענגער (הגם זיי האָבן די מלחמה פאַרשפּילט) וואָס אַ ייד האָט באַזיגט זייער מיליטערישן הויפּטמאַן און געוואָלט מען זאָל זיי אויסליפערן דעם יידן. מען איז דעם דאָזיקן פאַרלאַנג אנטקעגנגעקומען. זיי האָבן דערגרייכט נקמה פאַרן טויט פון זייער מייסטער. מען האָט דעם אויסגעליפערטן יידן אויפגעהאַנגען אויף די פיס און נאָכדעם ווי ער איז געהאנגען אַ טאָג און אַ נאַכט האָט מען אים געקעפּט.

אין אַ גאַנצער רייע אַרטיקע פאָלקס־לעגענדעס און לידער איז דער דאָזיקער „טאַפּפערער יודע" פאַראייביקט געוואָרן. אויך איצט, בעת דעם באַזוך אין טיענגען, האָב איך געטראָפן אין איינעם פון די שטאָטישע טורעמס אַ וווּנדערבאַרע פרעסקע, אַ וואַנטגעמעל, ווו עס ווערט פאָרגע־שטעלט ווי דער „העלדישער ייד, דער טאַפּפערער שיטצע" ברענגט נצחון דער שטאָט. דער דאָזיקער טורעם געפינט זיך אין דער היינטיקער טורעמ־גאַסע, וואָס האָט ביז דער נאַצי־צייט געהייסן „יודענגאַסע".

די דאָזיקע קאַמפן פון 1499 זענען זייער וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון דער דאָזיקער געגנט; אַ גרויסע ליטעראַטור איז דערוועגן פאַראַן, וויל פון דאַן אָן הייבט אָן דער דאָזיקער געביט צו זיין אַ דייטשער טייל, וואָס איז פריער געווען אונטער עסטרייכער אָדער שווייצער הערשאַפט. אין אַלע שטודיע־אַרבעטן וועגן דעם דאָזיקן קריג ווערט איבערגעחזרט די געשיכטע פון „העלדישן יודע". און אין איין אָרט ווערט אַפילו דער־ציילט, אַז עס זענען געווען צוויי יידן. אין אַן אַנדער כראָניק ווערט איבער־געגעבן, אַז:

„אויפן צווייטן טאָג, ווען דער ייד איז געהאָנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן, אַז ער האָט דערזען גאָטס מו־טער (!), וועלכע דערהאַלט אים ביים לעבן. צוליב רחמנות, אַז ער זאָל זיך מער נישט מאַטערן האָט מען אים דאַן אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ"...

לודוויג שטערנער, וועלכער איז דאַן געווען דער הויף־כראָניקער ביי די פרייבורגער, און זיך פערזענלעך באַטייליקט אין דעם דאָזיקן קריג ווי אַ פעלד־שרייבער גיט אין זיינע באַשרייבונגען פון דער געשיכטע אָן אַפילו דעם נאָמען פון יידן קהער (?).

וואָלט מען דאָך געקענט מיינען, אַז נאָך אַזאַ פּאַרדינסטפולן אַקט מצד אַ יידן וועלן יידן אין דאָזיקן שטעטל זיין חשוב, לעבן לכל־הפחות מיט אַלע בירגער צוגלייך.

דערציילן אָבער די פּאַראָנענע דאָקומענטן עפּעס אַנדערש. דער רע־זולטאַט איז גאָר געווען אַ פאַרקערטער, חוץ דעם וואָס מען האָט סיי דעם העלד סיי אַנדערע יידן געפייניקט בעת דער מלחמה־אַקציע איז אויך שפּעטער, ווען די שטאָט איז שוין אויסגעקעמפּט געוואָרן, האָבן די יידן געהאַט אַ זייער ביטער לעבן.

אַ דאָקומענט פון 1544 דערציילט, אַז די באַפעלקערונג האָט זיך גע־ווענדט מיט אַ פּעטיציע צום האַר פון שטאָט, דעם גראַף יאָהאַן פאָן זולץ, אַז ער זאָל די דאָרטיקע יידן, פינף איינוווינער, אַרויסטרייבן. אמת, די דאָזיקע פּעטיציע האָט נישט געהאַט קיין ווירקונג, פאַרקערט, מיט 2 יאָר שפּעטער, דערציילט אַ דאָקומענט, זענען אויפגענומען געוואָרן (אויף 6 יאָר) נאָך 2 יידן, יעקב און מענלין.

אין דער דאָזיקער צייט, ווען אין טיענגען איז געווען נישט מער ווי 7 יידישע משפחות איז עס געגרינדעט געוואָרן די דרוקעריי, וועגן וואָס מיר האָבן פריִער דערמאָנט.

אין די שטאָט־ביכער איז פאַרצייכנט, אַז אין דעם יאָר 1560 האָט דאָרטן געוווינט דער זון פון דעם אין שאַפהויזען און געגנט באַקאַנטן דאָקטאָר דוד. דער זון האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדל און געוווינט האָט ער דאָרטן מיט זיינע קינדער. נאָך 2 יידישע נעמען ווערן אין זעלביקן יאָר אין טיענגען דערמאָנט: מאַרנע און מאַושעל.

עס גייט דורך כמעט אַ גאַנצער יאָרהונדערט, ווען די לאַגע פון די יידן איז נישט קיין קלאָרע — אַט זענען זיי פאַראַן און אַט ווערן זיי „אויסגעשאַפט". אַנקלאַגעס קעגנזייטיקע. זייער גורל איז אָפּהענגיק פון די סימפּאַטיעס אָדער פיינטשאַפט פון דעם געגעבענעם האַר פון שטעטל, וואָס איז אַריבער פון האַנט צו האַנט, פון איין גראַף צום צווייטן. עס זענען אויך דאָ אַ פּאָר צענדליק יאָר, ווען טיענגען איז געווען „יודענפריי".

פון אַ וויטערדיקן אַרכיוואַקט דערוויסן מיר זיך, אַז אין יאָר 1650 זענען דאָרטן געווען 7 יידישע משפחות מיט 8 „הויזהאַלטען", עס ווערן

אויסגערעכנט די נעמען פון די דאָזיקע ייִדישע איינוווינער. דער דאָזיקער דאָקומענט איז אַ „שוצבריוו״, וואָס דער לעצטער הערשער פון די זול־צישע גראַפן, לאַנדגראַף יאָהאַן לודוויק האָט אַרויסגעגעבן דער דאָזיקער עדה. די דעמאָלטיקע ייִדן זענען געווען: מאַרמעל, לעמקע, מאַושעל, לעמקע, די ברידער יעקב און יצחק, די „זאַציודען״ ייִנגלין, מאַירלין און ברוך און לסוף אַן אלמנה. דער דאָזיקער שוצבריוו זאָגט אָן די ייִדן, אַז:

„...זייערע איצטיקע און צוגעקומענע ווייבער, קינדער, קנעכט און דינסטן ווי אויך זייערע גאַנצע הויזגעזינדן אין אונדזער שטאָט טיענגען, זאָלן קענען צוויי הונדערט גילדן מזומן „איינצוגצינז״ באַ־קומען דאָס גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע אונטערטאַנען און איינ־וווינער״...

פון די פאַרבליבענע אַרכיוו־אַקטן איז צו זען, אַז די ייִדן האָבן דאָרטן נישט גאָר קיין לייכט לעבן געהאַט. די שררות פון דעם שטעטל האָבן אָן אַ שיעור געדריקט און געקלעמט די ייִדן מיט זייערע אָפטע „עדיקטן״, „פּריווילעגיעס״ און „שוצבריוו״. אָט דערוויסן מיר זיך, אַז די ייִדן האָבן נישט געהאַט קיין סינאַגאָגע, זיי פלעגן זיך צונויפקלייבן אין פּריוואַטע הייזער. קומט אַזאַ מין פאַראָרדענונג:

„...די אָראַטאָריא פּריוואַטא, אָדער די זאָנדערבאַרע ייִדישע געבעטן, זייער סינאַגאָגע־שול אָדער פאַרזאַמלונגען, זומער אָדער ווינטערצייט אין איינעם פון זייערע הייזער, זאָלן זיי דורכפירן נישט פאָרנט, צום פראָנט פון דער גאַס, נאָר פון הינטערן. זייערע צערע־מאָניעס וכדומה זאָלן זיי דורכפירן ווי מעגלעך שטיל, אָן קיין שום ערגערניש פאַר אונדזערע בירגער, אונטערטאַנען אָדער פרעמדע לייט, דורכפאָרער און געסט פון אונדזער שטעטל טיענגען״...

פון יאָר 1687 איז אין טיענגען שוין געווען אַן אָרגאַניזירטע קהילה — אָבער ערשט אין יאָר 1793 איז די דאָרטיקע סינאַגאָגע אויפגעבויט געוואָרן. די דאָזיקע סינאַגאָגע איז אין יאָר 1863 איבערגעבויט געוואָרן; צווישן די דאָקומענטן געפינט זיך אויך אַ רעכענונג פאַר די נייע שטולן וואָס מען האָט דאַן איינגעקויפט אין אַ ייִדישן מעבל־געשעפט אין שטעטל ראַנדעג.

אָבער אויך אין דער סינאַגאָגע זענען די ייִדן געשטערט געוואָרן אין זייערע תפילות, שוין נישט פון דער אָפיציעלער מאַכט, נאָר פון די שכנים. אָט דערציילט אַן אָנקלאָגע, וואָס די טיענגער ייִדן האָבן דעם 14טן יוני 1864 צוגעשיקט צום באַצירק־אַמט. עס זאָגט זיך דאָרטן:

„מיר ווערן געשטערט אין דער אויסאיבונג פון אונדזער גאָט־דינסט. די (נישט־יידישע) שכנים פון דער סינאַגאָגע און די קינדער פון דער גאַנצער שטאָט קומען און ליאַרעמען און טומלען, מען זעגט און מען שפּאַלט האָלץ (דווקא אין דער צייט פון די תפילות); מען פאַרשטעלט דעם וועג צו דער סינאַגאָגע מיט וועגענער, אאַ״וו״.

קיין גרויסע קהילה איז אין טיענגען בכלל נישט געווען. סטאַטיסטישע ידיעות האָבן מיר, אַז אין יאָר 1829 זענען דאָרט געווען ביז 70 נפשות, אין יאָר 1936 נאָר 27.

ווי קליין די קהילה איז נישט געווען, האָט זי געהאַט אויסער דער סינאַגאָגע אויך אַ „יודענמעטציג״ — דאָס הייסט אַ יידיש שחיטה־הויז, פאַר וואָס די יידן האָבן געצאָלט 4 גולדן יערלעך, פּאַכטאָפּצאָל.

***

קומענדיק אין טיענגען האָב איך אָנגעהויבן זוכן דעם שיריים פון דעם געוועזענעם יידישן לעבן.

— די „יודענגאַסע״? — יאָ, זיכער איז אַזאַ דאָ געווען, און מען ווייזט מיר דאָס שמאָלע געסל ביים ראַנד פון שטאָט, אָבער „זי ווערט ווערענד דעם דריטן רייך געטאַופט״ — זי הייסט היינט „טורמגאַסע״.

— די סינאַגאָגע? — יאָ, זי איז געווען אויף דער פאַהרגאַסע, אַ שכנותדיק געסל מיט דער יודענגאַסע. זוך איך צווישן די הייזער דעם דאָזיקן מקדש־מעט. איך געפין קוים. יאָ, אָט דאָס מן־הסתם איז געווען די סינאַגאָגע — עפּעס זעט דער בנין אַנדערש אויס. און איך האָב זיך נישט טועה געווען. היינט איז דאָ אַ סטאָלעריי. אַ צענדליק יונגע און אַלטע דייטשן אַרבעטן דאָ אויס מעבל.

דער „באַלעבאָס״ דערקלערט, אַז ער האָט עס „קויפליך ערוואָרבען״; נישט חס־וחלילה מיט צוואַנג צוגענומען. „די יודען האָבען עס בעפאָר זי זינד וועק פערקאופט״... יאָ, ער איז פון דער „קניה״ נישט אינגאַנצן צופרידן. דער בנין האָט זיך געבעטן אַ פולשטענדיקן רעמאָנט. די ווענט אינעווייניק זענען געווען אויסגעברענט (ווער עס האָט עס „אויסגעברענט״ ווייסט ער, פאַרשטייט זיך, נישט); ווידער זענען אויף די ווענט און אין מיטן דער געביידע געווען פאַרשידענע „זאָנדערבאַרע דינגע״, וואָס האָבן דעם בנין דעפאָרמירט (געמיינט מן־הסתם דעם ארון־קודש, די בימה אאַ״וו).

אויפן וועג האָב איך זיך פאַרהאַלטן ביי אַ דענקמאָל אויפן ראָג פון דער הויפּטשטראַסע און דער באַנהאָפשטראַסע. עס איז אַ „העלדן־דענקמאָל" נאָך די געפאַלענע אינעם דייטש־פראַנצויזישן קריג פון די יאָרן 1871־70. צווישן דעם צענדליק נעמען זענען אויך פאַראַן דריי יידן: זעליגמאַן, יוסף און גוסטאַוו פון דער משפחה — גוגענהיים — אַ זייער פאַרשפּרייטער און חשובער שטאַם.

אַ צווייטן מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיטן דאָזיקן נאָמען אין זעלביקן טאָג. אין די שטאָט־אַרכיוון ווערט מיט באַזונדערן פּיעטעט אָפּגעהיט די „ערן־ליסטע" פון די געפאַלענע אינעם קריג פון 1918־14. אויך דאָרטן איז פאַראַן אַ גוגענהיים — מאַקסימיליאַן גוגענהיים און נאָך 2 יידן. סאַלאָמאָן מאַיער און מאָזעס־מאַריץ סימאָן.

נאָך דעם דאָזיקן „שפּאַציר" האָב איך געוואָלט מאַכן דעם לעצטן גאַנג, באַזוכן דעם יידישן בית־עולם, ווייזט זיך אַרויס, אַז די שליסלען ליגן ביי אַ גייסטלעכן. זענען דאָרט פאַראַן צוויי: אַ קאַטוילישער און אַ פּראָטעסטאַנטישער. באַזוכט האָב איך ביידע. געטראָפן האָב איך די שליסלען ביים פּראָטעסטאַנטישן פּאַסטאָר ריכאַרד גראַסקאָפּף. ער האָט די אויפזיכט אויף דעם דאָזיקן פאַרלאָזענעם בית־עולם.

ער באַגלייט מיך טאַקע אַהין. זענען מיר געקומען הינטער דער שטאָט, צו דעם גורטוויילער וועג. פונדערווייטנס האָט מען שוין באַמערקט דעם אַזוי כאַראַקטעריסטישן פאַר יידישע בית־עולמס שטיינערנעם פּאַרקאַן,

געעפנט דעם טויער, האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַן אומהיימלעך אָבער אויך זעלטן בילד. דאָס איז אַ „בית־עולם"? — אויסגעגלייכט איז דער ערד־פלאַך, ריין, נישטאָ קיין סימן פון מצבות, פון קברים, פון זאַמד־בערגלעך. דער גאַנצער באָדן איז באַוואַקסן מיט פרישן, ריינעם גראָז; אינמיטן פון דעם אויסגעגלייכטן פלאַץ שטייט אַ פּירקאַנטיקער ריזיקער דענקמאָל, וווהין עס פירן פון אַלע זייטן שטעגן אויסגעשאָטן מיט פרישן געלן זאַמד. אין איין ווינקל זענען פאַראַן צוויי מצבות.

דער פּאַסטאָר גראַסקאָפּף דערציילט מיר וועגן דעם משונהדיקן אויסזען.

— ער איז געקומען אַהער אין יאָר 1945, גלייך פון מיליטער איז ער געקומען, געווען פעלדפּאַסטאָר אין דער האָלענדישער עקספּעדיציע. ער האָט געטראָפן דעם בית־עולם אַ חרובן, די מצבות צעשמעטערט, די קברים פאַרוואַקסן מיט דערנער. בכלל איז דער בית־עולם געוואָרן אַ פּלאַץ פאַר אַלע מינים אָפּפאַלן פון די אָרטיקע פאַבריקן.

— אין יאָר 1946 האָט ער גענומען מאַכן אָרדענונג. „עס איז געווייטע ערד״ — הייליקער באָדן. האָט מען, ראשית, איינגעשפּאַנט די געוועזענע נאַציס, מיטן געוועזענעם היטלעריסטישן בירגערמייסטער בראש, אַז זיי זאָלן אָפּרוימען פון שמוץ און ברוך דעם פּלאַץ. מען האָט אים צוריק אַרומגעצוימט. זענען געבליבן הונדערטער ברוכשטיקער פון מצבות. נאָר צוויי זענען געווען גאַנצע.

פון די דאָזיקע ברוכשטיקער האָט ער דאַן, מיט פאַנדן באַקומענע פון מאַגיסטראַט, אויפגעשטעלט דעם דאָזיקן דענקמאָל, אַ דענקמאָל אָן ווערטער, אָן אויפשריפטן.

איך האָב אָפּגעציילט ביז 100 מצבה־שטיקער אין דאָזיקן העכער 2 מעטער הויכן און 6 מעטער און קוואַדראַט ברייטן „שטומען דענקמאָל״.

— יעדן ערשטן זונטיק פון חודש קומען אַהער די קינדער פון דער אָרטיקער (דייטשער) שול און מאַכן אָרדענונג, רייניקן די שטעגן, פירן געלן זאַמד און האַלטן אין אָרדענונג דעם דאָזיקן מאַרטירער־פּלאַץ. דער־ביי וואַרפט ער, דער פּאַסטאָר, אַריין אַ פּאָר תנ״ך־פּסוקים און גייענדיק צוריק אין שטעטל דערציילט ער מיר:

— ביי דער אַנטהילונג פון דאָזיקן שטומען דענקמאָל האָט ער גע־לייענט דאָס קאַפּיטל פון ביבל, פון בראשית, וווּ עס ווערט דערציילט ווי אַזוי יעקב און לבן האָבן צווישן זיך געשלאָסן אַ שלום־בונד, געווען איז עס אויך ביי אַ שטיינער־באַרג אָן אויפשריפטן, ביים גל עד, וואָס האָט געזאָלט זיין אַן עדות אויף אייביק, פאַר די קומענדיקע דורות, אַז שלום און פריינט־שאַפט זאָלן זיין צווישן פעלקער, אַפילו ווען זיי האָבן זיך געקריגט; און אַזאַ שבועה ווי יעקב און לבן, דאַן, האָבן די טיענגער אויך געגעבן ביים „שטומען דענקמאָל״ פון זייער יידישן בית־עולם.

***

נישט איינמאָל איז מיר שוין אויסגעקומען צו הערן אַזעלכע אָדער אַנדערע תשובה־ און חרטה־רייד, אַרויסגעזאָגט פון דייטשע מיילער. זייער זעלטן קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן וויפיל אויפריכטיקייט און וויפיל פּאָזע און אָנשטעל עס פאַרמאָגן די דאָזיקע דערקלערונגען.

איך האָב אָבער דעם זעלבן פּאַסטאָר גראָסקאָפּף אַ צווייטן מאָל גע־טראָפן. עס איז געווען בעת דער גרויסער „קונדגעבונג״ פון וואַנגעליקן־טאָג אין דיסעלדאָרף, ווו עס איז פאָרגעקומען די פּראָקלאַמירונג פון „פרידע מיט איזראַעל״, ווו גייסטלעכע, אינטעלעקטואַלן און פּאָליטיקער

(מיטן פאַרשטאַרבענעם פירער פון די דייטשע סאָציאַליסטן, קורט שו־מאַכער) האָבן דאָן אַרויסגעבראַכט זייערע מיינונגען און שטעלונגען צום ייִדישן חורבן און דייטשער שולד.

אַרויסטרעטנדיק פאַרן גרויסן עולם האָט גראָסקאָפּף דאָן אויסגערופן:

— אין ווייטן, אָבערהעיינישן שטעטל טיענגען, ווו די קליינע ייִדישע געמיינדע איז אויף אַ באַרבאַרישן אופן אָפּגעווישט געוואָרן, האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ זכר נאָך זיי, אַ שטומען דענקמאָל, אַ גל עד, וואָס זאָל אויף דורות דערמאָנען דעם יאָמער און דעם שמאָך פון די מיליאָנען און זאָל אויף אייביק ביי אונדז מאָנען פאַר אונדזער חרפּה און שאַנדע — אַ לדורותדיקן על־חטא, אַן אייביקער האַרצקלאַפּן זאָל עס זיין. היינט זאָלן מיר אָבער אויפבויען אַ רעדנדיקן דענקמאָל, וואָס זאָל לכל־הפּחות סימ־באָליש פּרווון פאַרגיטיקן אונדזערע זינד, אונדזערע פאַרברעכנס...

נאָכאַמאָל האָב איך אין דעם גרויסן „קונדגעבונג"־זאַל פון דער די־סעלדאָרפער דיעצעזיע דערזען דעם ריזיקן טיענגער „שטומען דענקמאָל", געוואָלט פאַרשטיין זיין שטומען געשריי, דעם זין וואָס גראָסקאָפּף האָט געוואָלט אַריינלייגן אין אים.



דער „שטומער" דענקמאָל אויף טיענגער צעשטערטן בית־עולם.

אַ דענקמאָל אויפן ברודער־קבר פון 3686 קדושים־ביינער

ניִשט גיי, נישט גיי אויף אַלט־אַלטע וועגן,
אויף וועגן, וועלכע האָסט אַמאָל באַטראָטן,
וועגן לאַנג פאַרוואַקסענע מיט גראָז און אָפּגעלעגן —
און ווו עס וואָגלט שטום אַרום פון דיר אַ שאָטן...
עס וואָגלען שאָטנס אום אויף אָפּגעלעגענע וועגן —
ווו מען האָט פאַרלאָזן זיי, באַגעגנט מען זיי דאָרט;
דו זינג דעם ניגון זיי... די שאָטנס קאָנסטו פרעגן —
זיי וועלן דיר דערמאָנען מאַנכעס וואָרט...

מיט 26 יאָר צוריק, אין יאָר 1928, האָט די דאָזיקע שורות געשריבן דער שפּעטערדיקער ירמיה פון חורבן בית־שלישי, דער דיכטער־קדוש, דער געטאָ־מקונן יצחק קאַצענעלסאָן. ס׳האָט שוין דעמאָלט אין זיין וויזיע געלעבט דער קומענדיקער ווײ פון וועגן אָפּגעלעגענע, ווו נאָר שאָטנס וועלן דערהערן אַ פאַרגעסענעם ניגון. אַ שטומען ניגון, וואָס נאָר די שאָטנס פון אַמאָל וועלן עס קענען באַנעמען.

אַזאַ שטומען ניגון, אין שאָטנס פון פאַרשווונדענער פּראַכט, אויף פאַרוואַקסענע וועגן, האָב איך דערהערט אין אַ געוועזענער עיר ואם בישראל, אין מאַנהיים, און אויסגעזונגען דעם ניגון האָט אַ פּשוטער, אַן איינפאַכער שטיין — אַ דענקמאָל.

אָבער דאָס איז נישט אַזאַ איינער ווי די הונדערטער דענקמעלער, וואָס ווערן איצט געשטעלט פאַר די פאַרפּייניקטע מיליאָנען אין די רציחה־יאָרן תרצ״ח־תש״ה. ניין, דער שטיין גופא איז אַ קדוש; ער איז אַליין אין דער בחינה פון אַ פּאַרטיזאַן.

און אויך די 3686 ביינער, וואָס ליגן אונטער אים, זענען נישט די רעשטן פון פאַרגאַזטע, פאַרברענטע, פאַרפּייניקטע מיט כל־המינים מיתות־משונות דורך די ברוינע עמלקים. ניין, עס האַנדלט זיך דאָ וועגן ביינער, וואָס זענען מיט יאָרהונדערטער צוריק געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל,

און ערשט אין די טעג פון דעם נאַצי־שגעון איז זיי באַשערט געוואָרן נאָכאַמאָל דורכצומאַכן אַ מאַרטירערישן גלגול־מחילות.

עס לוינט די געשיכטע צו דערציילן. מיר דאַרפן עס אין אונדזער זכרון באַהאַלטן. עס מוזן וועגן דעם וויסן די קומענדיקע דורות.

***

געשען איז עס אין מאַנהיים.

די קהילה־קדושה מאַנהיים איז געווען איינע פון די אָנגעזעענסטע אין דייטשלאַנד יידישע ישובים. אַלט איז די קהילה אַזויפיל, וויפיל די שטאָט גופא. יידן האָבן טאַקע אַ זייער גרויסן חלק אינעם אויפבוי און פונאַנדערבלי פון דעם דאָזיקן מקום. אין אָנהייב פון 17טן י"ה, ווען מאַנהיים איז געוואָרן אַ שטאָט, טרעפן מיר שוין דאָרטן יידן.

מיט אומגעפער 100 יאָר שפּעטער ווערט מאַנהיים חרוב. די באַפעלקערונג פאַרלאָזט די שטאָט; די יידן בתוכם. אין יאָר 1697 ווערט די שטאָט צוריק אויפגעבויט. די יידן, אונטער דער אָנפירונג פון זייער ראש־הקהל, משה לעמלע (געווען דער הויף־פאַקטאָר און ליפעראַנט), שפּילן איינע פון די וויכטיקסטע ראָלן ביים צוריק־אויפבוי פון דער צעשטערטער שטאָט.

דעמאָלט בויען די יידן צוריק־אויף די בתי־מדרשים, קלויזן. (אין משך פון יאָרהונדערטער, ביזן אויפקום פון די נאַציס, איז אין דער יידישער וועלט געווען באַרימט די מאַנהיימער לעמלע־קלויז) און סינאַגאָגעס. נאָכדעם שאַפן זיי זיך אויך איין אַ קרקע אויף אַ בית־החיים.

קליין איז געווען מאַנהיים און דער יידישער עולם האָט זיך טאַקע געפונען אויסער דער שטאָט. אין משך פון יאָרהונדערטער איז אָבער מאַנהיים אויסגעוואַקסן; ראַש זיך פונאַנדערגעבויט און דער יידישער בית־עולם האָט זיך אַרויסגעוויזן אינמיטן דער שטאָט, אין אַ חשובן קוואַרטאַל אין צענטער, אין דעם קוואַרטאַל פּ. 7, 1.

דער דאָזיקער בית־עולם איז שוין לאַנג נישט באַנוצט געוואָרן. די קהילה, וואָס איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, האָט שוין זייט צענדליקער יאָרן איינגעשאַפט אַ צווייטן. דער דאָזיקער אַלטער האָט אָבער קיינעם נישט געשטערט; קיינער האָט זיך נישט געפילט שאָקירט וואָס אינמיטן שטאָט געפינט זיך אַ פּלאַץ מיט אַלטעביימער, מיט מיסטעריעזע שטיינער און ערד־בערגלעך. אדרבא — דאָס דאָזיקע אָרט האָט געהערט צו די מאַנהיימער מערקווירדיקייטן, מיט וואָס די שטאָט האָט זיך גערימט. אַהער

פלעגן קומען אָפּטע באַזוכערס, אויספלוגן (נישט דווקא ייִדן). פון שכנות־דיקן היידלבערגער אוניווערזיטעט פלעגן קומען ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע עקסקורסיעס פון פּראָפעסאָרן מיט סטודענטן, פאַר וועלכע די אַלטע וווּנדערבאַרע מצבות מיט זייער אַלטע אַרכיטעקטאָניק זענען געווען אַ קוואַל פאַר זייערע שטודיומס. דער אַלטער בית־החיים איז טאַקע געשטאַנען אונטער דער שוץ און השגחה פון דעם מאַגיסטראַט און דער קהילה.

אַזוי איז עס געווען ביזן גורל־יאָר תרצ״ח — 1938.

פּלוצים איז דער ייִדישער בית־עולם געוואָרן אַ „שטערנדיקער אָביעקט״, וואָס דאַרף באַזייטיקט ווערן. אַ באַפעל פון די ברוינע מושלים איז געקומען — „אַראָפּצורוימען דעם דאָזיקן ייִדישן געמויזעכץ״.

די ס״ס האָט באַפוילן, אַז די ייִדישע מענער זאָלן זיך שטעלן צו דער דאָזיקער „רוימונגס־אַקציאָן״. עס זענען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג פאָטאָ־ און פילם־אַפּאַראַטן, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַראייביקן ווי די „איציקס און אַבראַהאַמס״ צעשטערן מיט די אייגענע הענט דאָס פּלאַץ פון זייערע עלטערן; ווי זיי צעברעכן די מצבות; ווי זיי גלייכן־אויס די קברים־בערגלעך.

אָבער דאָ איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. אַנשטאָט די באַשטימטע פּאָר צענדליק מענער צו דער „רוימונג־אַקציאָן״ האָבן זיך געשטעלט פרייוויליק אַלע ייִדן פון מאַנהיים, גרייז־גרויע זקנים, פרויען און קינדער! די גאַנצע קהילה. חוץ דעם זענען נאָך דאָרטן געווען עטלעכע הונדערט מאַן, מיט די איינוווינער פון דעם מושב־זקנים און די קינדער פון די יתומים־הייזער. אַלע זענען זיי געקומען מיט גראָב־אייזנס און גענומען פּלאַנמעסיק, לויטן סדר פון אַלטן בית־עולם־פּנקס, אויפגראָבן די קברים און אַרויסנעמען פון דאָרטן די שׂרידים פון זייערע אבות. קבר נאָך קבר איז געעפנט געוואָרן, — 3686 קברים; און דאָס זאַמד פון יעדן איז דורכגעזיפּט געוואָרן — עס זאָל קיין איין ביינדעלע, קיין אבר נישט בלייבן...

איינגעהויקערטע, גרויע זקנים, האַלב פּאַראַליזירטע זקנות, שוואַכע פּיצלעך קינדער האָבן אין קוישן און זעק, אין קעסטלעך און האַנט־בייטלען, געזאַמלט שטיקלעך ביינער, ברעקלעך פון סקעלעטן און עס אַריבערגעטראָגן אויפן נייעם בית־עולם.

לאַנגע טעג האָט געדויערט די דאָזיקע זעלטענע „לוויה״. עס זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן די פילם־אַפּאַראַטאָרן; ווען די דאָזיקע מיסטעריעזע לוויה פלעגט אין די פאַרנאַכט־שעהן, נאָכן „אַרבעטס־טאָג״, זיך ציִען איבער די אויסגעפּוצטע גאַסן פון שיינעם מאַנהיים. עס זענען פאַרשוווּנדן

אויך די ס״ס־לייט. פאַרביגייערס פלעגן ציִען די היט פאַר דער דאָזיקער אָריגינעלער דעמאָנסטראַציע, אַ לוויה וואָס האָט באַגלייט אָפּגעלעבטע יאָרהונדערטער צו אַ נייעם קבר־ישראל.

פון אַלטן בית־עולם האָט מען אויך „אַרייַנגעגנבעט״ העכער 20 פון די עלטסטע און אָריגינעלסטע מצבות פון די מאַנהיימער מנהיגים, פּרנסים און קצינים. מען האָט די דאָזיקע שטיינער־שיריים אויך געבראַכט אויפן נייעם בית־עולם.

דאָ האָט מען געמאַכט פאַר די 10 דורות יִדיש לעבן אין מאַנהיים איין גרויסן ברודער־קבר און אַרום אים אַרומגעשטעלט די „אַרויסגעראַטע־וועטע״ מצבות.

אין זעלביקן רציחה־יאָר זענען ביים דאָזיקן זעלטענעם ברודער־קבר געשטעלט געוואָרן 2 מצבות, איינע אין דייטש, די צווייטע אין העברעיִש.

אָט איז דער העברעיִשער טעקסט פון דער מצבה:

„מה הציון הלז אשר אני רואה?
ישתאה ויאמר כל עובר וקורא!
עד הגל הזה ועדה המצבה, יקר סהדותא
ליקוטי עצמות בשנת תרצ״ח. החסידים הישׁ־
רים והתמימים שלשת אלפים וחמש מאות
ושמונים ושש. הנאהבים והנעימים בחייהם
ובמותם לא נפרדו. אחרי שכנם במנוחה
נכונה ושקטה איש איש באחוזת קברו ונחל־
תו בבית הקברות אשר לקהלתנו ק״ק מנהיים
י״צ״ו הופנו הובלו והובאו הנה אנוס על פי
ההכרח ונתנו יחד בקבר ובבכי ומספד וכבוד
במשפט ועתה אתם נוחי נפש השלמים נא
אל תשיתו עלינו חטאת על פגיעת כבוד
מנוחתכם כי לא במרד ובמעל נעשה זאת
כאשר ידוע לכל באי שער עירנו.
ואת כל ונכחת״.
ת. נ. צ. ב. ה.״

אין יידיש הייסט עס:

„וואָס זאָל באַדייטן דער דאָזיקער שטיין? טוט פרעגן יעדער דורכ־גייער!

אַן עדות איז דער דאָזיקער באַרג, אַ הייליקער עדות, וועגן דעם צו־נויפקלייבן די ביינער אין יאָר תרצ״ח, פון די פרומע און רעכטפערטיקע 3686, די, וועלכע זענען געליבט געוועזן, און אין טויט און אין לעבן זיך נישט צעשיידט נאָך דעם ווי זיי זענען שוין, לאַנג רויק און אין שטיל־



דער דייטשער טעקסט פון דענקמאָל נאָך די 3865 קדושים־ביינער.

קייט, יעדער געלעגן אויף זייער אָרט, אין זייער קבר אויף אונדזער בית־עולם, אין דער קהילה־קדושה מאַנהיים — גאָט זאָל זיי באַשיצן — זענען זיי אויפגעזאַמלט געוואָרן, אַריבערגעפירט געוואָרן אַהער, דורך דעם צוואַנג פון געוואַלט, און געבראַכט געוואָרן אין אַ ברודער־קבר, ביי דעם געוויין און קלאָג, ווי עס איז דער שטייגער. און איצט, איר, רו־ליגנדיקע, זאָל עס אונדז פאַר קיין זינד נישט באַטראַכט ווערן, פאַרוואָס מיר האָבן געשטערט אייער הייליקע רו. נישט מיט בייזקייט און ווידערשפּעניקייט האָבן מיר דאָס געטון. דאָס איז דאָך באַוווּסט די אַלע פון אונדזער שטאָט. זאָלן אייערע נשמות זיין פאַרבונדן אין דעם בונד פון די לעבעדיקע".

פון 1938 ביז היינטיקן טאָג שטייען די דאָזיקע שטיינער גאַנץ. עס איז ממש אַ רעטעניש, ווי אַזוי די דאָזיקע אַנטי־נאַצישע פּראָטעסט־דענקמעלער זענען אומבאַשעדיקט געבליבן. פאַרקערט — מען פלעגט זייער אָפט דאָרטן געפינען אונטערגעוואָרפענע בלומען.

**
*

שטייענדיק ביי דעם דאָזיקן משונהדיקן ביינער־קבר, ביי דער דאָזיקער זעלטענער מצבה, וואָס איז אַליין אַ מאַרטירעריין געוואָרן, האָט זיך דערהערט דער ניגון פון אָפּגעלייגטע וועגן...

עס וועלן קומען דורות, וואָס וועלן פון דער דאָזיקער שטיינער־שפּראַך עפּעס וועלן אַרויסלערנען. מען וועט זיך מיִען זיי פונאַנדערשיפרירן, ווי די היינטיקע אַרכעאָלאָגן טוען עס מיט די היעראָגליפן און כל־המינים פלעקל־ און בינדעל־צייכנס.

לאָמיר אין אונדזער פאַנטעזיע פון רעליקוויעס אַריינגעמען די דאָזיקע וווּנדערבאַרע מצבה; אַ רעליקוויע, וואָס קיין שום אומה און לשון פאַר־מאָגט עס נישט! לאָמיר אַרויסהעלפן די צוקונפטיקע פאָרשערס אין זייער מי זיך צו דערגרונטעוון צום דנאָ פון די געשעענישן פון אונדזער פאַר־בלוטיקטער עפּאָכע.

די מאַנהיימער קדושים־מצבה איז איינער פון די וויכטיקסטע דאָקו־מענטן פון דער דאָזיקער צייט, — איינער פון די באַדייטנדיקע סימנים פון דער „פאַרשווונדענער לאַנדשאַפט".

די ערשטע 2 פון די זעקס מיליאָן מאַרטירער

דאָס שטעטל קרעגלינגען איז נישט גרויס, זעלטן ווער עס האָט דעם נאָמען געהערט. מער באַקאַנט איז דאָס שכנותדיקע באַד־מערגענטהיים אַ קוראָרט פאַר לעבער־ און גאַל־קראַנקייטן. אין יאָר 1933, האָבן דאָרטן בסך־הכל געוווינט 1191 איינוווינער, צווישן זיי נישט מער ווי 74 ייִדישע נפשות.

די דאָרטיקע ייִדישע קהילה, הגם זייער אַן איינגעשרומפּענע, האָט אָבער געלעבט מיט די טראַדיציעס פון פאַרגאַנגענעם פּראַכט פון דער דאָזיקער עדה, וואָס ציט איר יחוס פון 13טן יאָרהונדערט אָן. פון די אַמאָליקע צייטן זענען פאַרבליבן, אויסער אַ סינאַגאָגע, אַ בית־עולם און אַ מקווה, אויך זעקס פאַרשידענע חברות: „גמילת־חסד", חברה קדישא, הכנסת כלה, יאָרצייטן־פאַריין, קראַנקן־פאַרזאָרגונג פאַריין און אַ פרויען־פאַריין. די דאָזיקע קליינע עדה האָט נאָך אויסגעהאַלטן אַ שוחט, וועלכער איז אין דער זעלבער צייט געווען דער רבי פון „רעליגיאָנס אונטעררריכט" פאַר די זיבן ייִדישע קינדער, וואָס זענען אין דעם יאָר דאָרטן געווען.

קיינער פון די דאָזיקע 74 זענען היינט נישטאָ אין קרעגלינגען. בעת מיין באַזוך אין שטעטל האָב איך נאָר געפונען אין פּאָליציי־אַמט די רשימות זייערע; גענויע ליסטעס פון דער „דעפּאָרטאַציע" קיין „אָסטען" און קיין טערעזיענשטאַט. פונעם געוועזענעם ייִדישן לעבן איז געבליבן דער בית־עולם און די סינאַגאָגע.

דער אינטערעס מיינער צו קרעגלינגען האָט זיך טאַקע געדרייט אַרום אָט דער סינאַגאָגע, וואָס איז אַ אחת־במינה, אַן אוניקום. זי איז איינגעמויערט מיט דער מזרח־וואַנט אין איינעם פון די טורעמס (דעם „פּאַלטורעם") פון דער מיטלאַלטערלעכער שוצמויער פון דער שטאָט.

אין די אַרכיוון פון שטוטגאַרט, לודוויגסבורג און אַנסבאַך, ווו עס געפינען זיך די מאַטעריאַלן פון דער שטאָט קרעגלינגען און אירע ייִדן, האָב איך געפּרוּווט אויסגעפינען די סיבה, ווי אַזוי איז עס געקומען, וואָס די ייִדן, וועלכע האָבן אויסגעבויט די דאָזיקע סינאַגאָגע אין 1799, האָבן איינגעבויט זייער מקום־קדוש דווקא אין דעם דאָזיקן אָביעקט, וואָס שטייט עד־היום אונטער „דענקמאָל־שוץ".

ביים נישטערן די דאָזיקע אַרכיוואַליען האָב איך נאָך געקענט אַרויס־הייבן אַ רייע דאַטעס פון דער קהילה קדושה קרעגלינגען. זיי דערציילן, אַז שוין אין יאָר 1298 זענען דאָרטן געוועזן קדושים, זיי ווערן דערמאָנט



די סינאַגאָגע מיטן מיטלאַלטערלעכן טורעם אין קרעגלינגען.

אין די אזכרות פון „מעמאַר־ביכער", ווייטער דערוויסט מען זיך, אַז נאָכ־דעם ווי דאָס אָרט איז געווען אַ פּאָר הונדערט יאָר „יִדן־ריין" איז ערשט אין יאָר 1620 צוריק אויפגעשטאַנען אַ ישוב, ווען עס האָט זיך אויסגע־בויט דער ערשטער געבעט־הויז (איידער די אָריגינעלע סינאַגאָגע איז אויפגעבויט געוואָרן). אַ באַשרייבונג, פון דעם דאָרטיקן בית־עולם דער־ציילט, אַז דער עלטסטער מצבה־שטיין איז פון 1696.

פונדערוויטנס איז נישט געווען מעגלעך צו צִיִען די דאָזיקע געשיכט־לעכע פּעדים און איך האָב באַשלאָסן אַראָפּצופּאָרן אין דעם דאָזיקן מקום, כּדי אויפן אָרט דעם ענין באַטראַכטן, אפשר וועלן אָרטיקע היימאַט־פּאָר־שער עפּעס וועגן דעם קענען דערציילן.

ווי מיר האָבן פריִער דערמאָנט איז אָבער קיינער פון די 74 יִדישע תושבים פון דעם שטעטל נישטאָ. טאָ וואָס קענען דערציילן די שטיינערנע ווענט פון דער געוועזענער סינאַגאָגע, וואָס שטייט אויף דער הויפּט־שטראָסע פונעם מיטלאַלטערלעכן שטעטל? וואָס ווייסן וועגן דעם די גע־דרייטע טרעפּ, וואָס פירן צום גאָטישן טורעם? אויך די, וועלכע געפינען זיך היינט דאָרטן (עס איז היינט אַ „הערבערגע", אַ מין אכסניא פאַר וואַנ־דער־יוגנט און טוריסטן) ווייסן נישט, אַז דאָ איז געווען אַ מקום־קדוש.

האָט מיין וועג פון דער סינאַגאָגע געפירט צום היימאַט־פּאָרשער, צום פּאַסטאָר, צום אָבער־לערער און אַנדערע, וועלכע פאַרנעמען זיך גע־וויינלעך מיט די ענינים. קיינער האָט מיר אָבער נישט געקענט אויפקלערן די דאָזיקע רעטעניש. בין איך געגעגאַנגען אין ראָטהויז, אויך דאָרטן האָט מען דערוועגן גאָרנישט געוווּסט.

איז אָבער דער גאַנג אין ראָטהויז נישט געווען אומזיסט איך האָב דאָרטן געפונען אַ שפור, אַן אוניקום, אַ זעלטענעם, אפשר אַן איינציקער פון דעם מין.

ליגט טאַקע נישט כראָנאָלאָגיש די ווייטערדיקע געשיכטע אויפן שטח פון די יאָרהונדערטער, וועגן וועלכע מיר דערציילן, אָבער אינהאַלטלעך פּאַסט עס זיך אַהער זייער אַריין. די מיטלאַלטערלעכע אופנים פון דעם וואָס עס איז געשען, קוואַליפיצירן די דאָזיקע געשיכטע צו פאַרנעמען אַ זייער חשובן אָרט אין דער דאָזיקער סעריע.

עס איז נאָך איין מיילנשטיין אויפן בלוטיקן געשיכטלעכן שליאַך אי־בער דער עמלקים־ערד. עס איז דער ערשטער מאָרד־שפור פון די זעקס־מיליאָן קדושים און טהורים.

אין ראַטהויז־איינגאַנג, צווישן ערשטן און צווייטן שטאָק, איבער די שטיגן, אויף אַ פּלאַץ, וואָס יעדער אַרויפגייער מוז עס זען, איז איינגעמויערט אַ שוואַרץ־מאַרמאָרנער טאָוול, ווו עס זענען אויסגע־קריצט ווייס־באַזילבערטע אותיות מיט אַזאַ נוסח:

> Sie sollen eine Mahnung sein
> Rosenfeld-Arnold, 53 Jahre Stern Herman, 67 Jahre
> die ersten Jüdischen Opfer des Jahres 1933,
> ermordet am 25.3.33.

און אונטער די דאָזיקע דייטשע שורות קומט אַ שורה מיט אונדזערע אותיות־מרובעות:

„ז כ ר ו נ ם ל ב ר כ ה״.

די ערשטע יידישע קרבנות!

די ערשטע, ווייל אין מערץ 1933, דעם 5טן, זענען געווען די גורל־וואַלן, וואָס האָבן געבראַכט היטלערן דעם נצחון און דעם 25טן פון זעלבן חודש זענען דורך די ברוינע רוצחישע הענט פאַרפייניקט געוואָרן די קרעגלינגער יידן ראָזענפעלד און שטערן.

דער בירגערמייסטער האָט מיר נישט דערלויבט צו פאָטאָגראַפירן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן זכרון־טאָפל. איך האָב אָבער נאָכדעם געפונען אַ קלישע אינעם אַרכיוו פון פיליפּ אויערבאַך.

אויפן אָרט איז מעגלעך געווען צו געפינען נאָר אומבאַדייטנדיקע פּרטים פון דער דאָזיקער הריגה. ערשט שפּעטער איז מיר געלונגען אויפ־צוזאַמלען (סיי אין די אַרכיוון פון דעם פאַרבאַנד פון געוועזענע פאַר־פאָלגטע פון נאַציזם, סיי אין די פראַנקפורטער־אַקטן פון 1933) אַ פולע צוזאַמענשטעלונג פון דעם שוידערלעכן פּאָגראָם אין קרעגלינגען, ווו עס זענען געפאַלן די ערשטע יידישע קדושים פון נאַציזם.

בקיצור איז עס געווען אַזוי:

נאָך זייער נצחון בעת די וואַלן פון 5טן מערץ האָבן די ברוינע יונגען אָנגעהויבן דורכצופירן אַ מין טריומף־פייער. דער דאָזיקער זיג־שגעון איז אומעטום באַגלייט געוואָרן מיט געשלעגערייען, פּראָוואָקאַציעס, סאַדיסטי־שע הוליאַנקעס און בלוטיקע אָרגיעס. די ערשטע קרבנות זענען געווען די יידן און די אינסטיטוציעס פון די אַנטי־היטלעריסטישע אָרגאַניזאַציעס, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, קולטור־געזעלשאַפטן אאַ״וו.

געווען איז עס דעם 25טן מערץ 1933, אויסגעפאַלן איז עס אום שבת־מברכין, כ״ז אדר, אַ באַנדע פון ברוינע ס״ס־לייט איז אַראָפּגעקומען פון דער קרייז־שטאָט האָרב קיין קרעגלינגען, געהייסן האָט עס, אַז זיי קומען אויף אַן אויספלוג.

גראָד זענען די ייִדן געווען פאַרזאַמלט אין דער סינאַגאָגע און דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט דער באַנדע צו „כאַפּן די ייִדן ביי אַ געהיימער פאַרזאַמלונג". די היטלער־יונגען האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער סינאַגאָגע און אַרויסגעשלעפּט 18 ייִדן, אין די טליתים, און זיי אָפּגעפירט אין ראָטהויז אַריין. די פרויען האָט מען אָפּגעשלאָסן אין דער סינאַגאָגע. אין דער צייט האָט מען אין די ייִדישע הייזער דורכגעפירט רעוויזיעס, ווו מען האָט „געזוכט געווער".

די ייִדן זענען פון דער שיכורער באַנדע געפּייניקט געוואָרן אויף אַן אכזריותדיקן אופן. מען האָט זיי אַלעמען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן געשמיסן אויפן נאַקעטן לייב, געשמיסן ביז בלוט, ביז די קערפּערס זענען געוואָרן גרויסע ווונדן, אַ טייל קרבנות זענען אין חלשות געפאַלן. האָט מען זיי מיט קאַלטער וואַסער אָפּגעמינטערט און ווייטער בלוטדורשטיק געשמיסן ביז 2 פון זיי — דער 67־יאָריקער הערמאַן שטערן און דער 53־יאָריקער אַרנאָלד ראָזענפעלד האָבן אונטער די קלעפּ אויסגעהויכט זייערע נשמות.

עס זענען דאַן געווען די ערשטע וואָכן פון דער רוצחישער הערשאַפט און מען האָט געמיינט, אַז מען וועט קאָנען פאָדערן משפט, האָט מען זיך געווענדעט אין דער פּראָקוראַטור, געשריבן אָנקלאַגעס, צוגע־

דער פאַרשמיסענער ביז טויט הערמאַן שטערן.

שטעלט מעדיצינישע פּאַפּירן און פאָטאָגראַפיעס פון די געפּייניקטע, סיי פון די לעבנסגעבליבענע, סיי פון די קדושים.

האָב איך באַקומען דעם גאַנצן אַרכיוו פון דעם דאָזיקן ערשטן מאָרד־אַקט, אַ פּאַק מיט דאָקומענטן. פון יעדן טריפט פריש־צאַפּלדיקע, לעבעדיקע בלוט־טראָפּנס. אַ קאָלעקציע פאָטאָגראַפיעס פון די צעקאַטע־וועטע און אויך די פאָטאָגראַפיעס פון די פאַרפּייניקטע אויף זייער טויטן־בעט.

דאָס איז בקיצור דער סיפור־המעשה. און מיט 14 יאָר שפּעטער, דעם 13טן יוני 1947, האָט מען עס, אין ראַטהויז, אין זעלביקן פּייניקונגס־אָרט איינגעמויערט דעם דערמאָנטן טאָוול.

ווענדיק אויסגעפינען די עלטסטע מצבה, וועגן וועלכער עס ווערט דערציילט אינעם כתב־יד פון דעם בית־עולם־פּלאַן. אַ מצבה פון יאָר 1696. בין איך געווען אויפן בית־עולם. די דאָזיקע מצבה האָב איך נישט געפונען. איך האָב זיך אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ מצבה נאָך איינעם פון די דאָזיקע ערשטע נאַצי־קרבנות. זי איז שוין געשטעלט געוואָרן בימי היטלער און מען דאַרף לייענען צווישן די שורות. דעם אמתן זין און אינהאַלט פאַרשטייען די יעניקע, וועלכע וויסן די גאַנצע געשיכטע. אויף דער מצבה (אַ זייער בכבודיקער מאַרמאָרשטיין) זענען אויסגעקריצט די ווערטער:

HERMAN STERN
geb. 14 Februar 1866
gest. 25 Marz 1933

פתחו לי שערי צדק
איש ישר וכשר וחשוב השכם לתפילתו בבקר ה"ה
צבי בר" מנחם נפטר ביום שבת־קודש כז' אדר תרצ"ג
ת' נ' צ' ב' ה'

דער שטומער רוף פון דער מצבה „פתחו לי שערי צדק", עפנט פאַר מיר די טויערן פון גערעכטיקייט, איז געבליבן אַ שטים אין דעם מדבר.

די דעמאָלטיקע פּראָקוראַטור איז שוין געווען „גלייכגעשטאַלטעט" און די גאַנצע געשיכטע, צוזאַמען מיט די בלוטיקע פאַרברעכנס זענען באַגראָבן געוואָרן אין די אַרכיוון. די מערדערס זענען זיך צעגאַנגען האָ־פּערדיק, פראַנק און פריי, אדרבא, זיי זענען גרויס געוואָרן, אָנגעהויבן שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דעם „טויזנט יאָריקן רייך".

אין 1945, נאָך דער היטלעריסטישער מיליטערישער מפּלה, האָבן זיך

די הויפּט־שולדיקע אָפּגעטראָגן, נעלם געוואָרן. עס איז אויך נישט געווען ווער עס זאָל זוכן די מערדער, די פּייניקער.

פון די דאָקומענטן איז אָבער געווען באַוווסט, אַז דער הויפּט־תליון בעת די דאָזיקע פּייניקונגען איז געווען אַ געוויסער פּריץ קליין, אַס"אַ־פירער.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן (געווען איז עס דעם 25טן אַפּריל 1951), האָט די „שטוטגאַרטער צייטונג" געמאָלדן, אַז אין איסני (ווו עס איז געווען אליהו בחורס דרוקעריי) איז אַרעסטירט געוואָרן אַ געוויסער פּריץ קליין פון קרעגלינגען; אַרעסטירט איז ער געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע־מאַכט פאַר טראָגן געווער אָן אַ דערלויבעניש.

דער נאָמען איז מיר געוואָרן אויפפאַלענד און איך האָב דעם ענין גלייך איבערגעגעבן דעם יידישן אַדוואָקאַט בענאָ אָסטערטאַג, איינער פון די מוטיקסטע יידישע יוריסטן בעתן היטלער־רעזשים, אַ מענטש פון דער אונטערגרונד־באַוועגונג און היינט מיטגליד פון העכסטן געריכט אין ווירטעמבערג.



טייל פון די געפּייניקטע אין קרעגלינגען. איינער פון די דאָקומענטן פון אַרכיוו. מעדיציניש באַשטעטיקונג־אַקט פון די אכזריותן.

עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז דער בעל־דבר. דאָס איז טאַקע דער מערדער פון די ערשטע צוויי יִדישע קרבנות בעת היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. דאָס איז טאַקע דער ס״א־פירער, וואס האָט זיך מיט זיינע מערדערייען באַקאַנט געמאַכט אין גאַנצן האַרבער קרייז. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך אין משך פון פיר יאָר אויס־באַהאַלטן אין אייפעל אין ברעמען און האָט אויך גראַסירט אין דער פראַנ־צויזישער אָקופּאַציע־זאָנע. אַ צופאַל פון אַ קאָנפליקט מיט דער פראַנצוי־זישער מיליטער־פּאָליצײ האָט דעמאַסקירט דעם דאָזיקן רוצח.

ער איז אַרעסטירט געוואָרן, די פראַנצויזישע מאַכט האָט אים איבער־געשיקט צום לאַנד־געריכט אין עלוואַנגען, אין ווירטעמבערג, ווו דאָס שטעטל קרעגלינגען געהערט.

נאָך קאַרגע 20 יאָר איז דער רוף פּתחו שערי צדק, עפנט די טויערן פון גערעכטיקייט, דערהערט געוואָרן...

דאָס האָט געדאַרפט זיין נישט סתם אַ משפט פון אַ „מלחמה־פאַר־ברעכער״ (זיי זענען שוין אין די טויזנטער באַגנעדיקט), עס האָט געדאַרפט זיין אַ משפט וועגן די ערשטע צוויי קרבנות, די ערשטע פון זעקס מיליאָן.

איך האָב שפּעטער באַקומען אַ באַריכט פון דעם קרייז־געריכט אין עלוואַנגען, דער משפט איבערן ס״א־פירער פריץ קליין איז פאָרגעקומען פאַר אַ געריכט פון געשווירענע, פרייטיק דעם 17טן אָקטאָבער 1952. דאָס געריכט האָט אים פאַרמשפּט צו 5 יאָר תּפיסה, די צוויי יאָר אַרעסט ווערן אים פאַררעכנט.

נאָכאַמאָל זענען פאַרביי דעם געריכט פאַרבייגעגאַנגען די מאָנסטער־סצענעס פון מערץ 1933. קיין עדות זענען נישט געווען! קיינער האָט „נישט געוווּסט״ און „נישט געדענקט״. עס האָבן נאָר „עדות געזאָגט״ די בלוטיקע קאָשמאַר־פאָטאָגראַפיעס פון די צעשמיסענע און פאַרפּייניקטע.

די געשווירענע האָבן געפונען „מילדערנדע אומשטענדן״ — ער איז דאַן אַלט געווען 22 יאָר און דער פאַרברעכן איז פאָרגעקומען מיט קאַרגע 20 יאָר צוריק (איין „מילדערנדז אומשטאַנד״ האָבן זיי פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז מאַסן־מערדער פון הונדערטער טויזנטער זענען שוין באַגנעדיקט גע־וואָרן...) די 3 יאָר וועט ער מן־הסתם נישט אויסזיצן, ווייל די קייט פון „בעגנאַדיקונג״ ציט זיך ווייטער.

ווער וועט קומען צום קבר פון דעם קדוש צבי ב״ר מנחם און אים דערציילן, אַז מיט קאַרגע 20 יאָר שפּעטער האָט מען געפּרוּווט עפענען די שערי־צדק?...

סוף־וואָרט

דאָ פאַרמאַך איך שטיל דעם סידור
בלאַט די בלעטל מיטן טאָוול,
און איך הער זיך איין אַ מידער,
ווי סע רעדט אַ דור אַן אבל.
צוגעדעקט מיט מאָך פון יאָרן,
און פון סופרים אויסגעשוויגן,
לעבט דער דור נאָך אין זכרון
פון אַ וווּנדערלעכן ניגון.

אברהם טווערסקי

מיט די דאָזיקע געזעגענונג־ווערטער ווילט זיך מיר פאַרענדיקן דעם **ע ר ש ט ן** ספר, ווו עס רעדט זיך נישט וועגן **איין** דור אָן אבל, נאָר פון גאַנצע **תקופות־אבלים.**

אין די „לאַבירינטן פון תקופות" האָב איך געפרוווט אָפּצורייניקן דעם „מאָך פון יאָרן", די פון „סופרים אויסגעשוויגענע" דורות. איך האָב געוואָלט, לכל־הפחות, אין די מחשבותן, אין די רעיונות אויפלעבן דעם עכאָ פון דעם איבערגעהאַקטן ניגון פון דעם פאַרשניטענעם אשכנז.

פון די העכער 800 מקומות וואָס איך האָב באַזוכט אין דייטשלאַנד, אין די דאָזיקע ערטער, ווו עס איז אַמאָל געווען אַ יידיש לעבן, זענען דאָ פאַרגעשטעלט געוואָרן קוים אַן 80. וועגן זיי האָב איך אין די דאָזיקע „לאַבירינטן" דערציילט. דאָס זענען בשום־אופן נישט די געשיכטעס פון די דאָזיקע 84 קהילות. פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, דער רוב טאַקע, וואָס פאַר יעדערער פון זיי פאָדערן זיך אַ סך דיקע ספרים, כדי צו דערציילן וועגן זייער „אַמאָל", וואָס גרייכט אָפט אין די ווייטע, ווייטע יאָרהונדערטער.

איך האָב געפרוווט, אָפט קפיצת־הדרכדיק, בליצמעסיק, און טאַקע נישט זעלטן אגב־אורחאדיק, אַרויסכאַפּן אַ ניצוץ, נישט מער ווי אַ פונק, פון דעם נעכטן...

איך האָב געפרוווט נאָכגיין דעם אָפּגלאַנץ פון דאָזיקן פונק אויף צוריק, ציִען זיך צו דעם ליכט פון וואַנען ער איז אָפּגעשפּרונגען, דערפירן אים צום פלאַם, וואָס האָט אויפגעפרעסן, געמאַכט צו אַש, דעם נאָענטן נעכטן, דעם היינט.

און געוואָלט האָב איך, ווי טווערסקי זאָגט, אויפכאַפּן דעם וווּנדער־לעכן ניגון פון יענע ווייטע תקופות, וואָס זיין בת־קול האָב איך דערהערט אין די לאַבירינטן און עס צוריק אַריינברענגען אינעם זכרון פון אונדזער היינטיקן פאַראבלטן דור.

**
*

איך האָב דאָ פריער געזאָגט — **מיין ערשטן ספר.**

יאָ, דעם **ערשטן.** פון די העכער 800 מקומות האָב איך אויפגעזאַמלט אַ ריזיקן מאַטעריאַל — פאַקטן, דאַטן, געשעענישן, דאָקומענטן און גבית־עדותן. אַליין אָפּטמאָל געווען עדות פון דעם, ווו לעגענדע און וואָר, פאַקט און קוריאָז, זענען צוזאַמענגעפלאָכטן. דאָס אַלץ וואָלט געקענט געבן שטאָף פאַר אַ גאַר גרויסער סעריע פון דעם מין ספרים. אָט ליגט שוין גרייט אַ צווייטער ספר, וואָס וועט, מיין איך, דאַרפן אָנגערופן ווערן:

„ניטדערברענטע שייטן"

עס רעדט זיך דאָרטן וועגן די ריזיקע קולטור־ און קונסט־אוצרות, על־פי־נס און על־פי־צופאַל אַרויסגעראַטעוועטע פון פאַרניכטונג, וואָס זענען נאָך אַלץ „שבויים בין הגויים" — אין געפאַנגענשאַפט אין פרעמדע הענט.

„**ניטדערברענטע שייטן**" — ווי עס האָט עס אָנגערופן דער נביא זכריה „הלא זה אוד מוצל מאש" — אָן אַרויסגעראַטעוועטער שייט פונעם פייער. דאָס איז די טעמע פון דעם שוין גרייטן ווייטערדיקן ספר.

**
*

איך האָב דעם איצטיקן ספר מיינעם, די ערשטע גרעסערע אַרבעט, וואָס דערשיינט אין בוכפאָרם, אָנגעהויבן מיטן אַלט־מחברישן נוסח — מיט אַ התנצלות, אַ פאַרענטפערונג, אויפן זעלביקן שטייגער וויל איך אים שליסן, אַזוי פלעגן עס טון די אַמאָליקע, פאַרצייטיקע מחברים.

לויב איך און דאַנק פאַר קענען אַרויסגעבן די איצטיקע „לאַבירינטן" און איך בין פול מיט בטחון, אַז אויך די ווייטערדיקע אַרבעטן וועלן קענען בקרוב דערזען די ליכטיקע שיין.

וויל איך דאָ דערמאָנען אַ פּאָר פון די יעניקע וואָס האָבן מיר דער־מעגלעכט צו מאַכן די ווייטע „נסיעות" אין די פאַרשווונדענע וועלטן — דורכצוגיין בשלום די „לאַבירינטן" און קענען אַרויסראַטעווען די „ניט־דערברענטע שייטן".

ראשית זאָל דערמאָנט ווערן דער **ד"ר יהושע סטאַהר** — דער יונגער

אַמעריקאַנער געלערנטער, דער פאָרשטייער פון דער Jewish Cultural Reconstruction די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פאַר־נומען מיט אויסזוכן די צוגעגזלטע דורך די נאַציס יידישע קולטור־אוצרות און זיי איבערצוגעבן אין יידישע הענט. ד״ר י. סטאַהר, וואָס איז אויף אַ טראַגישן אופן אומגעקומען אין ניו־יאָרק, דער אָנפירער פון דער דאָ־זיקער אינסטיטוציע אין דייטשלאַנד, איז געווען דער יעניקער וואָס האָט מיר „איינגעשפּאַנט" אין דער דאָזיקער אַרבעט, אָנגערעגט צו איר און מיט זיין טיפער קענטעניש אַריינגעפירט אין די „לאַבירינטן". עס פּאַסט זיך דאָ אַריין דער אַלטיידישער **ז״ל — זכרונו לברכה**, — זאָל זיין אָנדענק זיין געלויבט.

נישט קיין קליינעם חלק אין מיינע דערגרייכונגען האָט דער **ייוואָ** — יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין אַמעריקע, אין וועמענס נאָמען איך האָב די פאָרשונגען אין דייטשלאַנד דורכגעפירט. עס זענען טאַקע די ביבליאָטעקן און אַרכיון פון ייוואָ באַרייכערט געוואָרן מיט אַ סך הונדער־טער טויזנטער וויכטיקע ביכער און דאָקומענטן..

איך וואָלט די דאָזיקע מיסיע נישט געקענט דורכפירן ווען נישט די גרויסע מיטאַרבעט פון דזשאָינט — ראשית פון דעם קולטור־פאָרשטייער אין אייראָפּע — **ד״ר יהודה שאַפּירא** (פּאַריז) און דעם דירעקטאָר אין דייטשלאַנד, **סאַמועל האַבער.**

אין דעם עמלקישן מדבר אין דייטשלאַנד וואָלט געווען אומעגלעך דורכצופירן די ריזיקע פאָרש־ און נישטער־אַרבעט ווען איך וואָלט נישט געהאַט די גייסטיקע פריינטלעכע אָאַזיסן ביי טייל פון אונדזערע היימישע, אייגענע יידן. דריי פון זיי וויל איך דערמאָנען:

ראשית דעם טייערן, האַרציקן יידן און תלמיד־חכם, **בנימין גראַו־באַרט.** אַ זון פון דעם בענדינער רב יששכר, דעם מחבר פון „בני יששכר". פון פאַר דער מלחמה אַן איבערגעגעבענער פריינט פון ייוואָ אַ זאַמלער פון יידישע קולטור־אוצרות. דער וואָס האָט דערמעגלעכט דעם גרויסן נצחון פון דער יידישער פּרעסע בעת דער אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסע־אויסשטעלונג אין יאָר 1928 אין קעלן. זיין שטוב (פריער אין מעמינגען און נאָכדעם אין מינכען) איז געווען דער אָאַזיס, וווּ איך פלעג זיך אָפּשטו־לען אין קדושה־שטימונג נאָך מיינע „באַזוכן" אין די טמאדיקע „לאַגערן", וווּ מען האָט פאַרבאַהאַלטן די גזילות און גניבות. די שטוב פון די גראַו־באַרטס איז געווען דער פלאַץ, וואָס האָט מיר געגעבן כוח און געמיט צו שפּאַנען אין דעם פאַרלוירענעם נעכטן.

לײדער האָט בנימין נישט דערלעבט איך זאָל אים קאָנען זאָגן מײַן יישר־כוח. איך מוז דאָ װידער זיך נאָר באַנוגענען מיטן ז״ל **זכרונו לברכה.**

זײַן פרוי, די האַרציקע חנה (איצט אין נתניה — מדינת ישראל) איז אָבער אַ שותף צו דער דאַנקבאַרקייט װאָס איך טראָג אין זיך.

והשנית — מײַן טײַערן, האַרציקן חבר און פרײַנט **אַבראַשע פרידמאַן** — דער יעניקער מיט װעלכן איך האָב זיך געטײלט סײ ביטערע טעג און נעכט, אין די נע־ונד־יאָרן פון אוזבעקיסטאַן, קאַזאַכסטאַן, הן די טעג פון „דערציילן אין פריידן״ — אין פוילן, און שפּעטער אין דײַטשלאַנד, בײַם נישטערן אין די „לאַבירינטן״. אים קומט אַ גרויסער חלק פון דערפאָלג פון מײַן שװערער מיסיע.

דריטנס — דעם ליבן חבר־לדעה, די „גײַענדיקע ביבליאָטעק״, **הלל קעמפּינסקין** (הײַנט מיטאַרבעטער אין דעם פראַנץ־קורסקי אַרכיװ פון „בונד״ אין ניו־יאָרק). צוזאַמען האָבן מיר אויסגעטראָגן אַ סך, גאָר אַ סך „סיורפּריזן״. נישט דאָ צו דערציילן — זאָל ער זײַן אַ שותף, צו אַלע גוטע װערטער, װאָס עס װעלן װעגן די „לאַבירינטן״ געזאָגט װערן. (די קריטיק, דאַקעגן, זאָל גיין אויף מײַן פּערזענלעכער קאָנטע).

לסוף: אחרון, אחרון חביב — עס װאָלט מיר אָבער בשום־אופן נישט מעגלעך געװען צו דערפירן מכוח על הפועל מײַנע אַרבעטן; זײ װאָלטן געבליבן אַ „טויטער קאַפּיטאַל״, װען נישט דאָס װאָס נאָך די לאַנגע יאָרן פון נע־ונד, נאָך העכער 13 יאָר געצװוּנגענער צעשיידונג (דורך דעם חורבן־און מלחמה־קאַטאַקליזם) מיט מײַן פרוי און קינד, האָט אונדז דער גורל פאַראײניקט און מיר זענען געקומען צו די ברעגן פון אַרגענטינע, װוּ מיר האָבן געפונען אַ נײַע היים.

מײַן טרײַע לעבנס־באַגלייטערין, מײַן פרוי **זעלדע,** זי האָט עס מיך כסדר געװעקט און געמוטיקט, אַז די אָנגעקליבענע מאַטעריאַלן זאָלן דער־שײַנען אין דער פאָרם װי זײ זעען איצט אויס. מיט איר מיטאַרבעט און הילף האָב איך געקענט רעאַליזירן דאָס ברענגען פאַר די לייענער די הײַנטיקע „לאַבירינטן״.

איך װאָלט נאָך געדאַרפט דערמאָנען די אומצאָליקע „אַרמײ״ פון שטילע, איבערגעגעבענע פרײַנט; ראשית, פון די חסידי־אומות־העולם, װאָס האָבן יעדער אויף זײַן שטײגער מיטגעהאָלפן אין מײַנע „עקספּעדי־ציעס״ איבער דײַטשלאַנד. אָבער, װי פלעגן זאָגן די אַלטע מחברים? — עס פאַרענדיקט זיך שוין דער בויגן...

און דעריבער: **ת ם ו נ ש ל ם.**

אין פאַרלאַג „יידבוך“ זענען ביז איצט דערשינען:

י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
אלבום־פאַרמאַט, געכתיבהט פון קינסטלער משה פייגענבלום.

ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור
(אויספאַרקויפט)

י. י. טרונק — כעלעמער חכמים
(יידן פון דער קליגסטער שטאָט אין דער וועלט).
לוקסוס־אויסגאַבע, מיט קאַריקאַטורן, געצייכנט פון י. שלאָס.

שלמה סיימאָן — אַמאַליקע יידן
געקליבענע דערציילונגען פון אַ שיינער תקופה.

פּראָפ. ליבמאַן הערש — אויף דער גרענעץ פון צייטן
געקליבענע אַרטיקלען אויף יידישע טעמעס.

יצחק פּערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד
דערציילונגען פון לעבן אין מדינת־ישראל.

י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייִד אין דער וועלט

ש. סיימאָן — תוך־ייִדישקייט

י. ב. מינקאָוו — זעקס ייִדישע קריטיקער

אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן

יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען

מרדכי וו. בערנשטיין: אין לאַבירינטן פון תקופות.

אין דרוק:

לעאָ קאַברין: מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע (2 בענד).
יעקב פּאַט: די לערערין אסתר.

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

Editorial "IDBUJ"

Boulogne Sur Mer 671/75 — T. E. 62-9566 — Buenos Aires

República Argentina

M. W. BERNSTEIN

Para uso personal
Ni venta comercial

IN THE LABYRINTHS OF EPOCHS